STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03363

ZSHAN KRISTOF

Romain Rolland

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

זשאַן קריסטאָף

זעקסטער באַנד

אַנטואַנעט

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1 9 3 1

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie“
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

די פאַמיליע זשאַנען האָט געהערט צו די אַלטע פראַנצויזישע משפחות, וואָס האָבן לאַנגע דורות געוווינט אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אויף דער פראָווינץ און אָפגעהיט זייער בלוט־ריינקייט. זייער צאָל אין פראַנקרייך איז גרעסער, ווי עס דאַכט זיך, נישט געקוקט אויף די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער געזעלשאַפט; נאָר אַ שטאַרקע איבערקערעניש וואָלט זיי געקאָנט אַרויסרייסן פון דער ערד, ווו זיי האָבן, אומבאַוווסטערהייט, געשלאָגן טיפע וואָרצלען: זייער צוגעבונדנקייט צו דער ערד נעמט זיך נישט פון קיין שכלדיקן חשבון און נישט פון קיין פראַקטישער אויסרעכענונג. מיט דער ערד בינדט זיי אין שטאַרקן בונד דאָס מעכטיקע, פאַרבאָרגענע געפיל סיי פון דעם פרימיטיוון, סיי פון דעם גייסטיקן מענטשן, דאָס געפיל, אַז מיט יאָרן צוריק זענען זיי געווען אַ טייל פון דער דאָזיקער ערד, געלעבט מיט איר לעבן, געאָטעמט מיט איר אָטעם. געהערט אין זייער ברוסט דאָס פולסירן פון איר האַרץ, ווי צוויי נאָענטע באַשעפענישן, געפילט איר לייכטסטן ציטער, די טויזנטער פאַרבן, וואָס האַלטן זיך אין איין טוישן אין שעהן, יאָר־טיילן, טעג העלע און פאַרוואָלקנטע, דעם קלאַנג פון די ווערטער און דאָס שווייגן פון דער וועלט. און נישט דווקא די שענערע לענדער, נישט דווקא די, ווו דאָס לעבן איז שענער, בינדן צו דעם מענטשן, נאָר די לענדער, ווו די ערד איז פשוטער, אָרעמער, נענטער צום מענטשן, ווו די ערד רעדט מיט אים אויף אַן אינטימער שפראַך.

אָט אַזאַ אָרט איז אויך געווען די פראַנצויזישע פראָווינץ, ווו ס'האָט געלעבט די משפחה זשאַנען. אַ פייכט פלאַכלאַנד, אַן אַלט דרימלענדיק שטעטל, וואָס זיין לאַנגווייליק פנים שפיגלט זיך אין דעם

מוטנעם וואַסער פון אַ פאַרגליווערטן קאַנאַל אַרום שטעטל, איינטאָניקע פעלדער, אַקער-ערד, טייכלעך, וועלדלעך און ווידער פעלדער און פעלדער.... קיין איין מאָלעריש אָרט, קיין איין סטאַטוע, קיין איין דענקמאָל נאָכן פאַרגאַנגענעם לעבן. קיין זאַך ציט דאָ נישט צו זיך און דאָך איז אַלץ מסוגל צוצובינדן צו זיך. דווקא די פאַרגליווערטקייט און פאַרשלאָפנקייט האָבן פאַרמאָגט אַ פאַרבאָרגענעם כּוח. ווער עס פילט עס צום ערשטן מאָל — דער ליידט און בונטעוועט זיך. אָבער אויף ווען די ערד האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן פון דור צו דור, אָן אויפהער געהאַט אַן השפּעה, דער קאָן זיך פון איר קיינמאָל נישט באַפרייען:

די ערד דרינגט אַריין טיף אין זיין נשמה. די אומבאַוועגלעכקייט, האַרמאָנישע לאַנגווייליקייט און איינטאָניקייט האָבן פאַר אָט דעם מענטשן אַ באַזונדער חן, כאָטש ער גיט זיך וועגן דעם קיין חשבון נישט אָפּ, ער באַקלאָגט זיך אויף זיי, אָבער ער האָט זיי ליב און קאָן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די פאַמיליע זשאַנען האָט דאָ שטענדיק געוווינט. די שפּורן פון דער משפּחה האָט מען נאָך געקאָנט געפינען אין שטאָט און אין דאָרף, נאָך אין XVII יאָרהונדערט. ס'האָט זיך, נאַטירלעך, געפונען אַ פעטער, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געווידמעט אויפצושטעלן דעם שלשלת-היוחסין פון דער משפּחה באַשיידענע, אַרבעטזאַמע מענטשן. פּויערים, אַרבעטער, שטאָטישע בעלי מלאכות, שפּעטער גלחים, דאָרף-נאָטאַריוסן; לסוף האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן אין דער אונטער-פּרעפעקטור פונם קרייז, ווו אָגיוסטען זשאַנען. דער פאָטער פונם יונגן, האָט איינגעאָרדנט זיינע עסקים. ער איז געווען אַ פלייסיקער באַנקיר: געשיקט, כיטרע, עקשנותדיק, ווי אַ פּויער, אין גרונט ערלעך, אָבער נישט שטאַרק מדקדק אין ערלעכקייט, אַ פלייסיקער אַרבעטער און אַ ביסל אַ לעב-יונג, וואָס צען מייל אַרום האָט מען געהאַט פאַר אים מורא און דרך-ארץ צוליב זיין בייזער גוטמוטיקייט, אָפנהאַרציקע רייד און ריזיקן פאַרמעגן. ער איז געווען קליין, ברייט, דיק, שטאַרק, מיט אַ פּאָר קליינע לעבעדיקע אויגן אין דעם דיקן רויטן פּנים, מיט

סימנים פון פּאָקן; אַמאָל איז ער געווען באַרימט פון נאָכיאָגן זיך נאָך קליידלעך, און די דאָזיקע נייגונג איז אים פאַרבליבן אויך שפּעטער. ער האָט ליב געהאַט גראָבע וויצן און גוט עסן. ס'איז כּדאַי געווען אים צו זען ביים טיש; ביי זיין זייט איז געזעסן זיין זון אַנטואַן און עטלעכע אַלטע חברים זיינע: אַ פרידנס-ריכטער, אַ נאָטאַריוס, אַ גלח פון דער קירכע, (דער אַלטער זשאַנען וואָלט דעם גלח אַליין אויפגעגעסן, נאָר ער האָט געקאָנט עסן מיט אים צוזאַמען אויך, אָבי יענער האָט נאָר גוט געקאָנט די מלאכה,) — פּעסטע יונגען, געשניצט אַלאַ ראַבעלע. בעת זיי זענען צוזאַמען געזעסן ביים טיש און געגעסן, האָט מען אומאויפהערלעך דערציילט גראָבע וויצן, געקלאַפּט מיטן פויסט אין טיש, שטורמיש געלאַכט, ביז די פרייד פלעגט זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן און אָנגעשטעקט די דינערשאַפט אין קיך און די שכנים אויפן גאַס.

דערנאָך איז דער אַלטער אָגיוסטען קראַנק געוואָרן אויף לונגען-ענטצינדונג, בעת ער איז אין אַ הייסן זומער-טאָג אַראָפּ אין איין העמד אין קעלער אַריינצוגיסן וויין אין די פלעשער. אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום האָט זיך אָגיוסטען אַריבערגעקליבן אויף יענער וועלט, אין וועלכער ער האָט נישט געגלויבט, באַזאָרגט, נאַטירלעך, מיט אַלע נויטיקע סאַקראַמענטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ כּשרן וואָלטעריאַנער קליינבירגער פון דער פּראָווינץ, וואָס לאָזט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן טון די גלחים, וואָס זיי ווילן, אָבי זיי ווייבער זאָלן אים צורו לאָזן, — וואָרום, אייגנטלעך, איז אים אַלץ איינס, און אויסער דעם — ווער ווייס? אפשר...

זיינע עסקים האָט איבערגענומען זיין זון אַנטואַן, אַ קליינדיק מענטשעלע מיט אַ ראַזירט פּנים און באַקן-בערד, וואָס פלעגט רעדן האַסטיק און שטאַמלענדיק; ער האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ טומל און פלעגט זיך באַוועגן גיך און פלינק. ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם פאָטערס פּראַקטישן חוש אין געלט-ענינים און דאָך איז ער געווען אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט בלויז געדאַרפט פירן סיסטעמאַטיש די אינטערנעמונגען, וואָס זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן, זיי זענען מיט דער צייט פון זיך אַליין געוואַקסן. אין דער גאַנצער געגנט האָט ער געקריגן אַ שם פאַר אַ גרויסן סוחר, הגם די שבחים זענען געקומען נישט אים, נאָר דעם פאָטער. ער איז בלויז געווען פלייסיק און סיסטעמאַטיש. חוץ דעם, זייער הערלעך. ער איז באמת

ראוי געווען געשעצט צו ווערן פון אַלעמען. זיין העפלעכקייט, היימישקייט (אפשר שוין צו שטאַרקע היימישקייט, וואָס אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן פאַר גראָב, פּראָסט) האָבן אים געשאַפן אַ גוטן נאָמען אין גאַנצן שטעטל און אין דער געגנט. ער איז געווען גאַנץ קאַרג אין געלט-זאַכן, דערפאַר האָט ער נישט געקאַרגט קיין געפילן און קוים פלעגט טרעפן חלילה אַן אומגליק אין שטעטל, פלעגט ער אַזוי דירנדיק קלאָגן, אַז ער האָט געקאָנט אויפוועקן אַ טויטן.

די פּאָליטיק האָט פאַרנומען ביי אים, ווי ביי ס׳רוב מענטשן פון שטעטל, אַן אָנגעזועען אָרט. ער איז געווען אַ רעפּובליקאַנער, אַ גלאַסענער און גלייכצייטיק אַ הייסער, אַ ליבעראַל און גלייכצייטיק פאַנאַטיקער, אַ נאַציאָנאַליסט און גלייכצייטיק אַ פאַרביסענער אַנטי-קלעריקאַל, ווי זיין טאַטע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון שטאָט-ראַט, און פונקט ווי זיינע חברים, הנאה געהאַט צו מאַכן אַ מיאוסן וויץ מיטן גלח פון שטעטל אָדער מיטן בעל דרשן פון די תענותים, וואָס האָט געוועקט ביי די ווייבער התלהבות. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער אַנטיקלעריקאַליזם פון די פראַנצויזישע שטעטלעך איז, מער אָדער ווייניקער, שטענדיק אַן עפּיזאָד פון אַ פאַמיליען-מחלוקת צווישן מאַן און ווייב. די דאָזיקע מחלוקת קומט פאָר באַהאַלטענערהייט צווישן פיר ווענט.

אַנטואַן זשאַנען האָט אויך געהאַט טענות צו ליטעראַטור. ווי אַלע פּראָווינץ-מענטשן פון זיין צייט האָט ער זיך געשפּייזט מיט די רוימישע קלאַסיקער און געקענט אויף אויסנוועניק עטלעכע זייטן פון זייערע ווערק, און אַסאַך משלים לויטן מוסטער פון לאַפאָנטען, בואַלאָ, דעם מחבר פון דער „פּאָעטישער קונסט״, און דער עיקר פון „לוטרען״, — אַסאַך ציטאַטן פונם מחבר פון „מיידל״ און קלענערע דיכטער פון אַכצנטן יאָרהונדערט; ער האָט זיך באַמיט צו שרייבן לידער לויט זייער מוסטער. צווישן זיינע באַקאַנטע איז ער נישט געווען דער איינציקער מיט דער דאָזיקער שוואַכקייט, און דאָס האָט אים נאָך צוגעגעבן אַ גרעסערן ווערט. מ׳פלעגט זאָגן אין זיין נאָמען וויצן אין פערזן, פיר-שעהדיקע סטראָפן, לידער לויטן אַלף בית, ווערטלעך און לידלעך, וואָס זענען געווען גענוג דרייסט אָבער גראָב. אויך די סודות פון דעם פאַרדייונגס-פּראָצעס זענען אים געווען באַקאַנט: די מוזע פון דעם לאַנד ביי די לואַרע בלאָזט זייער גערן אין דעם שופר, ווי דער באַוווסטער שד ביי דאַנטען.

„Ed egli avea cul fatto trombetta"

אָט דער קליינער, דיקער און אַרבעטזאַמער מענטש האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וואָס האָט פאַרמאָגט אינגאַנצן אַן אַנדער נאַטור, אַ טאָכטער פון אַן אָרטיקן באַאַמטן, לוסי־דעווילע, אָדער בעסער געזאָגט דעווילע, ווייל זייער נאָמען האָט זיך מיט דער צייט צעשפּאָלטן אויף צווייען, פּונקט ווי אַ שטיינדל, וואָס פאַלט אַראָפּ פון אַ באַרג. איר משפּחה איז פון דור דורות באַשטאַנען פון באַאַמטע. זיי האָבן געהערט צו דער אַלטער ראָסע פון פראַנצויזישע פאַרלאַמענטאַריער, וואָס האָבן אַ הויכן באַגריף וועגן געזעץ און פליכט, געזעלשאַפטלעכע קאָנווענאַנסן, זעלבסט ווירדע, פּערזענלעכע און דער עיקר קלאַסן־חשיבות. אָט דאָס געפיל איז נאָך געווען שטאַרקער צוליב זייער אַבסאָלוטער ערלעכקייט, וואָס איז געווען געמישט מיט אַביסל פיליסטעווישקייט. אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זענען זיי אויך געווען באַאיינפלוסט פונם שטרענגן זשאַנסעניזם, און דעריבער איז ביי זיי געבליבן, אויסער דער פאַראַכטונג צום יעזואיטיזם, אויך אַביסל פּעסימיזם און אומצופרידנקייט. זיי זענען נישט געווען עמפּינדלעך אויף דער שיינקייט פון לעבן. נישט אַראָפּגענומען די שטיינער פון זייער וועג, נאָר גרייט געווען צו לייגן נאָך פרישע שטיינער, אַבי צו האָבן דאָס רעכט זיך צו באַקלאָגן. לוסי־דעווילע איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אָט די שטריכן, אין קעגנזאַץ צו דעם אַביסל מגושמדיקן אָפּטימיזם פון איר מאַן. זי איז געווען העכער פון אים מיט אַ קאָפּ, מאָגער, פיין־געבויט, געקאָנט זיך אָנטון, אָבער מיט אַביסל אַ שטייפער עלעגאַנץ, מחמת וואָס זי האָט שטענדיק אויסגעזען עלטער, ווי זי איז געווען באמת. אָבער זי איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מאָראַלישער מדרגה און איז געווען שטרענג צו אַלעמען: זי האָט נישט מוחל געווען קיין שום פעלער און קיין שום זינד. מ'האָט זי געהאַלטן פאַר אַ קאַלטע שטאָלצע פרוי. זי איז געווען זייער פרום און דעריבער פלעגן פאָרקומען צווישן איר מיטן מאַן שטענדיקע מחלוקת. אָבער בכלל האָבן זיי זיך שטאַרק ליב געהאַט, און כאָטש זיי האָבן זיך אָפּט געקריגט, האָבן זיי נישט געקאָנט לעבן איינער אָן דעם צווייטן. זיי זענען ביידע נישט געווען איבעריק פראַקטיש: ער — ווייל ער האָט נישט געקענט די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע (מ'האָט אים געקאָנט אָפּנאַרן מיט אַן אָרנטלעכן פּנים און מיט אַ שיין ווערטל), און זי — ווייל זי האָט נישט געהאַט די מינדסטע ידיעה אין די געשעפטן (זי

האָט זיי לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, און אַזוי ווי זי איז געשטאַנען פון דערווייטן, האָט זי זיך מיט זיי נישט אינטערעסירט.

זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער: אַ טאָכטער אַנטואַנעט און אַ זון אָליוויער, מיט פינף יאָר יינגער פון איר.

אַנטואַנעט איז געווען אַ שיינע ברונעטין, מיט אַ קליין קיילעכ־דיק, באַחנט אָרנטלעך פּנימל פונם ריין פראַנצויזישן טיפּ; לעבעדיקע אויגן, אַ בולטן שטערן, אַן איידעלן קין, אַ קליין גלייך נעזל (איינס פון יענע איידעלע נעזלעך, ווי ס'האָט אַמאָל שוין געצייכנט אַן אַל־טער פ־אַנצויזישער מאָלער, וואָס אין זיי קומט שטענדיק פאָר אַ לייכטע שפּיל, וואָס מ'קאָן נישט אויפכאַפּן, אַ שפּיל, וואָס באַלעבט דאָס גאַנצע פּנים און זאָגט עדות אויף די איידעלע באַוועגונגען, וואָס קו־מען פאָר אין דער נשמה, בעת דער מענטש רעדט אָדער הערט זיך איין). זי האָט גאָרנישט פון איר טאַטן — זיין פרייד און זיין זאָרג־לאָזיקייט.

אָליוויער איז געווען אַן איידל בלאָנד יינגל, נידעריק ווי זיין טאַטע, אָבער לחלוטין אַן אַנדער נאַטור. זיין געזונט האָט אין די קינדער־יאָרן געליטן פון אַסאַך קראַנקהייטן, און הגם די פאַמיליע האָט אים זייער געפּיעשטשעט, איז ער אויסגעוואַקסן אַ מעלאַנכאָלישער טרוימענדיקער, שוואַכער בחור, וואָס האָט מורא געהאַט פאַרן טויט און איז לחלוטין נישט געווען באַוואָפנט קעגן דעם לעבנס־קאַמף. צו־ליב שעמעוודיקייט פלעגט ער זיצן איינזאַם און זיך אַרויסגעדרייט פון קינדער־געזעלשאַפט. ער האָט זיך געפילט צווישן זיי שלעכט, פיינט געהאַט זייערע שפּילן און געפילט אַן עקל צו זייער גראָבקייט; ער האָט זיך געלאָזט שלאָגן נישט צוליב פּחדנות, נאָר צוליב שע־מעוודיקייט, ווייל ער האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרטיידיקן און עמעצן חלילה צו טון אַן עוולה. און ווען נישט זיין פאָטערס מעמד אין דער געזעלשאַפט, וואָלט ער געהאַט פון זיי געברענטע צרות. ער איז געווען צאַרט און פאַרמאָגט אַ קרענקלעכע עמפּינדלעכקייט. ס'איז גענוג געווען איין וואָרט פון ליבע אָדער מוסר, אַז ער זאָל

זיך צעווייגען. זיין שוועסטער, וואָס איז געווען פון אים אַסאַך געזונטער, האָט אָפּגעלאַכט פון אים און אים גערופן „קלאָג-מוטער".

די ביידע קינדער האָבן זיך זייער ליב געהאַט, אָבער דער אונטערשיד צווישן זיי איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צוזאַמענלעבן. יעדערער פון זיי איז געגאַנגען זיין וועג און געחלומט זיינע אייגענע חלומות. וואָס מער אַנטוואַגעט איז געוואַקסן אַלץ שענער איז זי געוואָרן. מענטשן האָבן עס איר געזאָגט, און זי האָט עס גוט געוווסט. זי האָט זיך דערמיט געפרייט און געוועבט זיך ראָמאַנען אויף דער צוקונפט. דער אָנגעלמורעטער און אומעטיקער אָליוויער האָט געפילט, אַז יעדע באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט טוט אים וויי. ער פלעגט זיך צוריקציען אין זיך און פלעגט זיך אַליין דערציילן מעשות. ער האָט געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש, אַ באַגער פון אַ פרוי צו לעבן און געליבט צו ווערן. דערווייטערט פון זיינע חברים, האָט ער זיך געשאַפן אין דער פאַנטאַזיע דריי פריינט: איינער האָט געהייסן זשאַן, דער צווייטער עטיען און דער דריטער פראַנסוא. ער האָט זיך שטענדיק געפונען אין זייער געזעלשאַפט און נאַטירלעך קיינמאָל נישט באַמערקט די מענטשן פון זיין סביבה. ער איז ווייניק געשלאָפן און אָן אויפהער געחלומט. אין דערפרי, בעת מ'פלעגט אים אויפוועקן פון שלאָף, פלעגט ער בלייבן ליגן און טרוימען, בעת זיינע באָרוועסע פיס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון בעט אָדער, טיילמאָל, בעת ער האָט אָנגעטון ביידע זאָקן אויף איין פוס. ער פלעגט חלומען, בעת ער האָט געהאַלטן ביידע הענט אין אַ שיסל וואַסער, בעת ער האָט געאַרבעט ביים טיש, געשריבן אַ שורה אָדער געמאַכט די לעקציעס. ער פלעגט גאַנצענע שעהן חלומען, ביז ער פלעגט פּלוצלינג אויפהויבן די אויגן און דערזען, אַז ער האָט נאָך גאָרנישט געלערנט. ביים טיש, בעת מ'פלעגט צו אים רעדן, איז ער געזעסן אַ צעחושטער, האָט געענטפערט אין עטלעכע מינוט אַרום אָדער פאַרגעסן אין מיטן אַ זאַץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. ער פלעגט שטיל פאַרזינקען אין זיינע מחשבות און אין דער איינטאָניקייט פון די טעג, וואָס פליסן געלאַסן אין די פּראָווינץ-שטעט.

אָט איז די ברייטע האַלב-ליידיקע שטוב, וואָס בלויז איין טייל אירער האָט געדינט פאַר אַ דירה; די ברייטע אימהדיקע קעלערס און בוידימס, די מיסטעריעזע פאַרמאַכטע צימערן, די פאַרמאַכטע לאָדנס, דאָס מעבל איינגעהילט אין ציכן, פאַרהאָנגענע שפּיגלען, אַרומגעוויקלטע

קייזערלעכע לייכטער, אַלטע שמייכלענדיקע פֿאַמיליען-פּאָרטרעטן, קייזער-ווילשטריכן, וואָס האָבן אויסגעדריקט העלדישע און גלייכצייטיק יונגערישע גבורה, אַלקיביאַדעס און סאָקראַטעס ביי דער גאַסן-פּרוי, אַנטיוכוס און סטראַטאָניקאַ, די געשיכטע פֿון עפּאַמינאָנדאַס, בעלעזאַר, וואָס גייט איבער די הייזער; און אין דרויסן אַן איינטאָניקע קלאַפּעריי ביים שמיד קעגנאיבער, דער הינקענדיקער טאַנץ פֿון די האַמערס אויף דער קאָוואַדלע, דער שווערער אָטעם פֿון דעם בלאָזזאַק, דער ריח פֿון אַן אָפּגעברענטן האָרן, און ווייטער, דאָס פּאַטשן פֿון די וועשנס, וואָס זענען געשטאַנען געבויגן ביים טייך, טויבע אָפּקלאַנגען פֿון דעם קצבס-האַק פֿון דער שכנותדיקער הויז, אַ קלימפּעריי פֿון אַ פֿערד איבערן ברוק. דאָס סקריפּען פֿון דעם פּלומפּ, די בריק, וואָס אַרום דעם קאַנאַל, די שווערע דאַמפּערס אָנגעלאָדן מיט האָלץ, וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך געצויגן פֿאַרן גאָרטן, דער קליינער ברוקירטער הויף און די שטיק ערד, ווו עס זענען צווישן גערצניואָס, פּעטוניעס, לאָרבן-וואַזאָנעס און בליענדיקע מילגרוימען געוואַקסן אויף יענער זייט קאַנאַל צוויי ליניען; טיילמאָל דער רעש פֿון מאַרק אויפֿן נאָענטן פּלאַץ, פּויערן אין העל-בלויע בלוזעס, קוויטשנדיקע חזירים. זונטיק, בעת דער תּפֿילה האָט דער אָרגאַניסט אין קירכע געזונגען מיט אַ פֿאַלשער שטים. דער אַלטער גלח האָט געדרימלט בעת דער תּפֿילה. שפּעטער איז די פֿאַמיליע געגאַנגען שפּאַצירן אויפֿן וועג צו דער סטאַציע, געגריסט זיך העפֿלעך מיט די היט צו אַנדערע אַזוינע אומגליקלעכע ווי זיי, וואָס האָבן אויך געהאַלטן פֿאַר זייער חוב צו שפּאַצירן, — ביז זיי זענען צוגעקומען צו די פֿעלדער, וואָס זענען געוועזן באַגאָסן פֿון דער זון, ווו עס זענען אַרומגעפֿליגן אומגעזעענע לערכן, אָדער ביזן פֿאַרגליווערטן קאַנאַל מיט זילבער-גלאַנץ, וואָס אויף זיינע ביידע זייטן זענען ציטערנדיק אין אַ שורה געשטאַנען די הימלבוימער; שפּעטער פֿלעגן קומען די פֿעטע פּראָווינץ-מיטאָגן, דאָס פֿרעסן אָן אַ שיעור, בעת אַלע האָבן געשמועסט מיט אַ שטאַרקער בקיאות און ליבשאַפֿט וועגן דער אַכילה: אַלע זענען געווען באַהאַוונט אין די ענינים, ווייל די אַכילה איז אין די פּראָווינץ-שטעט זייער אַ וויכטיקער ענין, דאָס איז זייער קונסט. זיי פֿלעגן אויך רעדן וועגן געשעפֿטן, דערציילט אַלטע וויצן און, פֿון צייט צו צייט, געשמועסט וועגן קראַנקהייטן און דערציילט אָן אַ שיעור פּרטים. און דאָס קליינע יונגל איז געזעסן שטיל אין זיין ווינקל, ווי אַ מייזעלע, גאָרנישט געגעסן נאָר

קוים עפּעס אָפּגעצופּט און זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטעלטע אויערן. ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין וואָרט, און אויב ער האָט עפּעס פֿאַרפֿעלט, האָט ער עס אויסגעפֿילט מיט דער פֿאַנטאַזיע. ער האָט פֿאַרמאָגט די באַזונדערע פֿעיִקייט, וואָס מען קאָן באַמערקן ביי אַלטע משפּחות און אַלטע ראַסן, וואָס דער שטעמפּל פֿון די דורות האָט זיך אין זיי טיף איינגעקריצט — די פֿעיִקייט אויפֿצוכאַפּן אַזעלכע געדאַנקען, וואָס ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען און וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, — ס'איז דאָרט אויך געווען אַ קיך, ווו עס פֿלעגן זיך אָפּטון פּעטע און אַכזוריותדיקע מיסטעריעזע מעשׂים, און אַן אַלטע דינסט, וואָס פֿלעגט דערציילן מאָדנע אימהדיקע מעשׂיות; פֿאַרנאַכט פֿלעגט איבערן הויז אַרומפֿליִען אַ מחנה פֿלעדער-מייז, וועקנדיק אַ פּחד צו די דאָזיקע ברואים, וואָס האָבן געווימלט אינם אַלטן הויז; אויסער דעם — שטשורעס, מייזלעך און שפּינען; לסוף פֿלעגט קומען די תּפֿילה ביים בעט, — ער פֿלעגט זי אָפּזאָגן, נישט וויסנדיק, וואָס ער רעדט; אַן אָפּגעהאַקטער קלונג פֿון אַ גלעקל אינם שכנותדיקן קלויסטער האָט גערופֿן די נאָנעס צום שלאָף; לסוף — זיין בעט, דער חלומות-אינזל.

די בעסטע צייט איז געווען פֿרילינג און האַרבסט, בעת זיי האָבן געוווינט אין דעם פֿאַמיליען-גוט עטלעכע ווייאָרסט פֿון שטאָט. דאָרט האָט ער געקאָנט חלומען, וויפֿיל ער האָט געוואָלט, קיינער איז דאָרט נישט געווען. ווי ביי ס'רוב קליינבירגער, פֿלעגט מען האַלטן די קינדער דערווייטערט פֿון המון, פֿון די דינער און פּאַראָבקעס, פֿאַר וועלכע מען האָט מורא געהאַט און געפֿילט צו זיי אַן עקל. די קינדער האָבן געירשנט פֿון דער מאַמען אַריסטאָקראַטישע, אָדער בעסער געזאָגט ריין-בירגערלעכע פֿאַראַכטונג צו פּראָסטע אַרבעט. אָליוויער האָט גאַנצע טעג פֿאַרבראַכט אויף די צווייגן פֿון אַ בוים און געלייענט וווּנדערבאַרע מעשׂיות: די פֿראַכטפֿולע מיטאָלאָגיע, דערציילונגען פֿון מוזעאוס אָדער פֿון מאַדאַם ד'אַלנואַ, די מעשׂיות פֿון „טויזנט און איין נאַכט", רייזע-ראָמאַנען, — ווייל ער האָט געפֿילט אַ מאָדנע בענקשאַפֿט צו ווייטע לענדער, יענע „ים חלומות" וועלכע דריקן אָפּט יונגע יינגלעך אין די קליינע פּראַנצויזישע פּראָווינץ שטעט. דאָס וועלדל האָט אים אָפּגעטיילט פֿונם הויז, און ער האָט זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז ער איז זייער ווייט. און דאָך האָט ער געוווּסט, אַז ער איז נאָענט — און האָט זיך געפֿרייט. ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט צו דערווייטערן זיך אַליין; אין דער נאַטור האָט ער זיך געפֿילט

איינזאַם. די בוימער האָבן גערוישט אַרום אים, דורך די געדיכטע בלעטער האָבן פון ווייטן אַרויסגעקוקט געלבלעכע ווייַנגערטנער און לאַנקעס, ווו געשטרייפטע קי האָבן זיך געפּיטערט; זייערע אויסגעצויגענע טרויעריקע שטימען האָבן אָנגעפילט די שטילקייט פון דעם דרימלענדיקן דאָרף. די הענער מיט די שאַרפע קולכלעך האָבן זיך איבערגערופן פון פאַרם צו פאַרם. פון די שייערן האָט מען געהערט דעם אָפּגעהאַקטן אָטעם פון די צעפּן. אין אָט דער שטילקייט האָט נאָך גערוישט אַ פּיבערדיק לעבן פון מיליאָנען קליינע ברואים. אָליוויער האָט זיך אומרויִק צוגעקוקט צו די מחנות שטענדיק־איילנדיקע מוראַשקעס, צו די באַלאָדענע בינען, וואָס זשומען, ווי אָרגל־פּייפּלעך, צו די שטאָלצע נאַרישע אָסעס, וואָס ווייסן אַליין נישט, וואָס זיי ווילן — צו אָט דער גאַנצער וועלט פון באַשעפטיקטע ברואים, וואָס גייען דורשטיק צו אַ ציל... וווהין? זיי ווייסן נישט. אַלץ איינס. ווו עס איז...

אָליוויערן האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטער צו זיצן אין אָט דער בליענדער פיינדלעכער וועלט. ער האָט געצאַפּלט ווי אַ האָז, בעת אַ שישקע אָדער אַ טרוקענע צווייג פאַלט אַראָפּ פון בוים... ער פלעגט זיך באַרויקן ערשט דעמאָלט, ווען ער פלעגט פון צווייטן עק גאָרטן הערן, ווי עס סקריפּעט די הוידאַווקע, אויף וועלכער אַנטואַנעט האָט זיך מיט התלהבות געהוידעט.

אַנטואַנעט האָט זיך געחלומט, נאָר אויף איר שטייגער; דעם גאַנצן טאָג פלעגט זי נישטערן אין גאָרטן, גענאַשט, אומעטום אַרייַנגעשטעקט די נאָז און געלאַכט; זי האָט געפליקט ווייַנטרויבן ווי אַ שד, באַהאַלטענערהייט געריסן מאָרעלן אין גערטל. געקראָכן אויף אַ פלוימען־בוים אָדער אים לייכט געשאָקלט, כדי אַראָפּצושאָקלען אַ רעגן פון גאָלדענע פירות, וואָס צעגיין זיך אין מויל, ווי האָניק. אָדער זי האָט געפליקט בלומען כאָטש מען האָט איר פאַרווערט; זי פלעגט זיך אַראָפּפליקן אַ רויז, וואָס איז איר נאָך געפעלן געוואָרן פון דער פרי אָן און אַנטלויפן מיט איר טיף אין גאָרטן; דאָרט פלעגט זי מיט תענוג אַרייַנשטעקן איר נעזל אין דער פאַרשכורנדער בלום, געקושט זי, געביסן און געזויגן. דערנאָך פלעגט זי באַהאַלטן די גנבה! פאַרשטעקן עס אין איר קליידל צווישן אירע קליינע בריסטלעך, וואָס זי פלעגט בייגעריק באַטראַכטן, ווי זיי שוועלן אָן אונטער איר אָפן העמדל... אַ באַזונדער הנאה אַ פאַרווערטע, איז געווען אויסצוטון די שיך מיט די זאָקן און צו גיין באָרוועס איבערן קילן, דינעם זאַמד פון גאָרטן, אי-

בֿע־ן פֿייכֿטן גראָז פֿון די בייטן; איבער די אייזקאַלטע שטיינער אין שאָטן, אָדער גליִענדיקע אויף דער זון, איבערן טייכֿל, וואָס האָט זיך געצויגן ביים ברעג וואַלד; מיט אירע פֿיסלעך און מיט די קני האָט זי געקושט דאָס וואַסער, די ערד און דאָס ליכֿט. אין שאָטן פֿון די נאָדל־בוימער, אויסגעצויגענערהייט, האָט זי באַטראַכֿט אירע הענט, וואָס ווערן דורכֿזיכֿטיק אויף דער זון, און מיט די ליפּן האָט זי מעכֿאַניש געגלעט די זיידענע הויט פֿון אירע איידעלע פֿולע אָרעמס. זי פֿלעגט זיך פֿלעכֿטן בלומען־קרענץ, האַלז־בענדער און קליידלעך פֿון דעמבעבלעטער, זי פֿלעגט אַריינשטעקן אין זיי בלויע דערנער, רויטן בערבעריס און צווייגלעך פֿון נאָדל־בוימער; זי האָט אויסגעזען ווי אַ ווילדע פּרינצעסין, אַליין געטאַנצט אַרום אַ פֿאָנטאַן און געדרייט זיך מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס אין אַ קרייז, ביז ס'פֿלעגט איר נעמען שווינדלען אין קאָפּ און זי פֿלעגט פֿאַלן אויפֿן גראָז, באַהאַלטן אין אים דאָס פּנים און לאַכֿן אַ לאַנגע צייט אָן אויפֿהער און אָן אַ סיבה.

אָט אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג ביי דיביידע קינדער, וואָס האָבן געלעבט זייער נאָענט און דאָך זיך איינס מיטן צווייטן נישט אינטערעסירט—אויסער יענע מינוטן ווען אַנטואַנעטן איז איינגעפֿאַלן אָפּצוטון דעם ברודער אַ שפּיצל: אַרויפֿשיטן אים אַ הויפֿן נאָדלען אָדער טרייסלען אַ בוים אויף וועלכֿן ער איז געזעסן, כּדי אים איבער צושרעקן, אָדער איבערשרעקן אים פּלוצלינג מיט אַ געשריי:

— הוהו! הו!

טיילמאָל פֿלעגט זי אָנכֿאַפּן אַ שטאַרקער חשק זיך מיט אים צו רייצן, זי פֿלעגט אים אַראָפּרופֿן פֿון בוים, מיטן אויסרייד אַז די מאַמע רופֿט אים, און ווען ער איז אַראָפּ, איז זי אַרויף אויף זיין אָרט און בשום אופֿן נישט געוואָלט אַראָפּגיין. אָליוויער פֿלעגט וויינען און דראָען, אַז ער וועט דערציילן די עלטערן, אָבער ס'איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן, אַז אַנטואַנעט וועט לאַנג בלייבן זיצן אויפֿן בוים: זי האָט קיין צוויי מינוט נישט געקאָנט זיצן רויק. נאָך דעם ווי זי האָט זיך אָנגעלאַכֿט פֿון אָליוויערן, גוט אים אויסגעמאַטערט און דערפֿירט ביז טרערן, האָט זי זיך אַראָפּגעקייקלט אַראָפּ, אָנגעפֿאַלן אויף אים, געטרייסלט און געראָפֿן. „קליינער האָז", געוואַלגערט אים אויף דער ערד און געריבן די נאָז מיט גראָז. אומזיסט האָט ער זיך מיט איר געראַנגלט; ער איז געווען צו שוואַך. ער פֿלעגט בלייבן ליגן אויסגעצויגן אויפֿן רוקן ווי אַ מאַי־זשוק, די מאָגערע אָרעמס זענען

געווען צוגעשמידט צו דער ערד מיט אַנטואַנעטס געזונטע הענטלעך און האָבן אויסגעזען קלאָגנדיק און פֿאַרצווייפֿלט. אַנטואַנעט האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — זי האָט געזען, אַז ער איז באַזיגט און גיט זיך אונטער. האָט זי זיך צעלאַכט, האַסטיק אים אַ קוש געטון און אים צורו געלאָזט — ביים געזעגנען האָט זי פֿונדעסטוועגן נישט פֿאַרגעסן אַריינצושטופּן אים אין מויל אַריין אַ הויפֿן גראָז. ער האָט עס שרעקלעך פֿיינט געהאַט, ווייל ער האָט זיך געמיאוסט, ער האָט געשפּיגן, געווישט דאָס מויל און אויפֿגערעגט פּראָטעסטירט, בעת זי איז לאַכנדיק געלאָפֿן מיט אַלע כּוחות.

זי האָט שטענדיק געלאַכט, אַפֿילו ביינאַכט פֿון שלאָף. אָליוויער איז געלעגן אין צווייטן צימער און נישט געקאָנט איינשלאָפֿן: ער האָט זיך אַליין דערציילט מעשׂות און אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, בעת פֿון צווייטן צימער האָט זיך געלאָזט הערן אַנטואַנעטס ווילדער געלעכטער מיט עפּעס אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס זי האָט צו זיך גערעדט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט. אויף דרויסן האָבן די אָפּענע פֿענסטער געסקריפּעט פֿון ווינט, די ביימער האָבן געראַשט און הינט האָבן געוואָיעט אין די דערפֿער און פֿאַרמען טיף אין וואַלד. אינם פֿאָספֿאָרישן ליכט פֿון דער נאַכט האָט אָליוויער געזען פֿאַר זיין פֿענסטער די שווערע טונקעלע צווייגן פֿון די נאָדל-ביימער, וואָס האָבן זיך געשאָקלט אין לבֿנה-שיין, ווי געשפּענסטער, און אַנטואַנעטס געלעכטער האָט אים גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ.

בײדע קינדער זענען געווען זייער פֿרום. דער עיקר אָליוויער. דעם פֿאָטערס אַנטיקלעריקאַלע אָנשויונגען האָבן זיי שטאַרק געערגערט. אָבער גלייכגילטיק ערלויבט צו האַלטן זיך פֿריי; ער איז אין האַרצן, ווי אַסאַך אפּיקורסישע קליינבירגער, געווען זייער צופֿרידן, וואָס זיינע בני-בית גלויבן פֿאַר אים אויך: ס'שאַדט נישט צו האָבן אַ צד אין באָרשטש אַפֿילו צווישן שונאים, ווייל, אייגנטלעך, קאָן מען נישט וויסן ווער ס'וועט האָבן מער מזל. בכּלל האָט ער געגלויבט אין גאָט און געהאַט בדעה אין דער לעצטער שעה פֿאַרן טויט צו רופֿן אַ גלח, פּונקט ווי דער טאַטע. אויב ס'וועט נישט העלפֿן — שאַטן

װעט עס זיכער נישט. מ׳דאַרף נישט גלױבן דװקא אין אַ שׂרפֿה, כּדי צו פֿאַרזיכערן זיך פֿון אַ פֿײַער.

דער קרענקלעכער אַליװיער איז געװען גענײגט צו מיסטיציזם, טײלמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אױף צו לעבן. ער איז געװען לײכטגלױביק און צאַרט און גענײטיקט זיך אין אַן אָנלען; דער גלױבן האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ װײטיקלעכן תּענוג. דאָס גליקלעכע געפֿיל זיך איבערצוענטפֿערן אַן אומגעזעענעם פֿרײַנד, װאָס זײַנע אָרעמס זענען שטענדיק פֿאַר אַלעמען אָפֿן און װאָס אים, דעם אַלץ פֿאַרשטײענדיקן און אַלץ פֿאַרגעבנדיקן קאָן מען אַלץ פֿאַרטרױען. ער האָט זיך מיט פֿרײד געטובלט אין אָט דעם טײַך פֿון ענװת און ליבע, פֿון װאַנען די נשמה קומט אַרױס רײן, אַרומגעװאַשן און אױסגערוט. עס איז פֿאַר אים געװען אַזױ נאַטירלעך, אַז מען דאַרף גלױבן, — ער האָט פּשוט נישט פֿאַרשטאַנען, װי מען קאָן צװײפֿלען; ער האָט געטראַכט, אַז די מענטשן טוען עס בײַזװיליק און אַז זײער אַפּיקורסות איז אַ שטראָף פֿון גאָט; שטילערהײט האָט ער תּפֿילה געטון צו גאָט, ער זאָל זיך מרחם זײַן אױף זײַן טאַטן, און זיך שטאַרק געפֿרײט, בעת ער האָט אײנמאָל אין דער דאָרפֿישער קירכע געזען, װי זײַן טאַטע צלמט זיך איבער אױף אַ מעכאַנישן אופֿן. די געשיכטעס פֿון דעם הײליקן טעסטאַמענט האָבן זיך צונױפֿגעמישט אין זײַן מוח מיט די װוּנדער־מעשׂות װעגן ריבעצאַל, גראַסיעז און פּערסינע אָדער דעם קאַליף האַרון־אַל־ראַשיד. װען ער איז געװען קלײן, האָט ער נישט געצװײפֿלט אין דעם אמת פֿון די דאָזיקע מעשׂות. און פּונקט װי ער איז נישט געװען זיכער, צי קען ער נישט שאַקאַבאַקן מיט דער צעשניטענער ליפּ, דעם פֿלױדערנדיקן ראַזירער, אָדער דאָס גערבעלע פֿון קאַסגאַר, פּונקט װי ער פֿלעגט בעתן שפּאַציר זוכן מיט די אױגן דעם שװאַרצן פּיקהאָלץ, װאָס טראָגט אין שנאָבל דעם װוּנדער־סימן פֿון די אוצרות זוכער, — אַזױ האָט אױך כּנען און דאָס הײליקע לאַנד געדאַרפֿט ליגן, לױט זײַן קינדערשער פֿאַנטאַזיע, ערגעץ אין בורגונדיען, אָדער אין בערי. אַ קײַלעכדיק בערגל אין דער געגנט מיט אַ קלײן בײמל, װאָס האָט אַרױסגעשטעקט, װי אַן אַלטע פֿעדער, האָט אױסגעזען בײַ אים װי דער באַרג, װוּ אַבֿרהם האָט געפֿירט יצחקן צו דער עקדה. אַ פֿאַרטרוקנט בײמל אין עק פֿון דאָרף האָט אױסגעזען בײַ אים װי דער ברענענדיקער סנה, װאָס איז אין משך פֿון דער צײַט פֿאַרלאָשן געװאָרן. אַפֿילו װען ער איז עלטער געװאָרן

און ס׳האָט זיך גענומען אין אים אַנטוויקלען דער חוש פון קריטיק; האָט ער ליב געהאַט זיך איינצוּוויגן מיט רעליגיעזע פאָלקס-לעגענדן; און ס׳האָט אים אַזוי שטאַרק הנאה געטון, אַז כאָטש ער האָט אין דעם נישט געגלויבט, האָט ער זיך דאָך בכיוון איינגערעדט. דעריבער פלעגט ער לאַנג וואַרטן אויפן גרויסן שבת, ווען די פסח-גלעקלעך וואָס וואַנדערן אין דעם גרויסן דאָנערשטיק קיין רוים, קערן זיך אום צוריק און פאָכען מיט באַפּוצטע פענדלעך אין דער לופטן. לסוף האָט זיך קלאָר געמאַכט, אַז ס׳איז נישט אמת. און דאָך פלעגט ער [illegible] אויפהויבן דעם קאָפּ צום הימל, ווען ער האָט געהערט קלינגען; און איינמאָל האָט זיך אים אַפילו געדוכט — כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז ס׳איז אוממעגלעך — אַז ער זעט, ווי איין גלעקל, באַפּוצט מיט בלויע סטענגעס, איז פאַרשווונדן געוואָרן אונטערן הויז.

ער האָט געפילט אַ שטאַרקן באַגער זיך אַראָפּצולאָזן אין דער וועלט פון לעגענדע און גלויבן. ער פלעגט אַנטלויפן פון לעבן, אַנט-לויפן פון זיך אַליין. אַ מאָגערער, בלאַסער און שוואַכער, האָט ער דערפון שטאַרק געליטן און נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען אַנדערע האָבן עס אים געזאָגט. ער האָט געטראָגן אין זיך דעם פעסימיזם, וואָס ער האָט בלי ספק גערשנט פון דער מאַמען און וואָס האָט אין דעם קרענקלעכן יינגל געפונען אַ גוטן באָדן. ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט, געמיינט אַז אַלע זענען ווי ער. און אָט דאָס צען-יעריקע מענטשעלע, אָנשטאָט צו שפּילן זיך אין דער פרייער צייט אין גאָרטן, פלעגט זיך אַליין פאַרשליסן אין צימער און קייענדיק אַ שטיק ברויט שרייבן זיין צוואה.

ער האָט געשריבן אַסאַך. יעדן אָוונט, אין דער שטיל, פלעגט ער מיט התלהבות שרייבן זיין טאָג-בוך. ער האָט נישט געוווּסט צו וואָס ער טוט עס, ווייל, אייגנטלעך, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן אויסער נאַרישקייטן. דאָס שרייבן איז געווען ביי אים אַ ירושה-מאַניע. די אַלטע באַדערפעניש פון די פראָווינצער קליינבירגער — אָט די אייביקע ראַסע, וואָס גייט קיינמאָל נישט אונטער — וואָס פאַרשרייבן יעדן טאָג, ביז זייער טויט, מיט נאַרישן געדולד און כמעט גבורה, זייער געגנוי אַלץ וואָס זיי האָבן געזען, גערעדט, געטון, גע-הערט, געגעסן אָדער געטרונקען. ער האָט עס געטון פאַר זיך און נישט פאַר קיין אַנדערן. קיינער וועט עס נישט לייענען. אַפילו ער אַליין וועט עס אויך נאָכאַמאָל נישט איבערלייענען

די מוזיק, איז פונקט ווי דער גלויבן, געווען פאַר אים אַ שוץ קעגן דאָס בלענדנדיקע טאָג־ליכט; ביידע, דער ברודער מיט דער שוועסטער, זענען בטבע געווען מוזיקאַליש, דער עיקר אָליווייער, וואָס האָט עס געירשנט פון דער מאַמען. נאַטירלעך, האָבן זיי קיין אַנטוויקלטן געשמאַק ניט פאַרמאָגט. קיינער איז נישט געווען פעיק אים צו אַנטוויקלען אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, ווו מ׳האָט קיין אַנדער מוזיק נישט געהערט, חוץ דעם שטאָטישן אָרקעסטער, וואָס האָט גע־שפּילט מאַרשן, אָדער אין חגא־טעג, פּאָפּורי פון אַדאָלף אַדאַם, און חוץ דעם אָרגאַניסט, וואָס האָט געשפּילט ראָמאַנסן און פּיאַנאָ־איבונ־גען, די קליינשטעטלדיקע טעכטער, וואָס האָבן אויף צערודערטע אינסטרומענטן געבאָמבלט וואַלסן, פּאָלקעס, אוווערטורן פון דעם „קאַליף פון באַגדאַד" און „געיעג פון דעם יונגן אַנרי", אַ צוויי דריי סאָנאַטן פון מאָצאַרט, שטענדיק די אייגענע סאָנאַטן מיט די זעלבע גרייזן אין שפּילן. דאָס דאָזיקע שפּילן איז געוואָרן אַ שטענדיקער טייל פון דעם אָוונט־פּראָגראַם, בעת געסט זענען געקו־מען אויף אַ באַזוך. נאָכן עסן פלעגט מען בעטן די טאַלענטפולע שפּילער, זיי זאָלן ווייזן, וואָס זיי קענען. אין אָנהויב פלעגן זיי זיך אָפּזאָגן, רויט ווערן, און לסוף נאָכגעבן. יעדערער האָט געשפּילט די גרעסטע זאַך, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק, אַלע האָבן געכאַפּט התפּעלות פונם קינסטלערס זכרון און פון זיין שפּילן, וואָס איז רעיעל „ווי פּערל".

אָט די צערעמאָניע, וואָס פלעגט זיך איבערחזרן כמעט יעדן אָוונט, האָט ביידע קינדער פאַרשטערט די הנאה פון מיטאָג. בעת זיי האָבן געמוזט שפּילן אויף פיר הענט באַזונס „רייזע קיין כינע", אָדער קליינע שטיקלעך פון וועבערן, זענען זיי געווען זיכער ביי זיך און זיך נישט איבערגעשראָקן. אָבער ווען עמעצן פון זיי איז אויסגעקומען צו שפּילן אַליין, איז עס געווען פאַר אים אַן אמתע מאַטערניש. אנטואַנעט איז ווי שטענדיק געווען דרייסטער. הגם ס׳האָט זי שרעקלעך געלאַנגווייליקט, האָט זי אָבער געוווסט, אַז זי וועט זיך בשום אופן נישט אַרויסדרייען און פלעגט שלום

מאַכן מיט איר גורל, זעצן זיך ביים פּיאַנינאָ מיט אַ זיכערן אויס־דרוק אויפן פּנים, און מיט אימפּעט טון אַ שפּיל אָפּ איר ראָנדאָ, שטאַמלען אין אַנדערע ערטער, אויסגליטשן זיך, איבעררייסן, אויס־דרייען דעם קאָפּ און זאָגן מיט אַ שמייכל:

— אַך, דאָס געדענק איך שוין נישט!

דעמאָלט פּלעגט זי ווידער נעמען שפּילן, איבערגעהיפּט עטלע־כע טאַקטן און זיך דערשלעפּט ביזן סוף. שפּעטער איז זי געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זי איז פּטור געוואָרן פון איר פליכט, און זעצנדיק זיך אויף איר אָרט, האָט זי געלאַכט און געענטפערט אויף די קאָמפּלימענטן:

— יאָ, אַסאַך פאַלשע טענער האָבן זיך מיר אַרויסגעכאַפּט!

אָבער אָליוויער איז געווען שווערער פון איר. ס׳איז געווען פּשוט פאַר אים אומדערטרעגלעך אויפצוטרעטן פאַר אַסאַך מענטשן, צו ווערן דער ציל פון אַלעמענס בליקן, ס׳איז אים שווער געווען אפילו צו רעדן בעת מענטשן זענען געווען אין שטוב, און שפּילן — דער עיקר פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט ליב קיין מוזיק (ער האָט עס גוט באַמערקט), וואָס די מוזיק לאַנגווייליקט זיי און זיי לאָזן דיך שפּילן נאָר צוליב געוווינהייט — איז געווען פאַר אים אַן אמתע מאַטערניש; ער האָט זיך געוועהרט קעגן דעם, אָבער אומזיסט. ער פלעגט זיך עקשנותדיק אָפּזאָגן, טיילמאָל אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך אין אַ פינסטערן צימער, אין קאָרידאָר און טיילמאָל אפילו אויפן בוידים, כאָטש ער האָט מורא געהאַט פאַר די שפּינען. זיין ראַנגלען זיך האָט אויפגערייצט די געסט, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו אים נאָך שטאַרקער און בייזער; דערצו איז צוגעקומען דער מוסר פון טאַטע־מאַמע; געמישט מיט אַ פּאָר קלעפּ, בעת דער קליינער האָט זיך צו חוצפּהדיק געבונטעוועט, — און סוף־כּל־סוף האָט ער געמוזט, נאַטירלעך, שפּילן, הגם דער געזונטער שכל האָט מחייב געווען פאַר־קערט, דערנאָך האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געליטן, וואָס ער האָט שלעכט געשפּילט, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַסאַך אייגנליבע און באמת ליב געהאַט מוזיק.

דער קינסטלערישער חוש פונם שטעטל איז נישט שטענדיק געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה. אַנדערע געדענקען נאָך די צייטן, ווען מ׳פלעגט ביי אַ צוויי, דריי בירגער פון שטאָט שפּילן שיינע קאַמעראַל־מוזיק. מאַדאַם זשאַנען פלעגט אָפּט דערציילן וועגן

איר זיידן, וואָס האָט מיט באַגייסטערונג געשפּילט אויף אַ וויאָלאָנטשעל און געזונגען אַריעס פון גלוק, דאַליראַק און בערטאָן. אין שטוב האָט זיך נאָך געוואַלגערט אַ דיק העפט נאָטן און אַ פּעקל איטאַליענישע אַריעס. דער ווילדער אַלטיטשקער איז געווען ענלעך צום הער אַנדריע, וואָס בערליאָז האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט זייער ליב גלוקן, און צוגעגעבן מיט פאַרביטערונג, אַז ער האָט אויך ליב געהאַט פּוטשינין. און אפשר האָט ער פּוטשינין נאָך מער ליב געהאַט. אַלנפאַלס האָבן די איטאַליענישע אַריעס פאַרנומען דאָס גרעסטע אָרט אין דעם זיידנס זאַמלונג. פאַרן קליינעם אָליוויער איז די דאָזיקע זאַמלונג געווען זיין מוזיקאַליש ברויט, שפּייז אַן אוממשותדיקע, אַ ביסל ענלעך צו די פּראָווינציעלע צוקערלעך מיט וועלכע מ׳שטאָפּט די קליינע קינדער: זיי לאָזן איבער אַ שלעכטן טעם און מאַכן קאַליע דעם מאָגן, טיילמאָל איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז זיי נעמען צו דעם אַפּעטיט צו עפּעס בעסערס. אָליוויערס אַפּעטיט איז נישט קאַליע געוואָרן; קיין בעסערע שפּייזן האָט מען אים נישט געגעבן. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין ברויט, האָט ער געגעסן לעקעכלעך. אַזוי אַרום זענען צימאַראָזאַ, פּעזיעלאָ און דאָסיני געוואָרן די דערציער פון דעם טרויעריקן, מיסטישן ייִנגל, וועלכן ס׳האָט אַביסל געשווינדלט אין קאָפּ פון אָט דעם „Asti spumante” וואָס די צעלאָזענע, חוצפּהדיקע סילענען האָבן אים דערלאַנגט אָנשטאָט מילך, צוזאַמען מיט די צוויי באַקכאַנטישע טענצעריננס פון נעאַפּאָל און קאַטאַניע — פּערגאָליעז און בעליני מיט זייער נאַיוון און גלייכצייטיק תאוהדיקן שמייכל.

ער האָט אַסאַך געשפּילט פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענער הנאה וועגן. ער איז געווען דורכגענומען מיט מוזיק. ער האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרשטיין, וואָס ער שפּילט, און געשפּילט פּאַסיוו. קיינער האָט נישט געהאַט בדעה צו לערנען אים האַרמאָניע, און אים אַליין האָט עס אויך נישט געאַרט. וויסנשאַפט און וויסנשאַפטלעכער גייסט זענען פרעמד געווען דער משפּחה. בפרט פון דער מאַמעס צד. אָט די אַלע יוריסטן, ערלעכע מענטשן און הומאַניסטן האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט קיין וויסנשאַפטלעכע פראַגן. מ׳האָט זיך דערציילט וועגן אַן אויסטערלישע דערשיינונג, אַז איינער אַ קרוב עפּעס אַ שני בשלישי, איז אָנגעקומען אין אַ געאָגראַפישער שולע און מ׳האָט געהאַלטן, אַז דערפון איז ער אַראָפּ פון זינען. די אַלטע פּראָ־

ווינציעלע בורזשואַזיע פֿאַרמאָגט אַ שטאַרקן פּאָזיטיוון גייסט, נאָר איינגעשלעפּערט פֿון דאָס שווערע פֿאַרדייען זייערס און איינטאָניק לעבן, פֿאַרמאָגט זי אַ געזונטן שכל, אין וועלכן זי גלויבט שטאַרק און טענהט, אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין שווערער ענין, וועלכן מען זאָל נישט קאָנען באַגרייפֿן מיטן שכל. מ'איז גרייט געווען צו האַלטן די וויסנשאַפֿטלעכע מענטשן פֿאַר אַ באַזונדערן מין קינסטלער, וואָס זענען אַ ביסל נוצלעכער פֿון אַנדערע, אָבער שטייען פֿון זיי אַסאַך נידעריקער, ווייל די אמתע קינסטלער זענען, לפּחות, אמתע שלימזלען און אין זייער בטלנישקייט איז פֿאַראַן אַ געוויסע ווילטיקייט. אַגב האָט יעדער קליינבירגער ביי זיך געטראַכט, אַז ווען ער וויל, וואָלט ער געקאָנט ווערן אַ קינסטלער. אָבער די וויסנשאַפֿטס-לייט זענען כמעט ווי בעלי מלאכות (דאָס איז אַ חרפּה), בעל מלאכות קלוגערע ווי אַנדערע, אָבער מער באַגרענעצט; זיי זענען מייסטער אין דער וועלט פֿון פּאַפּיר, אָבער אויסער דער פֿאַבריק פֿון ליטעראַטור האָבן זיי אַ צורה, ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן. ס'וואָלט זיי קיין זאַך נישט געלונגען, ווען ס'גיבן אויף זיי נישט אַכטונג מענטשן מיט אַ גלייכן שכל, מענטשן דערפֿאַרענע אין לעבן.

צום אומגליק איז קיינער נישט זיכער, צי די דאָזיקע דערפֿאַרונג אין לעבן גיט מיטן אמתן וועג, ווי עס טענהן די מענטשן מיט אַ געזונטן שכל. פֿאַרקערט, ס'איז גיכער אַ מין געשיקטקייט, וואָס איר ווירקונג באַשטייט קוים אין אַ קליינער צאָל לייכטע פֿאַקטן, בעת עס קומט אַן אומגעריכטע געשעעניש, וואָס פֿאָדערט אַ שטאַרקן באַשלוס, קאָנען זיך די מענטשן קיין עצה נישט געבן. דער באַנקיר זשאַנען האָט געהערט צו דעם דאָזיקן טיפּ. אַלץ איז געווען פֿאָרויסגעזען, אַלץ האָט זיך מיט אַן אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט איבערגעחזרט אין דעם ריטמישן לעבן פֿון דער פּראָווינץ-שטאָט, און ער האָט קיינמאָל נישט באַגעגנט קיין אמתע שטערונגען אין זיינע געשעפֿטן. ער האָט געירשנט זיין טאַטן, אָבער נישט פֿאַרמאָגט קיין באַזונדערע פֿעיקייטן צו זיין פֿאַך. אַזוי ווי אַלץ איז געגאַנגען כשורה, האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז אַ דאַנק זיין מזל און זיינע פֿעיקייטן. ס'איז געווען אַ קלאָרע זאַך: ס'איז גענוג צו זיין ערלעך, פּלייסיק און פּראַקטיש. ער האָט געהאָפֿט איבערצוגעבן זיינע געשעפֿטן דעם זון, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט זיינע נייגונגען, פּונקט ווי זיין פֿאָטער האָט זיך מיט זיינע נייגונגען נישט גערעכנט. ער האָט אים

בכלל נישט דערצויגן אין אַ באַשטימטער ריכטונג און געלאָזט די קינדער פריי זיך אַנטוויקלען, אַבי זיי זאָלן זיין פיינע קינדער און דער עיקר — גליקלעך. ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט. אין דעם זין זענען די קינדער לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט צום לעבנס קאַמף. זיי זענען געווען ווי קינסטלעך־געוואַרעמטע בלומען. ווייל, צי האָט זיך געדאַרפט עפעס ענדערן אין זייער לעבן? אין דער פּראָווינץ־שטאָט, אין זייער רייכער אָנגעזעענער פאַמיליע, ווו דער ווילער, פריילעכער, האַרציקער פאָטער איז געווען אַרומגערינגלט פון פריינד און פאַרנומען איינס פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער געגנט, איז דאָס לעבן געווען אַזוי לייכט אַזוי פריילעך

אַנטואַנעט איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר. אָליוויער האָט זיך געגרייט צום ערשטן ווידוי. ער איז געווען איינגאַנצן פאַרזונקען אין זיינע מיסטישע חלומות. אַנטואַנעט האָט געהערט דעם תענוגלעכן, ברענענדיקן געזאַנג פון דער שיכורער האָפענונג, וואָס פילט אָן, ווי נאַכטיגאַל־געזאַנג, די פרילינגדיקע הערצער. זי האָט זיך געפרייט, פילנדיק דעם אויפבלי פון איר קערפּער און גייסט: זי האָט געוווּסט, ווי שיין זי איז, און האָט געהערט שבחים פון אַנדערע. דעם פאָטערס שבחים, זיינע אומפאָרזיכטיקע רייד זענען מסוגל געווען צו פאַרדרייען איר שטאַרק דעם קאָפּ.

ער איז געווען נתפעל פון איר, געוויילט זיך מיט איר קאָקעטישקייט, פאַרחלשטע בליקן, וואָס זי האָט געוואָרפן אין שפיגל אַריין און נאַיוועט, טיילמאָל כיטרע שפיצלעך. ער פלעגט זי זעצן ביי זיך אויף די קני און רעדן מיט איר וועגן אירע האַרץ־ענינים. וועגן אירע „נצחונות” און וועגן די פאָרגעלעגטע שידוכים. ער האָט זיי אויסגערעכנט: צוויי אָנגעזעענע בירגער, ביידע זייער אַלט און זייער מיאוס. זי פלעגט אַרומנעמען דעם פאָטער מיט אירע הענטלעך, צודריקן איר פנים צו זיין באַק און שרייען פון שרעק. ער פלעגט זי פרעגן, ווער ס'איז דער אויסדערוויילטער פון איר האַרץ: צי דער פּראָקוראָר פון דער רעפּובליק, וואָס די אַלטע דינסט פון די זשאַנענס זאָגט אויף אים, אַז ער איז מיאוס, ווי די זיבן עיקר־זינד — אָדער

אפשר דער דיקער נאָטאַריוס? זי פֿלעגט אים איבערשלאָגן די רייד מיט אַ לייכט פּעטשל, אָדער זי פֿלעגט אים מיט דער האַנט פֿאַרשטעלן דאָס מויל. ער האָט געקושט אירע הענט. געהויבן זי אויף זיין קני און געזונגען איר דאָס באַקאַנטע ליד:

Que voulez vous, la belle?
Est-ce un mari bien laid?

(וואָס ווילסטו, שיין מיידל?
אַ מיאוסן מאַן?)

זי האָט לאַכנדיק געענטפֿערט, פֿאַרבינדנדיק אים בשעת־מעשה די באָרד אונטערן האַלדז:

Plutot joli que laid,
Madame, s'il vous plait.

(לאָז ער זיין שיין און נישט מיאוס,
מאַדאַם!)

זי האָט בדעה געהאַט אַליין זיך אויסצוקלויבן איר חתן. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז, אָדער זי וועט זיין זייער רייך (דער פֿאָטער האָט געהאַלטן אין איין רעדן און שרייען וועגן זיין רייכקייט). און איז דעריבער געווען אַ „גוטער שידוך". די אָנגעזעענסטע משפּחות פֿון דער געגנט, וואָס האָבן געהאַט זין, האָבן זיך געיאָגט נאָך איר, געשפּרייט אַרום איר אַ נעץ פֿון חניפֿה און כיטרע שפּיצלעך, פֿיין פֿאַרגלעטיקט, צו פֿאַנגען דאָס שיינע גאָלד־פֿישעלע, אָבער דאָס פֿישל האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעגליטשט. ווייל אַנטואַנעט האָט געזען זייערע באַמיונגען, ס'האָט זי פּשוט געוויילט. זי האָט, אמת, געוואָלט געפֿאַנגען ווערן. זי האָט בלויז נישט געוואָלט, עמעצער זאָל זי פֿאַנגען. אין איר קליינעם קעפּל האָט זי שוין געהאַט באַשלאָסן, מיט וועמען חתונה צו האָבן.

די מיוחסדיקסטע משפּחה אין דער געגנט זענען געווען די באַניוועטן. בכלל פֿאַרמאָגט יעדע שטאָט בלויז איין משפּחה פֿון גרויסן יחוס, וואָס האַלט זיך פֿאַר די קינדס־קינדער פֿון די אַמאָליקע גרויסע אַריסטאָקראַטן, הגם על־פּי־רוב איז איר פֿאָטער געווען אַ סוחר פֿון נאַציאָנאַלע גיטער, אַן אינטענדענט פֿון 18־טן יאָרהונדערט אָדער אַן אונטערנעמער אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי. אַ צוויי מייל הינטערן שטאָט האָבן די באַניוועטס פֿאַרמאָגט זייער אייגנס אַ שלאָס, וואָס זיינע שפּיציקע טורעמס מיט די גלאַנצנדיקע שינדלען, האָבן געבלאַנקט ווייט

אין די גערדיכטע וועלדער, וואָס זענען פול געווען מיט סטאַוון. זיי האָבן די ערשטע באַזוכט די זשאַנענס. דער יונגער באָניוועט האָט מיט איבערגעטריבענער התלהבות אַרומגעטאַנצט אַרום אַנטואַנעט. ער איז געווען אַ שיינער בחור, שטאַרק און צו דיק פאַר זיינע יאָרן; אַ גאַנצן טאָג האָט ער גאָרנישט געטון, נאָר פאַרנומען זיך מיט גע־עסן, געטרונקען, געגעסן און געשלאָפן. ער האָט געקאָנט רייטן און טאַנצן. ער האָט פאַרמאָגט פיינע מאַניערן און איז נישט געווען נאַרישער פון אַנדערע. פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען פון שלאָס אין שטאָט אַריין, אין שטיוול, רייטנדיק אָדער אין אַ קארעטע; האָט באַזוכט דעם באַנקיר מיט אַ געשעפטלעכן אויסרייד. און טיילמאָל געבראַכט מיט זיך אַ פולן קויש מיט פאַנג אָדער בלומען־בוקעטן פאַר די דאַמען. ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַרומגעטאַנצט אַרום מיידל. זיי האָבן צוזאַמען שפּאַצירט אין גאָרטן. ער האָט איר געזאָגט קאָמפּלימענטן, ס'רוב גראָבע, ווי אַ פויסט, געפּלוידערט, געדרייט די וואָנסן און געקלונגען מיט די שפּאָרן אויפן ברוק. אין אַנטואַנטעס אויגן האָט ער געהאַט דעם זיבעטן חן. עס האָט געקאָנט חנפענען איר פוסטער גאווה און יונג האַרץ. זי האָט זיך מיט תענוג איבערגעגעבן צו די ערשטע זיסע שעהן פון דער קינדערשער ליבע. אָליוויער האָט פיינט געהאט דעם יונגן אַריסטאָקראַט, ווייל ער איז געווען שטארק מגושמדיק און גראָב, ווייל ער האָט מיט אַ טומל געלאַכט, געדריקט אים מיט די הענט, ווי מיט אַ צוואַנג, און גרינגשעצנדיק גערופן אים „קליינער"... און דערביי געקנייפּט אים אין בעקל. דער עיקר האָט ער אים פיינט געהאט,—נישט וויסנדיק דערפון,—וואָס דער דאָזיקער פרעמדער מענטש האָט ליב זיין שוועסטער —די שוועסטער, וואָס נעהער גאָר צו אים, נאָר צו אים און מער צו קיינעם נישט.

דערווייל האָט זיך געגרייט די קאַטאַסטראָפע, פריער אָדער שפּעטער, זי קומט שטענדיק אינם לעבן פון די אַלטע בירגערלעכע משפחות, וואָס האָבן זיך אין משך פון דורות צוגעבונדן צו אַ שטיקל ערד און שויז אַרויסגעזויגן פון איר אַלע אירע זאַפטן. זיי דרימלען

זיך רויק און טראַכטן, אַז זיי זענען אייביק, פונקט ווי די ערד, וואָס טראָגט זיי. אָבער די ערד אונטער זיי איז טויט און די וואָרצלען טרוקענען. ס'איז גענוג איין ריר מיט דער לאָפּאַטע, כדי אַלץ אויס־צורייסן. דעמאָלט רעדט מען וועגן פינסטערן מזל, וועגן נישט פאָר־אויסגעזעענעם אומגליק — ס'וואָלט אָבער קיין אומגליק נישט געשען, ווען דער בוים וואלט פאַרמאָגט אַ ווידערשטאנדס־קראַפט, ער וואָלט, לפּחות, אויסגעהאַלטן דעם שטורם, ער וואָלט בלויז פאַרלאָרן עטלעכע צווייגן, אָבער דער שטאַם וואָלט געבליבן גאַנץ.

דער באַנקיר זשאַנען איז געווען שוואַך, געגלויבט אין מענטשן און זיך ליב געהאַט צו רימען. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרבלענדן די מענטשן די אויגן און געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט נאָר לעבן, נאָר אויך „באַווייזן זיך". ער האָט געזייט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט איינשטעלנדיק, באַטירלעך, זיין פאַרמעגן און קאָן. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אָפּרופן אין אים די אַלטע שפּאָרזאַמקייט און דערוועקט אין אים חרטה (ער האָט אָפּגעלאָזט אַ ברעט און אויפגעהויבן אַ שפּענדל). — ער איז אויך געווען נישט זייער פאָר־זיכטיק מיט זיינע געשעפטן, קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט זיינע פריינד אַ גמילת־חסד — און צו ווערן זיין פריינד איז געווען זייער לייכט. נישט שטענדיק פלעגט ער נעמען פאַרן חוב אַ וועקסל; אָפּגעלאָזן האָט ער געפירט דעם חשבון פון זיינע חובות און האָט קיינמאָל נישט געמאָנט, סיידן דער בעל חוב האָט אים אַליין פאָרגעלעגט. ער האָט געגלויבט אין דער ערלעכקייט פון מענטשן, פונקט ווי ער האָט געטראַכט, אַז זיי גלויבן אין זיין ערלעכקייט. אויסער דעם איז ער געווען שעמעוודיקער, ווי מ'וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן לויט זיינע זיכערע, רויקע מאַניערן. ער האָט קיינמאָל נישט אָפּגעשטויסן פון זיך קיין אומדיסקרעטע בעלי חובות, וואָס זענען געקומען אים בעטן אַ גמילות־חסד, און פלעגט זיי נישט אַרויסווייזן קיין שום באַאומרויקונג בנוגע דעם חוב. ער איז געווען אי גוט, אי פּחדנותדיק, נישט גע־וואָלט קיינעם באַליידיקן און מורא געהאַט מען זאָל אים נישט באַ־ליידיקן, — און דעריבער פלעגט ער שטענדיק נאָכגעבן. און כדי צו פאַרדעקן זיין שוואַכקייט, פלעגט ער עס טון מיט גרויס התלהבות, פונקט ווי מ'וואָלט אים געטון אַ גרויסע טובה, וואָס מ'נעמט ביי אים דאָס געלט. ס'האָט קיין סאַך נישט געפעלט, ער זאָל אַליין אָנהויבן גלויבן. זיין אייגנליבע און זיין אָפּטימיזם האָבן דערוועקט אין אים

די זיכֿערקייט, אַז יעדעס געשעפט, וואָס ער מאַכֿט, איז אַ גוט געשעפט.

אַזאַ באַנעמונג האָט אַרויסגערופן די סימפּאַטיע פון זיינע בעלי־חובות. די פּויערים האָבן אים זייער ליב געהאַט, געוווּסט אַז מען קאָן שטענדיק רעכֿענען אויף זיין הילף, און האָבן זיך מיט אָט דער הילף נישט איינמאָל באַנוצט. אָבער די דאַנקבאַרקייט פון די מענטשן (דאָס הייסט פון די אָרנטלעכֿע מענטשן) איז אַ פּרוכֿט, וואָס מען דאַרף זי אָפּרייסן צו דער ריכֿטיקער צייט. ווען מען לאָזט זי איבער אויפן בוים ווערט זי פאַרפוילט. אין עטלעכֿע חדשים אַרום האָבן זיך די זשאַנענס בעלי־חובות צוגעוווינט צו טראַכֿטן, אַז ער טוט זיי נישט קיין טובה, נאָר ער דערפילט אַ פליכֿט; נאָך מער, זיי זענען געניגט געווען צו גלויבן, אַז אויב דער הער זשאַנען קומט זיי אַזוי גערן צו הילף, איז אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס דערפון אַ נוצן. די איידעלערע בעלי־חובות האָבן געטראַכֿט, אַז זיי זענען פּטור (אויב נישט פון זייער חוב, איז לפּחות פון דער דאַנקבאַרקייט), ווען זיי האָבן אים אין אַ מאַרק טאָג צוגעשיקט אַ האָז אָדער אַ קויש אייער.

אַזוי ווי ער האָט ביז יענער צייט געבאָרגט נאָר קליינע סומען און געפירט געשעפטן נאָר מיט זיכֿערע מענטשן, איז קיין בייז נישט געווען: דער געלט־שאָדן — דער באַנקיר האָט עס קיינעם נישט דערציילט — איז געווען זייער קליין. אָבער די לאַגע האָט זיך געענדערט, זינט הער זשאַנען האָט באַגעגנט אויף זיין וועג אַן אַפּעריסט, וואָס האָט געפירט אַ גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג און האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם באַנקירס רייכֿקייט און ווייכֿע נאַטור. דער דאָזיקער פּאַרשוין, באַפּוצט מיט אַן אויסצייכֿענונג פון ערן־לעגיאָן, האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ פריינד פון אַ צוויי דריי מיניסטאָרן, פון איין אַרכֿי־ביסקופּ, פון אַ המון סענאַטאָרן און באַרימטע מענטשן פון דער ליטעראַרישער און פינאַנסיעלער וועלט; ער איז אויך פּלומרשט געשטאַנען אין נאָענטע באַציונגען מיט אַן איינפלוסרייכֿער צייטונג. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און גלייכֿצייטיק פריינדלעך און עלעגאַנט. דאָס האָט געקאָנט ווירקן אויף דעם הער זשאַנען. אַלס רעקאָמענדאַציע האָט ער אים געוויזן זיסע, באַנאַלע בריוו פון זיינע באַרימטע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים געדאַנקט פאַר דער איינלאַדונג אָדער פאַרבעטן צו זיך אויף מיטאָג. ער האָט געוויזן די בריוו אויף אַזאַ גראָבן אופן, אַז ביי אַ קלוגערן פון זשאַנען וואָלט ער זיכֿער

דערוועקט אַ חשד. ס'איז באַוווסט, אַז די פראַנצויזן קאַרגן נישט קיין קליינגעלט אויף בריוו און היטן זיך נישט צו דריקן די האַנט, אָדער איינצולאַדן אויף מיטאָג אַ מענטשן, וועלכֿן זיי קענען ערשט איין שעה צייט — אַבי ער זאָל זיי ,,וויילן און נישט פאַרלאַנגען פון זיי קיין געלט. אַנדערע וואָלטן אַפילו דאָס אויך געטון, ווען זיי זעען, אַז אַנדערע גיבן אים געלט. און ס'פאַסט גאָרנישט פאַר אַ געשיקטן מענטשן, וואָס וויל באַפרייען די אַנדערע פון זייער געלט-משא, ער זאָל זיך נישט געפינען אַ ציגן-באָק, וואָס זאָל מסכים זיין אַ שפרונג צו טון דער ערשטער און נאָכֿצושלעפן נאָך זיך זיינע חברים. און אויב דער דאָזיקער אַפעריסט האָט נאָך נישט געטראָפן קיין ציגנבאָק ביז דעמאָלט, איז הער זשאַנענען באַשערט געווען צו זיין דער ערשטער. ער איז געווען פון יענעם מין גוטע שעפסן, וואָס פאַרמאָגן אַ סך וואָל און בעטן זיך אַליין מען זאָל זיי אָפשערן.

ער האָט זיך געלאָזט איינגעמען מיט זיינע הויכֿע באַציונגען, פיינער שפראַך, זיסע ריידעלעך און קודם כל, מיט די גוטע רעזולטאַטן, וואָס ער האָט געווונען אַ דאַנק יענעמס עצות. אין אָנהויב האָט ער אַריינגעלעגט אין דער שפיל אַביסל געלט, שפעטער דאָס גאַנצע געלט, נישט נאָר זיין אייגנס נאָר אַפילו פרעמדס. ער האָט קיינעם דערפון נישט צו וויסן געטון, ער איז געווען זיכֿער, אַז ער וועט פאַרדינען און האָט זיי געוואָלט דערמיט איבעראַשן. פון געשעפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. אויף אַן אומדירעקטן אופן, פון זיינעם אַ פאַריזער קאָרעספּאָנדענט, האָט ער זיך דערוווסט, אַז יענער האָט נעמאַכֿט אַ ויברח. דעם קאָרעספּאָנדענט איז נישט איינגעפאַלן, אַז זשאַנען איז אויך געפאַלן אַ קרבן, ווייל דער באַנקיר האָט עס קיינעם נישט דערציילט. מיט אַן אומפאַרשטענדלעכֿער לייכֿטזיניקייט, כּמעט בכּיוון, האָט ער זיך אָפגעהאַלטן פון צו פרעגן אַן עצה ביי די, וואָס וואָלטן אים געקאָנט אָנווייזן דעם ריכֿטיקן וועג. ער האָט אַלץ געמאַכֿט אין דער שטיל. דער גלויבן אין זיין גלייכֿן שכל, וואָס קאָן קיין פעלער נישט מאַכֿן, האָט אים פאַרפירט. ער האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט אומקלאָרע ידיעות. עס טרעפן אין מענטשלעכֿן לעבן צייטן פון אַזאַ פאַרבלענדעניש. מען קאָן זאָגן, אַז אין געוויסע מאָמענטן פון זיין לעבן גייט דער מענטש אַליין אַנטקעגן זיין אומגליק, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער קומט אים עמעצער צו הילף. ער מיידט דעמאָלט אויס יעדע גלייכֿע עצה, ער באַהאַלט זיך און לויפט מיט היצ,קער איילעניש אַרונטערצולאָזן זיך אונטערן וואַסער.

הער זשאַנען איז געלאָפֿן צום וואָקזאַל און מיט אַ צעבראָכן ציטעריק האַרץ אַריין אין וואַגאָן קיין פּאַריז. ער האָט געוואָלט אויפֿזוכן יענעם מענטשן. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז די נייעס איז אויסגעטראַכט אָדער, לפּחות, איבערגעטריבן. נאַטירלעך האָט ער קיינעם נישט געטראָפֿן און זיך איבערגעצייגט, אַז די קאַטאַסטראָפֿע איז זייער גרויס. ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים כּמעט ווי משוגע און אַלץ אויסבאַהאַלטן. קיינער האָט זיך נישט משער געווען. ער האָט געפּרוווט געווינען נאָך עטלעכע וואָכן, נאָך עטלעכע טעג, און זיין אומאויסהיילבאַרן אָפּטימיזם האָט ער זיך באַמיט איינצורעדן, אַז ער וועט נאָך געפֿינען אַן אויסוועג — אויב נישט צו דעקן זיין אייגענעם שאָדן איז לפּחות צו דעקן דעם שאָדן פֿון זיינע קונים. ער האָט אויסגעפּרוווט פֿאַרשידענע ראַדיקאַלע מיטלען, אין אומגעשיקטער איילעניש, וואָס האָט אָפּגענומען ביי אים יעדע האָפֿענונג מצליח צו זיין, אַפֿילו ווען ס׳איז נאָך געבליבן אַ מעגלעכקייט דערצו. ער האָט געפּרוווט באָרגן געלט אָבער אומעטום האָט מען אים אָפּגעזאָגט. דעמאָלט האָט ער זיך גענומען צו געפֿערלעכע ספּעקולאַציעס, וואָס פֿון גרויס פֿאַרצווייפֿלונג האָט ער אַריינגעלעגט אין זיי זיין ביסל איבערגעבליבן געלט. דאָס האָט פֿאַרגרעסערט זיין אומגליק און פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך זיין נאַטור אינגאַנצן געביטן. ער איז געוואָרן מ׳ראַדיק צעשראָקן, גאָרנישט גערעדט, נאָר שטענדיק געווען פֿאַרחושכט, האַסטיק, שטרענג און שרעקלעך טרויעריק. צווישן פֿרעמדע מענטשן האָט ער זיך געמאַכט פֿריילעך, אָבער אַלע האָבן באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש: מ׳האָט אָנגענומען, אַז ער איז נישט אינגאַנצן געזונט. צווישן אייגענע האָט ער זיך שוין נישט באַהערשט, און זיי האָבן באַלד דערפֿילט, אַז ער באַהאַלט פֿון זיי אַ שווערן סוד, ער איז געווען נישט צו דערקענען. ער פֿלעגט זיך פּלוצלינג אַריינרייסן אין צימער. גענישטערט ערגעץ, צעוואָרפֿן אַלע פּאַפּירן אָן אָרדנונג אויף דער ערד, געקאָכט זיך, וואָס ער קאָן זיי נישט אָפּזוכן אָדער, וואָס אַנדערע העלפֿן אים נישט. דערנאָך פֿלעג ער בלייבן שטיין אומבאַהאָלפֿן אין דער דאָזיקער אומאָרדנונג. ווען מ׳האָט אים געפֿרעגט, וואָס ער זוכט האָט ער אַליין נישט געוווּסט. ער האָט זיך מער נישט אינטערעסירט מיט זיין הויז־געזינט, אָדער ער פֿלעגט זיי אַרומנעמען און באַגיסן זיי מיט טרערן, ער האָט אויפֿגעהערט שלאָפֿן און עסן.

מאַדאַם זשאַנען האָט געפֿילט, אַז ס׳גרייט זיך אַ גרויסער חורבן, אָבער זי האָט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין דעם מאַנס געשעפֿטן

און האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען. ווען זי האָט אים געפרעגט, האָט ער זי גראָב אָפּגעשטויסן. דעמאָלט האָט זי זיך באַליידיקט און אויפֿגעהערט צוצושטיין. זי האָט זיך אָבער געשראָקן און נישט געוווסט פֿאַרוואָס.

די קינדער האָט עס לחלוטין נישט געקאָנט איינפֿאַלן, אַז זיי שטייט פֿאָר אַ געפֿאַר. אַנטואַנעט איז געווען צו אינטעליגענט נישט צו פֿילן דאָס אומגליק, פּונקט ווי איר מוטער. אָבער זי איז געווען אינגאַנצן פֿאַרטון אין דער פֿרייד פֿון איר אויפֿבליִענדיקער ליבע. זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן קיין טרויעריקע זאַכן, און געטרייסט זיך, אַז די וואָלקנס וועלן זיך אַליין פֿונאַנדערגיין — און אַז זי וועט נאָך האָבן צייט צו זען דאָס אומגליק, אויב קיין אַנדער וועג וועט נישט בלייבן.

נאָר איינער איז געווען צום שטאַרקסטן מסוגל צו פֿאַרשטיין, וואָס עס קומט פֿאָר אין דער נשמה פֿון דעם אומגליקלעכן באַנקיר: דער קליינער אַליוויער. ער האָט געפֿילט, אַז זיין פֿאָטער ליידט, געליטן מיט אים צוזאַמען, אָבער קיין מוט נישט געהאַט צו רעדן וועגן דעם; נאַטירלעך, האָט ער גאָרנישט געקאָנט העלפֿן און גאָרנישט געוווסט. אויסער דעם, האָט ער אויך בפֿירוש אָפּגעשטויסן די געדאַנקען וועגן די דאָזיקע טרויעריקע זאַכן, וואָס ער האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען. פּונקט ווי זיין מוטער און שוועסטער, איז ער געווען געניגט נאַריש צו גלויבן, אַז די צרה, וועלכע ער וויל נישט קוקן אין פּנים אַריין, וועט אפשר נישט קומען. די אומגליקלעכע מענטשן, בעת זיי פֿילן אַ נאָענטע געפֿאַר, האַנדלען פּונקט ווי די שטרויסן. זיי באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטער אַ שטיין און מיינען, אַז דאָס אומגליק וועט זיי נישט באַמערקן.

עס האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן אומרויִקע קלאַנגען. מ'האָט דערציילט, אַז דער קרעדיט פֿון באַנק האָט זיך גענומען וואַקלען. אומזיסט האָט זיך דער באַנקיר אָנגעשטרענגט צו מאַכן אַן אָנשטעל פֿון אַ רויִקן מענטשן. די, וואָס האָבן אים שטאַרקער חושד געווען, זענען מיט אַן אויסרייד געקומען פֿאָדערן זייערע געלטער. זשאַנען האָט

געפילט, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער. ער האָט זיך פאַרצווייפלט פאַרטיידיקט, געמאַכט זיך בייז, מיט פאַרביטערונג און שטאָלץ באַקלאָגט זיך, וואָס מען איז אים חושד. ער האָט אַפילו געמאַכט פאַר זיי שרעקלעכע סצענעס, וואָס האָבן אינגאַנצן אונטערגעגראָבן זיין גוטן נאָמען. מ'האָט אַלץ שטאַרקער געמאָנט ביי אים די חובות. ער האָט געפילט, אַז ער שטיקט זיך. נישט האָבנדיק שוין קיין שום עצה, איז ער אויף אַ קורצע צייט אַרויסגעפאָרן אין אַ נאָענטן קור-אָרט, איינגעשטעלט זיינע לעצטע וועקסלען און אין אַ פערטל שעה אַלץ פאַרשפילט. דעמאָלט איז ער צוריקגעפאָרן אַהיים.

זיין אומגעריכטע נסיעה האָט אַרויסגערופן אין שטעטל אַ שטורם; מ'האָט געזאָגט, אַז ער איז אַנטלאָפן. דער מאַדאַם זשאַנען האָט זיך קוים איינגעגעבן צו שטילן אַביסל דעם צאָרן און דעם אומרו פון די מענטשן: זי האָט זיי געבעטן צו זיין געדולדיק און געשוווירן, אַז איר מאַן וועט אינגיכן קומען צוריק. זיי האָבן נישט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין אירע רייד, הגם זיי האָבן געוואָלט גלויבן מיט אַלע כוחות. און דעריבער, בעת מ'האָט זיך דערוווסט, אַז ער איז געקומען, איז אַלעמען גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. אַסאַך האָבן אַפילו גענומען גלויבן, אַז זיי האָבן זיך אומזיסט באַאומרויקט און אַז די זשאַנענס זענען גענוג געשיקט און וועלן זיך אויך דאָסמאָל אַרויסדרייען— אויב מ'זאָל אַפילו אָננעמען, אַז זיי האָבן דורכגעלעבט אַ שווערע צייט. דעם באַנקירס האַלטונג האָט באַפעסטיקט זייער איינדרוק. איצט, בעת ער איז שוין געווען אַנטשלאָסן, ווי צו האַנדלען, האָט ער אויסגעזען מיד, אָבער זייער רויק. ער איז אַרויס פון צוג, און פאַרן וואָקזאַל האָט ער רויק געשמועסט מיט עטלעכע באַגעגנטע באַקאַנטע, וועגן די פעלדער, וואָס האָבן עטלעכע וואָכן געליטן פון טרוקעניש, וועגן די שיינע וויינגערטנער און וועגן דער מפלה פון אַ מיניסטעריום, וואָס די אָוונט-צייטונגען האָבן מודיע געווען. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער פילט נישט די אויפרעגונג פון זיין ווייב, וואָס איז אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן און כּמעט דערציילט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען בעת זיין רייזע. זי האָט געפרווט אַרויסלייענען פון זיין פנים, צי ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצווענדן די פאַרבאָרגענע געפאַר, מחמת שטאָלץ האָט זי אים אָבער גאָרנישט געפרעגט. זי האָט געוואַרט, ער זאָל נעמען רעדן. אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט וועגן דער זאַך, וואָס עס האָט זיי

ביידן געפייניקט. ער האָט אויסגעמיטן איר אָפנהאַרציקייט, כדי אַליין נישט צו זיין אָפנהאַרציק. ער האָט גערעדט וועגן דער היץ און מידקייט און באַקלאָגט זיך אויף אַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק. זיי האָבן זיך, ווי שטענדיק, אַלע געזעצט צום טיש.

זיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן, מיד, פאַרזונקען אין זיך, און דער שטערן געקנייטשט. ער האָט געפּויקט מיט די פינגער איבערן טישטוך און געצווונגען זיך צו עסן, ווייל ער האָט געוווסט, אַז מען קוקט אויף אים. מיט אַן אומזיכערן, בלאָנדזשענדיקן בליק, האָט ער געקוקט אויף די צעטומלטע קינדער און אויף זיין פרוי, וואָס איז געזעסן שטייף אין איר באַליידיקטער אייגנליבע, און פאַרבאָרגענערהייט נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג זיינע. ביים סוף פון מיטאָג איז ער געוואָרן אַביסל לעבעדיקער; ער האָט געפּרוווט שמועסן מיט אַנטואַנעט און מיט אָליוויערן, אויסגעפרעגט זיי, וואָס זיי האָבן געטון בשעת זיין רייזע. אַבער זייערע תשובות האָט ער נישט געהערט. ער האָט קוים געהערט זייערע שטימען, און הגם ער האָט אויף זיי געקוקט, האָט זיין בליק געבלאָנדזשעט ערגעץ ווייט. אָליוויער האָט עס געפילט. ער איז אין מיטן דערציילן שטיל געוואָרן און ווייטער נישט געוואָלט רעדן. אָבער אַנטואַנעט איז, נאָך אַ קורצער געדריקטער שטימונג געוואָרן פריילעך, געפּלוידערט פריילעך ווי אַ וווראָנע, אַרויפגעלעגט איר הענטל אויפן פאָטערס האַנט, אָדער אָנגערירט זיין אָרעם, כדי ער זאָל בעסער הערן איר מעשה. זשאַנען האָט געשוויגן, זיין בליק איז אַרומגעלאָפן פון אַנטואַנעטן צו אָליוויערן, און די קנייטשן אויף זיין שטערן זענען געוואָרן אַלץ טיפער. אין מיטן דער דערציילונג פון זיין טאָכטער האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, איז אויפגעשטאַנען פון טיש און צוגעגאַנגען צום פענסטער, כדי צו באַהאַלטן זיין אויפרעגונג. די קינדער האָבן אַוועקגעלעגט זייערע סערוועטן און זענען אויך אויפגעשטאַנען. מאַדאַם זשאַנען האָט זיי אַרויסגעשיקט אין גאָרטן; מ'האָט באַלד געהערט זייערע שטימען, ווי זיי יאָגן זיך אַרום און שרייען. מאַדאַם זשאַנען האָט אַ קוק געטון אויף איר מאַן, וואָס איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, זי איז אַרומגעגאַנגען אַרום טיש, ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט טון און פּלוצלינג איז זי צוגעגאַנגען צו אים און מיט שרעק און אַ געשטיקטער שטים, די דינערשאַפט זאָל נישט דערהערן, געזאָגט:

— וואָס איז דיר אייגנטלעך, אַנטואַן? עפּעס איז דיר דאָך...

באַהאַלסט עפּעס פון מיר... צי האָט דיך אַן אומגליק געטראָפן? אפשר ביסטו קראַנק?

אָבער זשאַנען האָט זי אויך דאָסמאָל אָפּגעשטויסן. הויבנדיק אומגעדולדיק מיט די אַקסלען און האַרט געזאָגט:

— ניין, ניין! איך זאָג דיר, לאָז מיך צורו!

זי איז אַוועק ביז און אין איר בלינדן כעס געטראַכט, אַז איצט מעג טרעפן מיט איר מאַן, וואָס עס וויל זיך — זי וועט דערויף קיין אַכט נישט לייגן.

מאַדאַם זשאַנען איז אַראָפּ אין גאָרטן. אַנטואַנעט האָט זיך לוסטיק געשפּילט און גערייצט זיך מיטן ברודער, כדי ער זאָל אַנטלויפן. אָבער דאָס יינגל האָט פּלוצלינג געזאָגט, אַז ער וויל זיך מער נישט שפּילן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן וואַנט עטלעכע טריט פון זיין פאָטער. אַנטואַנעט האָט זיך נאָך געפּרוווט רייצן מיט אים, אָבער ער האָט זי ביז אָפּגעשטויסן. זי האָט זיך אָנגעביי־זערט, און אַזוי ווי זי האָט אין גאָרטן נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו שפּילן, איז זי אַריין אין שטוב און געזעצט זיך ביים פּאָרטעפּיאַן. הער זשאַנען און אָליוויער זענען געבליבן אַליין.

— וואָס איז דיר מיין קינד? פאַרוואָס ווילסטו זיך נישט שפּילן? — האָט דער פאָטער ווייך געפרעגט.

— כ'בין מיד, פּאַפּאַ.

— גוט, לאָמיר זיך ביידע זעצן אויף אַ באַנק.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט, ס'איז געווען אַ שיינע סעפּטעמבער־נאַכט. אַ דורכזיכטיקער פינסטערער הימל. אַ זיסער ריח פון פּעטוניעס האָט זיך צונויפגעמישט מיטן באַנאַלן, אַביסל דורכגעפוילטן ריח פונם פינסטערן קאַנאַל, וואָס האָט געדרימלט פאַר דער טעראַסע. גאָלדענע אָוונט־פלאַטערלעך האָבן זשומענדיק געפּאָכעט מיט די פליגעלעך אַרום די בלומען, די רויקע שטימען פון די שכנים, וואָס זענען געזעסן ביי זייערע טירן אויף דעם צווייטן זייט קאַנאַל, זענען דערגאַנגען אַהער אין דער שטילקייט. אין שטוב האָט אַנטואַנעט געשפּילט אויפן פּאָרטעפּיאַן, געקרייזלטע איטאַליענישע קאַוואַטינען. אָליוויערס הענטל איז געלעגן אין זשאַנענס האַנט. ער האָט גערויכערט. דאָס יינגל האָט אין חושך, וואָס האָט פאַרשטעלט פון אים די שטריכן פון זיין טאַטנס פּנים, געקוקט אויפן פייער פון דער לולקע, וואָס האָט זיך אַלע ווײַלע צעברענט און זיך פאַרלאָשן, ביז זי איז אינגאַנצן אויסגעגאַנגען. זיי

האָבן גאָרנישט גערעדט, אָליווער האָט זיך געפרעגט, „ווי ס'הייסן עטלעכע שטערן. זשאַנען, וואָס איז אין נאַטור-ענינים געווען אַן עם-הארץ, ווי כמעט אַלע קליינבירגער אין די פּראָווינץ-שטעט, האָט נישט געקאָנט קיין איין שטערן, אויסער די גרויסע גרופּן, וואָס זענען אַלע-מען באַקאַנט. נאָר ער האָט זיך געמאַכט, ווי דאָס יינגל וואָלט זיך געפרעגט אויף די שטערן-גרופּן, און האָט זיי אָנגערופן ביים נאָמען. אָליווער האָט מער נישט געפרעגט. ער האָט שטענדיק מיט פרייד אויסגעהערט זייערע מיסטעריעזע, שיינע נעמען און האָט זיי שעפּטשענ-דיק נאָכגעזאָגט. ער איז נישט אויסן געווען אַזוי שטאַרק צו דערוויסן זיך וועגן די שטערן, ווי ער איז אויסן געווען אינסטינקטיוו זיך צו דערנענטערן צום פאָטער. זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אָליווער האָט געקוקט צו די שטערן, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אינם אָנלען פון באַנק און מיט אַן אָפן מויל. ער האָט גענומען דרימלען. די וואַרעמ-קייט פון פאָטערס האַנט האָט אים אַדורכגענומען דורך און דורך. פּלוצלינג האָט די האַנט אַ ציטער געטון. אָליווער האָט געפונען, אַז דאָס איז זייער לעכערלעך, און ער האָט מיט אַ לאַכנדיקער פאַרשלאָ-פענער שטים געזאָגט:

— אָ, ווי עס ציטערט דיין האַנט, פּאַפּאַ!

הער זשאַנען האָט צוגענומען זיין האַנט.

אָליווער, וואָס זיין קליין מוחל האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, האָט אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— דו ביסט אויך מיד, פּאַפּאַ?

— יאָ, מיין קינד.

דעם יינגלס האַרציקע שטים האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— דאַרפסט זיך נישט אַזוי פאַרמאַטערן. פּאַפּאַ.

הער זשאַנען האָט צוגעצויגן צו זיך אָליווערס קאָפּ, צוגעדריקט אים צום האַרצן און געפּליסטערט:

— אָרעם קינד מיינס!

אָבער אָליווערס געדאַנקען זענען אַוועק אין אַן אַנדער זייט. דער טורעם-זייגער האָט אויסגעשלאָגן אַכט. אָליווער האָט זיך אַרויס-געגליטשט פון פאָטערס הענט און געזאָגט:

— איך גיי לייענען.

יעדן דאָנערשטיק האָט ער געמוזט לייענען אַ שעה נאָכן עסן פאַרן שלאָף, די דאָזיקע שעה איז געווען פאַר אים אַ גרויס גליק

און ער וואָלט זי פֿאַר קיין פּרייז נישט אַוועקגעגעבן.

הער זשאַנען האָט אים געלאָזט גיין. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק איבער דער פֿינסטערער טעראַסע. דערנאָך איז ער אויך אַריין אין שטוב.

אין צימער אַרום לאָמפּ זענען געזעסן די מוטער און די קינדער. אַנטואַנעט האָט זיך צוגענייט אַ באַנד צו אַ קליידל, נישט אויפֿהערנדיק אויף קיין איין מינוט צו רעדן אָדער זינגען, צו דער גרויסער ערגערונג פֿון אָליוויערן, וואָס איז געזעסן מיט געקנייטשטע ברעמען, די עלנבויגנס אויפֿן טיש, און האָט זיך מיט די פֿויסטן פֿאַרשטאָפּט די אויערן, כּדי נישט צו הערן אירע רייד. מאַדאַם זשאַנען האָט געשטריקט זאָקן און געשמועסט מיט דער אַלטער דינסט, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר און איבערגעגעבן דעם חשבון פֿון די הוצאות, און ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אַביסל געפּלוידערט; זי האָט שטענדיק געקאָנט דערציילן פֿאַרוויילנדיקע מעשׂיות מיט אַ משונהדיקער, קאָמישער אויסשפּראַך, וואָס אַנטואַנעט האָט זיך באַמיט זי נאָכצושפּעטן. הער זשאַנען האָט זיי שטיל אָנגעקוקט, קיינער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט. אַ ווײַלע האָט ער זיך געקווענקלט, געזעצט זיך, גענומען אַ בוך, געעפֿנט, ווידער פֿאַרמאַכט, און אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט. ס'איז געווען באַשלאָסן; מער קאָן ער דאָ נישט בלייבן. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט", צוגעגאַנגען צו די קינדער און זייער גערירט זיי געקושט. זיי האָבן געענטפֿערט צעטומלט, נישט אויפֿהייבנדיק אויף אים זייער בליק: אַנטואַנעט איז געווען פֿאַרנומען מיט איר אַרבעט און אָליוויער מיט זיין בוך. אָליוויער האָט אַפֿילו נישט אַראָפּגענומען די הענט פֿון די אויערן נאָר לאַנגווײַליק אַ ברום געטון „אַ גוטע נאַכט", און ווייטער געלייענט (בעת ער האָט געלייענט, האָט ער זיך פֿון אָרט נישט גערירט, די גאַנצע וועלט אַרום אים האָט געמעגט פֿאַרברענט ווערן). הער זשאַנען איז אַרויס פֿון צימער. אין צווייטן חדר האָט ער זיך אַ ווײַלע געזאַמט, אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרײַנגעקומען זײַן ווײַב און גענומען אײַנלייגן די וועש אין שאַנק, ווײַל די דינסט איז אַרויסגעגאַנגען. זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט אים נישט באַמערקט. ער האָט זיך געקווענקלט אַ מינוט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט:

— זיי מוחל. כ'האָב פֿריִער גערעדט צו דיר אַביסל צו האַרט.

זי האָט אים געוואָלט זאָגן:

— אָרימער מאַן מײַנער, כ'האָב צו דיר קיין טענות נישט, אָבער זאָג מיר, וואָס איז דיר? זאָג וואָס דריקט דיר אויפן האַרצן?

זי איז אָבער געווען צופרידן, וואָס זי קאָן זיך נוקם זיין און געזאָגט:

— לאָז מיך צורו! דו באַגייסט זיך מיט מיר גראָב, ווי מיט אַ דינסט.

אין דעם זעלבן טאָן האָט זי ווייטער גערעדט, אויסגעלאָדן אַלע אירע טענות און איר גאַנץ האַרץ מיט אַ שאַרפער נקמהדיקער שפּראַך.

ער האָט פאַרמאַטערט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ביטער אַ שמייכל געטון און איז אַוועק.

קיינער האָט דעם שאָס נישט געהערט. נאָר אויף צומאָרגנס בעת מ'האָט זיך דערוווּסט, וואָס עס איז געשען, האָבן זיך עטלעכע שכנים דערמאָנט, אַז אַרום האַלבע נאַכט האָבן זיי אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דערהערט אַ קלאַפּ, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ קנאַל פון אַ בייטש. זיי האָבן אויף דעם קיין אַכט נישט געלעגט. די שטילקייט איז ווידער אַראָפּ אויף דער שטאָט און אַרומגענומען מיט אירע שווערע קנייטשן די לעבעדיקע און די טויטע.

מאַדאַם זשאַנען איז דעמאָלט געשלאָפן. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט אין אַ שעה, צוויי אַרום. זי האָט נישט געזען דעם מאַן נעבן זיך, איז זי אויפגעשטאַנען מיט האַרץ קלאַפּעניש, דורכגעגאַנגען אַלע צימערן, אַראָפּ אויפן אונטערשטן שטאָק, אַריין אין דער באַנק ביוראָ, וואָס געפינט זיך נאָענט צו זייער הויז, און דאָרט, אין זשאַנענס אַרבעט-צימער, האָט זי אים געפונען אין אַ פאָטעל, ביי זיין אַרבעטס-טיש, אַ טויטן, באַגאָסן מיט בלוט, וואָס האָט נאָך אַלץ געריסן אויף דער ערד. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ האַרץ-רייסנדן געשריי, דאָס ליכט איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, און זי האָט געחלשט. מ'האָט איר געשריי דערהערט אין שטוב. די דינער זענען געקומען צולויפן. אויפגעהויבן זי און געמונטערט; דערנאָך האָבן זיי אַריבערגעטראָגן דעם קערפּער פון הער זשאַנען און אים געלעגט אויפן בעט

דאָס קינדער-צימער איז געווען פאַרמאַכט. אַנטואַנעט איז זאָרגלאָז געשלאָפן. אָליוויער האָט געהערט די געשרייען און די טריט און געוואָלט וויסן, וואָס דאָרט איז געשען, אָבער ער האָט מורא געהאַט אויפצוועקן זיין שוועסטער, און איז צוריק איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס האָט זיך די ידיעה פאַרשפרייט אין שטאָט — און די קינדער האָבן נאָך אַלץ דערפון נישט געוואוסט. די אַלטע דינסט האָט זיי מיט געוויין אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה. די מוטער איז נישט געווען פעיק צו טראַכטן וועגן אומגליק, זי האָט זיך געפילט זייער שוואַך אין געזונט. ביידע קינדער זענען געבליבן אַליין פנים אל פנים מיטן טויט, אין די ערשטע מינוטן האָט די שרעק גובר געווען דעם ווייטיק. אגב האָט מען זיי נישט געלאָזט רויק וויינען. פון אינדערפרי אָן האָבן זיך אָנגעהויבן די אַכזריותדיקע פאָרמאַליטעטן. אַנטואַנעט איז אַנטלאָפן צו זיך אין צימער און האָט אַלע כוחות פון איר יונגן עגאָיזם צוזאַמענגענומען אין איין געדאַנק, אין דעם איינציקן פאַרלאַנג, וואָס איז מסוגל געווען איר צו העלפן אָפצושטויסן פון זיך די שרעקלעכע ווירקלעכקייט: דער געדאַנק וועגן איר פריינט. זי האָט געוואַרט אויף אים פון שעה צו שעה. ער האָט איר נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל האַרציקייט, ווי בעת זייער לעצטער באַגעגעניש. זי האָט נישט געצווייפלט, אַז קוים וועט ער זיך דערוויסן וועגן דעם אומגליק, וועט ער תיכף קומען און טיילן מיט איר דעם טרויער. — אָבער קיינער איז נישט געקומען. קיינער האָט קיין טרייסט-וואָרט נישט צוגעשיקט, קיין סימן פון מיטלייד. פאַרקערט, — ווי נאָר מען האָט זיך דערוווסט וועגן אומגליק, זענען געקומען צו לויפן אַלע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט ביים באַנקיר געלט; זיי האָבן אויפגעבראָכן די טיר און אַכזריותדיק, אָן שום רחמנות, געמאַכט שרעקלעכע סצענעס דער פרוי און די קינדער.

אין משך פון עטלעכע טעג זענען געפאַלן אויף זייערע קעפ אַלערליי צרות. זיי האָבן אַלץ פאַרלוירן: דעם טייערסטן מענטשן, דאָס פאַרמעגן, דעם געזעלשאַפטלעכן מעמד, דעם גוטן נאָמען און די פריינד. ס'איז געווען אַ פולשטענדיקער חורבן. פון זייער פריערדיק לעבן איז קיין שפור נישט געבליבן. זיי האָבן אַלע דריי פאַרמאָגט דאָס געפיל פון טיפער, מאָראַלישער ערלעכקייט, און דעריבער איז זיי שווערער געווען אַריבערצוטראָגן די שאַנד, וואָס זיי האָבן נישט פאַרדינט. צום שטאַרקסטן האָט געליטן אַנטואַנעט, ווייל זי איז וועניקער

פון אַלעמען געווען צוגעגרייט צו אַזאַ מפּלה. דער מאַדאַם זשאַנען און און אָליוויערן איז די וועלט פון יסורים נישט פרעמד געווען. הגם זייער בראָך איז געווען גרויס. אַלס אינסטינקטיווע פּעסימיסטן, זענען זיי פון דעם אומגליק נישט געווען אַזוי שטאַרק איבערראַשט, ווי נידערגעשלאָגן. דער געדאַנק וועגן טויט איז שטענדיק געווען פאַר זיי אַ טרייסט. איצט האָבן זיי זיך אין אים אָנגעקלאַמערט נאָך שטאַרקער. זיי האָבן געוואָלט שטאַרבן. אַוודאי איז עס געווען אַ טרויעריקע רעזיגנאַציע: אָבער דאָך איז זי נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי דער בונט פון אַ יונגן גלויבנדיקן, גליקלעכן מענטשן, וואָס האָט ליב דאָס לעבן און דרעזעט זיך פלוצלינג פאַרזונקען אין טרויער, אָן אַן אויסוועג און אָן אַ סוף. פנים אל פנים מיטן טויט, וואָס דערוועקט אַן אימה.

אין איין רגע האָט זיך פאַר אַנטואַנעט אַנטפּלעקט די מיאוסקייט פון דער וועלט. עס האָבן זיך איר געעפנט די אויגן: זי האָט דערזען דאָס לעבן. זי האָט געמשפּט איר פאָטער, איר מוטער, איר ברודער, אָליוויער און מאַדאַם זשאַנען האָבן צוזאַמען געוויינט, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזונדערט אין איר טרויער. איר קליינער מוח האָט פאַרצווייפלט געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. זי האָט געזען, אַז ס׳איז איר גאָרנישט געבליבן אויף דער וועלט, נישט קיין האָפנונג, נישט קיין שטיצע, און אַז זי קאָן מער צו קיינעם נישט האָפן.

די לויה איז געווען טרויעריק און אַן אמתער בזיון. די קירכע האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם גוף פון דעם זעלבסטמערדער. די אלמנה און די יתומים זענען אַליין געגאַנגען נאָכן ארון פון טויטן, ווייל די געמיינע פריינד זענען נישט געקומען, קוים צוויי אָדער דריי האָבן זיך באַוויזן אויף אַ רגע, אָבער זייער אומזיכערער גאַנג האָט נאָך מער ווי געטון די אומגליקלעכע, ווי דאָס נישט קומען פון די איבעריקע; ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן מיט זייער קומען געטון אַ גרויסע טובה, און זייער שווייגן איז געלעגן אַ שווערע טענה און אַ פאַראַכטלעכער רחמנות. די האַלטונג פון די קרובים איז נאָך געווען ערגער. לא די וואָס זיי האָבן זיי נישט געטרייסט, האָבן זיי נאָך געמאַכט ביטערע פאָרווורפן. דעם באַנקירס זעלבסטמאָרד האָט נישט איינגעשטילט די שנאה, פאַרקערט: מ׳האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעכן, נישט קיין קלענערן ווי באַנקראָט, דאָס קליינבירגערטום קאָן

נישט מוחל זייל קיין זעלבסטמערדער, אַ מענטש, וואָס קלויבט בעס־ער אויס דעם טויט איידער אַ שענדלעך לעבן, קומט אויס אין זייער אויגן, ווי אַ פאַרזעעניש, און זיי זענען גרייט אָנצוווענדן די שטרענגסטע שטראָף קעגן די דאָזיקע מענטשן, וואָס מיינען צו זאָגן:

— נישטאָ קיין גרעסער אומגליק, ווי צו לעבן צוזאַמען מיט אייך.

די געמיינסטע קליינבירגער זענען די ערשטע, וואָס רופן אָן די דאָזיקע טאַט „געמיינהייט". און אויב דער זעלבסטמערדער, מאכנדיק אַ סוף צו זיין לעבן, באַרירט אויך זייערע אינטערעסן און נעמט ביי זיי צו די מעגלעכקייט זיך נוקם צו זיין — גייען זיי פשוט פון זינען אַראָפּ מחמת צאָרן. ס'איז זיי קיין איין רגע אויפן זינען נישט אַרויף, ווי שטאַרק דער אומגליקלעכער זשאַנען האָט געמוזט ליידן, אויב ער האָט אויסגעקליבן דעם אויסוועג. זיי וואָלטן אים מיטן גאַנצן האַרצן אָנגעטון גרעסערע יסורים, און אַזוי ווי ער איז אַנטרינען געוואָרן, האָבן זיי אַרויפגעלייגט זיינע זינד אויף דער פאַמיליע. זיי האָבן עס אָפן נישט מודה געווען און געוווסט האָבן זיי, אַז ס'איז אומגערעכט. און דאָך האָבן זיי נישט אויפגעהער'ט צו טון זייערס, ווייל זיי האָבן געמוזט האָבן אַ קרבן.

מאַדאַם זשאַנען, וואָס איז ביז יעצט מסוגל געווען נאָר צו קרעכצן, האָט געוווּנען איר גלייכגעוויכט און איר ענערגיע, בעת מ'האָט אָנגעגריפן איר מאַן. ערשט איצט איז איר קלאָר געוואָרן, ווי שטאַרק זי האָט אים ליב געהאט; און די דאָזיקע דריי נפשות, וואָס האָבן דעם מינדעסטן באַגריף נישט געהאט וועגן זייער מאָרגן, האָבן איינשטימיק באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון דער מאַמעס ירושה, זייער איינציק פאַרמעגן, אַבי אָפּצוצאָלן, ווי ווייט מעגלעך, דעם פאָטערס חובות. און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געקאָנט לענגער בלייבן אין זייער שטאָט, האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין פאַריז.

זייער נסיעה האָט אויסגעזען ווי אַן אַנטלויפעניש.

ערב זייער רייזע זענען זיי צוזאמען געגאנגען זיך געזעגענען מיטן קבר. ס'איז געווען אַ טרויעריקער אָוונט פון די לעצטע

סעפטעמבער טעג: די פעלדער זענען פארשוווּנדן געוואָרן הונטערן שלייער פון די גרויסע ווייסע נעפלען; וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען פאָריס, אַלץ מער האָבן זיך אויסגעטיילט פון ביידע זייטן וועג די סקעלעטן פון די ציטערנדיקע קוסטעס, וואָס פון זיי האָט געטריפט וואַסער, ווי פון אַקוואַריום־געוויקסן. זיי האָבן אַלע דריי געקניט אויפן ראַנד פון דעם שטיין, וואָס אַרום דעם פריש־געגראָבענעם קבר. זייערע טרערן זענען שטיל געפאַלען, אָליוויער האָט מיט אַ שלוקערץ געכליפעט. מאַדאם זשאַנען האָט פאַרצווייפלט געווישט זיך די אויגן. זי האָט אַליין פאַרשטאַרקט איר ווייטיק, אַליין זיך געפייניקט און אָן אויפהער איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט איר מאַן דאָס לעצטע מאָל פאר זיין טויט. אָליוויער האָט זיך דערמאָנט דעם שמועס, אויף דער באַנק פון דער טעראַסע. אַנטואַנעט האָט געטראַכט וועגן זייער גורל אין דער צוקונפט. קיין איינער פון זיי האָט נישט געפילט אין הארצן דעם מינדעסטן פאָרוואורף צום אומגליקלעכן, וואָס האָט זיי חרוב געמאַכט צוזאַמען מיט זיך. נאָר אַנטואַנעט האָט געטראַכט:

— אוי, פאפא טייערער, וויפל מיר וועלן איצט ליידן!

דער נעפל איז געדיכטער געוואָרן, די פייכטקייט איז אַריין אין די ביינער, אָבער מאַדאַם זשאַנען האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו פאַרלאָזן דעם קבר. אַנטואַנעט האָט געזען, ווי אָליוויער ציטערט, און געזאָגט צו איר מאַמען:

— מאמע, ס׳איז מיר קאַלט.

זיי זענען אויפגעשטאנען. אוועקגייענדיק, האָט זיך מאדאם זשאַנען צום לעצטן מאָל אויסגעדרייט צום קבר און געזאָגט:

— אָרעמער פריינט מיינער!

זיי זענען אַראָפּ פון בית־עולם אין דער צופאַלנדיקער נאַכט אַנטואַנעט האָט געהאלטן אָליוויערס דערפרוירענע האַנט.

זיי זענען אַריין אין דער אלטער שטוב. ס׳איז געווען די לעצטע נאַכט, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין זייער היים, ווו זיי זענען שטענדיק געשלאָפן; ווו ס׳האָט זיך געצויגן זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע עלטערן,—די דאָזיקע ווענט, דאָס פייער, דאָס קליינע שטיקל ערד האָבן זיי געבונדן צו זיך, צום פרייד און צער פון דער משפחה. זיי, די ווענט, האָבן אויך אויסגעזען, ווי מיטגלידער

פֿון דער פאמיליע, ווי אַ טייל פון זייער לעבן, וואָס נאָר דער טויט קאָן זיי צושיידן.

זייערע זאַכן זענען שוין געווען איינגעפּאַקט. זיי האָבן גערעכנט צו פאָרן פאַרטאָג מיטן ערשטן צוג, איידער די שכנים עפענען די געוועלבער. זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן זייער נייגעריקייט און די ביזוויליקע פּרושים. זיי האָבן געפילט אַ באַדערפעניש איינצוטוליען זיך איינער אין דעם צווייטן, און דאָך איז יעדער איינער אינסטינקטיוו אַריין אין זיין צימער און זיך לאַנג דאָרטן געזאַמט: זיי זענען געבליבן שטיין, נישט גערירט זיך פון אָרט, נישט געהאַט דעם מוט אַראָפּצונעמען דעם היט און דעם מאַנטל, אָנגערירט די ווענט, דאָס מעבל, אַלץ וואָס זיי האָבן איצט געמוזט פאַרלאָזן, זיי האָבן אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אין שויב, געוואָלט מיטנעמען מיט זיך און באַהאַלטן אין האַרצן די באַרירונג פון די באַליבטע זאַכן. לסוף האָט זיך יעדערער באמת גובר צו זיין דעם עגאָיזם פון די וויטיקלעכע געדאַנקען, און זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם צימער פון מאַדאַם זשאַנען, אין דעם פאַמיליען-צימער, וואָס האָט טיף אין עק פאַרמאָגט אַן אַלקער. דאָרט פלעגן זיי זיך אַ מאָל פאַרזאַמלען פאַרנאַכטצייט, נאָכן עסן, ווען עס זענען נישט געקומען קיין געסט. אַמאָל! דאָס אַלץ האָט זיי איצט אויסגעזען זייער ווייט. זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיק אַרום דעם איינגעשרומפּענעם פלאַם, דערנאָך האָבן זיי תּפֿילה געטון, געפאַלן פאַרן בעט אויף די קני און געלעגט זיך זייער פריי שלאָפן, ווייל זיי האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן פאַרטאָג. אָבער אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט איידער זיי זענען איינגעשלאָפן.

פיר אַ זייגער פאַרטאָג האָט מאַדאַם זשאַנען, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויפן זייגער, צי ס'איז שוין נישט צייט זיך אויפצוהויבן, אָנגעצונדן אַ ליכט און איז אויפגעשטאַנען. אַנטואַנעט, וואָס איז כמעט נישט געשלאָפן, האָט דערהערט איר קול און איז אויך אויפגעשטאַנען, אָליוויער איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. מאַדאַם זשאַנען האָט אים צערטלעך אָנגעקוקט און נישט געהאַט קיין האַרץ אים אויפצוּוועקן. זי איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ-פינגער און געזאָגט צו אַנטואַנעט:

— לאָמיר נישט מאַכן קיין טומל, זאָל זיך דער קליינער פרייען מיט די לעצטע מינוטן אינדערהיים!

ביידע פרויען האָבן געענדיקט זיך אָנטון און איינגעפּאַקט

זייערע זאַכן. אַרום דער שטוב האָט געשוועבט די גרויסע שטילקייט פון די קילע נעכט, ווען אַלץ וואָס לעבט, דער מענטש און די בהמה, ווערט גיריק פאַרזונקען אין וואַרעמען שלאָף. אַנטואַנעטן האָט גע־קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן, איר האַרץ און איר קערפּער זענען געווען קאַלט ווי אייז.

אין דער פאַרפרוירענער לופט האָט אַ סקריפּ געטון די איינ־גאַנגס טיר. די אַלטע דינסט איז מיט די שליסלען אין די הענט גע־קומען דאָס לעצטע מאָל באַדינען אירע באַלעבאַטים. קליין, דיק, מיט אַ קורצן אָטעם, האָט זי פאַרמאַגט, נישט געקוקט אויף איר דיקקייט, אַ וווּנדערבאַרע פלינקקייט לויט אירע יאָרן. זי איז איצט געקומען מיט אַ גוטמוטיק אָנגעשוואָלן פּנים, מיט אַ רויטער נאָז און פאַרוויינטע אויגן. זי איז ממש געווען פאַרצווייפלט, וואָס מאַדאַם זשאַנען איז אויפגעשטאַנען און האָט אַליין, נישט וואַרטנדיק אויף דער דינסט, געמאַכט פייער אין קיך. איר אַריינקומען האָט אויפגעוועקט אַליווייערן. אין אָנהויב האָט ער צוריק פאַרמאַכט די אויגן און זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט, כדי ווידער איינצושלאָפן. אַנטואַנעט האָט לייכט אַרויב־געלעגט איר האַנט אויפן ברודערס אַקסל און אים שטיל גערופן:

— אַליווייער, טייערער, שוין צייט.

ער האָט אָפּגעזיפצט, געעפנט די אויגן און דערזען די שוועס־טער איבערגעבויגן איבער זיין פּנים: זי האָט טרויעריק צו אים גע־שמייכלט און געגלעט מיט דער האַנט זיין שטערן. זי האָט זיך ווי־דער אָנגערופן:

— שטיי אויף.

ער איז אויפגעשטאַנען.

זיי זענען אַרויס פון שטוב שטיל ווי גנבים. יעדערער האָט געהאַלטן פּעקלעך אין די הענט. די אַלטע דינסט איז געגאַנגען פאָרויס און געשלעפּט די גרויסע פּעק אויף אַ וועגעלע. זיי האָבן אי־בערגעלאָזט כמעט אַלץ אין דערהיים, און מיטגענומען מיט זיך בלויז די קליידער אויף זיך און נאָך אַביסל קליידער. מ׳האָט זיי געזאָלט שפּעטער אַרויסשיקן עטלעכע אָנדענקענס, אַ פּאָר ביכער, בילדער, אַן אַלטן זייגער, וואָס זיין טיק־טאַק האָט, דוכט זיך, אויסגעקלאַפּט דעם פּולס פון זייער לעבן. ס׳איז געווען אַ שלעכט וועטער. די גאַנצע שטאָט איז נאָך געשלאָפן. די לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט, די גאַסן וויסט, זיי האָבן געשוויגן, נאָר די דינסט אַליין האָט גערעדט. מאַדאַם

זשאַנעט האָט זיך באַמיט איינצוקריצן אין איר זכרון דאָס לעצטע מאָל די בילדער, וואָס האָבן איר דערמאָנט די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט.

אויפן וואָקזאַל האָט מאַדאַם זשאַנען,צוליב איינגליבע געקויפט בילעטן פון צווייטן קלאַס, הגם זי האָט אַ נדר געטון צו פאָרן מיט דער דריטער; זי האָט נישט געהאַט קיין מוט צו דערנידעריקן זיך פאַר די צוויי אָדער דריי באַן-באַאַמטע, וואָס האָבן זי פון לאַנג גע-קענט. זי האָט זיך גיך אַריינגעכאַפט אין אַ ליידיקער קופע און זיך פאַרמאַכט מיט די קינדער. זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די פאָר-האַנגען און מורא געהאַט טאָמער טרעפן זיי אַ באַקאַנטן. אָבער קיי-נער האָט זיך נישט באַוויזן; די שטאָט האָט ערשט, בעת זייער פאָרן, זיך אויפגעכאַפט פון שלאָף: דער וואַגאָן איז געווען פוסט, נאָר דריי אָדער פיר פויערים זענען מיטגעפאָרן און אָקסן, וואָס האָבן אַרויסגע-שטעקט די קעפּ פון וואַגאָן אַרויס און טרויעריק געשריגן. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַ פייף געטון, און דער צוג האָט זיך אין נעפל אַ ריר געטון פון אָרט. די דריי וואַנדערער האָבן צע-עפנט די פאָרהאַנגען, צוגעדריקט די פנימער צו די שויבן, און צום לעצטן מאָל געקוקט אויף דער שטאָט, וואָס איר גאָטישער טורם איז כמעט נעלם געוואָרן אינעם נעפל, געקוקט אויף דאָס בערגל מיט זיינע רויכנדיקע, מיט טוי-באַוויסטע לאָנקעס: דאָס איז איצט געווען אַ טרוימען-לאַנד, אַ ווייטס, כמעט נישטווירקלעכס. און ווען זיי זענען צוגעפאָרן צום אָרט, ווו דער וועג פאַרנעמט זיך אין אַ זייט, באַרג צרויף, און די שטאָט איז נעלם געוואָרן, — האָבן זיי זיך נישט גע-קאָנט איינהאַלטן. איצט זענען זיי געווען זיכער, אַז קיינער וועט זיי נישט זען. מאַדאַם זשאַנען האָט געכליפּעט, האַלטנדיק דאָס טיכעלע צוגעדריקט צום מויל. אָליוויער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער מאַ-מען, געלעגט דעם קאָפּ אויף אירע קני און באַדעקט אירע הענט מיט קישן און טרערן. אַנטואַנעט, וואָס איז געזעסן אין צווייטן עק פון קופע, האָט זיך אויסגעדרייט צום פענסטער און שטיל געוויינט. נישט צוליב די זעלבע סיבות האָבן זיי אַלע דריי געוויינט. מאַדאַם זשאַנען און אָליוויער האָבן געטראַכט וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געלאָזט הינ-טער זיך. אַנטואַנעט האָט געטראַכט וועגן דעם אומבאַקאַנטן מאָרגן. זי האָט זיך עס פאַרגעוואָרפן, געוואָלט פאַרזונקען ווערן אין זכרונות... אָבער זי איז געווען גערעכט, כ'ראַכטנדיק וועגן דער צוקונפט. זי האָט געזען די לאַגע קלאָרער, ווי איר מאַמע און ברודער. זיי האָבן

געהאַט אילוזיעס בנוגע פּאַריז. אַפילו אַנטואַנעט האָט זיך אויך ווייט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ לעבן עס וואַרט אויף זיי. זיי זענען דאָרט קיינמאָל נישט געווען. מאַדאַם זשאַנען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויב זייער מצב איז טרויעריק, איז ער אָבער נישט האָפּבונגסלאָז. זי האָט געהאַט אין פּאַריז אַ שוועסטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן באַאַמטן, און געגלויבט, אַז די שוועסטער וועט איר העלפן. זי איז געווען זיכער, אַז אירע קינדער מיט זייער דערציונג און נאַטירלעכע פעיקייטן, וואָס זי האָט, ווי אַלע מאַמעס, איבערגעטריבן, — וועלן לייכט קאָנען פאַרדינען אויף זייער לעבן.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס זיי האָבן באַקומען איז געווען אַ טרויעריקער. אויפן וואָקזאַל האָבן זיי זיך פשוט דערשראָקן פאַר דעם געדראַנג פון מענטשן אין דעם באַגאַזש־זאַל און פאַרן רעש פון די משא־וואָגנס, וואָס זענען געשטאַנען צונויפגעדריקט פאַרן אַרויסגאַנג. ס׳איז געפאַלן אַ רעגן. מ׳האָט נישט געקאָנט געפינען קיין קאַרעטע און זיי האָבן געמוזט גיין אַ שטיק וועגס, די הענט זענען זיי אָפּגעפאַלן פון די שווערע פעק, און זיי האָבן געמוזט פון צייט צו צייט בלייבן שטיין אינמיטן גאַס, ווייל די וואָגנס האָבן זיי געקאָנט איבערפאָרן אָדער באַשפּריצן מיט בלאָטע. קיין איין וואָגן האָט נישט געלעגט קיין אַכט אויף זייערע געשרייען. לסוף האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרהאַלטן עפּעס אַן אַלטע, שרעקלעך־שמוציקע קאַרעטע. אַרויפלעגנדיק די פעקלעך, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזן אין בלאָטע אַ פעקל מיט קאָלדרעס. דער וואָקזאַל־טרעגער און דער קוטשער האָבן ביידע אויסגענוצט זייער נאַיווקייט און געפאָדערט דאָפּלט געלט מאַדאַם זשאַנען האָט אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון אַ שלעכטן, אָבער טייערן האָטעל, ווו עס פלעגן פאַרפאָרן געסט פון דער פּראָווינץ, ווייל איינער פון אירע עלטער־זיידעס פלעגט אַמאָל אַהין פאַרפאָרן. אין דעם דאָזיקן האָטעל האָט מען פשוט געשינדן פון זיי די הויט. מ׳האָט זיי געזאָגט, אַז דער האָטעל איז איבערפולט, און מ׳האָט זיי אַלע צוזאַמען אַריינגעפּאַקט אין אַן ענגן צימער און געריסן אַ פּרייז פאַר דריי צימערן. זיי האָבן געוואָלט זיין שפּאָרזאַם, האָבן זיי זיך

אָפגעזאָגט פון אַ גאַנצן מיטאָג און געגומען אַ מיטאָג אַ באַשיידענעם אַ טייערן, און באַצאָלט נישט ביליקער ווי פאַר יענעם. הגם זיי זענען געבליבן הונגעריק. באַלד אין די ערשטע מינוטן פון זייער קומען האָבן זיי פאַרלוירן די אילוזיעס. אין דער ערשטער נאַכט, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין האָטעל, אַלע צוזאַמען אין איין דושנעם צימערל, האָבן זיי נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ס'איז זיי געווען קאַלט און וואַרעם, און זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען. זיי האָבן געציטערט ביי יעדן טריט אין קאָרידאָר, ביי יעדן קלאַפ אין אַ טיר, ביי יעדן קלאַנג פון די עלעקטרישע גלעקלעך. ס'האָט זיי ווי געטון דער קאָפ פון די טומלענדיקע קאַרעטעס און שווערע לאַסט־וואָגנס, אָט אזוי האָט זיך אין זיי איינגעקריצט דער איינדרוק פון אַן אימה־דיקער שטאָט, צו וועלכער זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון און זענען אין איר פאַרלוירן געוואָרן.

צומאָרגנס איז מאַדאַם זשאַנען אַוועקגעלאָפן צו איר שוועסטער, וואָס האָט געווינט אין אַ פראַכטפולן פאַלאַץ אינם הויסמאַן־בולוואַר. אין האַרצן האָט זי געהאָפט, אַז די שוועסטער וועט איר פאָרלעגן צו וווינען ביי איר, ביז זיי וועלן אַרויס פון דער שווערער לאַגע. דער ערשטער קבלת פנים האָט איר אָבער געוויזן, אַז ס'איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפן. די משפחה פואַיע דעלאָרם איז געווען מלא חמה אויפן באַנקראָט פון איר קרוב. דער עיקר האָט די פרוי מורא געהאַט, טאָמער קריגט דער ענין אַ שייכות מיט זיי און טאָמער קאָמפּראָמיטירט עס איר מאַן, וואָס האָט זיך געריכט אויף אַוואַנסן, און זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַן אויסערגעוויינלעכע חוצפה, וואָס די רואינירטע פאַמיליע איז צו זיי אַראָפּגעקומען. אַזוי האָט אויך געטראַכט איר מאַן. אָבער ער איז געווען אַ גאַנץ אָרנטלעכער מענטש און איז גרייט געווען זיי אַרויסצוהעלפן, ווען דאָס ווייב האַלט אים נישט אָפּ דערפון — דאָס איז אים נישט אָנגעקומען שווער. אָט אַזוי האָט מאַדאַם פואַיע דעלאָרם געמאַכט די שוועסטער אַן אייז־קאַלטן קבלת פנים. מאַדאַם זשאַנען איז געווען איבעראַשט. זי האָט זיך באַמיט צו באַהערשן איר שטאָלץ, געגעבן איר אָנצוהערן, אין וואָס פאַר אַ שווערע לאַגע זי געפינט זיך מיט די קינדער און וואָס זי דערוואַרט פון איר. מאַן־און־ווייב האָבן זיך געמאַכט נישט הערנ־דיק, נישט פאַרהאַלטן זי אפילו אויף מיטאָג און איינגעלאַדן זי צערע־מאָניאַל אויף סוף וואָך. אָבער אויך די איינלאַדונג איז נישט געקו־

מען פֿון מאַדאַם פּואַיע, נאָר פֿון איר מאַן, וואָס האָט זיך געפֿילט שלעכט צוליב זיין ווייבס קבלת פּנים, און געפּרוּווט אַ ביסל פֿאַרגלעטיקן איר גלייכגילטיקייט. ער האָט זיך געמאַכט גוטמוטיק, אָבער מ׳האָט געפֿילט, אַז ער איז נישט אויפֿריכטיק און עגאָיסטיש. די אָרעמע זשאַנענס האָבן זיך אומגעקערט אין האָטעל און נישט געהאַט קיין מוט איבערצורעדן אַ וואָרט וועגן זייער ערשטן באַזוך.

גאַנצע טעג זענען זיי אַרומגעלאָפֿן איבער פּאַריז, געזוכט זיך אַ דירה, געבראָכן די פֿיס איבער שטאָקן און מיט עקל געקוקט אויף די דאָזיקע קאַזאַרמעס, וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן; אויף די שמוציקע טרעפּ, פֿינסטערע צימערן, וואָס זעען אויס אַזוי טרויעריק אַנטקעגן זייער ברייט הויז אין דער פּראָווינץ־שטאָט; זיי האָבן זיך כּסדר געפֿילט דערשלאָגן, אין גאַס, אין די געשעפֿטן, אין רעסטאָראַנען, און דעריבער האָט זיי יעדערער אָפּגענאַרט, אַלץ וואָס זיי האָבן געקויפֿט האָט געקאָסט שרעקלעך טייער; מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז זיי פֿאַרמאָגן אַ באַזונדערע פֿעיִקייט אַלץ, וואָס זיי רירן אָן, צו פֿאַרוואַנדלען אין גאָלד, נישט מער ווי אָט דאָס גאָלד האָבן זיי אַליין געמוזט צאָלן. זיי זענען געווען מאָדנע אומבאַהאָלפֿן און נישט געהאַט דעם מוט זיך צו פֿאַרטיידיקן.

מאַדאַם זשאַנען האָט שוין איצט, אמת, ווייניק דערוואַרט פֿון איר שוועסטער, און דאָך האָט דער מיטאָג אויף וועלכן זיי זענען געווען איינגעלאַדן, געוועקט אין איר פֿאַרשידענע האָפֿנונגען. זיי האָבן זיך געגרייט דערצו מיט האַרץ־קלאַפּעניש. מ׳האָט זיי אויפֿגענומען פּונקט ווי געסט און נישט ווי קיין קרובים, הגם די באַלעבאַטים האָבן דעם מיטאָג נישט איבעריק־פֿאַרשווענדעריש איינגעאָרדנט, חוץ דער פֿייערלעכער צערעמאָניאַלקייט. די קינדער האָבן זיך באַקענט מיט זייערע קוזינען, מיט זיי אין איין עלטער, וואָס האָבן זיי נישט אַרויסגעוויזן קיין גרעסערע פֿריינטשאַפֿט, ווי די עלטערן. זייער טאָכטער, עלעגאַנט און קאָקעטיש, האָט געציילט די ווערטער מיט אַ מינע פֿון העפֿלעכער גאווה. און איר באַנעמונג איז געווען איבערגעטריבן און לאַקריץ־זיס, וואָס האָט די קינדער אינגאַנצן צעטומלט. זייער ייִנגל האָט געהאַלטן די גאַנצע צערעמאָניע מיט די אָרעמע קרובים פֿאַר זייער לאַנגווייליק, און ער איז כּסדר געזעסן אָנגעבלאָזן. מאַדאַם פּואַיע דעלאָרם איז געזעסן די גאַנצע צייט שטייף און אַפֿילו בעתן דערלאַנגען דאָס עסן האָט זי די שוועסטער אָן

אויפהער געמוסרט. הער פּוּאַיע דעלאָרם האָט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין, כּדי אויסצומיידן אַן ערנסטן שמועס. דער באַנאַלער שמועס האָט זיך כּסדר געהאַלטן ביי די ענינים פון עסן, צוליב מורא פאַר אַן אינטימער געפערלעכער טעמע. מאַדאַם זשאַנען האָט זיך באַמיט אַרויפצופירן דעם שמועס אויף די ענינים, וואָס זענען איר געלעגן אויפן האַרצן, אָבער מאַדאַם פּוּאַיע האָט איר באַלד אי־בערגעשלאָגן מיט אַ גלייכגילטיקער באַמערקונג — און זי האָט קיין מוט נישט געהאַט ווייטער צו רעדן.

נאָכן עסן האָט זי געצוואונגען איר טאָכטער צו שפּילן אויפן פּאַרטעפּיאַן, כּדי צו ווייזן אירע פעיקייטן. אַנטואַנעט האָט זיך שלעכט געשפּילט און זי האָט געשפּילט, שרעקלעך. מאַן־און־ווייב האָבן מיט לאַנגווייליקייט געוואַרט זי זאָל ענדיקן. מאַדאַם פּוּאַיע האָט מיט אַן איראָניש שמייכלען אויף די ליפּן געקוקט אויף איר טאָכטער; און אַזוי ווי די מוזיק האָט לאַנג געדויערט האָט זי ווידער גענומען שמועסן מיט מאַדאַם זשאַנען וועגן גלייכגילטיקע זאַכן. לסוף האָט זיך אַנטואַנעט פאַרלוירן אין איר מוזיק, און אין איין אָרט האָט זי זיך מיט גרויס שרעק אַרומגעזען, אַז אָנשטאָט צו שפּילן ווייטער האָט זי ווידער גענומען שפּילן פון אָנהויב. זי האָט נישט געהאַט קיין שום האָפענונג זיך אַרויסצודרייען, האָט זי אי־בערגעריסן דאָס שפּילן און פאַרענדיקט מיט צוויי אומגעלונגענע אַקאָרדן און מיט אַ דריטן אַ פאַלשן. הער פּוּאַיע האָט געזאָגט:

— בראַוואָ!

און פאַרלאַנגט קאַווע.

מאַדאַם פּוּאַיע האָט דערציילט, אַז איר טאָכטער לערנט זיך שפּילן ביי פּוניאָ. און די טאָכטער, וואָס „האָט זיך געלערנט ביי „פּוניאָ" האָט געזאָגט:

— זייער שיין, קליינינקע...

און געפרעגט, ווו האָט זיך אַנטואַנעט געלערנט שפּילן.

דער שמועס האָט זיך שווער געשלעפּט. מ'האָט אויסגעשעפּט די טעמע וועגן די צאַצקעס און טואַלעטן פון מאַדאַם פּוּאַיע. מאַדאַם זשאַנען האָט זיך איינגעחזרט:

— איצט איז געקומען די צייט צו רעדן, איך מוז רעדן...

אַלץ האָט זיך אין איר צוזאַמענגעקאָרטשעט, ווען זי האָט זיך שוין אָנגעטון אַ כּוח און באַשלאָסן סוף־כּל־סוף צו רעדן, האָט מאַדאַם

פּויע מיט אַ טאָן, וואָס האָט זיך אַבסאָלוט נישט געהאַט בדעה צו אַנטשולדיקן, אַ זאָג געטון, אַז צום באַדויערן מוזן זיי האַלב צען אַ זייגער אַוועקגיין, ווייל זיי האָבן אַ וויזיט, וואָס זיי קאָנען נישט אָפּלעגן. די זשאַנענס האָבן זיך באַליידיקט, זיי זענען תּיכּף אויפגעשטאַנען און געוואָלט אַוועקגיין. די בעלעבאַטים האָבן זיי כּלומרשט פאַרהאַלטן, אָבער אין אַ פערטל שעה אַרום האָט עמעץ אָנגעקלונגען אין טיר: דער דינער האָט געמאָלדן, אַז עס זענען געקומען באַקאַנטע, שכנים פונם פּאַרטער. פּויע און זיין פרוי האָבן זיך איבערגעקוקט און גענומען אויף גיך שטילערהייט זיך שושקען מיט די דינער. פּויע האָט אַרויסגעשטאַמלט עפּעס אַן אויסרייד און האָט אַריבערגעפירט די זשאַנענס אין אַ צווייטן צימער (ער האָט געוואָלט באַהאַלטן פון זיינע פריינד, אַז ביי אים אין שטוב זענען דאָ זיינע קרובים, וואָס קאָמפּראָמיטירן אים). זיי האָבן געלאָזט די זשאַנענס אַליין אין אַ נישט באַהייצטן צימער. די קינדער זענען געווען אויפגערעגט פון דעם בזיון. אַנטואַנעט האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, זי האָט געוואָלט גיין, נאָר אין אָנהויב האָט די מאַמע נישט געלאָזט. אָבער דערנאָך, נאָך אַ לאַנגן וואַרטן האָט זי מסכּים געווען. זיי זענען אַרויס. אין קאָרידאָר האָבן זיי באַגעגנט פּויען, וועלכן די דינער האָבן צוּוויסן געטון פון זייער אַוועקגיין. ער האָט זיך מיט באַנאַלע ווערטער אַנטשולדיקט און געמאַכט, זיך ווי ער וויל זיי פאַרהאַלטן, אָבער ס'איז קענטיק געווען, אַז ער וויל פון זיי וואָס מעגלעך גיכער פּטור ווערן. ער האָט זיי געהאָלפן אָנטון די מאַנטלען, צוגעפירט מיט אַ שמייכל צו דער טיר, געדריקט די הענט, שטיל גערעדט העפלעכע רייד און זיי אַרויסגעלאָזט אין דרויסן. — ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין האָטעל האָבן די קינדער געוויינט פון כּעס. אַנטואַנעט האָט געטופּעט מיט די פיס און געשווירן, אַז איר פוס וועט קיינמאָל נישט באַטרעטן די שוועל פון אָט די מענטשן.

מאַדאַם זשאַנען האָט געדונגען אַ דירה אויפן פערטן שטאָק, נאָענט צום „זשאַרדען דע פּלאַנט". די צימערן האָבן געהאַט זייערע פענסטער צו די שמוציקע ווענט פון אַ פינסטערן הויף; דאָס עס־צימער און דער סאַלאָן (ווייל מאַדאַם זשאַנען האָט דווקא געוואָלט האָבן אַ סאַלאָן) האָבן אַרויסגעקוקט צו אַ רוישנדיקער גאַס. אַ גאַנצן טאָג זענען געפאָרן טראַמוואַיען און ס'האָבן זיך געצויגן לוויהס, וואָס זייערע צוגן זענען פאַרשווונדן געוואָרן אויפן בית־עולם ד'איווּרי. פאַרליי-

זיקטע איטאַליענער מיט אַ כאַלאַסטרע קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אויף די בענק אָדער זיך היציק געקריגט. ס׳איז אוממעגלעך געווען צו האַלטן אָפן אַ פענסטער ביי אַזאַ טומל; און אין אָוונט, גייענדיק אַהיים, האָבן זיי זיך געמוזט דורכשטופן דורכן געדיכטן שטינקנדיקן המון, דורכגיין דורך די ענגע, פאַרבלאָטיקטע גאַסן, פאַרבייגיין אַן עקלדיקע שענק, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות; פאַר דער טיר ווענען געזעסן גרויסע, אָנגעשוואָלענע מוידן, מיט געלע האָר, געווייסט און אָנגעשמינקט, און האָבן מיט חוצפהדיקע בליקן געקוקט אויף די פאַרבייגייער.

דאָס ביסל געלט פון די זשאַנענס איז שנעל צערונען געוואָרן. יעדן אָוונט האָבן זיי זיך מיט האַרץ-קלעמעניש אַרומגעזען, אַז עס ווערט אַלץ פוסטער, זיי האָבן געפרוווט שפּאָרן און נישט געוווסט ווי אַזוי. די דאָזיקע לערע מוז דער מענטש זיך אויסלערנען נאָר דורך יאָרן פון נויט, אויב ער איז נישט געווינט דערצו פון קינדווייז אָן. די, וואָס זענען בטבע נישט שפּאָרזאַם, פאַרלירן בלויז צייט און אומזיסטע אָנשטרענגונג, ווען זיי ווילן ווערן שפּאָרזאַם. קוים מאַכט זיך די ערשטע געלעגנהייט צו פאַרשווענדן געלט, קאָנען זיי זיך נישט גובר זיין, זיי לעגן אָפּ דאָס שפּאָרן אויף אַ צווייטן מאָל; און אויב זיי שפּאָרן יאָ אָפּ צופעליק אַ ביסל געלט, אָדער זיי האָבן בדעה אָפּצושפּאָרן, איילן זיי זיך צו און פאַרגרעסערן די הוצאות, וואָס שטייגן אַריבער דאָס אָנגעזאַמלטע געלט צען מאָל אַזוי פיל.

אין משך פון עטלעכע וואָכן איז זיי אויסגעגאַנגען דאָס געלט. מאַדאַם זשאַנען האָט געמוזט גובר זיין איר אייגנלבע און איז אָן דעם וויסן פון אירע קינדער געגאַנגען בעטן געלט ביי פּואַיע. זי האָט זיך אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ס׳איז איר געלונגען צו טרעפן בלויז דעם מאַן אין זיין אַרבעט-צימער, און זי האָט אים געבעטן אַ ביסל געלט, אַן הלוואה ביז זיי וועלן געפינען אַרבעט, וואָס ס׳וועט זיי פאַרזיכערן די עקזיסטענץ. ער האָט געפרוווט אָפּלעגן די תשובה אויף אַן אַנדערש מאָל, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען שוואַך און גאַנץ מענטשלעך, האָט ער נאָכגעגעבן. ער האָט איר געבאָרגט צוויי הונדערט פראַנק און האָט נישט געקאָנט באַהערשן זיין גערירטקייט, אָבער באַלד האָט אים די זאַך פאַרדראָסן — בפרט ווען ער האָט עס געמוזט דערציילן דער מאַדאַם פּואַיע, וואָס איז געוואָרן זייער אויפגערעגט אויף איר שוואַכן מאַן און אויף איר ביטערע שוועסטער

289

גאַנצע טעג ה׳בן זיך די זשאַנענס אַרומגעדרייט איבער פּאַ־ריז און געזוכט אַרבעט. מאַדאַם זשאַנען, וואָס האָט פאַרמאָגט אַלע פּאָראורטיילן פון דער רייכער פּראָווינציעלער בורזשואַזיע, האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי מיט אירע קינדער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אַן אַנדער פאַך אַ חוץ די אַזוי גערופענע „פּרייע פּראָפעסיעס״, — בלי ספק דערפאַר, וואָס זיי גיבן דעם מענטשן די פרייהייט צו שטאַרבן פון הונגער. זי האָט אפילו נישט מסכים גע־ווען, אַז איר טאָכטער זאָל ווערן אַ פּריוואַטע לערערין ביי אַ פאַ-מיליע, ביי איר איז אויסגעקומען, אַז נאָר די אָפיציעלע שטעלעס, רעגירונגס-פּאָסטנס זענען נישט קיין אומכבוד. מען האָט געמוזט גע־פונען אַן אויסוועג, אַז אָליוויער זאָל ענדיקן אַ שול און ווערן אַ לערער, און וואָס שייך אַנטואַנעט — האָט מאַדאַם זשאַנען געוואָלט זי אַריינגעבן אין אַ שולע, זי זאָל דאָרט געבן לעקציעס, אָדער אין קאָנסערוואַטאָריע, זי זאָל קריגן אַ מוזיק-פּאַטענט. אָבער די אינסטי־טוציעס, צו וועלכע זי האָט זיך געווענדט, זענען אַלע געווען באַזעצט פון לערער, וואָס האָבן געהאַט בעסערע קוואַליפיקאַציעס, ווי איר טאָכטער, וועלכע האָט קוים געהאַט פאַפירן פון אַן עלעמענטאַרער שול; וואָס שייך מוזיק — מוז מען מודה זיין, אַז אַנטואַנעטס פעי־קייטן זענען געווען גאַנץ מיטלמעסיקע, אין פאַרגלייך מיט די פעי־קייטן פון אַנדערע מענטשן, וואָס זיי איז אויך נישט געלונגען אָנ-צוקומען אין קאָנסערוואַטאָריום. איצט האָט זיך אַנטפּלעקט דער גרויזאַמער לעבנס-קאַמף; זיי האָבן געזען, ווי אַזוי פּאַריז שלינגט איין אָן שום זין אַלע גרעסערע און קלענערע טאַלענטן, מיט וועלכע זי ווייס נישט וואָס צו טון.

די קינדער זענען געווען פאַרצווייפלט: זיי האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין זיך; זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זייערע פעיקייטן זענען מיטלמעסיק; זיי האָבן זיך עס אַליין אויפגעוויזן און באַמיט זיך אויפצווייזן דער מאַמען. אָליוויער, וואָס איז אין דער פּראָווינץ־שול געווען כּלומרשט אַן „אָדלער״ אָן שום באַזונדערע מי פון זיין זייט, האָט זיך איצט געפילט זייער דערשלאָגן פון די פרישע צרות.

ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פאַרלוירן זיינע פעיקייטן. אין דער גימנאַזיע, וווּ מ׳האָט אים אָפּגעגעבן, האָט ער אין די ערשטע צייטן געהאַט אַזעלכע שלעכטע ציינס, אַז מ׳האָט ביי אים צוגענומען די פריערדיקע סטיפּענדיע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אמתן נאַר. גלייכצייטיק האָט ער געפילט אַן עקל צו פּאַריז, צום טומל פונם המון מענטשן, צו דער עקלדיקער דעמאָראַליזאַציע פון זיינע חברים, צו זייערע ניבול-פה און די בהמהשקייט פון אַנדערע קאָלעגן, וואָס האָבן אים געמאַכט מיאוסע פאָרשלאַגן. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח אויסצודריקן זיי זיין פאַראַכטונג. ער האָט געפילט, אַז אפילו דער געדאַנק וועגן זייער געמיינקייט מאַכט אים געמיין. ער האָט געזוכט, צוזאַמען מיט זיין מאַמע און שוועסטער, אַ שוץ אין הייסע תפילות יעדן אָוונט, נאָך אַ פרישן טאָג פון אַנטוישונג און פאַרבאָרגענעם בזיון, וואָס האָבן ביי די דאָזיקע תמימותדיקע הערצער אויסגעזען, ווי שמוציקע פלעקן, און זיי האָבן קיין מוט נישט געהאַט עס איבערצודערציילן. אָבער ווען אָליוויער איז געקומען אין באַרירונג מיטן גייסט פון אַטעיזם, וואָס פילט אָן די פּאַריזער לופט, האָט זיך זיין גלויבן גענומען וואַקלען ביסלעכווייז, ווי פייכטער טינק, וואָס שיילט זיך און פאַלט אַראָפּ פון די ווענט בעת אַ רעגן. ער האָט ווייטער געגלויבט, אָבער אַרום אים איז דער גאָט אָפּגעשטאָרבן.

די מאַמע און די שוועסטער האָבן נישט אויפגעהערט אומזיסט אַרומצולויפן. מאַדאַם זשאַנען איז נאָכאַמאָל געגאַנגען צו דער מאַדאַם פּואַיע. זיי האָבן געוואָלט פון איר פטור ווערן און איר פאַרגעלעגט אַרבעט. פאַר מאַדאַם זשאַנען האָבן זיי געפונען אַ שטעלע פון אַ פאָרלייענערן פאַר אַן אַלטער דאַמע, וואָס האָט דעם ווינטער פאַרבראַכט אין דרום, און פאַר אַנטואַנעט — אַ שטעלע פון אַ לערערין אין מערב־פראַנקרייך, ביי אַ פאַמיליע, וואָס וווינט אַ גאַנץ יאָר אין אַ דאָרף. די באַדינגונגען זענען געווען נישט שלעכט. אָבער מאַדאַם זשאַנען האָט נישט געוואָלט. זי האָט זיך נישט געוואָלט דערנידעריקן און גיין דינען אין אַ פרעמד הויז, אָבער נאָכמער האָט זי נישט געוואָלט אַזוי באַליידיקן איר טאָכטער און דערווייטערן זי פון זיך. הגם זיי זענען געווען אומגליקלעך, און דווקא דערפאַר, האָבן זיי געוואָלט בלייבן צוזאַמען. מאַדאַם פּואַיע האָט דעם דאָזיקן באַשלוס אָנגענומען זייער שלעכט. זי האָט געזאָגט, אַז בעת ס׳איז

נישטאָ פון וואָס צו לעבן, טאָר מען זיך נישט האַלטן גרויס ביי זיך. מאַדאַם זשאַנען האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און איר פאָרגע-וואָרפן, אַז זי האָט קיין האַרץ נישט. מאַדאַם פּוּאַיע האָט איר בייז געענטפערט און דערמאָנט איר מאַנס באַנקראָט און דאָס געלט וואָס מאַדאַם זשאַנען איז איר שולדיק. זיי זענען זיך צעגאַנגען ווי שונאים. אַלע באַציונגען צווישן זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן. מאַדאַם זשאַנען האָט איצטער געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: אומצוקערן דאָס געלט וואָס זי האָט געבאָרגט, — זי האָט עס אָבער נישט געקאָנט.

זי האָט ווייטער געזוכט, אָבער אומזיסט. מאַדאַם זשאַנען האָט זיך געווענדעט צום דעפּוטאַט און סענאַטאָר פון דעפּאַרטאַמענט, וואָס איר מאַן האָט זיי אַסאַך מאָל טובות געטון. אומעטום האָט מען איר אויפגענומען מיט אומדאַנקבאַרקייט און עגאָיזם. דער דעפּוטאַט האָט אויף אירע בריוו נישט געענטפערט, און ווען זי איז צו אים פער-זענלעך אַריבערגעגאַנגען, האָט ער געהייסן זאָגן, אַז ער איז נישטאָ אינדערהיים. דער סענאַטאָר האָט גערעדט צו איר מיט גראָבן רחמנות וועגן איר מצב, געהאַלטן, אַז שולדיק אין דעם איז זשאַנען און גע-מוסרט אים, למאַי ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מאַדאַם זשאַנען האָט פאַרטיידיקט איר מאַן. דער סענאַטאָר האָט איר געזאָגט, בכן ער ווייס גאַנץ גוט, אַז דער באַנקיר האָט עס נישט געטון מחמת שלעכטסקייט, נאָר מחמת טפשות, ווייל ער איז געווען אַ גאָרנישט שבגאָרנישט, אַ באַגרענעצטער מענטש, וואָס האָט גאָרנישט געוווּסט, און האָט אַלץ געוואָלט טון מיט זיין אייגענעם שכל, ביי קיינעם נישט פרעגן און קיינעם נישט פאָלגן. ווען ער באַגייט זעלבסטמאָרד אַליין, וואָלט מען אים גאָרנישט געקאָנט פאָרוואַרפן: ער האָט באַקו-מען זיין שכר, אָבער אויסער דעם, וואָס ער האָט רואינירט אַנדערע,— האָט ער דאָך געבראַכט אַ חורבן אויף זיין ווייב און קינדער און גע-לאָזט זיי אויף הפקר. דער ענין געהערט צו מאַדאַם זשאַנען, און זי האָט אַ ברירה אים מוחל צו זיין, אויב זי איז אַ הייליקע; אָבער ער, דער סענאַטאָר,וואָס איז אַבסאָלוט נישט קיין הייליקער און האָט זיך נאָר פאַר אַ פאַרשטענדיקן מענטשן מיט אַ געזונטן שכל, קאָן אים בשום אופן נישט מוחל זיין. אַ מענטש, וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד אין אַזעלכע באַדינגונגען, איז אַ געמיינער מענטש. דער איינציקער זכות, מיט וועלכן מען קאָן אים פאַרטיידיקן איז, אַז ער איז נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. ווען דער סענאַטאָר האָט געענ-

דיקט רעדן, האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר מאַדאַם זשאַנען, וואָס ער האָט זיך אַביסל צו שאַרף אויסגעדריקט וועגן איר מאַן: ער האָט עס פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער איז איר אַ פריינט; ער האָט געעפנט דעם שופלאָד און האָט איר פאָרגעלעגט פופציק פראַנק אַ נדבה. זי האָט זיך אָפגעזאָגט.

זי האָט ווייטער געזוכט אַרבעט אין אַ ביוראָ פון אַ גרויסער אַדמיניסטראַציע, אָבער זי האָט עס געטון אומגעשיקט און ס׳איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. זי איז אָן אויפהער אַרומגעלאָפן זוכן אַרבעט פון אָרט צו אָרט, דערנאָך פלעגט זי קומען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז אין משך פון עטלעכע טעג האָט זי נישט קיין כוח זיך פון אָרט צו רירן, און ווען זי איז ווידער געגאַנגען אַהין, איז שוין געווען צו שפעט. אַפילו די גלחים זענען איר נישט געקומען צו הילף, הן דערפאַר, וואָס זיי האָבן דערפון קיין שום נוצן נישט געקאָנט האָבן, און הן דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך להלוטין נישט אינטערעסירט מיט דער רואינירטער פאַמיליע, וואָס איר פאָטער איז געווען באַקאַנט פאַר אַ קעגנער פון דער קירכע. נאָך שווערע באַמיונגען איז דער מאַדאַם זשאַנען קוים געלונגען צו געפינען אַ שטעלע אַלס מוזיק-לערערין אין אַ קלויסטער — אַן אַרבעט פאַר זייער אַ קליינעם לוין און אָן גייסטיקע באַפרידיקונג. כדי נאָך עפעס צו פאַרדינען פלעגט זי אין די אָוונטן מאַכן קאָפיעס פאַר עפעס אַן אַגענטור מ׳האָט זיך באַצויגן צו איר זייער שלעכט. איר כתב און צעטומלטקייט — זי פלעגט אָפטמאָל איבערהיפן אַ וואָרט, אַ גאַנצע שורה, הגם זי האָט זיך שטאַרק געמיט (זי האָט בשעת מעשה געטראַכט וועגן פאַרשידענע אַנדערע ענינים) — האָבן אַרויסגערופן אַ שלעכטע באַציונג און אָפטע באַליידיקונגען. טייל מאָל, ווען זי האָט אויסגעמאַטערט די אויגן, געזעסן געבויגן און געשריבן אַ גאַנצע נאַכט, פלעגט מען, צו די צרות, אָפוואַרפן איר אַרבעט. זי פלעגט קומען אויפגערעגט אַהיים. גאַנצע טעג פלעגט זי נאָר קרעכצן און נישט געקאָנט זיך נעמען צו קיין אַרבעט. זי האָט שוין לאַנג געליטן אויף אַ האַרץ-פעלער; די צרות האָבן פאַרערגערט איר געזונט-צושטאַנד, און זי האָט געהאַט שלעכטע פאָרגעפילן. פון צייט צו צייט פלעגט איר אָנכאַפן אַ שטיקעניש, ס׳האָט איר פאַרפעלט לופט — ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים שטאַרבן. זי איז נישט אַרויס פון שטוב, סיידן זי האָט מיטגענומען אין טאַש איר נאָמען און אַדרעס אויף אַ צעטעלע; זי

האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַלט זי אַנידער אינמיטן גאַס. וואָס וועט דעמאָלט זיין — אויב זי וועט שטאַרבן? אַנטואַנעט האָט איר צוגעגעבן מוט, ווי ווייט זי האָט געקאָנט, און געמאַכט זיך כלומרשט רויִק; זי האָט זיך געבעטן ביי דער מאַמען, זי זאָל רחמנות האָבן און לאָזן איר, אַנטואַנעטן, אַרבעטן אויף איר אָרט. אָבער מאַדאַם זשאַנען האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן שטאָלץ, זי האָט געוואָלט ראַטעווען, לפחות, איר טאָכטער פון די שווערע דערנידעריקונגען און בזיונות, וואָס זי איז אַליין אויסגעשטאַנען.

אומזיסט האָט זי זיך באַמיט צו זיין שפּאָרזאַם אין די אויסגאַבן: איר פאַרדינסט האָט נישט געקלעקט אויף חיונה; מ׳האָט געמוזט פאַרקויפן דאָס לעצטע ביסל צירונג, וואָס איז נאָך פאַרבליבן; נאָר צו די צרות — האָט מען דאָס ביסל געלט, וואָס מאַדאַם זשאַנען האָט דערפאַר אָפּגענומען, צוגעגנבעט ביי איר דעמזעלבן טאָג, ווען זי האָט עס באַקומען. די אָרעמע פרוי, וואָס איז איר גאַנץ לעבן געווען פאַרשווענדעריש אין הוצאות, האָט געהאַט דעם מוט אָפּצוטרעטן מיטן אָפּגענומענעם געלט אין „באָן-מאַרשע״, ווייל צומאָרגנס האָט געדאַרפט זיין אַנטואַנעטס געבורטס-טאָג, און מאַדאַם זשאַנען האָט איר געוואָלט דערלאַנגען אַ קליינע מתנה. זי האָט געהאַלטן דאָס ביטעלע אין האַנט, כדי עס נישט אָנצוווערן. מעכאַניש האָט זי עס אויף איין ווײַלע אַוועקגעלעגט אויפן טאָמבאַק, בעת זי האָט באַטראַכט עפּעס אַ זאַך; און ווען זי האָט געוואָלט נעמען דאָס ביטל, איז עס שוין געהאַט נעלם געוואָרן. דער דאָזיקער ביטערער טראָפּן האָט אָנגעפילט דעם כוס פון אירע יסורים ביזן ראַנד.

אין עטלעכע טעג אַרום, אין אַ דושנעם אויגוסט-אָוונט, ווען אַ פייכטער נעפל איז געלעגן אויף דער שטאָט, איז מאַדאַם זשאַנען געקומען אַהיים פון דער אַגענטור, ווו זי האָט איבערגעגעבן אַ נויטיקע אַרבעט. זי האָט פאַרשפּעטיקט אויף מיטאָג, געוואָלט זיך איינשפּאָרן דריי סו אויפן אָמניבוס און איז מיט אַלע כוחות געלאָפן אַהיים, טאָמער זענען די קינדער אומרויִק וועגן איר. ווען זי איז אַרויף אויפן פערטן שטאָק, האָט זי נישט געקאָנט רעדן און נישט אָטעמען. ס׳איז נישט געווען דער ערשטער פאַל און די קינדער האָבן זיך שוין נישט געוווּנדערט. זי האָט זיך געצוווּנגען צו זעצן ביים טיש, אָבער ביידע קינדער האָבן צוליב דער גרויסער היץ נישט געקאָנט עסן. זיי האָבן פשוט מיט געוואַלט און עקל אַראָפּגעשלונגען עטלעכע ביסן

פלייש און אויסגעטרונקען אַ ביסל וואַסער. כּדי די מאַמע זאָל זיך אָפּרוען, האָבן זיי אויפגעהערט צו שמועסן (זיי האָבן בכלל קיין חשק נישט געהאַט צו רעדן) און געקוקט דורכן פענסטער.

פּלוצלינג האָט מאַדאַם זשאַנען אַ פּאָך געטון מיט די הענט, זיך אָנגעכאַפּט אָן טיש, אַ קוק געטון אויף די קינדער, אַ קרעכץ געטון און געפאַלן אויף דער ערד. אַנטואַנעט און אָליוויער האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו איר און באַוויזן זי אונטערצוכאַפּן אונטער די אָרעמס. זיי זענען געווען כּמעט ווי משוגע, זיי האָבן געשריגן, גע־בעטן זיך:

— מאַמע! מאַמעלע טייערע!

אָבער זי האָט נישט געענטפערט. זיי האָבן פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. אַנטואַנעט האָט געדריקט דער מאַמעס קערפּער, אַרומ־גענומען, גערופן. אָליוויער האָט געעפנט די טיר פון צימער און געשריגן:

— ראַטעוועט!

די וועכטערין איז אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ, און ווען זי האָט דערזען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז זי געלאָפן ברענגען אַ דאָקטאָר, אָבער ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ער בלויז גע־קאָנט פעסטשטעלן, אַז אַלץ איז געענדיקט. דער טויט איז געקומען באַלד — צום גליק פון מאַדאַם זשאַנען, — הגם מען האָט נישט געקאָנט וויסן, וואָס זי האָט באַוויזן צו טראַכטן אין אירע לעצטע מינוטן, בעת זי האָט געזען, אַז זי שטאַרבט, און אַז אירע קינדער בלייבן אַליין אויף מאַטערניש און נויט.

זיי זענען געבליבן אַליין מיטן שווידערלעכן אומגליק, אַליין געוויינט, אַליין אַכטונג געגעבן אויף דער שרעקלעכער באַדינונג פון דער טויטער. די גוטע וועכטערין האָט זיי אַ ביסל געהאָלפן, מ׳איז אויך געקומען פונם קלויסטער, וווּ מאַדאַם זשאַנען האָט געגעבן לעק־ציעס, אָבער קיין אמתן מיטלייד האָט קיינער נישט אַרויסגעוויזן.

אין די ערשטע מינוטן איז זייער פאַרצווייפלונג געווען פּשוט אומבאַשרייבלעך. די איינציקע זאַך וואָס ס׳האָט זיי געראַטעוועט, איז

געווען אָט די דאָזיקע איבערגעטריבענע פאַרצווייפלונג, וואָס האָט דערפירט אָליוויערן צו אמתע קאָנוואַלסיע. אָט אַזוי איז אַנטואַנעטס אויפמערקזאַמקייט אָפּגעווענדט געוואָרן פון אירע אייגענע יסורים; זי האָט איצט געטראַכט נאָר וועגן ראַטעווען איר ברודער. איר טיפע ליבע האָט דורכגענומען אָליוויערן און געמילדערט זיינע קאָנוואַלסיע־אָנפאַלן. צוגעטוליעט צו דער שוועסטער, ביי דעם בעט, וווּ די מאַמע איז געלעגן, ביי אַ נאַכט־לעמפּל, האָט אָליוויער אָן אויפהער איבערגעחזרט, אַז זיי ביידע מוזן אויך שטאַרבן, שטאַרבן תיכף. — ער האָט אָנגעוויזן אויפן פענסטער. אַנטואַנעט האָט אויך געפילט דעם דאָזיקן טונקעלן פאַרלאַנג. אָבער זי האָט זיך נאָך געראַנגלט, זי האָט געוואָלט לעבן...

— צו וואָס?

— פאַר איר, פאַר איר, — האָט אַנטואַנעט געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער מוטער. — זי איז שטענדיק מיט אונז. גיב אַ טראַכט... נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צוליב אונז אָנגעליטן, מוזן מיר איר פאַרמיידן דעם שרעקלעכן ווייטיק צו זען אונזער טויט. אָ! — האָט זי אויסגערופן מיט התלהבות — און אויסער דעם וויל איך נישט שלום מאַכן מיטן גורל. איך וויל נישט! איך בונטעווע זיך. איך וויל, אַז דו זאָלסט נאָך אַמאָל זיין גליקלעך.

— קיינמאָל נישט!

— ניין, דו וועסט אַמאָל זיין גליקלעך. צופיל צרות האָבן מיר געהאַט. ס׳מוז זיך ענדערן, אַזוי מוז זיין. וועסט זיך שאַפן אַן אייגן לעבן, וועסט האָבן אַ פאַמיליע, וועסט זיין גליקלעך — איך וויל אַזוי, איך!

— ווי אַזוי וועלן מיר לעבן? מיר וועלן דאָך נישט קאָנען...

— מיר וועלן יאָ קאָנען... וואָס איז נויטיק דערצו? מ׳דאַרף דערשלעפּן אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט אַליין נעמען פאַרדינען. דאָס נעם איך אויף זיך. וועסט זען, אַז איך קאָן. אָ, ווען די מאַמע וואָלט מיר ערלויבט, וואָלט איך שוין פון לאַנג...

— וואָס וועסטו טון? איך וויל נישט, דו זאָלסט זיך פאַרנעמען מיט אַן אַרבעט, וואָס וועט דיך קליין מאַכן, און אַנדערש איז אוממעגלעך.

— ס׳איז מעגלעך... נישטאָ אַזאַ אַרבעט, וואָס זאָל קליין מאַכן דעם מענטשן, וואָס לעבט דערפון, אויב ער איז נאָר ערלעך.

זאָרג נישט, איך בעט דיך, וועסט זען, אַלץ וועט זיך איינאָרדנען. דו וועסט זיין גליקלעך, מיר וועלן ביידע זיין גליקלעך, טייערער אַליוויער, און אויך זי וועט זיין גליקלעך מיט אונזער גליק...

ביידע קינדער זענען אַליין נאָכגעגאַנגען דער מאַמעס ארון. זיי האָבן ביידע אָפּגעמאַכט נישט צו וויסן צו געבן וועגן דעם די פאַמיליע פּוּאַיע. די קרובים האָבן פאַר זיי נישט עקזיסטירט, זיי זענען געווען צו אַכזריותדיק צו דער מאַמען, זיי זענען געווען שולדיק אין איר טויט. און ווען די וועכטערין האָט זיי געפרעגט צי זיי האָבן נישט קיין קרובים, האָבן זיי געענטפערט:

— ניין, קיינעם נישט.

פאַרן אָפּענעם קבר האָבן זיי תּפילה געטון, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. זיי זענען געווען פאַרביסן אין זייער ערלעכקייט און פאַרצווייפלטן שטאָלץ, און האָבן בעסער געוואָלט זיין איינזאַם, איידער פילן דעם מיטלייד פון די גלייכגילטיקע פאַלשע קרובים. זיי זענען געגאַנגען צופוס דורכן המון, וועלכן ס'איז פרעמד געווען זייער טרויער, זייערע געדאַנקען, זייער גאַנצע עקזיסטענץ — דורכן המון, וואָס האָט מיט זיי קיין שייכות נישט געהאַט, אויסער דער שותּפות-דיקער שפּראַך. אַנטואַנעט האָט דערלאַנגט אָליווירן איר אָרעם.

אינם זעלבן הויז, אויפן העכסטן שטאָק, האָבן זיי זיך געדונגען אַ קליינע דירה, צוויי צימערלעך מיט אַ קליינעם קאָרידאָר, וואָס האָט זיי געזאָלט דינען פאַר אַן עס־צימער, און אַ קיך אַזוי גרויס ווי אַ שאַפע. זיי האָבן זיך געקאָנט געפונען אַ בעסערע דירה אין אַן אַנדער געגנט, אָבער זיי האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ געפינט זיך מיט זיי אויך די מאַמע. די וועכטערין האָט זיך אַ ביסל מיט זיי אינטערעסירט, אָבער אויף זייער אַ קורצע צייט, ווייל באַלד האָבן זי פאַרשלונגען די אייגענע דאגות. זיי זענען קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. קיין איין איינוווינער פון הויז האָט זיי נישט געקענט, און זיי האָבן אויך נישט געוווּסט, ווער עס וווינט מיט זיי אין שכנות.

אַנטואַנעטן האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרנעמען די שטעלע פון איר מוטער אַלס מוזיק-לערערין אין דעם קלויסטער. זי האָט געזוכט נאָך שעהן. זי האָט זיך אַרומגעטראָגן נאָר מיט איין געדאַנק: צו דערציִען איר ברודער ביז ער וועט אַריינטרעטן אין דער לערער-שול. זי האָט אַליין אָנגענומען אָט דעם באַשלוס, נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַטראַכט, איבערגעקוקט די שולע־פּראָגראַמען, זיך גענוי נאָכגעפרעגט

און געפּרוווט אַרויסקריגן אָליוויערס מיינונג — אָבער ער האָט קיין קלאָרע מיינונג נישט געהאַט, און דעריבער האָט זי פאַר אים אויסגעקליבן. קוים וועט ער אָנקומען אין דער לערער-שול, איז ער פאַרזיכערט אויף זיין גאַנץ לעבן מיט זעלבסטשטענדיקייט. ער מוז אַהין אָנקומען. און דערווייל מוז מען לעבן, ווי עס לאָזט זיך. עס וועט דאָך נאָך דויערן פינף אָדער זעקס שרעקלעכע יאָר, ביז די זאַך וועט געלונגען. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיט אַ מאָדנעם כוח באַהערשט אַנטואַנעטן און סוף-כל-סוף פאַרשלונגען זי אינגאַנצן. זי וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס איינזאַמע לעבן אין דחקות — זי האָט דאָס דאָזיקע לעבן פאָרגעזען און פאָרגעפילט, — ווען נישט די שטאַרקע התלהבות: דער פאַרלאַנג צו ראַטעווען איר ברודער, צו מאַכן אים גליקלעך, קוים איז שוין אַזוי באַשערט, אַז זי אַליין זאָל גליקלעך נישט זיין. דאָס זיבעצן אָדער אַכצן-יאָריקע, ליילטזיניקע און צאַרטע מיידל איז אינגאַנצן געענדערט געוואָרן נאָך דעם דאָזיקן העלדישן באַשלוס. זי האָט פאַרמאָגט דעם ברען זיך מוסר-נפש צו זיין און אַ שטאָלצע גרייטקייט צום קאַמף, וואָס קיינער וואָלט זיך פון איר נישט געריכט — וויניקער פון אַלעמען זי אַליין. אין אָט די איבערגאַנגס-יאָרן, אין דעם לעבן פון אַ פרוי, אין די ערשטע טעג פון דעם פיבערדיקן פרילינג, פאַרפלייצן די נשמה אָן אַ שיעור כוחות פון ליבע, פאַרגיסן זי און שלעפּן זי מיט, ווי אַ קוואַל, וואָס שפּרודלט טיף אין דער ערד, דרינגען זי אַדורך, און גיסן זי אַריין אין פאַרשידענע פאָרמען, ברענגען זי אין אַ צושטאַנד פון העכסטער מסירות נפש. זי וויל זיך נאָר איבערגעבן, מקריב זיין זיך פאַר אַנדערע, זי נוצט אויס יעדע געלעגנהייט דערצו, און איר נאַיווע, טיפע ליידנשאַפט איז גרייט צו ברענגען יעדן קרבן. די ליבע האָט געמאַכט אַנטואַנעט פאַר אַ קרבן פון איר פריינדשאַפט.

איר ברודער, וואָס איז נישט געווען אַזוי ליידנשאַפטלעך ווי זי, האָט נישט פאַרמאָגט דעם דאָזיקן שטויס. אויסער דעם, האָט זי זיך דאָך מקריב געווען פאַר אים און נישט ער פאַר איר — דאָס איז אָנגענעמער און לייכטער, בעת מען האָט ליב. ער האָט אָפטמאָל געהאַט געוויסנביסן, בעת ער האָט צוגעזען, ווי זיין שוועסטער מאַטערט זיך פאַר זיינעטוועגן. דאָס האָט אים געלעגט שווערע שטיינער אויפן האַרצן. ער האָט עס איר געזאָגט. זי האָט אים דערויף געענטפערט:

—אוי אָרעמער מיינער! צי זעסטו נישט, אַז דווקא דאָס באַלעבט

מיך! ווען נישט דאָס זאָרגן פאַר דיר — וואָס זשע טויג מיר דאָס לעבן.

ער האָט עס גוט פאַרשטאַנען. ווען ער איז אויף אַנטואַנעטס אָרט, וואָלט ער אויך געהיט די דאָזיקע טייערע דאגה ווי אַן אבן-טוב. אָבער צו זיין אַליין די סיבה פון אַזאַ דאגה! זיין שטאָלץ האָט דערפון געליטן. עפּעס אַ שווערע משא האָט זיך געלעגט אויף דעם שוואַכן יינגל — די אחריות, וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלעגט, די התחייבות צו האָבן ערפאָלג, ווייל די שוועסטער האָט פאַר אים דאָס גאַנצע לעבן איינגעשטעלט אין קאָן! דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. לא-די וואָס ער האָט זיך נישט געפילט שטאַרקער דערפון, איז ער אָפּטמאָל געווען פשוט דערשלאָגן. און דאָך האָט אים אָט דער געדאַנק געצוווּנגען זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם לעבן, צו אַרבעטן און לעבן. ווען נישט דער דאָזיקער צוואַנג, וואָלט ער נישט געווען מסוגל דערצו. ער האָט געהאַט אַ נייגונג זיך אונ-טערצוגעבן, צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ער וואָלט אפשר נישט בייגע-שטאַנען דעם נסיון, ווען נישט זיין שוועסטער, וואָס האָט געוונק! אין אים די האָפנונג אויף כבוד און גליק. ער האָט שטאַרק געליטן, וואָס ער מוז באַצווינגען זיין נאַטור און דאָך האָט עס אים געראַטע-ווען. ער האָט אויך איבערגעלעבט אַ קריטישע צייט, דעם געפערלעכן עלטער, ווען טויזנטער יונגע-לייט לאָזן זיך מיטרייסן מיט זייערע תאוות, גייען אַראָפּ פון גלייכן וועג, און זענען מקריב זייער גאַנץ לעבן פאַר צוויי אָדער דריי יאָר פון שגעון. ווען ער האָט צייט זיך אָפּצוגעבן זיינע געדאַנקען, וואָלט אים זיכער באַהערשט אַ פאַרצווייפ-לונג. יעדעס מאָל ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין זיך, האָבן אים באַהערשט קרענקלעכע חלומות, אַן עקל צום לעבן, צו פאַריז, צום עקלדיקן פערמענט פון די מיליאָנען באַשעפענישן, וואָס ווימלען און פוילן צוזאַמען. אָבער די געגנוואַרט פון זיין שוועסטער האָט אייביק פאַרטריבן די שרעק-בילדער, ווייל זי האָט געלעבט נאָר פאַר זיינעט-וועגן. ער האָט דעריבער געמוזט לעבן און זיין גליקלעך, — זיין גליקלעך קעגן זיין אייגענעם ווילן.

זייער לעבן האָט זיך געשטיצט אויף אַ הייסן סטאַישן גלויבן פול מיט ריינקייט און איידעלער אַמביציע. דאָס גאַנצע לעבן פון די צוויי קינדער האָט זיך אויסגעשטרעקט צו איין ציל — צו אָליוויערס ערפאָלג. אַנטואַנעט האָט גענומען אויף זיך כּלערליי אַרבעט, געבויגן דעם קאָפּ פאַר אַלערליי בזיונות, געווען אַ פּריוואַטע לערערין אין אַזעלכע הייזער, ווו מ׳האָט זיך צו איר באַצויגן ווי צו אַ דינסט; זי האָט געמוזט באַגלייטן אירע שילערינס אויפן שפּאַציר, ווי אַ באָנע, אַרומשלעפּן זיך מיט זיי לאַנגע שעהן איבער די גאַסן, כּלומרשט כּדי אויסצולערנען די קינדער רעדן דייטש. צוליב ליבע צום ברודער און אפילו צוליב איר שטאָלץ האָט זי אין די דאָזיקע גייסטיקע יסורים און מאַטעריש געפונען אַ באַזונדערן פאַרגעניגן.

זי פלעגט קומען אַהיים טויט־מיד און פאַרנומען זיך מיט אָלי־וויערן, וואָס איז דעם גאַנצן טאָג געווען אין דער גימנאַזיע, אַלס האַלבער אינטערניסט, און פלעגט קומען ערשט אין אָוונט אַהיים. זי פלעגט צוגרייטן דעם באַשיידענעם מיטאָג, וואָס זי האָט געקאָכט אויפן גאַז אָדער אויף אַ ספּירט־מאַשינקע. אָליוויער איז קיינמאָל נישט געווען הונגעריק, ער האָט אַלץ פיינט געהאַט. פליישׁ האָט דערוועקט אין אים עקל. מ׳האָט אים געמוזט צווינגען מיט גוואַלט, אָדער מאַכן פאַר אים ספּעציעלע מאכלים, וואָס זאָלן אים שמעקן. און די בידנע אַנטואַנעט איז קיינמאָל נישט געווען קיין אויסגעצייכנטע קעכין. ס׳האָט איר געקאָסט געזונט, ווען זי האָט נאָך איר גאַנצער מאַטער־ניש געהערט פון אים, אַז אירע מאכלים קאָן מען אין מויל נישט נעמען. נאָך פיל מינוטן פון פאַרצווייפלונג, — פון יענער פאַרצווייפ־לונג, וואָס איז גוט באַקאַנט די יונגע אומדערפאַרענע באַלעבאָסטעס, אַ פאַרצווייפלונג, וואָס פאַרסמט זיי דאָס לעבן און לאָזט זיי נישט שלאָפן ביינאַכט, הגם קיינער ווייסט נישט דערפון, — האָט זי זיך אַ ביסל איינגעאַרבעט.

נאָכן עסן, ווען זי האָט געענדיקט וואַשן די כּלים (ער האָט איר אָפּטמאָל געוואָלט העלפן, אָבער זי האָט אים קיינמאָל נישט געלאָזט), פלעגט זי זיך מיט אַן אמת־מוטערלעכער איבערגעגעבנקייט פאַרנעמען מיטן ברודערס אַרבעט. זי האָט אים געטריבן איבערצו־חזרן די לעקציעס, געלייענט זיינע שריפטלעכע אַרבעטן, געמאַכט פאַר אים אַן אויפגאַבע און שטענדיק זיך געהיט, נישט צו באַליי־דיקן מיט עפּעס אָט דעם קרענקלעכן נפש. דעם אָוונט פלעגן זיי

פֿאַרברענגען בײַם אײנציקן טיש, וואָס האָט זײ געדינט אי צום עסן אי צום שרײַבן. ער האָט געמאַכט די לעקציעס. זי האָט גענײט אָדער געשריבן. ווען ער איז געגאַנגען שלאָפֿן, איז זי נאָך געבליבן זיצן און פֿאַריכט זײַנע קלײדער אָדער געטון עפּעס פֿאַר זיך.

הגם ס׳איז זײ שווער געווען צו פֿאַרדינען אויף חיונה, האָבן זײ אָבער בײדע באַשלאָסן פֿונם פֿאַרדינטן געלט אָפּצושפּאָרן און ראשית־כּל צו סילוקן דער משפּחה פּואַיע דעם חוב, וואָס די מאַמע האָט בײ זײ געבאָרגט. נישט דערפֿאַר, וואָס זײ האָבן געמאָנט דעם חוב; זײ האָבן זיך בכלל געמאַכט געפּגרט, זיך מיאש געווען פֿונם געלט און געדאַנקט גאָט, וואָס זײ זענען פֿאַר אַזאַ ביליקן פּרײַז פּטור געוואָרן פֿון די קרובים, וועלכע האָבן זײ קאָמפּראָמיטירט. אָבער דער שטאָלץ און די ליבע צו די עלטערן האָבן שטאַרק געליטן, וואָס די מאַמע איז געבליבן שולדיק געלט אַזעלכע געמײנע מענטשן. זײ האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלץ, געשפּאָרט פֿון זײערע קלײדער, פֿון עסן, — אַבי נאָר אָנצוקלײבן וואָס־גיכער די צוויי הונדערט פֿראַנק, וואָס איז פֿאַר זײ געווען אַ ריזיקע סומע. אַנטואַנעט האָט געוואָלט אַלײן שפּאָרן פֿון אירע אויסגאַבן, אָבער ווען אָליוויער האָט זיך דערפֿון דערוווּסט, האָט זי אים געמוזט צונעמען צו שותּפֿות. זײ האָבן זיך בײדע געמאַטערט און זענען געווען גליקלעך, וואָס זײ קאָנען אָפּשפּאָרן עטלעכע סו אַ טאָג.

נאָך דרײַ יאָר מאַטערניש האָבן זײ פּרוטותווײַז אָנגעקליבן די סומע. ס׳איז געווען פֿאַר זײ אַ גרויסע פֿרײד. אַנטואַנעט איז אַוועק צו די פּואַיעס אין אָוונט. זײ האָבן זי אומפֿרײַנדלעך אויפֿגענומען. זײ האָבן געמײנט, אַז זי איז געקומען בעטן בײ זײ הילף און געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו פֿאַרלויפֿן איר דעם וועג און צו מוסרן זי אויף אַ טרוקענעם אופֿן, למאי זי האָט זײ נישט איבערגעגעבן די נײַעס, אפֿילו נישט צו וויסן געגעבן וועגן דעם טויט פֿון איר מוטער און נישט געקומען צו זײ, ווען זי האָט זיך גענויטיקט אין הילף. זי האָט זײ רויק איבערגעשלאָגן די רײד און געזאָגט, אַז זי מײנט זײ נישט צו שטערן, נאָר זי איז געקומען זײ אָפּגעבן דאָס געלט, וואָס מ׳האָט בײ זײ געליגן. זי האָט אַוועקגעלעגט אויפֿן טיש די צוויי באַנקנאָטן און געבעטן אַ קוויט. די באַציִונג האָט זיך באַלד געענדערט און זײ האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זײ ווילן נישט צונעמען דאָס געלט. זײ האָבן פּלוצלינג דערפֿילט צו איר יענעם מין

סימפאַטיע, וואָס דערוועקט זיך אין דעם מענטשן, בעת עמעצער צאָלט אים אָפּ אַ חוב, וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג מיאש געווען פון אים. זיי האָבן זי געפרעגט, ווו זי וווינט מיטן ברודער און ווי זיי לעבן: זי האָט נישט געענטפערט, געבעטן ווידער דעם קוויט און געזאָגט, אַז זי איז פאַרנומען, דערנאָך האָט זי זיך קאַלט פאַרנויגט און איז אַרויס. הער און מאַדאַם פּואַיע זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער אומדאַנקבאַרקייט פון דעם מיידל.

נאָכן באַפרייען זיך פון דעם שווער־דריקנ־יקן געדאַנק, האָט אַנטואַנעט נישט אויפגעהערט צו לעבן אין דחקות, אָבער דאָסמאָל נאָר פאַר איר ברודערס וועגן. זי האָט עס איצט באַהאַלטן, ער זאָל עס נישט פילן. געקאַרגט אויפן חשבון פון אירע קליידער, טיילמאָל פון איר עסן, אַבי דער ברודער זאָל האָבן וואָס אָנצוטאָן, זאָל פירן אַן אָנגענעם, שיין לעבן, זאָל האָבן די מעגלעכקייט פון צייט צו צייט צו באַזוכן אַ קאָנצערט און אפילו די אָפּערע — וואָס עס איז געווען פאַר אָליוויערן אַן אומבאַשרייבלעך גליק. פריער האָט ער נישט געוואָלט גיין אַליין אָן איר, אָבער זי האָט שטענדיק געפונען אַן אויסרייד זיך אַרויסצודרייען און איינצושטילן זיין געוויסנסביסן. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז מיד, אַז זי האָט נישט קיין חשק צו גיין און אַז עס לאַנגווייליקט זי. ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסרייד, וועלכן זי טראַכט אויס מחמת ליבע צו אים, אָבער דער קינדישער עגאָיזם פלעגט גובר זיין אין אים. ער פלעגט גיין אין טעאַטער, און דאָרט האָט אים ווידער גענומען ווי טון דאָס האַרץ; אין משך פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר און זיין גליק איז פאַרשטערט געוואָרן. איינמאָל אין אַ זונטיק, ווען זי האָט אים אַוועקגעשיקט אויף אַ קאָנצערט אין שאַטעלע, איז ער אין אַ האַלבער שעה אַרום געקומען צוריק און געזאָגט דער שוועסטער, אַז ווען ער איז צוגעקומען צו דער סען־מישעל־בריק, האָט ער נישט געהאַט קיין האַרץ צו גיין ווייטער; דער קאָנצערט האָט אים שוין נישט אינטערעסירט, ס'איז געווען אַ צו שטאַרקער ווייטיק פאַר אים צו ווילן זיך אַליין, אָן איר. אַנטואַנעטן איז עס געווען זייער אָנגענעם צו זען, אַז איר ברודער האָט זיך צוליב איר אָפּגעזאָגט פון דער זונטיקדיקער פאַרווייל ונג. אָבער אָליוויער האָט נישט חרטה געהאַט, בעת ער האָט געזען דאָס פרייל עכע, שטראַלנ־דיקע פּנים פון זיין שוועסטער, וואָס האָט אומזיסט באַמיט זיך צו

באַהאַלטן איר פרייד, און ער האָט זיך געפילט גליקלעכער, ווי ווען ער וואָלט געהערט די שענסטע מוזיק אויף דער וועלט. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען, זיצנדיק איינער קעגן צווייטן — ער מיט זיין בוך און זי מיט איר האַנט־אַרבעט; אָבער זיי האָבן כמעט נישט געלייענט און נישט גענייט, נאָר גערעדט וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, וואָס האָבן ביידע נישט אינטערעסירט. קיינמאָל האָבן זיי נישט אַזוי אַנגענעם פאַרבראַכט דעם זונטיק. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין אויף קאָנצערטן נאָר צוזאַמען: זיי זענען נישט געווען מסוגל צו זיין גליקלעך אַליין, איינער אָן דעם אַנדערן.

זי האָט אין דער שטיל אָפגעשפאָרט אַ ביסל געלט און געמאַכט אָליווערן אַ סורפריז: זי האָט אים געדונגען אַ פיאַנינאָ, וואָס האָט לויט אַ געוויסן צאָל־סיסטעם נאָך אַ געוויסער צייט געדאַרפט אַריבער אין זייער רשות. ס'איז געווען פאַר איר זייער אַ שווערע התחייבות. די טעג פון צאָלן זענען געווען פאַר איר אמתע שרעקבילדער. זי האָט חרוב געמאַכט איר געזונט, זוכנדיק דאָס נויטיקע געלט. אָבער דער דאָזיקער קאַפריז האָט זיי געבראַכט אַזוי פיל גליק! אין זייער שווערן לעבן איז די מוזיק געוואָרן פאַר זיי אַן אמתער גן עדן. זי האָט פאַרנומען אין זייערע הערצער אַן אומבאַגרענעצט אָרט. זיי זענען פאַרזונקען געוואָרן אין איר און פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט. יאָ, ס'איז געווען אין דעם אַ געוויסע געפאַר אויך. די מוזיק איז פון די עלעמענטן, וואָס שוואַכן אָפ די יסודות פון דעם מאָדערנעם לעבן. ווי אַ שטאַרקע היץ אָדער אַ וואַרעמלעכער, פייכטער האַרבסט־טאָג, רעגט זי אויף די חושים און דערשלאָגט דעם ווילן. אָבער זי איז געווען אַן אמתער אָפרו פאַר אַנטואַנעט, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געטון אַ שווערע אַרבעט אָן שום פרייד. דער זונטיקדיקער קאָנצערט איז געווען דער איינציקער שטראַל אין זייער שווערער אַרבעטס־וואָך. זיי האָבן געלעבט מיטן אָנדענק פון דעם פאַרגאַנגענעם קאָנצערט און מיט דער האָפנונג פון דעם קומענדיקן, ווען זיי האָבן צוויי אָדער דריי שעה פאַרבראַכט אויסער פאַריז און אויסער דער צייט. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן אין גאַס, אויפן רעגן אָדער שניי, ווינט אָדער קעלט, צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, אין איין שרעק טאָמער געפינען זיי נישט קיין פלעצער, פלעגן זיי נעלם ווערן אין טעאַטער, פאַרשלונגען פונם המון אין די ענגע, אין די פינצטערע ערטער. זיי זענען שיר נישט דערשטיקט אָדער צעטראָטן

געוואָרן, טײַלמאָל שיר נישט געחלשט פון היץ און הונגער. און דאָך איז יעדערער פון זיי געווען גליקלעך — מיטן אייגענעם גליק און מיטן צווייטנס. זיי זענען געווען גליקלעך צו פילן דעם שטראָם פון גוטסקייט, ליכט און קראַפט, וואָס פליסן פון בעטהאָווענס און וואַגנערס גרויסע נשמות; גליקלעך צו זען פרייד איינער אויפן צווייטנס פנים, וואָס איז געווען בלייך פון צרות און פריצייטיקע זאָרגן. אַנטואַנעט האָט זיך געפילט אַזוי מיד, פונקט ווי דער מאַמעס אָרעמס וואָלטן זי געדריקט צום שויס. זי איז אַראָפּגעפאַלן אין אַ ווייכער, וואַרעמער נעסט און געווײנט אין דער שטיל. אָליוויער האָט גע-דריקט איר האַנט. אין דער טונקלקייט פון דעם גרויסן זאַל האָט קיינער אויף זיי קיין אַכט נישט געלעגט. זיי זענען נישט געווען אַליין. עס זענען דאָ געווען אַ סך אָנגעווייטיקטע נשמות, וואָס האָבן געזוכט אַ שוץ אונטער די פליגל פון מוזיק.

אויך די רעליגיע האָט אַנטואַנעטן צוגעגעבן מוט. זי איז גע-ווען זייער פרום, דאָט יעדן טאָג לאַנג און וואַרעם תּפילה געטאָן און זונטיק איז זי געגאַנגען צום געבעט. נישט געקוקט אויף די אומפאַרדינטע צרות, האָט אַנטואַנעט נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער ליבע פון דעם געטלעכן אויסדערוויילטן, וואָס ליידט צוזאַמען מיט די מענטשן און וועט זיי אין אַ געוויסן טאָג ברענגען טרייסט. אָבער נאָך מער ווי מיט גאָט, האָט זי זיך מתיחד געווען מיט די טויטע און אין האַרצן געטיילט מיט זיי אַלע אירע ליידן. הגם זי האָט פאַרמאָגט אַ פרייען גייסט און אַ שטאַרקן שכל. זי האָט זיך דערווייטערט פון אַנדערע פרומע קאַטוילן און האָט ביי זיי נישט נושא-חן געווען; זיי האָבן זי חושד געווען, אַז זי איז אַ פריידענ־קערין, אָדער זיי זענען געווען געניגט זיך טראַכטן, אַז זי וועט לכל־הדעות קאַליע ווערן; אַלס אמתע פראַנצויזין, האָט זי נישט גע-האַט בדעה זיך אָפּצוזאָגן פון אירע פרייע מיינונגען; איר גלויבן האָט זיך נישט גענומען פון הכנעה, פון בלינדער געהאָרכזאַמקייט, נייערט פון איר ליבע.

אָליוויער האָט אויפגעהערט צו גלויבן; באַלד אין די ערשטע חדשים פון זיין קומען קיין פאַריז האָט זיך זיין גלויבן גענומען וואַקלען, ביז ער איז ביסלעכווייז אינגאַנצן חרוב געוואָרן. ער האָט דערפון שטאַרק געליטן, ווייל ער האָט נישט געהערט צו די זייער שטאַרקע און נישט צו די זייער באַגרענעצטע, וואָס קאָנען לעבן אָן

אַ גלויבן. דערפֿאַר האָט ער איבערגעלעבט מינוטן פֿון אמתע טויט־שרעק. אָבער אין האַרצן איז אים פֿאַרבליבן עפּעס אַ מיסטיש געפֿיל, און אויב ער האָט אפֿילו אינגאַנצן נישט געגלויבט, איז אָבער קיין שום געדאַנק נישט געווען אַזוי נאָענט זיין גייסט, ווי דער געדאַנק פֿון זיין שוועסטער. זיי האָבן ביידע געלעבט אין אַ רעליגיעזער אַטמאָספֿער. אין אָוונט, ווען זיי זענען זיך צונויפֿגעקומען נאָך אַ טאָג פֿון צעשיי־ונג, איז זייער דירהלע געווען אַ טייערער מקלט, אַן אָרעמער, אַ קאַלטער, אָבער אַ ריינער. ווי ווייט זיי האָבן זיך געפֿילט פֿון פֿאַריזער טומל און פֿון זיינע בייזע מחשבות!

זיי האָבן ווייניק גערעדט וועגן זייער אַרבעט. בעת דער מענטש איז פֿאַרמאַטערט איז ער נישט גענייגט צו דערמאָנען דעם טאָג פֿון זיין מאַטערניש. אינסטינקטיוו האָבן זיי זיך באַמיט נישט צו רעדן דערפֿון; בפֿרט אין דער ערשטער שעה, ביים אָוונט־ברויט, האָבן זיי זיך שטאַרק געהיט נישט אויסצופֿרעגן איינער דעם אַנדערן וועגן זייער אַרבעט. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט די בליקן, טיילמאָל נישט איבעררעדנדיק בעתן עסן קיין איין וואָרט. אַנטואַנעט האָט געקוקט אויף איר ברודער, וואָס איז געזעסן פֿאַרטראַכט איבער זיין טעלער, ווי אַמאָל אין די קינדער־יאָרן. זי האָט צערטלעך געגלעט אים איבער דער האַנט:

— שטאַרק זיך! — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, — נעם זיך אָן מיט מוט!

ער האָט אויך געשמייכלט און גענומען עסן. אַזוי איז אַריבער דער מיטאָג און זיי האָבן זיך לחלוטין נישט באַמיט צו פֿאַרבינדן אַ שמועס. זיי האָבן געבענקט נאָך שטילקייט, — נאָר לסוף האָבן זיך ביי זיי ביסלעכווייז אויפֿגעבונדן די צינגער. זיי האָבן געפֿילט, אַז זיי זענען שוין אויסגערוט, און יעדער איינער, מיט אַ באַהאַלטענער ליבע צום צווייטן, האָט אָפּגעווישט פֿון זיך די שמוציקע שפּורן פֿון דעם טאָג.

אָליוויער האָט זיך געזעצט ביים פֿאָרטעפּיאַן. אַנטואַנעט האָט זיך אָפּגעוווינט פֿון שפּילן צוליב איר ברודער: דאָס איז געווען זיין איינציקע פֿאַרוויילונג, וועלכער ער האָט זיך איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט פֿאַרמאָגט גוטע פֿעיקייטן צו מוזיק: זיין פֿרויען־נאַטור, וואָס איז געווען מער גענייגט צו ליבע, ווי צו מעשים, האָט מיט ליבשאַפֿט איינגעזאַפּט אין זיך די געדאַנקען פֿון די מוזי-

קער, זיך צונויפגעשמאָלצן מיט זיי, מיט אַ לײדנשאַפטלעכער טרייקייט איבערגעגעבן זייערע דינסטע ניואַנסן, — ביז זיינע אָרעמס זענען שוואַך געוואָרן, דער אָטעם קורץ, און ער האָט קיין כּוח נישט געהאַט צו באַהערשן טריסטאַנס טיטאַנישן בונט אָדער די לעצטע סאָנאַטעס פון בעטהאָווען. דעריבער האָט ער אָפטער געשפּילט מאָצאַרטן אָדער גלוקן. און זי האָט אויך מער ליב געהאַט די דאָזיקע מוזיק.

טיילמאָל פלעגט זי זינגען זייער פּשוטע לידער, אַלטע נגונים. זי האָט פאַרמאָגט אַ שוואַכן, איידעלן און שווערן מעצאָ-סאָפּראַן. זי איז געווען אַזוי שעמעוודיק, אַז זי האָט נישט געקאָנט זינגען אין דער געגנוואַרט פון מענטשן, אפילו אין אָליוויערס געגנוואַרט. ס׳האָט איר פּשוט געשפּיקט אין האַלז. איין ליד בעטהאָווענס, צו די שאָטלענדישע ווערטער, „דער טרייער זשאָני" האָט זי צום שטאַרקסטן ליב געהאַט. דאָס איז געווען אַ רויק צאַרט ליד, ענלעך צו איר אַליין. אָליוויערן פלעגן זיך שטעלן טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט זי געהערט זינגען דאָס ליד.

אָבער זי האָט מער ליב געהאַט צו הערן איר ברודער. זי האָט גיך געענדיקט איר שטוב-אַרבעט און געלאָזט אָפן די טיר פון קיך, כּדי בעסער צו הערן זיין שפּילן. הגם זי איז געווען פאָרזיכטיק, האָט ער זיך אומגעדולדיק באַקלאָגט, וואָס זי מאַכט אָן אין קיך אַ טומל מיט די כּלים. דעמאָלט פלעגט זי פאַרמאַכן די טיר. נאָכן ענדיקן די אַרבעט, פלעגט זי זיך זעצן אויף אַ פוס-בענקעלע, נישט ביים פּאָרטעפּיאַן (ווייל ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז בעת זיין שפּילן זאָל עמעצער זיצן נעבן אים) נאָר ביים אויוון איינגעקאָרטשעט אין זיך ווי אַ קעצל; זי איז געזעסן אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פּיאַנינאָ, געקוקט אין די גאָלדענע אויגן פונם קאַמין, ווו עס האָט שטיל געברענט אַ שטיק קויל, און געטראַכט וועגן בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט. ווען דער זייגער האָט געקלונגען ניין, האָט זי זיך געמוזט באַהערשן און דערמאָנען אָליוויערן, אַז ס׳איז שוין צייט צו ענדיקן. ס׳איז איר שווער געווען אויפצוּוועקן אים און זיך אַליין פון די חלומות. אָבער אָליוויער האָט נאָך געהאַט אַרבעט און האָט געדאַרפט גיין פריער שלאָפן. ער האָט איר נישט גלייך געפאָלגט, ווייל שטענדיק האָט געמוזט דויערן אַ געוויסע צייט, איידער ער האָט זיך באַפרייט פון דער מוזיק און זיך געקאָנט נעמען צו דער אַרבעט. זיינע געדאַנקען האָבן ווייט אַרומגעשוועבט. טיילמאָל

האָט געדויערט אַ האַלבע שעה איידער די נעפלען אין זיין האַרצן זענען זיך צעגאַנגען. אַנטואַנעט איז געזעסן ביים טיש געבויגן איבער איר אַרבעט און געוווּסט, אַז ער טוט גאָרנישט; אָבער זי האָט קיין מוט נישט געהאַט אָפּצוטון אַ קוק צו זיין זייט, טאָמער פאַרדריסט עס אים, וואָס זי גיט אויף אים אַכטונג.

אָליוויער האָט דעמאָלט דורכגעלעבט די איבערגאַנג־צייט — די גליקלעכע צייט, — ווען די טעג גייען אַוועק אין לײדיקגייעריי. ער האָט געהאַט אַ קלאָרן שטערן, מיידלשע, אַ ביסל שעלמישע און נאַי־ווע אויגן, טיילמאָל אונטערגעשלאָגענע; אַ ברייט מויל, מיט אָנגע־שוואָלענע, ווי זויגנדיקע ליפּן, אַ קרומען שמייכל, אַן אומקלאָרן, צעשטרייטן און אומזיכערן שמייכל; געדיכטע האָר זענען אים אַראָפּ־געפאַלן איבער די אויגן און זיך פאַרענדיקט מיט אַ קניפּ אויפן קאַרק. ער האָט געטראָגן אויפן האַלז אַ שניפּס, וואָס די שוועסטער האָט אים יעדן אינדערפרי פאַרבונדן, פון זיין רעקל פלעגן זיך אָפּט אָפּרייסן די קנעפּ, הגם זי האָט זיי אָן אויפהער צוגענייט; ער האָט נישט געטראָגן קיין מאַנקעטן און געהאַט גרויסע ביינערדיקע הענט; זיין פּנים איז געווען אַ ביסל שפּאָטיש, פאַרשלאָפן און אויסגעאיידלט; ער פלעגט שטיין אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט און טראַכטן וועגן פויגעלעך, וואָס פליען איבערן דאַך. זיינע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנ־דזשעט אָן אַ ציל, געקוקט אויף אַנטואַנעטס צימער, ווו ס'איז געשטאַ־נען דער אַרבעטס־טיש, שפּעטער אויפן אייזערנעם בעטל, וואָס איבער דעם איז געהאָנגען אַ צלם פון עלפאַנט־ביין מיט אַ קליין־בוקשפאַן־צווייגל, די בילדער פון זיין פאָטער און מוטער און די אַלטע פאָ־טאָגראַפיע פון זיין געבורטס־שטאָט מיט איר טורם און וואַסער־שפּיגל. ווען זיינע אויגן זענען געבליבן שטיין אויפן בלאַסן פּנים פון זיין שוועסטער, וואָס איז געווען פאַרטיפט אין איר אַרבעט, האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ שטאַרקער רחמנות צו איר, אַז ער איז בייז געוואָרן אויף זיך אַליין. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט, אויפגעבראַכט אויף זיין בטלנות, און זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט, כדי אָפּצונעמען די פאַרלוירענע צייט.

אין די פרייע טעג פלעגט ער לייענען. זיי האָבן געלייענט יעדערער פאַר זיך. כאָטש זיי האָבן זיך ליב געהאַט, האָבן זיי צו־זאַמען נישט געקאָנט לייענען אַ בוך אויפן קול. ס'האָט ביי זיי אויס־געזען ווי אומדיסקרעט. בעת ס'איז זיי געפעלן געוואָרן אַ זייט, איז

אָנשטאָט עס איינער פאַרן צווייטער פאָרצולייענען, פלעגן זיי איבערגעבן דאָס בוך (אַ שיין בוך האָט אויסגעזען ביי זיי ווי עפּעס אַ סוד, וואָס מען קאָן נאָר איינרוימען אין דער שטילקייט פון האַרצן), אָנווייזן מיט די פינגער אויף די שורות און זאָגן איינער דעם אַנדערן:

— לייען עס איבער.

דעמאָלט האָט איינער געלייענט, און דער אַנדערער, וואָס האָט עס שוין איבערגעלייענט, האָט געקוקט מיט צעשטראַלטע אויגן יענעם אין פּנים אַריין, באַמיט זיך אויפצוכאַפּן די איינדרוקן און געפרייט זיך מיט אים צוזאַמען.

אָבער אָפטמאָל זענען זיי געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויף די ביכער און נישט געלייענט. וואָס מער ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, אַלץ שטאַרקער האָבן זיי געפילט די באַדערפעניש צו עפענען איינער פאַרן צווייטן דאָס האַרץ. דאָס רעדן איז זיי דעמאָלט נישט אָנגעקומען אַזוי שווער. טרויעריקע געדאַנקען האָבן באַהערשט אָליווירן: דאָס שוואַכע יינגל האָט שטענדיק געפילט אַ באַדערפעניש אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן זיינע דאגות און די ספקות, וואָס האָבן אים געפּייניקט. אַנטואַנעט האָט אים צוגעגעבן מוט און פאַרטיידיקט קעגן אים אַליין. דער דאָזיקער קאַמף פלעגט זיך יעדן טאָג באַנייען. אָליוויער האָט גערעדט פאַרביטערט און טרויעריק, און בעת ער האָט גערעדט, איז אים לייכטער געוואָרן. אָבער ער האָט נישט געטראַכט בעת־מעשה, אַז זיינע ווערטער באַאומרויקן זי. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך אַרומגעזען, ווי שטאַרק ער האָט זי אויסגעמאַטערט, וויפל כוחות עס האָט ביי איר צוגענומען, אָנוואַרפנדיק איר זיינע ספקות. אַנטואַנעט האָט עס לפנים נישט אַרויסגעוויזן. בטבע אַ שטאַרקע און אַ פריילעכע, פלעגט זי זיך באַהערשן און בלייבן פריילעך אפילו דעמאָלט, ווען זי האָט שוין געהאַט איר פרייד פאַרלוירן. ס'פלעגן איר טרעפן מינוטן פון אַבסאָלוטער מידקייט, מינוטן פון בונט קעגן דעם דאָזיקן לעבן פון שטענדיקער מסירת־נפש. זי פלעגט פאַרטרייבן פון זיך די דאָזיקע געדאַנקען, נישט געוואָלט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיי. זיי האָבן זיך דערוועקט אין איר אומבאַוווּסטערהייט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט זיי. צו הילף פלעגט איר קומען די תפילה. אָבער עס זענען אויך געווען מינוטן, ווען דאָס האַרץ האָט נישט געקאָנט תפילה טון (עס טרעפן אַזעלכע מינוטן) און איז געוואָרן חרוב. דעמאָלט בלייבט דעם מענטשן איבער

צו זיצן שטיל און צו וואַרטן אין אומרו און חרפה, ביז גאָטס חסד וועט זיך צו אים אומקערן. אָליוויער האָט זי קיינמאָל נישט וווּשד געווען אין אַזעלכע געדאַנקען. אַנטואַנעט פלעגט דעמאָלט געפינען אַן אויסרייד זיך אַרויסצודרייען, זיך צו פאַרשפאַרן אין איר צימער; זי פלעגט זיך באַווייזן ערשט נאָכן קריזיס, אַ שמייכלענדיקע, אַ צעוויי־טיקטע און נאָך מער צאַרט ווי פריער, פונקט ווי ס'וואָלט איר פאַרדראָסן אויף איר פריערדיקן צער.

זייערע צימערן זענען געווען איינס נעבן אַנדערן, און די בעטן זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן וואַנט; זיי האָבן זיך געקאָנט דורכן וואַנט שטיל איבערשמועסן, און בעת זיי האָבן נישט געקאָנט שלאָפן, האָבן זיי לייכט געקלאַפּט אין וואַנט.

— דו שלאָפסט? וואָרום איך שלאָף נישט.

די מחיצה צווישן זיי איז געווען אַזוי דין, אַז זיי זענען גע־לעגן איינער נעבן אַנדערן, ווי צוויי געליבטע, וואָס ליגן צוזאַמען צניעותדיק אויף איין געלעגער. אָבער די טיר צווישן ביידע צימערן איז ביינאַכט שטענדיק פאַרמאַכט געווען צוליב אַן אינסטינקטיוועד טיפער צניעות, צוליב הייליקן געפיל. זי איז געווען אָפן נאָר בעת אָליוויער איז געווען קראַנק, וואָס עס פלעגט זייער אָפט טרעפן.

זיין שוואַכער געזונט האָט זיך נישט פאַרבעסערט, נאָר פאַר־קערט. ס'האָט אים אָן אויפהער וויי געטון אין האַלז, אין האַרצן, אין קאָפּ, די לונגען, — די לייכטסטע פאַרקילונג האָט געקאָנט לייכט אַרי־בער אין בראָנכיט; ער איז איינמאָל קראַנק געוואָרן אויף שקאַרלאַטין און איז דערפון שיר נישט געשטאָרבן. אַפילו בעת ער איז נישט געווען קראַנק, האָט ער געהאַט סימפּטאָמען פון שווערע קראַנקהייטן, וואָס האָבן זיך צום גליק נישט אַנטוויקלט. ס'האָט אים שטענדיק וויי געטון אָדער אין די לונגען אָדער אין האַרצן. איינמאָל האָט אים אַ דאָקטאָר אונטערזוכט און פעסטגעשטעלט אַ האַרץ־אַנטצינדונג אָדער אַ לונגען־אַנטצינדונג, און אַ גרויסער ספּעציאַליסט, ביי וועלכן זיי האָבן געפרעגט אַן עצה, האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע השערה. און דאָך איז אים גאָרנישט געשען. אייגנטלעך זענען אין דעם שולדיק געווען די נערוון, וואָס זענען ביי אים שטענדיק געווען אָפּגעשוואַכט. ס'איז באַוווּסט, אַז אַזעלכע מיני קראַנקהייטן באַקומען איבערראַשנדיקע פאָר־מען און דויערן קוים עטלעכע טעג. אָבער ווי שרעקלעך זענען זיי געווען פאַר אַנטואַנעט! וויפל שלאָפלאָזע נעכט האָט זי פאַרבראַכט!

ליגנדיק אין בעט, איז זי אַלע ווײַלע אויפגעשטאַנען צו הערן הינ־
טער דער טיר ווי דער ברודער אָטעמט, און אַ שרעק פּלעגט זי באַ־
הערשן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבן. זי האָט
עס געוווּסט, זי איז געווען זיכער, אַז אָט שטאַרבט ער. זי האָט גע־
ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, פאַרבראָכן די הענט, געדריקט זיי צום
מויל, כדי נישט צו שרייען. זי האָט זיך געבעטן:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער, נעם אים נישט צו פון מיר!
ניין... האָסט נישט קיין רעכט עס צו טון. איך בעט רחמים ביי דיר.
אוי, מאַמע טייערע! קום מיר צו הילף, ראַטעווע אים, ער זאָל מיר
בלייבן לעבן!...

איר גאַנצע געשטאַלט איז פאַרשטייפט געוואָרן אין געבעט.

— אָ! שטאַרבן אינמיטן וועג, ווען דער מענטש האָט שוין אַזוי
פיל באַוויזן אויפצוטון, ווען ער איז שוין נאָענט צום ציל, ווען דאָס
גליק איז שוין נאָענט... ניין, ס׳איז אוממעגלעך, ס׳וואָלט געווען צו
אכזריותדיק!...

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט — און אָליוויער האָט איר גורם
געווען פרישע זאָרגן.

ער האָט פאַרמאָגט אַ טיף־ערלעכע נאַטור, פּונקט ווי זי, אָבער
זיין ווילן איז געווען צו שוואַך און זיין אינטעליגענץ אומגעצוימט
און פריי, — דעריבער איז ער געווען אַביסל פאַרחושכט, סקעפּטיש,
און האָט מוחל געווען פיל שלעכטס, אויב ס׳האָט אים אויסגעזען
שיין. אַנטואַנעט איז געווען אַזוי ריין, אַז זי האָט ערשט אין אַ לאַנ־
גע צייט אַרום תופס געווען, וואָס עס קומט פאָר ביי איר ברודער
אין האַרצן. פּלוצלינג האָט זיך עס איר אַנטפּלעקט.

אָליוויער האָט געמיינט, אַז זיין שוועסטער איז אַרויסגעגאַנ־
גען. אין דער שעה האָט זי שטענדיק געהאַט אַ לעקציע. אָבער אין
דער לעצטער מינוט האָט זי דערהאַלטן אַ ידיעה פון איר שילער,
אַז ער וועט זייער גערן בלייבן דעם טאָג אַליין, אָן איר. זי האָט
געפילט אין האַרצן אַ פאַרגעניגן, הגם דערמיט האָט זיך איר גע־
האַלט פאַרקלענערט מיט עטלעכע פראַנק. זי איז געווען זייער מיד

און האָט זיך געלעגט אויפֿן בעט; ס׳האָט איר הנאה געטון, וואָס מ׳האָט איר געגעבן די געלעגנהייט זיך אָפּצורוען אַ טאָג — אָן גע־וויסנס־ביסן. אָליוויער איז געקומען פֿון גימנאַזיע. אַ חבר האָט אים באַגלייט. זיי האָבן זיך געזעצט אין צווייטן צימער און גענומען שמועסן. זי האָט געהערט יעדעס וואָרט. זיי האָבן זיך נישט געהיט, זיכער, אַז זיי זענען אַליין אין שטוב. אַנטואַנעט האָט געהערט איר ברודערס פֿריילעכע שטים און האָט אַ שמייכל געטון, אָבער באַלד האָט זי אויפֿגעהערט צו שמייכלען. דאָס בלוט איז איר אַנטרונען געוואָרן. זיי האָבן גערעדט גראָבע רייד מיט שרעקלעכע, נאַקעטע ווערטער. זיי האָבן, משמעות, הנאה געהאַט דערפֿון. זי האָט גע־הערט, ווי אָליוויער לאַכט, — איר קליינער אָליוויער. און פֿון זיין מויל, וואָס איז געווען אַזוי אומשולדיק, זענען אַרויס מיאוסע רייד, וואָס האָבן זי פּשוט אַרומגענומען מיט אַ שוידער. אַ שאַרפֿער ווייטיק האָט איר טיף אַ שטאָך געטון, ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. לסוף זענען זיי ביידע אַרויס, און אַנטואַנעט איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך דעמאָלט שטאַרק צעוויינט. עפּעס איז אָפּגעשטאָרבן אין איר האַרצן: דאָס אידעאַלע בילד, וואָס זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט וועגן איר ברודער — איר קינד — איז פֿאַרשמוצט און באַפֿלעקט געוואָרן. ס׳איז געווען פֿאַר איר אַן אכזריותדיקער ווייטיק. ווען זיי האָבן זיך אין אָוונט געטראָפֿן, האָט זי גאָרנישט גערעדט, ער האָט געזען, אַז זי האָט געוויינט, און נישט געוווּסט פֿאַרוואָס. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס האָט זי זיך פּלוצלינג גענומען אַנדערש באַגיין מיט אים. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט זי זיך באַהערשט.

אָבער איר ווייטיק איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. ווען ער איז איינמאָל אין אָוונט נישט געקומען אַהיים. זי האָט געוואַרט אויף אים אַ גאַנצע נאַכט און נישט געלעגט זיך שלאָפֿן. נישט נאָר איר מאָראַלישע ריינקייט האָט דערביי געליטן, נאָר אויך אירע טיפֿע, מיסטישע באַהעלטענישן, ווו עס רעגן זיך אומרויקע געפֿילן, וואָס זי האָט פֿאַרדעקט מיט אַ שלייער און געמאַכט זיך נישט זע־ענדיק זיי.

אָליוויער האָט דער עיקר געוואָלט דעמאָנסטרירן זיין פֿריי־הייט. ער איז געקומען אינדערפֿרי און זיך צוגעגרייט אַ פּלאַן, ווי צו האַנדלען בנוגע דער שוועסטער. ער איז גרייט געווען צו ענט־

פערן איר עזותדיק, אויב זי זאָל אים נעמען מוסרן. ער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין צימער אויף די שפּיץ פינגער, כדי זי נישט אויפצוּוועקן. אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז זי שטייט אין צימער און וואַרט אויף אים, ווען ער האָט דערזען, איר בלייך פּנים און רויטע אויגן פון געוויין; ווען ער האָט געזען, אַז אָנשטאָט אים צו מוסרן, פאָרעט זי זיך שטיל אַרום אים און מאַכט אים עסן פאַרן גיין אין גימנאַזיע; ווען ער האָט געזען, אַז זי זאָגט גאָרנישט; נאָר זי זעט אויס דערשלאָגן, און דער מוסר רעדט אַליין אַראָפּ פון איר פּנים, — האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, איז געפאַלן אויף די קני און באַהאַלטן זיין קאָפּ אין איר קלייד. זיי האָבן ביידע געוויינט. ער האָט זיך געשעמט און געפילט אַן עקל צו דער פאַרבראַכטער נאַכט. ער האָט זיך אַליין געפילט עקלדיק. ער האָט געוואָלט רעדן — נאָר זי האָט נישט געלאָזט און אַרויפגעלעגט איר האַנט אויף זיין מויל. ער האָט געקושט איר האַנט — און גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען. אָליוויער האָט זיך געשוווירן מער נישט אָנצוטון אַנטואַנעטן קיין צער און צו זיין אַזאַ, ווי זי וויל אים זען... אָבער זי האָט נישט געקאָנט באַלד פאַרגעסן איר ווונד. זי האָט זיך געפילט, פונקט ווי זי וואָלט געזונט געוואָרן נאָך אַ שווערער קרענק. עפּעס אַ שווער געפיל האָט זיך אַריינגעגנבעט צווישן זיי. זייער ליבע איז נאָך געווען גענוג שטאַרק, אָבער זי האָט שוין אַריינגעקוקט אין איר ברודערס נשמה און האָט דערזען עפּעס, וואָס איז איר געווען פרעמד און דערוועקט אין איר אַ שרעק.

דאָס, וואָס זי האָט דערזען אין אָליוויערס האַרצן, האָט זי נאָך מער איבערראַשט דערפאַר, וואָס נאָך איר גופא האָבן זיך נאָכגעיאָגט פיל מענער, — און זי האָט געליטן דערפון. בעת זי פלעגט זיך אומקערן אין אָוונט אַהיים, צו נאַכט־צו, דער עיקר דעמאָלט, ווען זי האָט געמוזט אַרויסגיין נאָכן עסן קריגן אָדער נעמען אַרבעט, — האָט זי מורא געהאַט, מ׳זאָל זי נישט נאָכיאָגן — ווי ס׳האָט שוין פיל מאָל געטראָפן — און נישט געבן איר קיין גראָבע פאָר־

שלאַגן. זי פלעגט פשוט ציטערן. ווען זי האָט נאָר געקאָנט, פלעגט זי מיטנעמען מיט זיך דעם ברודער; זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וויל, ער זאָל זיך דורכגיין, אָבער ער האָט עס נישט גערן געטון. און זי האָט נישט געהאַט קיין מוט צוצושטיין. זי האָט אים נישט געוואָלט שטערן אין דער אַרבעט. איר ריינע נשמה, די נשמה פון אַ פראָווינץ־מיידל, האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו די דאָזיקע מידות. פאַריז האָט אויסגעזען ביינאַכט, ווי אַ פינסטערער וואַלד, וווּ עס לויערן און יאָגן זיך נאָך עקלדיקע חיות. דעריבער האָט זי מורא געהאַט צו פאַרלאָזן די שטוב, אָבער ס'איז נויטיק געווען טיילמאָל אַרויסצוגיין. זי פלעגט זיך לאַנג ישובן, איידער זי פלעגט אַרויסגיין, און האָט שטענדיק געליטן דערפון. און בעת זי האָט אַ טראַכט געטון, אַז איר קליינער אָליוויער וועט אפשר אויך זיין אַמאָל, ווי איינער פון די מענטשן, וואָס יאָגן זי נאָך, איז איר שווער געווען, צוריקקומענדיק, צו געבן אים די האַנט און באַגריסן. אים האָט נישט געקאָנט איינפאַלן, צוליב וואָס זי טראָגט אויף אים אַ האַרץ; זי ווידער האָט אַליין געהאַט צו זיך טענות צוליב דעם.

קיין שיינהייט איז זי נישט געווען, אָבער אַ באַזונדערן חן האָט זי פאַרמאָגט, וואָס האָט צוגעצויגן די בליקן פון די מענער, הגם זי האָט זיך נישט באַמיט עס צו דערגרייכן. זי איז געווען אָנגעטון זייער איינפאַך, כמעט שטענדיק אין טרויער־קליידער. זי איז געווען נישט איבעריק הויך, שלאַנק; פאַרמאָגט אַן איידל פנים; זי האָט ווייניק גערעדט, שטיל זיך דורכגעגליטשט דורכן המון און זיך אויסבאַהאַלטן פאַר מענטשלעכער אויפמערקזאַמקייט. און דאָך האָט זי צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיטן טיפן חן פון אירע צאַרטע, מידע אויגן, און מיט איר קליינעם, פיינעם מויל. טיילמאָל פלעגט זי זען, אַז זי געפעלט, — זי פלעגט צעטומלט ווערן, אָבער דאָך בלייבן צופרידן. ווער וואָלט געקאָנט זאָגן, וויפיל חן און קאָקעטישע אומשולד גנבענען זיך אַריין אין אַ רויק האַרץ, וואָס פילט די סימפאַטישע באַרירונג פון אַנדערע נשמות? דאָס אַלץ האָט זיך אויף אַן אומגעשיקטן אופן אויסגעדריקט אין אירע באַוועגונגען, אין איר פאַרשעמטן בליק, וואָס זי האָט געוואָרפן פון דער זייט; דאָס האָט געוויילט און גלייכצייטיק גערירט. איר צעטומלטקייט האָט נאָך שטאַרקער געצויגן צו זיך. זי האָט געוועקט אין אַנדערע מענטשן

תאווה, און אַזוי־ווי זי איז געווען אַן אָרעם מיידל, וואָס קיינער האָט זי נישט פאַרטיידיקט, האָבן די מענטשן זיך נישט געשעמט דאָס איר צו זאָגן אָפן.

טיילמאָל פלעגט זי באַזוכן דעם סאַלאָן פון אַ רייכער יידישער משפחה, נאַטאַן, וואָס האָט זיך מיט איר אינטערעסירט, בעת אַ באַגעגעניש ביי באַקאַנטע, ווו זי האָט געגעבן לעקציעס; נישט געקוקט אויף איר שעמעוודיקייט, האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן און איז אַ צוויי־דריי מאָל געווען ביי זיי. הער אַלפרעד נאַטאַן איז געווען אַ באַרימטער פּראָפעסאָר אין פאַריז, אַ גרויסער געלערנטער און אין דערזעלבער צייט אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש. ער איז געווען אַ מאָדנער געמיש פון וויסנשאַפט און לייכטקייט, וואָס מ׳טרעפט אָפט ביי יידן. אין דער נאַטור פון מאַדאַם נאַטאַן זענען געווען אין אַ גלייכער מאָס אויסגעמישט: אמתע גוטהאַרציקייט און איבערגעטריבענע געזעלשאַפטלעכקייט. זיי האָבןביידע נישט געשפּאָרט אַנטואַנעט קיין אויסדרוקן פון סימפּאַטיע, וואָס איז געווען טומלדיק און אויפריכטיק, כאָטש נישט שטענדיק אין דער זעלבער מאָס. — בכלל האָט אַנטואַנעט געפונען מער גוטע מענטשן צווישן יידן, איידער צווישן די קאַטוילן. וויפיל חסרונות די יידן זאָלן נישט פאַרמאָגן, מוז מען זיי אָבער מודה זיין, אַז זיי פאַרמאָגן איין גרויסע מידה — אפשר די בעסטע מעלה זייערע: זיי זענען פול מיט לעבן, זיי זענען מענטשלעך; אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, איז זיי נישט פרעמד. זיי אינטערעסירן זיך מיט אַלע לעבעדיקע מענטשן, אפילו ווען זיי פילן נישט צו זיי קיין אמתע וואַרעמע סימפּאַטיע; זיי פאַרמאָגן אַן אייביקע נייגעריקייט, וואָס טרייבט זיי צו זוכן מענטשן און געדאַנקען מיט אַ ווערט — הגם זיי שיידן זיך אונטער פון זייערע אייגענע נשמות און געדאַנקען. נישט דערפאַר, וואָס זיי מיען זיך שטאַרק אַרויסצוהעלפן דעם ווערטפולן מענטשן: זיי זענען פאַרנומען מיט צופיל ענינים מיטאַמאָל און זענען מער ווי אַנדערע, צוגעבונדן צו געזעלשאפטלעכן כבוד, הגם זיי האַלטן זיך פאַר פרייע מענטשן. אָבער לכל הפחות טוען זיי עפּעס, און דאָס אַליין איז שוין אויך זייער פיל אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפט. זיי זענען דער פערמענט, דער אויוון פון לעבן. אַנטואַנעט, וואָס האָט צווישן די קאַטוילן געטראָפן אַ וואַנט פון קאַלטקייט, האָט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון דער דאָזיקער פאַראינטערעסירונג, וואָס די נאַטאַנס האָבן איר

אַרויסגעוויזן, הגם זי איז געווען אַן איבערפֿלעכלעכע. מאַדאַם נאַטאַן האָט געזען אַנטואַנעטס מסירת־נפשדיק לעבן, זי איז געווען אַנטציקט מיט איר פּיזישן און מאָראַלישן חן און האָט באַשלאָסן מיט איר זיך צו פֿאַרנעמען. זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט. אָבער זי האָט ליב געהאַט יונגוואַרג. יונגע מענטשן פֿלעגן כּסדר באַזוכן איר הויז. זי איז צוגעשטאַנען צו אַנטואַנעט צו קומען צוגיין, צו פֿאַרלאָזן איר איינזאַם לעבן און צו פֿאַרווײַלן זיך אַביסל. און אַזוי־ווי זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַנטואַנעטס שעמעוודיקייט איז אויך אָפּהענגיק פֿון דער מאַטעריעלער נויט, וואָס איז פֿאַר איר אַ שווערע לאַסט, האָט זי איר אפֿילו געוואָלט פֿאָרלעגן שיינע קליידער. די שטאָלצע אַנטואַנעט האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָבער די ליבנסווירדיקע פֿרוי האָט זיך אַזוי איינגעעקשנט, אַז זי האָט לסוף געפֿונען אַן עצה און געצוווּנגען דאָס מיידל צוצונעמען פֿון איר עטלעכע מתּנות, וואָס זענען אַזוי טייער דער אומשולדיקער פּוסטער גאווה פֿון דער פֿרוי. אַנטואַנעט איז איר געווען דאַנקבאַר און גלייכצײַטיק זיך געשעמט פֿאַר איר. זי האָט זיך געצווּונגען צו קומען פֿון צײַט צו צײַט אויף די אָוונטן פֿון דער מאַדאַם נאַטאַן, און אַזוי־ווי זי איז געווען יונג, האָט זי פֿונדעסטוועגן געפֿונען אין דעם אַ פֿאַרגעניגן.

אין דער דאָזיקער געמישטער געזעלשאַפֿט, צווישן די יונגעלײַט, וואָס פֿלעגן דאָרטן אַרײַנקומען, האָבן זיך געפֿונען אַ צוויי אָדער דרײַ אויסוווּרפֿן, וואָס זיי איז געפֿעלן געוואָרן דאָס מיידל, און זיי האָבן גענומען אויסשפּרייטן אַרום איר אַ נעץ. אין אָנהויב האָבן זיי געהאָפֿט אויף איר שעמעוודיקייט, און זיי האָבן זיך אפֿילו געוועט צווישן זיך, ווער פֿון זיי ס'וועט זי אײַננעמען.

אין איינעם אַ טאָג האָט זי באַקומען אַנאָנימע בריוו, אָדער בעסער געזאָגט געחתמעט מיט אַן אַריסטאָקראַטישער חתימה, ווו מען דערקלערט זיך איר אין ליבע: אין אָנהויב ליבע־בריוו, ווו מען חנפֿעט איר און מען באַשטימט אַן אָרט, ווו זיך צו טרעפֿן; שפּעטער זענען צו איר געקומען חוצפּהדיקערע בריוו, וואָס האָבן אָנגעהויבן פֿון דראָונגען, זענען אַריבער צו באַליידיקונג און אפֿילו צו רכילות; זיי האָבן אויסגעטון פֿון איר די קליידער, אויסגערעכנט די פּרטים פֿון איר קערפּער און אים באַשמוצט מיט זייער גראָבער תּאווה; זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן איר נאַיווקייט און געדראָט איר מיט אַן עפֿנטלעכן סקאַנדאַל, אויב זי וועט נישט קומען אויפֿן באַשטימטן אָרט.

זי האָט געוויינט און געליטן, וואָס זי האָט אויסצושטיין אַזעלכע פּאַר־שלאַגן; די באַליידיקונגען האָבן פּשוט געברענט איר שטאָלץ, זי האָט נישט געוווּסט, ווי זיך אַרויסצודרייען, דעם ברודער דערציילן האָט זי נישט געוואָלט; זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט דערפון שטאַרק ליידן און אַז זיין מיטלייד וועט נאָך פאַרגרעסערן די ווירקלעכקייט פון אָט דער געשעעניש. קיין חברטעס האָט זי נישט געהאַט. ווענדן זיך צו פּאָליציי? זי האָט עס נישט געוואָלט טון צוליב מורא פאַר אַ סקאַנדאַל. און דאָך האָט מען געדאַרפט מאַכן דערמיט אַ סוף. זי האָט געפילט, אַז איר שווייגן איז אַ צו קליינע פאַרטיידיקונג, ווייל דער אויסוואורף, וואָס לויפט זי נאָך, איז אַן עקשן און ער וועט גיין אַזוי לאַנג אויפן זעלבן וועג, ביז ער וועט דערזען פאַר זיך אַ געפאַר.

ער האָט איר צוגעשיקט אַ מין אולטימאַטום, ווו ער האָט איר פאָרגעלעגט צו קומען אויף מאָרגן אין לוקסעמבורגער מוזיי. זי איז אַהין געגאַנגען. ווען זי האָט שטאַרק נאָכגעקלערט, האָט זי זיך דער־מאָנט, אַז דער דאָזיקער פאַרשוין האָט זי זיכער געזען ביי די נאַ־טאַנס אין שטוב. עטלעכע ווערטער פון זיינע בריוו האָבן דערמאָנט אַ געשעעניש, וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען. אַנטואַנעט האָט געבעטן דער מאַדאַם נאַטאַן, זי זאָל איר טון די טובה און באַגלייטן זי אין אַ קאַרעטע ביזן מוזיי און צוואַרטן אַ ווײַלע. זי איז אַריין אין זאַל. פאַרן באַשטימטן בילד איז געשטאַנען דער בחור; ער איז צוגעגאַנ־גען מיט אַ טריאומפירנדיקער מינע און גענומען רעדן מיט איר מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט. זי האָט אים שטיל און דורכדרינגלעך אָנגעקוקט. ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָט ער געפרעגט אין שפּאַס, פאַרוואָס זי קוקט אים אַזוי אָן. זי האָט געענטפערט:

— איך באַטראַכט אַ געמיינעם מענטשן.

ער איז לחלוטן נישט צעטומלט געוואָרן און גענומען רעדן גראָב. זי האָט געזאָגט:

— איר האָט מיך געוואָלט איבערשרעקן מיט אַ סקאַנדאַל. איצט האָט איר די געלעגנהייט. פאַרוואָס טוט איר עס נישט?

זי האָט אין גאַנצן געציטערט. גערעדט זייער הויך, אַזוי אַז ס'האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייגייער. מענטשן זענען געבליבן שטיין און זיי אָנגעקוקט. ער האָט געפילט, אַז זי וועט זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשרעקן און ער האָט גענומען רעדן שטילער. זי האָט אים צום לעצטן מאָל אַ וואָרף געטון:

— איר זענט געמיין.

און האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט אויסזען ווי אַ באַזיגטער, איז זי נאָכגעגאַנגען. זי איז אַרויס פון מוזיי און ער נאָך איר. זי איז צוגעגאַנגען גלייך צו דער קאַרעטע, וואָס האָט אויף איר געוואַרט, און האַסטיק אַן עפן געטון דאָס טירל. דער יונגערמאַן האָט זיך פּנים-אל-פּנים אָנגעטראָפן מיט מאַדאַם נאַטאַן, וואָס האָט אים דערקענט און געפרעגט אים, וואָס ער מאַכט. ער איז צעטומלט געוואָרן און געמאַכט פּליטה.

אַנטואַנעט האָט געמוזט דערציילן איר באַגלייטערין די פּרטים פון דער געשעעניש. ס'האָט איר פאַרדראָסן בשעת-מעשה, וואָס זי דערציילט עס און זי האָט גערעדט זייער פאָרזיכטיק. ס'איז איר שווער געווען אַריינצופירן אַ פרעמדן אין איר באַהאַלטן, אינערלעך לעבן און אין די ליידן פון איר באַליידיקטער פרויען-ערע. אַנטואַנעט האָט זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל עס קיינעם נישט דערציילן. מאַדאַם נאַטאַן האָט געהאַט טענות, פאַרוואָס זי האָט עס איר פריער נישט דערציילט. אָט אַזוי איז דער ענין שטיל געוואָרן, און מאַדאַם נאַטאַן האָט פאַר-שפּאָרט צו פאַרמאַכן פאַר יענעם פאַרשוין איר סאַלאָן: ער האָט אַליין קיין מוט נישט געהאַט זיך צו ווייזן.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָט אַנטואַנעט געהאַט אויסצו-שטיין פון גאָר אַן אַנדער באַגעגעניש.

ביי די נאַטאַנס אין הויז האָט זיך אַנטואַנעט געטראָפן מיט זייער אַן אָרנטלעכן מענטשן פון אַ יאָר פערציק, וואָס איז געווען אַ קאָנסול אין ווייטן מזרח און איז געקומען קיין פראַנקרייך, כדי צו פאַרברענגען דאָרט עטלעכע פרייע חדשים. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַנטואַנעטן. די דאָזיקע באַגעגעניש איז ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן דורך מאַדאַם נאַטאַן, וואָס האָט חשק געהאַט חתונה צו מאַכן איר יונגע פריינדין. ער איז אויך געווען אַ ייד. ער איז נישט געווען שיין און נישט יונג, געהאַט אַ קליינעם פּליך און אַ קליינעם האָרב, דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט אַ פּאָר גוטע אויגן, אַ האַרציקע

באַנעמונג, און האָט מיטגעפילט דעם צער פון פרעמדע ליידן, ווייל ער אַליין האָט אויך אַ סך געליטן. אַנטואַנעט איז שוין נישט געווען יענץ ראָמאַנטיש מיידל פון אַמאָל, דאָס אויסגעצערטלטע מיידל, וואָס האָט געחלומט וועגן לעבן, ווי וועגן אַ שפּאַציר מיטן געליבטן אין אַ שיינעם טאָג. איצט האָט זי געזען דאָס לעבן, ווי אַ שווערער קאַמף, וואָס חזרט זיך אָן אויפהער טאָג-טעגלעך איבער, און צו וועלכן מען מוז זיין שטענדיק צוגעגרייט, ווייל מען קאָן מיט איין מאָל פאַרלירן אונטער די פיס דעם באָדן, וואָס דער מענטש נעמט איין אין משך פון לאַנגע שווערע יאָרן אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן. און זי האָט געטראַכט, אַז ס'איז גוט זיך אָנצושפּאַרן אָן דעם אָרעם פון אַ פריינד, צו טיילן מיט אים דעם צער און צוצומאַכן אויף אַ ווייל די אויגן, בעת ער וואַכט. זי האָט געוווסט, אַז ס'איז נאָר אַ חלום, זי האָט אָבער קיין מוט נישט געהאַט זיך מיאש צו זיין פון אים. סוף-כל-סוף האָט זי קלאָר געוווסט, אַז אַ מיידל אָן נדן האָט נישט קיין שום האָפנונגען אין דער דאָזיקער וועלט, וווּ זי לעבט. די אַלטע פראַנצויזישע בור-זשואַזיע איז באַקאַנט אויף דער וועלט מיט אירע אויסגערעכנטע, ני-דעריקע אַספּיראַציעס בנוגע חתונה. די יידן זענען נישט אַזוי געלט-גייציק, ווי די פּראָווינצער פראַנצויזן. עס טרעפט זייער אָפט, אַז אַ רייכער יידישער יונגערמאַן קלויבט זיך אויס אַן אָרעם מיידל אָדער אַז אַ רייך מיידל זוכט דווקא אַן אינטעליגענטן מאַן. אָבער ביים קאַטוילישן, פראַנצויזישן קליינבירגער פון דער פּראָווינץ זוכט איין געלט-בייטל דעם צווייטן. און וואָס וועלן זיי אייגנטלעך טון דערמיט, די דאָזיקע בידנע מענטשעלעך? זייערע אויסגאַבן זענען קליין, זיי קאָנען נאָר עסן, גענעצן, שלאָפן און — שפּאָרן. אַנטואַנעט האָט זיי געקענט, זי האָט זיי נאָך געזען אין די קינדער-יאָרן. זי האָט זיי באַ-טראַכט סיי דורך די ברילן פון רייכקייט, סיי דורך די ברילן פון אָרעמקייט. זי האָט זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס בנוגע זיי און בנוגע איר אייגענער צוקונפט. און דערפאַר האָבן די באַמיונגען פון דעם מענטשן, וואָס האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, זייער אַנגענעם זי איבערראַשט. אין אָנהויב האָט זי אים נישט ליב געהאַט, אָבער זי האָט געפילט צו אים אַ דאַנקבאַרקייט און מיט דער צייט אויך אַ טיפע צאַרטקייט. זי וואָלט מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט אים, ווען ס'וואָלט נישט נויטיק געווען אַרויסצופאָרן אין די קאָלאָניעס און לאָזן דעם ברודער אַליין. זי האָט דעריבער אָפּגעזאָגט. איר פריינד

האָט פֿאַרשטאַנען אירע אײדעלע אַספּיראַציעס, אָבער ער האָט איר נישט געקאָנט מוחל זײַן: דער עגאָיזם פֿון דער ליבֿע קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער געליבטער מענטש איז נישט מקריבֿ פֿאַר איר אפֿילו זײַנע בעסטע, טײַערסטע אוצרות. ער האָט זיך אויפֿגעהערט מיט איר צו זען און צו שרײַבֿן. נאָכן אָפּפֿאָרן האָט זי נישט באַקומען פֿון אים קײן שום ידיעה, נאָר ערשט אין אַ פֿינף אָדער זעקס חדשים אַרום האָט זי באַקומען אַ ידיעה געשריבֿן מיט זײַן אײגענער האַנט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צװײטער. דאָס איז געװען פֿאַר אַנטואַנעטן אַ גרעסערער צער, זי איז געװען זײער דערשלאָגן און זי האָט תּפֿילה געטון צו גאָט. זי האָט זיך אַלײן געוואָלט אויספֿװײזן, אַז זי איז געשטראָפֿט געוואָרן נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט אויף אַ רגע פֿאַרגעסן אָן איר אײנציקער אויפֿגאַבע אין לעבן — אָן גליק פֿון איר ברודער. איצט האָט זי זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן איר מסירת־נפֿשדיקער אַרבעט.

זי האָט זיך אינגאַנצן דערװײטערט פֿון געזעלשאַפֿט, אפֿילו אויפֿגעהערט צו באַזוכן די נאַטאַנס, װאָס האָבן זיך גענומען צו איר קעלטער באַציען, זינט זי האָט אָפּגעװאָרפֿן דעם פֿאָרגעלעגטן שידוך; זײ האָבן איר אויך נישט געגעבן גערעכט. מאַדאַם נאַטאַן האָט נבֿיאות געזאָגט, אַז דער שידוך װעט זיך אײנגעבן אין אַ מזלדיקער שעה, און איר אײגנליבֿע איז געװען געטראָפֿן, בעת דער שידוך איז צוליבֿ אַנטואַנעט אָפּגעגאַנגען. זי האָט געהאַלטן, אַז אַנטואַנעטס כּוונות בנוגע דעם ברודער זענען גאַנץ לויב־װערט, אָבער זײ זענען פֿאָרט איבערגעטריבֿן און סענטימענטאַל, און דעריבער איז איר פֿאַראינטערעסירונג מיט דער דאָזיקער קלײנער גאַנז קלענער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג. אויס באַדערפֿעניש מענטשן טובֿות צו טון, מיט זײער װיסן אָדער אָן זײער װיסן, האָט זי זיך אויסגעקליבֿן אַן אַנדער מײדל און איבערגעגעבן זיך איר נײַער פּראָטעזשירטער מיטן גאַנצן אינטערעס און מסירת נפֿש.

אָליװיער האָט נישט אָנגעהויבֿן צו װיסן װעגן די טרויעריקע ראָמאַנען, װאָס זענען פֿאָרגעקומען אין זײַן שװעסטערס האַרץ. ער איז געװען אַ סענטימענטאַלער, לײַכטזיניקער בחור, װאָס האָט געלעבט נאָר מיט חלומות, ער האָט אויך פֿאַרמאָגט לעבעדיקײט און פֿאַרבאַהאַלטענע צאַרטקײט, פּונקט װי אַנטואַנעט. אָבער מען האָט זיך נישט געקאָנט אויף אים שטיצן. ער האָט געקאָנט צעשטערן אין

איין רגע די שווערע פּראַצע פון לאַנגע חדשים, אַ דאַנק זיין אומ־
קאָנסעקווענטקייט, פּאַרצווייפלונג, הפקרות און ליבע־חלומות, אויף
וועלכע ער האָט געפּטר׳ט זיין צייט און זיינע כּוחות. ער האָט זיך
פּאַרליבט אין שיינע פּנימלעך, וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג,
קאָקעטישע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט אַ ווײַלע גערעדט אין
סאַלאָן און וועלכע האָבן אויף אים קיין אַכט נישט געלעגט. פּלוצ־
לינג פלעגט זיך אין זיין האַרצן צעפלאַקערן זיין ליבע צו אַ ליד,
צו אַ בוך, צו אַ מוזיקער. ער פלעגט אויף גאַנצע חדשים פאַרזינקען
ווערן אין דעם, און זיינע אייגענע לימודים געהאַט אין דער לינקער
פּאה. מ׳האָט געמוזט כּסדר אַכטונג געבן אויף אים און בשעת מעשה
זיך היטן, ער זאָל עס נישט באַמערקן און זיך נישט באַליידיקן
דערפון. מיט אים פלעגט אַלעמאָל טרעפן עפּעס נייעס. ער האָט גע־
ליטן אויף היציקער נערוון־צערייצונג, אויף מאַנגל אין גלייכגעוויכט,
אויף דעם אינערלעכן אומרו, וואָס מ׳טרעפט אָפט ביי שווינדזוכט־
אָנגעגריפענע מענטשן. דער דאָקטאָר האָט נישט באַהאַלטן די געפאַר
פאַר אנטואַנעט. דאָס דאָזיקע געוויקס, בטבע אַ קרענקלעכס, וואָס
מ׳האָט אַרויסגעריסן פון זיין ערד און איבערגעפלאַנצט אין פּאַריז,
האָט זיך גענויטיקט אין גוטער לופט און אין ליכט. אַנטואַנעט האָט
עס אים נישט געקאָנט געבן, זיי האָבן געהאַט צו ווייניק געלט אויף
אַרויסצופאָרן פון פּאַריז אויף די פּעריען, אַ גאַנץ יאָר האָט די וואָ־
כעדיקע אַרבעט פאַרשלונגען זייערע כּוחות, און זונטיק זענען זיי
געווען אַזוי מיד. אַז זיי האָבן אין ערגעץ קיין חשק נישט געהאַט
צו גיין, אויסער אויף א קאָנצערט. נאָר אין די זומער־טעג האָט אַנ־
טואַנעט געפּרוווט זונטיק מיטנעמען אָלוויערן אין די נאָענטע וועל־
דער ביי שאוויל און סען־קלו. אָבער די וועלדער זענען געווען פול
מיט טומלענדיקע פּאָרלעך, געזאַנג פון די קאַפע־קאָנצערטן און פאַר־
פּעצטע פּאַפּירן. די געטלעכע איינזאַמקייט, וואָס גיט רו און לויי־
טערקייט, האָט דאָ לחלוטין געפעלט. און אין אָוונט, בעת זיי זענען
געפאָרן אהיים, איז געווען א געדראַנג פון די וואַגאָנען, וואָס זענען
געשטאַנען צוגויפגעדריקט אין די מיאוסע הינטערשטאָטישע וואָק־
זאלן, נידעריקע ענגע און פינסטערע וואַגאָנען — אומפּאַרשעמטע
סצענעס, א רעש, א געלעכטער, געזאַנג, געשטיקטע לופט, טאַבאַק־
רויך. אנטואַנעט און אָליוויער, וואָס דער דאָזיקער המון איז זיי
אינגאנצן פרעמד געווען, פלעגן קומען אהיים מיט עקל און

דערשלאָגנקייט. אָליוויער האָט זיך געבעטן ביי אַנטואַנעטן מען זאָל אויפהערן צו מאַכן אַזעלכע שפּאַצירן, און אַנטואַנעט האָט אים אַ געוויסע צייט צורו געלאָזט; דערנאָך האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן שפּאַצירן, הגם זי האָט עס פּונקט אַזוי פיינט געהאַט, ווי אָליוויער. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס איז נויטיק פאַר איר ברודערס געזונט, און זי האָט אים געצוווּנגען צו גיין מיט איר שפּאַצירן. די פרישע פּרוּוון האָבן זיך נישט איינגעגעבן בעסער, ווי די פריערדיקע, און אָליוויער האָט איר גענומען מאַכן ביטערע פאָרווורפן. זיי זענען געבליבן פאַרשפּאַרט אין דער ענגער שטאָט און פון זייער תּפיסה געבענקט צו די פעלדער.

ס'האָט זיך אָנגערוקט דאָס לעצטע שול־יאָר, די עקזאַמענס אין דער לערער שול האָבן זיך געהאַלטן ביים ענדיקן. ס'איז שוין טאַקע געווען די העכסטע צייט. אַנטואַנעט האָט זיך געפּילט זייער פאַרמאַטערט. אַלע אירע האָפנונגען זענען איצט געווען געווענדעט אויף זיין ערפאָלג. אָליוויער האָט איצט געהאַט גוטע אויסזיכטן. אין דער גימנאַזיע האָט מען אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די בעסטע קאַנדידאַטן. די לערער האָבן אַלע געריִמט זיין אַרבעט און זיין אינטעליגענץ. ס'האָט אים אָבער געפעלט די גייסטיקע דיסציפּלין, וואָס צוליב איר האָט ער זיך נישט געקאָנט צובויגן צו קיין שום פּלאַן. אָבער די אחריות האָט אָליווייערן אַזוי שטאַרק געדריקט, אַז האַרט פאַרן עקזאַמען האָבן אים פאַרלאָזן די כּוחות. אַ שטאַרקע מידקייט, דער שרעק, טאָמער האַלט ער נישט אויס, און זיין קרענקלעכע שעמעוודיקייט, האָבן אים לכתּחילה אָפּגענומען הענט און פיס. ער האָט געציטערט ביים געדאַנק, אַז ער וועט מוזן אויפטרעטן פאַר אַ גרופּע ריכטער. זיין איינגעבוירענע שעמעוודיקייט האָט אים שטענדיק פאַרשאַפט יסורים; ווען ער האָט באַדאַרפט רעדן אין שול, פלעגט ער רויט ווערן און נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט. מיט גרויס מי פלעגט ער די ערשטע צייטן ענטפערן, ווען מען האָט אָנגערופן זיין נאָמען; ער האָט בעסער געוואָלט ענטפערן אויף אַן אומגעריכטער פראַגע, איידער צו וויסן פאַרויס, אַז מען וועט אים פרעגן; ער איז

אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, כסדר געטראַכט און זיך פֿאָרגעשטעלט די פּרטים פֿון דעם נאָענטן עקזאַמען; און וואָס־לענגער ער האָט געוואַרט, אַלץ מער האָט אים באַהערשט דער פּחד. מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט דעם עקזאַמען איבערגעלעבט צוויי מאָל: אין די לעצטע נעכט האָט ער איבערגעלעבט זיין עקזאַמען אין חלום און אויסגענוצט דערביי אַזויפֿיל ענערגיע, אַז ער האָט שוין קיין כּוח נישט געהאַט זיך צו שטעלן צום אמתן עקזאַמען.

אָבער צום שרעקלעכן מינדלעכן עקזאַמען, וואָס האָט ביי אים אַרויסגעשלאָגן אַ קאַלטן שווייס אין די נעכט, איז נישט געקומען. בעתן שריפֿטלעכן עקזאַמען האָט זיך אים אין משך פֿון זעקס שעה נישט איינגעגעבן צו מאַכן צוויי זייטן אויף אַ פֿילאָזאָפֿישער טעמע, וואָס וואָלט אין אַן אַנדער צייט אַרויסגערופֿן ביי אים אַ שטאַרקע התלהבות. אין די ערשטע שעהן האָט ער געפֿילט אין מוח עפּעס אַ חלל. ער האָט גאָרנישט געטראַכט, לחלוטין גאָרנישט. עפּעס אַ פֿינסטערע וואַנט האָט זיך פֿאַר אים געשטעלט, און ער איז געשטרויכלט געוואָרן. ערשט שפּעטער, אפשר אַ שעה פֿאַרן סוף פֿון זיין עקזאַמען, האָט די וואַנט געפּלאַצט, און דורך אירע שפּאַלטן האָבן זיך דורכגעריסן עטלעכע ליכטיקע שטראַלן. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע אויסגעצייכנטע שורות, וואָס האָבן אָבער נישט געהאָלפֿן. בעת ער איז אַרויס פֿון עקזאַמען, איז ער געווען אַזוי נידערגעשלאָגן, אַז אַנטואַנעט האָט פֿאָרויסגעזען אַ מפּלה און איז אַראָפּ פֿון מוט פּונקט ווי ער. זי האָט עס אָבער נישט אַרויסגעזאָגט. אין אירע פֿאַרצווייפֿלטסטע מינוטן האָט זי נאָך אַלץ שטאַרק געהאָפֿט.

מען האָט אָליווירן נישט צוגעלאָזן צו די עקזאַמענס. ער איז געווען אינגאַנצן צעשמעטערט. אַנטואַנעט האָט זיך געצוווּנגען צו שמייכלען, פּונקט ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, אָבער אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט געטרייסט דעם ברודער און אים איינגערעדט, אַז ס'איז נישט קיין אומגליק, אַז מ'וועט אים זיכער אָננעמען אין קינפֿטיקן יאָר און דעמאָלט וועט ער אויסגעצייכנט ענדיקן. זי האָט אים נישט אויסגעזאָגט, ווי וויכטיק ס'איז געווען פֿאַר איר, אַז ער זאָל דאָס יאָר מצליח זיין, ווי מיד זי האָט זיך געפֿילט אין גוף און אין גייסט, ווי נישט זיכער זי איז געווען, צי וועט זיך איר איינגעבן דורכצולעבן נאָך אַזאַ יאָר, ווי דאָס פֿריערדיקע. און דאָך האָט זי עס געמוזט. אויב זי זאָל אַוועק פֿאַר אָליוויערס עקזאַמען, וועט ער קיין

ביז נישט האָבן אַליין צו פירן ווייטער דעם קאַמף. ער וועט פאַר־לוירן גיין אין דעם שטראָם פון לעבן.

דעריבער האָט אַנטואַנעט באַהאַלטן פון אים איר מידקייט. זי האָט געאַרבעט נאָך מיט מער אָנשטרענגונג. זי האָט צוזאַמענגענומען אירע לעצטע כוחות צו געבן אים די מעגלעכקייט אַביסל זיך צו פאַרווײַלן אין די פרייע חדשים, כדי ער זאָל זיך שפּעטער קאָנען נע־מען צו דער אַרבעט מיט מער בטחון. נאָר ווען די למודים האָבן זיך אָנגעהויבן, איז איר אויסגעגאַנגען דאָס געלט; זי האָט פאַרלוירן עטלעכע לעקציעס אין דווקא די בעסטע.

נאָך איין יאָר! ביידע קינדער האָבן אָנגעשטרענגט אַלע כוחות צום לעצטן עקזאַמען. קודם-כּל האָט מען געמוזט לעבן און געפינען אַנדערע קוואַלן פון פּרנסה. אַנטואַנעט האָט אָנגענומען די שטעלע פון אַ לערע־ין אין דייטשלאַנד אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון נאַטאַנס. דעם דאָזיקן באַשלוס האָט אַנטואַנעט אָנגענומען, ווײַל זי האָט שוין מער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און זי האָט שוין מער נישט געקאָנט וואַרטן. אין משך פון גאַנצע זעקס יאָר האָט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן איר ברודער, אַפילו אויף קיין איין טאָג נישט, און זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט איצט אויסזען איר לעבן, ווען זי וועט אים נישט זען און נישט הערן יעדן טאָג זיין שטים. אָליוויער האָט געטראַכט דערפון מיט שרעק, אָבער ער האָט קיין מוט נישט געהאַט דערפון צו רעדן. ער איז דאָך אַליין שולדיק געווען אין דעם אומגליק. ווען ער וואָלט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, וואָלט אַנטואַנעט נישט געצווונגען געווען צו אַזאַן אויסוועג. ער האָט נישט קיין רעכט זיך קעגנצושטעלן, זיין צער קאָן נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט: נאָר זי אַליין האָט די דעה.

די לעצטע טעג האָבן זיי פאַרבראַכט אין שטילן ווייטיק, פונקט ווי איינער פון זיי וואָלט געהאַלטן ביים שטאַרבן. בעת דער ווייטיק האָט זיך געשטאַרקט, האָבן זיי זיך איינער פון דעם אַנדערן אויס־באַהאַלטן. אַנטואַנעט האָט געזוכט אַן עצה אין אָליוויערס אויגן. ווען ער זאָגט איר:

— פאָר נישט! —

וואָלט זי נישט געפאָרן, הגם זי איז געצווונגען געווען דערצו. ביז דער לעצטער שעה, ווען די קאַרעטע האָט זיי ביידן געפירט צום מזרח-וואָקזאַל, איז זי גרייט געווען צו ענדערן איר באַשלוס. זי האָט

נישט געהאַט קיין כּוח אים אויסצופירן. איין וואָרט פון זיין מויל, איין וואָרט נאָר! אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט. נאָר איינגעקאָר־טשעט אין זיך. ער האָט איר צוגעזאָגט צו שרייבן יעדן טאָג, קיין זאַך נישט צו באַהאַלטן. זי האָט אים געבעטן, אַז אויב עס וועט אים טרעפן דער לייכטסטער מכשול, זאָל ער איר צו וויסן געבן און זי וועט תּיכּף קומען.

זי איז אַרויסגעפאָרן. אָליעווירער האָט זיך מיט אַ שווער געמיט אומגעקערט אין פּענסיאָנאַט פון דער גימנאַזיע, ווו ער האָט זיך אײ־בערגעקליבן וווינען. דער צוג האָט אַוועקגעשלעפּט ווייט די פאַר־צווייפלטע און די צעווייטיקטע אַנטואַנעט. זייערעביידנס אויגן זענען געווען אָפן אין דער פינסטערער נאַכט און זיי האָבן ביידע געפילט, אַז יעדער מינוט דערווייטערט זייביידן פון זיך. און זיי האָבן שטיל איינס דאָס אַנדערע גערופן.

אַנטואַנעט האָט זיך געשראָקן פאַר דער וועלט, וווהין זי איז גע־פאָרן. זי האָט זיך שטאַרק געענדערט אין משך פון די זעקס יאָר. זי, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי מוטיק און שטאַרק, האָט זיך איצט אַזוי צו־געוווינט צו איר שטיל, איינזאַם לעבן, אַז דאָס אַרויספאָרן און ענדערן דעם לעבנס־אָרט איז געווען אַ שטאַרקער ווייטיק. די אַמאָליקע אַנטואַ־נעט, די אייביק פריילעכע און פלוידערנדיקע אַנטואַנעט פון דער פאַר־שווונדענער גליקלעכער צייט, איז צוזאַמען מיט יענע טעג אַליין אויך פאַרשווונדן געוואָרן. די צרות האָבן זי געמאַכט שעמעוודיק. דאָס לעבן צוזאַמען מיט אָליווירן האָט זי בלי־ספק אָנגעשטעקט מיט זיין שע־מעוודיקייט. ס׳איז איר שווער געווען צו רעדן מיט אַ מענטשן, אַ חוץ מיט איר ברודער. זי האָט פאַר אַלץ מורא געהאַט, זי האָט זיך גע־שראָקן פאַר יעדן באַזוך, און דעריבער האָט זי אין הוילער ציטערניש געטראַכט, אַז איצט וועט איר אויסקומען צו זיצן מיט פרעמדע מענטשן, צו שמועסן און שטענדיק צו פאַרברענגען אין געזעלשאַפט. די אָרעמע אַנטואַנעט האָט אויך, פּונקט ווי איר ברודער, נישט געפילט קיין אינ־טערעס צום לערער־פאַך; זי האָט זיך דערמיט פאַרנומען, איבערגעגעבן

זיך איר אַרבעט מיט איר גאַנצן האַרצן, זי האָט אָבער נישט געגלויבט אין איר און נישט געפונען קיין טרייסט אין דעם געפיל, אַז איר אַרבעט האָט אַ ווערט. זי איז באַשאַפן געוואָרן ליב צו האָבן און נישט צו לערנען, אָבער אין איר ליבע האָט זיך קיינער נישט געבויטיקט.

אין קיין אָרט איז איר ליבע נישט געווען אַזוי איבעריק, ווי אויף איר נייער שטעלע אין דייטשלאַנד. די גרינבוימס, וואָס האָבן איר געגעבן זייערע קינדער צו לערנען פראַנצויזיש, האָבן זיך מיט איר אַבסאָלוט נישט אינטערעסירט. זיי זענען געווען פאַרריסן ביי זיך און גראָב, גלייכגילטיק און נישט דיסקרעט; זיי האָבן איר געצאָלט אַ גוטן פּרייז, און דעריבער האָבן זיי געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ פאַרקויפטער, און גערעכנט, אַז זיי קאָנען זיך דערלויבן בנוגע איר אַלץ אין דער וועלט. זיי זענען זיך באַגאַנגען מיט אַנטואַנעטן, ווי מיט אַ דינסט פון אַ ביסל אַ העכערער מדרגה, און האָבן איר נישט געגעבן קיין שום פרייהייט. אפילו קיין צימער האָט זי נישט געהאַט. זי איז געשלאָפן אין שכנות מיטן קינדער-צימער, ווו די טיר איז געוען אָפן אַ גאַנצע נאַכט. זי איז קיינמאָל נישט געווען אַליין. קיינער האָט קיין אַכט נישט געלעגט אויף דער באַדערפעניש, וואָס זי האָט געפילט פון צייט צו צייט צו בלייבן אַליין — דאָס הייליקע רעכט פון יעדן מענטשן אויף זיין אינערלעכער איינזאַמקייט. איר איינציק גליק איז געווען צו פאַרברענגען און צו שמועסן אין געדאַנק מיט איר ברודער. זי האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו פאַרטיידיקן דאָס דאָזיקע רעכט, אָבער אויך דאָס האָט מען איר נישט פאַרגונען. ווען זי פלעגט אָנשרייבן אַ וואָרט, פלעגט מען זיך תיכף נעמען דרייען אַרום איר און אויספרעגן, וואָס זי שרייבט. ווען זי האָט געלייענט אַ בריוו, פלעגט מען איר פרעגן, וואָס מען שרייבט איר. מיט שפּאָטישער גראָבקייט פלעגט מען זי אויספרעגן וועגן איר ברודער. זי איז געווען געצווונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. ס'איז פשוט אַ חרפה צו דערציילן, מיט וואָס פאַר אַ פאַרשיידענע תחבולות זי האָט זיך באַנוצט און אין וואָס פאַר אַ ערטער זי האָט זיך געמוזט באַהאַלטן, כדי צו לייענען אָליוויערס בריוו. אויב זי האָט איבערגעלאָזט אין צימער אַ בריוו, איז זי געווען זיכער, אַז אַלע וועלן אים לייענען. און אַזוי-ווי חוץ איר קופער האָט זי נישט געהאַט אין צימער קיין זאַך, וואָס זאָל זיך לאָזן פאַרשליסן, האָט זי געמוזט אַרומטראָגן אַלע בריוו ביי זיך,

כּדי אַנדערע זאָלן זיי נישט לייענען. יעדערער פֿלעגט אַריינשטעקן די נאָז אין אירע ענינים, אין איר האַרצן אין אירע פֿאַרבאָרגנסטע געדאַנקען. נישט דערפֿאַר חלילה, וואָס די גרינבוימס האָבן זיך מיט איר אַזוי שטאַרק אינטערעסירט, נאָר פּשוט דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זי געהאַלטן פֿאַר אַן אייגענע זאַך, וואָס קאָסט זיי געלט. זיי האָבן עס, וואָס אַן אמת, געטון אָן בייזוויליקייט. די דאָזיקע אומדיסקרעטע נייגעריקייט איז געווען ביי זיי אַן איינגעוואָרצלטע רגילות. זיי זענען זיך מיט אייגענע אויך אַזוי באַגאַנגען.

קיין זאַך האָט אַנטואַנעטן נישט אַזוי פֿאַרדראָסן, ווי אָט די היימישקייט, ווי אָט די אינערלעכע אומפֿאַרשעמטקייט, וואָס האָט איר אויף קיין איין רגע נישט דערלויבט אויסצומיידן זייערע דורכדרינגלעכע בליקן. זי האָט זיך שטאָלץ פֿאַרמאַכט אין זיך, זייער היימישקייט האָט זי באַליידיקט. נאַטירלעך, זייער ברוטאַלע נייגעריקייט האָבן זיי פֿאַרענטפֿערט מיט זייער הויכער מאָראַל; זיי האָבן אפֿילו געהאַט טענות צו איר, למאי זי איז אַזוי פֿאַרשלאָסן. זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער חוב צו קענען דאָס אינטימע לעבן פֿון דעם מיידל, וואָס האָט געוווינט ביי זיי, איז געוואָרן ביי זיי אַ פֿאַמיליען-מענטש און האָט דערצויגן זייערע קינדער; זיי זענען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איר (פֿיל באַלעבאָסטעס רעדן אַזוי וועגן זייערע דינסטן; אָבער די דאָזיקע „אחריות״ שטערט זיי נישט צו לאָזן זייערע דינסטן טון פֿראַנק און פֿריי, וואָס זיי געפֿעלט. זי האָט זיי נאָר געשטערט הנאה צו האָבן פֿון דער וועלט). אויב אַנטואַנעט אָנערקענט נישט זייערע רעכט צו האָבן השגחה איבער איר, איז אַ סימן, אַז זי איז נישט אינגאַנצן כּשר, ווייל אַן אָרנטלעך מיידל האָט נישט קיין סודות.

אָט אַזוי איז אַנטואַנעט געווען געיאָגט און געפּלאָגט אויף טריט און שריט; זי האָט זיך כּסדר געמוזט פֿאַרטיידיקן, און דעריבער האָט זי אויסגעזען נאָך פֿאַרשלאָסענער, ווי ביז איצט.

דער ברודער האָט איר שטענדיק געשריבן לאַנגע בריוו, אויף וועלכע זי האָט אים שטענדיק געענטפֿערט מיט עטלעכע ווערטער. אָליוויער האָט זיך געשטאַרקט און באַהערשט זיין צער. אָבער דאָס לעבן איז אים געווען שרעקלעך לאַנגווייליק. זיין עקזיסטענץ איז געווען געקניפּט און געבונדן מיטן לעבן פֿון זיין שוועסטער, און איצט, ווען זי איז אַוועק, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס פֿעלט אים אַ העלפֿט פֿון זיין לעבן. ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין ריר טון, נישט

טראַכטן, נישט שפּאַצירן, נישט שפּילן, נישט אַרבעטן, ער האָט קיין זאַך נישט געקאָנט טון, און נאָר געטראַכט וועגן איר. ער איז מיט פֿאַרביטערונג געזעסן פֿון דער פֿרי ביז ביינאַכט איבער זיינע ביכער, אָבער בעסער איז אים דערפֿון נישט געוואָרן. זיינע געדאַנקען זענען געווען ווייט. ער האָט זיך געפּייניקט אָדער געטראַכט וועגן אירע בריוו. ער האָט אויסגעקוקט די שעה, ווען ס'האָט געדאַרפֿט קומען אַ בריוו און ווען עס פֿלעגט קומען, האָבן זיינע פֿינגער געציטערט פֿון פֿרייד און שרעק. ביי אַ פֿאַרליבטן ציטערן נישט די הענט מיט אַזאַ אומרויִקער צערטלעכקייט, בעת ער קריגט אַ בריוו פֿון זיין געליבטער. ער פֿלעגט זיך באַהאַלטן מיט אירע בריוו אין אַ ווינקעלע. ער האָט אַלע בריוו געטראָגן מיט זיך. ביינאַכט האָט ער דעם לעצטן בריוו געלעגט אונטערן קישן און יעדע מינוט אַ קוק געטון צי ער איז דאָ. אין די שלאָפֿלאָזע נעכט האָט ער געטראַכט וועגן זיין טייער שוועסטערל. ווי ווייט ער האָט זיך געפֿילט פֿון איר! דער עיקר האָט ער זיך געפֿילט דערשלאָגן, ווען אַנטואַנעטס בריוו האָט פֿאַרשפּעטיקט און איז געקומען אויפֿן דריטן טאָג. צוויי טעג מיט צוויי נעכט! אָט די צייט איז אויסגעקומען ביי אים זייער לאַנג, בפֿרט דערפֿאַר, וואָס ער איז קיינמאָל נישט אַרויסגעפֿאָרן, די פֿאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלט שרעק-בילדער און ער האָט געפּליסטערט: „גאָט מיינער, אפֿשר איז זי קראַנק! זי קאָן דאָך נאָך שטאַרבן, איידער כ'וועל זי זען... פֿאַרוואָס האָט זי מיר נעכטן נישט געשריבן כאָטש עטלעכע שורות! אפֿשר איז זי טאַקע קראַנק? זי איז אוודאי קראַנק...” אָט דער געדאַנק פֿלעגט אים פֿאַרהאַקן דעם אָטעם. זייער אָפֿט האָט ער זיך געשראָקן טאָמער שטאַרבט ער ווייט פֿון איר, איינזאַם, צווישן פֿרעמדע מענטשן, אין דער עקלדיקער שול, אינם פֿאַרחושכטן פּאַריז. ווען ער האָט דערפֿון געטראַכט, האָט ער זיך געפֿילט באמת קראַנק „און אפֿשר איר שרייבן, זי זאָל קומען?” ער האָט זיך געשעמט מיט זיין ווייכהאַרציקייט. נאָר בעת ער פֿלעגט זיך זעצן שרייבן צו איר אַ בריוו, איז ער געווען אַזוי גליקלעך, וואָס ער פֿלוידערט מיט איר, אַז ער האָט פֿאַרגעסן זיין צער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זי, אַז ער הערט איר קול. ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פֿאַר איר פֿון האַרצן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט מיט אַזאַ אינטימקייט, מיט אַזאַ התלהבות; ער האָט זי גערופֿן: „שוועסטערל מיינע, טייערקייט, טרייע, גוטע, ליבסטע”. דאָס זענען געווען אמתע ליבע-בריוו.

די דאָזיקע בריוו האָבן איינגעהילט אַנטואַנעטן מיט צערטלעכ־קייט, זיי זענען געוואָרן איר טאָג טעגלעכער אָטעם. ווען ס׳פלעגט נישט קומען צו דער באַשטימטער צייט אינדערפרי קיין בריוו האָט זי זיך געפילט אומגליקלעך. אַ צוויי אָדער דריי מאָל האָבן די גרינ־בוימס פאַרגעסן איר איבערצוגעבן אירע בריוו צוליב גלייכגילטיקייט אָדער — ווער ווייס? — צוליב בייזוויליקייט, און האָבן איר אָפּגעגעבן דעם בריוו ערשט פאַרנאַכט, איינמאָל אפילו אויפן אַנדערן טאָג. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אין היץ. צו ניי יאָר איז זיי ביידן איינגעפאַלן דער זעלבער געדאַנק, אָן אַ שום פאַרשטענדיקונג. זיי האָבן געמאַכט איינער דעם אַנדערן אַ סורפּריז און אַרויסגעשיקט זיך לאַנגע טעלע־גראַמעס (ס׳האָט געקאָסט זייער טייער), וואָס זיי האָבן ביידע באַקו־מען אין דער זעלבער שעה. אָליוויער האָט אויך ווייטער געפרעגט ביי זיין שוועסטער עצות מכח זיין אַרבעט און וועגן זיינע ספקות. אַנטואַנעט האָט אים שטענדיק געגעבן אַ ריכטיקע עצה און צוגעגעבן אים מוט.

און דאָך האָט איר אַליין אָנגעהויבן פעלן מוט. ס׳האָט איר גע־פעלט לופט אינעם פרעמדן לאַנד, ווו זי האָט קיינעם נישט געקענט און קיינער האָט זיך מיט איר נישט אינטערעסירט, אַ חוץ דער פרוי פון אַ לערער, וואָס איז געקומען צופאָרן אין דער דאָזיקער שטאָט און האָט זיך דאָ אויך געפילט פרעמד. אָט די פיינע פרוי האָט אַרויס־געוויזן מוטערלעכן מיטלייד די צוויי פאַרליבטע און צעשיידטע קינ־דער (אַנטואַנעט האָט איר אַ ביסל דערציילט פון איר לעבן), אָבער זי האָט עס געטון מיט אַזאַ טומל, אַזוי פראָסט, אומטאַקטיש און אומ־דיסקרעט (הגם אויף אַ נאַיוון אופן), אַז אַנטואַנעטס אַריסטאָקראַטישע נשמה האָט זיך מיט שרעק צוריקגעצויגן. אַזאַ, ווי זי, האָט פאַר קיי־נעם נישט געקאָנט עפענען איר האַרץ, האָט זי אַלע דאגות געטראָגן אין זיך: ס׳איז געווען אַ געננג שווערע משא. צייטנווייז האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי וועט אַנידערפאַלן, אָבער זי פלעגט פאַרבייסן די ליפּן און ווייטער גיין איר וועג. זי איז געוואָרן שוואַך אין געזונט און זייער מאָגער. אָליוויערס בריוו זענען געוואָרן אַלץ פאַרצווייפלטער. אין אַ מינוט פון שטאַרקער דערשלאָגנקייט האָט ער איר געשריבן:

— קום, קום, קום!

נאָר קוים האָט ער אַרויסגעשיקט דעם בריוו, האָט ער זיך שוין פאַרשעמט. ער האָט אָנגעשריבן אַ צווייטן בריוו, ווו ער האָט גע־

בעטן אַנטואַנעטן, זי זאָל פאַרגעסן דעם ערשטן בריוו און אים צערייסן. ער האָט געמאַכט אַ פריילעך פּנים און געשריבן, אַז ער דאַרף זי נישט. זיין אייגנליבע, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, טאָמער טראַכט זי, אַז ער קאָן אָן איר נישט לעבן.

אַנטואַנעט האָט קיין טעות נישט געהאַט. זי האָט געלייענט אַלע זיינע געדאַנקען, נאָר גאָרנישט געקאָנט העלפן. אַ געוויסן טאָג איז זי גרייט געווען צו פאָרן; זי איז אַוועק צום וואָקזאַל, כדי צו זען גענוי וויפיל דעם זייגער עס גייט אַ צוג קיין פּאַריז. דערנאָך האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס איז אַ שגעון. דאָס געלט, וואָס זי האָט דאָ פאַרדינט האָט געקלעקט צו צאָלן פאַר אָליוויערן שכר-לימוד, כּל זמן זיי קאָנען אַזוי אָנהאַלטן, דאַרפן זיי עס טון. זי האָט קיין מוט נישט געהאַט אָנצונעמען וועלכן עס איז באַשלוס. אינדערפרי פלעגט זי ווידער ווערן מוטיק, אָבער וואָס נענטער ס'איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט, אַלץ מער זענען איר אויסגעגאַנגען די כוחות. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן און געבענקט צו איר לאַנד — צו יענעם לאַנד, וואָס איז זיך באַגאַנגען מיט איר אַזוי שלעכט. ווי ס'זענען אָבער געווען באַגראָבן אַלע זכרונות פון איר פאַרגאַנגענהייט. זי האָט גע-בענקט צו דער שפּראַך פון איר ברודער, צו דער שפּראַך אין וועל-כער ס'האָט זיך אויסגעדריקט איר ליבע צו אים.

האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, אַז אין דעם דייטשן שטעטל איז אָראָפּגעקומען אַ טרופּע פראַנצויזישע אַקטיאָרן. אַנטואַנעט, וואָס האָט זעלטן באַזוכט דאָס טעאַטער (זי האָט דערצו קיין צייט און קיין חשק נישט געהאַט), האָט איצט דערפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש צו הערן איר שפּראַך, צו אַנטלויפן אין אַ פראַנצויזישע סביבה. דאָס איבעריקע איז באַקאַנט. 1) אין טעאַטער זענען קיין פּלעצער נישט געווען, זי האָט באַגעגנט דעם יונגן מוזיקער זשאַן קריסטאָף, וועל-כער האָט זי נישט געקענט, — נאָר צוגעזען איר עגמת נפש, האָט ער איר פאָרגעלייגט אַריינצוגיין מיט אים אין דער לאָזשע. זי האָט אַ ביסל איבערראַשט מסכּים געווען. איר באַוויזן זיך צוזאַמען מיט קריסטאָפן אין אַ לאָזשע האָט אַרויסגערופן אַ סך לשון-הרע; די דאָ-זיקע ידיעה איז דערגאַנגען צו די גרינבוימס, וואָס האָבן בכלל

---

1) זע ז׳אַן קריסטאָף IV באַנד, „ברונט״.

חושד געווען די יונגע פראַנצויזין אין מיאוסע מעשים און וואָס האָבן געטראָגן צוליב באַוווסטע סיבות אַ כּעס אויף קריסטאָפֿן, ווי מיר ווייסן עס שוין פון אַן אַנדער אָרט, — און האָבן אַנטואַנעטן אָפּגע־זאָגט פון דער שטעלע.

אָט די ריינע שעמעוודיקע נשמה, וואָס די ליבע צום ברודער האָט זי איינגאַנצן פאַרשלונגען און געראַטעוועט פון יעדן שלעכטן געדאַנק, האָט זיך שיר נישט באַגראָבן פון חרפה, ווען זי האָט פאַרשטאַנען אין וואָס מען באַשולדיקט זי. צו קריסטאָפֿן האָט זי קיין איין רגע נישט געפילט קיין פאַרדרוס; זי האָט געוווּסט, אַז ער איז אַזוי אומשולדיק, פונקט ווי זי, און אַז ער האָט איר געוואָלט גוטס טון — נאָר ס'האָט זיך אויסגעלאָזט צום שלעכטן, זי איז אים גע־ווען דאַנקבאַר. זי האָט וועגן אים גאָרנישט געוווּסט — נאָר אַז ער איז אַ מוזיקער און אַז מען דערציילט פון אים אַ סך שלעכטס. אָבער הגם זי איז געווען אומדערפאַרן אין לעבן און אין מענטשן, האָט זי דאָך פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע אינטואיציע, וואָס איז אַ דאַנק איר אָרעמקייט נאָך שאַרפער געוואָרן; אָט אַזוי האָט זי דערקענט אין איר שכן, וואָס איז געזעסן מיט איר אין טעאַטער, אין דעם דאָזיקן אומדערצויגענעם, אַ ביסל משוגענעם מענטשן — נאַיווקייט און מענ־טלעכע שיינקייט, וואָס איז איר געווען אָנגענעם צו דערמאָנען. דאָס שלעכטס, וואָס זי האָט געהערט וועגן אים, האָט נישט אונטערגע־גראָבן איר צוטרוי. ווערנדיק איצט אַ קרבן פון לעבן, האָט זי נישט געצווייפלט, אַז ער איז אויך אַ קרבן און אַז ער ליידט, ווי זי, פון מענטשלעכער רשעות און רכילות. און אַזוי ווי זי האָט זיך איינגע־ווינט צו פאַרגעסן אָן זיך און צו טראַכטן וועגן אַנדערע, האָט דער געדאַנק וועגן קריסטאָפס עגמת נפש געלינדערט אַ ביסל איר אייגע־נעם צער. זי וואָלט זיך בשום אופן נישט באַמיט אים נאָכאַמאָל צו זען, אָדער אָנצושרייבן צו אים; איר צוריקגעהאַלטנקייט און שטאָלץ האָבן עס נישט דערלאָזט. זי האָט זיך געטראַכט, אַז ער ווייס נישט מסתמא וועגן דער רעה, וואָס ער האָט איר געטון, און זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט, ער זאָל קיינמאָל נישט וויסן.

זי איז אַוועקגעפאָרן. צופעליק האָט זיך איר צוג געטראָפן אין וועג מיט יענעם צוג, אין וועלכן קריסטאָף איז געפאָרן פון דעם נאָענטן שטעטל, עטלעכע שעה רייזע פון שטאָט, וווּ ער האָט פאַר־בראַכט אַ טאָג. די צוגן זענען געבליבן שטיין עטלעכע מינוט, און

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט אין דער שטילער נאַכט און נישט אויס־געריידט קיין וואָרט. וואָס האָבן זיי געקאָנט זאָגן איינער דעם צווייטן, אויסער באַנאַלע ווערטער? די ווערטער וואָלטן פאַרשוועכט דאָס געפיל פון קעגנזייטיקן מיטלייד און פאַרבאָרגענער סימפּאַטיע, וואָס איז אין זיי דערוועקט געוואָרן — און האָט זיך געשטיצט אויף זייערע אינערלעכע עמפּינדונגען. אין דער דאָזיקער לעצטער מינוט, בעת זיי האָבן זיך אומבאַקאַנטערהייט איבערגעקוקט, האָבן זיי זיך ביידע געזען אַזוי דורכזיכטיק, ווי זייער סביבה האָט זיי נאָך קיינ־מאָל נישט געזען. אַלץ פאַרשווינדט; דער זכר פון אַ וואָרט, אַ קוש, די אומאַרמונג פון געליבטע, — אָבער דער בונד פון צוויי נשמות, וואָס האָבן זיך באַרירט און דערקענט איינע דער צווייטער צווישן אַ המון פון פאַרבייגייענדיקע פּנימער — דער דאָזיקער בונד ווערט קיינמאָל נישט פאַרווישט. אַנטואַנעט האָט מיטגעטראָגן קריסטאָפן אין איר האַרצן, וואָס איז פול געווען מיט צער, וואָס האָט אָבער גע־שמייכלט מיט אַ פאַרבאָרגענער, פון ערגעץ טיף שטראָמענדיקער ליכט, אַ בלייכע צאַרטע שיין, ענלעך צו יענעם ליכט, וואָס הילט אַרום גלוקס „גן־עדן־רוחות".

זי האָט ווידער געזען אָליוויערן. זי איז געקומען צו דער ריכטיקער צייט. ער איז פּונקט געלעגן צו בעט. די דאָזיקע שוואַכע נערוועזע באַשעפעניש, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר דער קראַנקהייט נאָך איידער זי איז געקומען, — האָט איצט, בעת ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַן אמת, נישט געוואָלט שרייבן דער שוועסטער, כדי איר נישט אָנצוטון קיין עגמת נפש, אָבער אין האַרצן האָט ער זי גערופן און געוואַרט זי זאָל קומען, ווי אַ מענטש, וואָס וואַרט אויף אַ נס.

און ווען דער נס איז געשען, איז ער געלעגן אין גימנאַזיע־שפּיטאָל אין היץ און חלומות. ער האָט אפילו נישט קיין געשריי געטון, בעת זי איז אַריין, פיל מאָל האָט ער געהאַט די אי־לוזיע, אַז ער זעט זי.... ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט מיט אַן אָפן מויל און געציטערט, טאָמער איז עס אַ חלום. און ווען זי האָט

זיך געזעצט אויף זיין בעט, און ער האָט זי אַרומגענומען, ווען זי האָט אים צוגעדריקט צו זיך און ער האָט דערפילט אויף די ליפּן איר צאַרט פּנים און אין זיין האַנט אירע פאַרפרוירענע הענט — ווען ער האָט זיך לסוף איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע זיין שוועסטערל — האָט ער זיך צעוויינט. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון: ער איז נאָך אַלץ געבליבן דאָס זעלבע צעפּיעשטשעטע קינד, ווי אַמאָל. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און מורא געהאַט, טאָמער ווערט זי ווי-דער פאַרשוווּנדן. ווי האָבן זיי זיך ביידע געענדערט! ווי אומעטיק זיי האָבן אויסגעזען! אָבער קוים האָבן זיי זיך ווידער געפונען צוזאַמען, איז אַרום אַלץ ליכטיק געוואָרן — דער שפּיטאָל, די גימנאַזיע, דער פאַרוואָלקנטער טאָג. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיך מער נישט אָפּגעלאָזט. און איידער זי האָט באַוויזן צו זאָגן אַ וואָרט, האָט זי אָליוויער באַשווירן, אַז זי זאָל אים מער נישט פאַרלאָזן. אָבער ס'איז געווען איבעריק. ניין, זי וועט שוין מער נישט אַוועקפאָרן, זיי זענען אַזוי אומגליקלעך איינס אָן אַנדערן. די מאַמע איז געווען גע-רעכט: אַלע יסורים פון דער וועלט זענען לייכטער, ווי די יסורים פון צעשיידונג. בעסער נויט, בעסער דער טויט — אַבי צוזאַמען.

זיי האָבן זיך געדונגען אַ דירה. זי וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן געדונגען די אַלטע דירה, הגם זי איז געווען מיאוס; זי איז שוין אָבער געווען פאַרנומען. די נייע דירה איז אויך געווען אין הויף, נאָר איבער דער מויער האָט אַרויסגעקוקט דער שפּיץ פון אַן אַקאַ-ציע-בוים, און זיי האָבן זיך צוגעבונדן צו אים, ווי צו אַ פריינט פון די פעלדער, וואָס איז פּונקט ווי זיי, געזעסן פאַרשפּאַרט אין דער שטאָטישער תּפיסה. אָליוויער איז אינגיכן געוואָרן געזונט — לפּחות פאַרהעלטענישמעסיק צו זיין שטענדיקן געזונטס-צושטאַנד, (ווייל דאָס, וואָס האָט געהייסן ביי אים געזונט, קאָן הייסן ביי אַ שטאַרקן מענטשן אַ קראַנקהייט).

אַנטואַנעטס אומעטיקע טעג אין דייטשלאַנד האָבן איר איינגע-בראַכט לפּחות אַביסל געלט. די איבערזעצונג פון אַ דייטשן בוך, וואָס אַ פאַרלעגער האָט איר געגעבן, האָט איר ווידער אַ געוויסע צייט גע-געבן פּרנסה. די מאַטעריעלע דאגות האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגע-טון; — אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, אַבי אָליוויער זאָל אויסהאַלטן ביים סוף יאָר דעם עקזאַמען. — און וואָס וועט זיין אַז נישט?

ווי נאָר זיי האָבן זיך צוגעוווינט צום פאַרגעניגן פון אַ

שותפותדיק לעבן, האָט זיי ווידער באַהערשט די שרעק פאַרן עקזאַמען־ זיי האָבן אויסגעמיטן צו רעדן דערפון, נאָר אומזיסט: זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרגעסן אָן דעם. דער דאָזיקער עקשנותדיקער געדאַנק האָט זיי פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט, הגם זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַר־ געסן. בעתן קאָנצערט פלעגט פלוצלינג דער געדאַנק אַרויסשווימען פאַר זיי; ביינאַכט פלעגט ער זיך עפּענען ווי אַ תהום. צו אָליוויערס ברענענדיקן פאַרלאַנג צו באַפרייען זיין שוועסטער פון איר עול און צו פאַרגיטיקן דעם קרבן פון איר יוגנט, איז איצט צוגעקומען די שרעק פון מיליטער־דינסט, פון וועלכע ער וואָלט זיך נישט אַרויסגע־ דרייט, ווען ער האַלט נישט אויס דעם עקזאַמען (אין יענער צייט האָט דער אַריינטריט אין אַ הויכשול באַפרייט פון מיליטער־דינסט). ער האָט געפילט אַ שרעקלעכן עקל צו אָט דעם פיזישן און גייסטיקן מיש־מאַש, צו דער גייסטיקער ירידה, וואָס ער האָט, גערעכט אָדער אומגערעכט, געזען אין דעם קאַזאַרמע לעבן. אַלדאָס איידעלע און ריינע אין אים האָט זיך געבונטעוועט אַנטקעגן דער דאָזיקער פליכט; ער איז נישט געווען זיכער, צי וואָלט ער בעסער נישט אויסגעקליבן דעם טויט, איידער מיליטער־דינסט. מ'קאָן זיך אויסלאַכן פון אַזאַ גע־ פיל, אָדער אַפילו שטעמפּלען מיט פאַראַכטונג אין נאָמען פון געזעל־ שאַפטלעכער מאָראַל, וואָס איז אין יענער צייט געוואָרן אַ דאָגמע; אָבער נאָר אַ בלינדער קאָן לייקענען, אַז ס'איז דאָ אַ שטאַרקערער ווייטיק, ווי די דאָזיקע יסורים פון מאָראַלישער איינזאַמקייט, וואָס ווערט פאַרשקלאַפט דורך אַזאַ מין ברוטאַלן, מגושמדיקן קאָמוניזם.

דער עקזאַמען האָט זיך אָנגעהויבן. אָליוויער האָט שיר נישט געוואָלט רעזיגנירן: ער האָט געליטן, מורא געהאַט פאַר דער מאַטער־ ניש און פאַר די צרות, וואָס ער וועט האָבן אויסצושטיין, סיי אויב דער עקזאַמען וועט זיך איינגעבן און סיי נישט. ער איז שיר נישט קראַנק געוואָרן. דאָסמאָל האָט זיך די שריפטלעכע אַרבעט איינגעגעבן, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף די רעזולטאַטן פון עק־ זאַמען. לויט די אַלטע מנהגים פון דעם רעוואָלוציאָנערן לאַנד, וואָס איז דאָס קאָנסערוואַטיווסטע לאַנד אויף דער וועלט, זענען די עקזאַ־ מענס אויסגעקומען אינם חודש יולי, אין די שרעקלעכסטע פון יאָר. ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט בפּיוון געוואָלט אויסמאַטערן די דאָ־ זיקע אומגליקלעכע, וואָס זענען שוין אַזוי אויך געווען אויסגעמאַטערט מיט אָן אַ שיעור למודים, פון וועלכע די עקזאַמענאַטאָרן האָבן אַליין

קיין צענט חלק נישט געקענט. די רעזולטאַטן פון שריפטלעכן עקזאַ־מען האָט מען מודיע געווען אַ טאָג נאָכן נאַציאָנאַלן יום־טוב פון פערצנטן יולי. נאָכן יום־טוב פון טומל און פרייד, וואָס פאַרשאַפט צער אַלע אומעטיקע מענטשן, וואָס בענקען צו שטילקייט. אויפן פּלאַץ פאַרן הויז האָט מען אויפגעשטעלט סוכות, מ׳האָט געשאָסן, געדרייט זיך אויף אַ קאַרוסעלע, געשפּילט אויף קאַטאַרינקעס פון דערפרי ביז שפּעט ביינאַכט. דער זינלאָזער טומל האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך. דערנאָך האָט דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, כדי באַליבט צו ווערן ביים פאָלק, צוגעגעבן די שרייער נאָך אַ האַלבע וואָך אַ צולאָג, ווייל וואָס אַרט עס אים — ער הערט דאָך נישט דעם טומל. אָבער אָליוויער און אַנטואַנעט, וואָס דער טומל האָט זיי צעמישט די קעפּ, האָבן געמוזט פאַרמאַכן די פענסטער און געמוזט זיך שטיקן אין שטוב; זיי האָבן פאַרשטאָפּט די אויערן, אומזיסט זיך באַמיט פטור צו ווערן פון די נאַרישע געשרייען, גוואַלדן, לידלעך און קולות, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט פון דערפרי ביז באַנאַכט און האָבן גע־שניטן זייערע מוחות ווי מיט מעסער.

די מינדלעכע עקזאַמענס האָבן זיך תיכּף אָנגעהויבן נאָכן צולאָזן די שילער. אָליוויער האָט זיך געבעטן ביי אַנטואַנעט זי זאָל אַהין נישט קומען. זי האָט געוואַרט פאַרן טיר און געציטערט מער ווי ער אַליין. ער האָט איר קיינמאָל נישט דערציילט, אַז ער איז צופרידן מיט זיין ענטפער, נאָר ער פלעגט איר מאַטערן דערמיט, וואָס ער האָט יאָ געזאָגט און וואָס ער האָט נישט געזאָגט.

דער אַנטשיידנדיקער טאָג איז געקומען. אין הויף פון דער סאָרבאָנע האָט מען פאַרעפנטלעכט די נעמען פון די אָנגענומענע קאַנדידאַטן. אַנטואַנעט האָט נישט געלאָזט אָליוויערן גיין אַליין. בעת זיי זענען אַרויס פון שטוב האָבן זיי געשוויגן און געטראַכט, אַז ווען זיי וועלן גיין צוריק וועלן זיי שוין וויסן אַלץ, און אפשר האָבן זיי געבענקט נאָך די דאָזיקע שרעק־מינוטן, ווען ס׳איז נאָך געווען אַ גוטע האָפנונג. ווען זיי האָבן געזען די סאָרבאָנע האָבן זיי געפילט ווי עס ברעכן זיך זיי אונטער די פיס. די מוטיקע אַנטואַנעט האָט גע־זאָגט צו איר ברודער:

— אייל זיך נישט אַזוי, איך בעט דיך.

אָליוויער האָט אַ קוק געטון אויף זיין שוועסטער, וואָס האָט זיך באַמיט צו שמייכלען. ער האָט איר געזאָגט:

— ווילסט זיך צוזעצן אויף אַ באַנק?

— ער וואָלט גערן ווייטער נישט געגאַנגען. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַ דריק געטון זײַן האַנט און געזאָגט:

— עס מאַכט נישט אויס, טײַערער, לאָמיר גיין ווייטער.

זיי האָבן נישט געקאָנט באַלד געפינען די רשימה. זיי האָבן איבערגעלייענט אַ סך אַנדערע צעטלען און דעם נאָמען זשאַנען נישט געפינען. און ווען זיי האָבן עס לסוף געפונען, האָבן זיי פשוט נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן עס געלייענט אָן אַ שיעור מאָל און נישט געגלויבט זייערע אויגן. דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז אמת, אַז ער, דער זעלבער זשאַנען, האָט אויסגעהאַלטן, האָט זיי אויסגעפעלט ווערטער. זיי זענען אַוועקגעלאָפן אַהיים, זי האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם, געדריקט אין האַנט זײַנע פינגער, און ער האָט זיך אויף איר אָנגעשפּאַרט. זיי זענען כמעט געלאָפן, נישט זעענדיק קיין זאַך אַרום. דורכגייענדיק דעם בולוואַר זענען זיי שיר נישט איבערגעפאָרן געוואָרן, זיי האָבן איינס דאָס אַנדערע אָן אויפהער גערופן:

— מײַן טײַערער! מײַן טײַערע!

זיי זענען געלאָפן פון שטאָק צו שטאָק איבערשפּרינגענדיק צו עטלעכע טרעפּ פאַר אַמאָל. ווען זיי זענען אַרײַן אין צימער, זענען זיי זיך איינער דעם אַנדערן געפאַלן אין די אָרעמס. אַנטואַנעט האָט אָנגענומען דעם ברודער פאַר אַ האַנט און אים צוגעפירט צו די בילדער פון אירע עלטערן איבער איר בעט. אין ווינקל פון צימער, וואָס איז געווען פאַר איר אַ קודש הקדשים. זיי האָבן ביידע אַנידערגעקניט, געדאַוונט און שטיל געוויינט.

אַנטואַנעט האָט געשטעלט אַ גוטן מיטאָג, אָבער זיי האָבן אים נישט אָנגערירט: זיי זענען נישט געווען הונגעריק. דעם אָוונט האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען — אָליוויער בײַ זײַן שוועסטער אויף די קני אָדער זי בײַ אים אויף די קני. ער האָט זיך געפּיעשטשעט פאַר איר, ווי אַ קליין קינד. זיי האָבן כמעט נישט גערעדט. זיי האָבן אַפילו קיין כח נישט געהאַט צו זײַן גליקלעך. מיד און צעבראָכן זענען זיי געגאַנגען שלאָפן פאַר ניין אַ זייגער און איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף.

צומאָרגנס האָט אַנטואַנעט געפילט אַ שרעקלעכן קאָפּ-ווייטיק אָבער אַ משא איז איר אַראָפּ פון האַרצן! אָליוויערן האָט זיך געדאַכט,

אַז ער אָטעמט ערשט אָפּ צום ערשטן מאָל. ער האָט זיך געראַטעוועט. ער האָט געראַטעוועט זיין שוועסטער. זי האָט דערפילט איר פליכט, און ער האָט נישט פאַרשעמט די האָפנונגען, וואָס זי האָט אויף אים געלעגט... צום ערשטן מאָל, נאָך לאַנגע יאָרן האָבן זיי זיך איבערגעגעבן דער פוילקייט. ביז מיטאָג זענען זיי געבליבן אין די בעטן געשמועסט דורך דער האַלב-אָפענער טיר, געזען איינס דאָס אַנדערע אין שפיגל, געזען זייערע גליקלעכע פנימער אָנגעשוואָלענע פון מידקייט. זיי האָבן איינער צום צווייטן געשמייכלט, געשיקט קושן, ווידער אַנטדרימלט געוואָרן. באַטראַכט, ווי דער צווייטער דרימלט; ביידע דערשלאָגן און אויסגעמאַטערט, האָבן זיי קוים געהאַט כּח אויסצוטוישן צווישן זיך אָפּגעריסענע ווערטער, פול מיט האַרציקייט.

אַנטואַנעט האָט נישט אויפגעהערט שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, כּדי אָנצושפּאָרן אַ געוויסע סומע אין פאַל פון אַ קראַנקהייט. זי האָט נישט דערציילט דעם ברודער וועגן דעם סורפּריז, וואָס זי וויל אים מאַכן. אויפן צווייטן טאָג, נאָך זיין אָנקומען אין דער סאָרבאָנע, האָט זי אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איצט וועלן זיי פאַרברענגען אַ חודש צייט אין דער שווייץ — אַ שׂכר פאַר לאַנגע יאָרן מאַטערניש. איצט, ווען אָליוויער האָט געדאַרפט פאַרברענגען דריי יאָר אין דער לערערשול אויף דעם חשבון פון דער מלוכה און נאָכן ענדיקן די שול אָננעמען אַ שטעלע, האָבן זיי זיך געקאָנט דערלויבן אַ ביסל אַ הוליע צו טון און צו פאַרשווענדן די אָפּגעשפּאָרטע סומע. אָליוויער האָט געשריגן פון פרייד. אַנטואַנעט איז געווען גליקלעכער פון אים — גליקלעך מיט זיין גליק און מיט דער אייגענער פרייד, וואָס זי וועט לסוף זען די נאַטור צו וועלכער זי האָט שוין לאַנג געבענקט.

די הכנות צו דער רייזע זענען געווען אַ וויכטיקער ענין, אָבער גלייכצייטיק אַ פאַרגעניגן, וואָס האָט זיך יעדע ווילע באַנייט. דער חודש אויגוסט האָט זיך שוין געענדיקט. זיי זענען נישט געוווינט געווען אַרויסצופאָרן. אָליוויער האָט די לעצטע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן. די נאַכט אין וואַגאָן איז ער אויך נישט געשלאָפן. דעם גאַנצן טאָג האָט ער מורא געהאַט, טאָמער פאַרשפּעטיקט ער דעם צוג. זיי

האָבן זיך געאײַלט. אויפֿן וואָקזאַל האָט מען זיי געשטופּט פֿון אַלע זײַטן, דערנאָך זענען זיי אַרײַן אין אַ קופּע פֿון צווייטן קלאַס, ווו ס'איז אַפֿילו נישט געווען אַן אָרט זיך אָנצושפּאַרן און אַ וואַנט און אַרײַנצוכאַפּן אַ דרימל. (די פֿראַנצויזישע געזעלשאַפֿטן, וואָס זענען אַזוי באַרימט מיט זייער דעמאָקראַטיזם, באַמיען זיך נישט צו געבן די דאָזיקע מעגלעכקייט דעם נישט רײַכן רײַזנדן, כּדי די רײַכע רײַזנדע זאָלן הנאה האָבן פֿון געדאַנק, אַז נאָר זיי אַליין האָבן דאָס רעכט.) אָליוויער האָט אויף קיין ווײַלע קיין אויג נישט צוגעטון. ער איז נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, צי זיי געפֿינען זיך אין דעם ריכטיקן צוג און ער האָט נאָכגעקוקט די נעמען פֿון אַלע סטאַציעס. אַנטואַנעט האָט אַ ביסל געדרימלט און האָט זיך כּסדר אויפֿגעכאַפּט: איר קאָפּ האָט זיך געשאָקלט צום טאַקט פֿונם צוג. אָליוויער האָט זי אָנגעקוקט בײַם שײַן פֿונם לאָמפּ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ נשמה-ליכטל איבער די וואַנדערנדע סאַרקאָפֿאַגן. און פּלוצלינג האָט אים איבערראַשט די גוואַלדיקע ענדערונג אין איר פּנים, אַרום די אויגן האָט זי געהאַט בלויע צייכנס, אירע קינדערשע ליפּן האָבן זיך מיד געעפֿנט, די הויט פֿון איר פּנים איז געל געוואָרן, און קליינע קנייטשן האָבן אײַנגעשניטן אירע באַקן דאָ און דאָרט — שפּורן פֿון אומעטיקע טעג, פֿון טרויער און קרענקונג. זי איז פֿאַרעלטערט געוואָרן. זי האָט אויסגעזען קראַנק. און באמת איז זי געווען שרעקלעך מיד. ווען זי זאָל האָבן מוט, וואָלט זי אָפּגעלעגט די רײַזע אויף אַן אַנדער צײַט. אָבער זי האָט נישט געוואָלט פֿאַרשטערן דעם ברודערס פֿרייד, זי האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ס'איז נישט מער ווי מידקייט, אַז אין דאָרף וועט זי געזונט ווערן. אָ! ווי זי האָט מורא געהאַט נישט קראַנק צו ווערן אויפֿן וועג. פּלוצלינג האָט זי דערפֿילט, אַז ער קוקט אויף איר. זי האָט זיך מיט גרויס אָנשטרענגונג אָפּגעטרייסלט פֿון דער פֿאַרגליווערונג און געעפֿנט די אויגן, אירע יונגע אויגן, וואָס זענען געווען אַזוי קלאָר, אַזוי דורכזיכטיק, און וואָס איצט האָט פֿון צײַט צו צײַט אַ שוועב געטון אין זיי אַ באַהאַלטענער ציטער, ווי וואָלקנס איבער אַ דורכזיכטיק טײַכל. באַאומרויקט האָט ער זי שטיל געפֿרעגט, ווי זי פֿילט זיך. זי האָט אים געדריקט די האַנט און פֿאַרזיכערט, אַז ס'איז איר גוט. איין ליב וואָרט האָט אָפּגעפֿרישט אירע כּוחות.

אגב, האָבן זיי ווידער דערוואַכט צום לעבן, ווען דער באַגינען האָט זיך גענומען רויטלען איבער די בלייכע פֿעלדער צווישן דאָל

און פאָנטאַרליע, איבער די אויפוואַכנדיקע פעלדער, ווו די זון איז
אויפגעגאַנגען מיט פרייד און זיך אַרויסגעגנבעט פונקט, ווי זיי, פון
דער גאַסן-תפיסה, פון די פאַרשטויבטע הייזער, פונם שווערן פאַריזער
רויך; זיי האָבן געקוקט אויף די פאַרביילויפנדיקע לאָנקעס, איינגע-
הילט אין אַ לייכטן נעפל פון דעם אייגענעם אָטעם, וואָס איז געווען
בלייך ווי מילך. דער מינדסטער פרט אין וועג האָט געצויגן די
אויפמערקזאַמקייט פון אַנטואַנעט און איר ברודער: אַ דאָרפישע קיר־
כע, אַ טייכעלע אין וועג, אַ גלייכע שורה בערגלעך אויפן ראַנד פון
האָריזאָנט, אַ דינער, רירנדיקער פרימאָרגן-גלעקל, וואָס האָט גערופן
צו תפילה און וואָס דער ווינט האָט געבראַכט פון דער ווייט, בעת
דער צוג איז געבליבן שטיין ביים דרימלענדיקן דאָרף; שווערע סי־
לועטן פון אַ סטאַדע קי, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורכן וועג, אַלץ
האָט זיי אויסגעזען ניי. זיי זענען געווען, ווי צוויי פון היץ פאַר-
חלשטע בוימער, וואָס זאַפּן איין מיט תענוג דעם טוי פון הימל.

און אָט זענען זיי אינדערפרי אָנגעקומען צו דער שווייצאַרישע
גרענעץ, ווו זיי האָבן געדאַרפט אַראָפּשטייגן, אַ קליינע סטאַציע אינ־
מיטן אַ ברייטן דאָרף. ס'האָט זיי אַ ביסל וויי געטון דאָס האַרץ נאָך
דער שלאָפלאָזער נאַכט, אַ ביסל האָט געציטערט דער קערפּער אין
דער פייכטער פרימאָרגן־קעלט, אָבער רויק איז געווען, דער הימל
איז געווען קלאָר, פון אומעטום האָט אַרויפגעשטיגן דער אָטעם פון
די לאָנקעס, אַריינגעשטראָמט ווי אַ טייכל אין מויל, אין האַלז, טיף
אין דער ברוסט; און זיי האָבן געטרונקען שטייענדיק ביים טיש
אויף דער פרייער לופט, אַ וואַרעמע, קרעפטיקע גלאָז קאַווע מיט
שמאַנט, זיס ווי דער הימל, מיטן ריח פון פעלד־בלומען.

זיי זענען אַריין אין אַ שווייצאַרישן צוג, וואָס איז געווען אינ־
גאַנצן אַנדערש איינגעאָרדנט און האָט דערוועקט אין זיי אַ קינדערי־
שע פרייד, אָבער ווי מיד איז געווען אַנטואַנעט! זי האָט זיך נישט
געקאָנט, ערקלערן די שווערע משא, וואָס האָט זי געדריקט אויפן
האַרצן. פאַרוואָס זעט זי, אַז אַלץ אַרום איז אַזוי שיין, אַזוי אינטע־
רעסאַנט און דאָך געפינט זי אין דעם אַזוי ווייניק פאַרגעניגן! צי
האָט זי נישט געטרוימט מיט יאָרן צוריק וועגן אַ שיינע רייזע צו-
זאַמען מיטן ברודער — אַלע דאגות פאַרשווינדן אויפן שויס פון דער
נאַטור... וואָס פעלט איר? זי האָט געהאַט צו זיך טענות און גע־

צווינגען זיך אַליין צו כאַפּן התפּעלות און צו טיילן דעם ברודערס נאַיווע פרייד.

זיי זענען געבליבן שטיין אין טון. צומאָרגנס דאָבן זיי געזאָלט פאָרן אין די בערג. אָבער ביינאַכט, אין האָטעל, האָט אַנטואַנעטן אָנגעכאַפּט אַ שרעקלעכע היץ. זי האָט געבראָכן, ס'האָט איר ווי גע-טון דער קאָפּ. אָליוויער איז באַלד געוואָרן שטאַרק צערודערט און האָט אומרויק פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט. אין דער פרי האָט מען געמוזט רופן אַ דאָקטאָר (די דאָזיקע אומגעריכטע הוצאה האָט פאַר-קלענערט זייער סומע) דער דאָקטאָר האָט דערווייל נישט געפונען קיין שום ערנסטע זאַך, בלויז אַ שטאַרקע מידקייט. ס'איז אוממעגלעך געווען צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין. דער דאָקטאָר האָט פאַרווערט אַנטואַנעטן דעם טאָג אויפצושטיין און געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי וועלן אפשר מוזן בלייבן אין טון אַ לענגערע צייט. זיי זע־נען געווען זייער אומעטיק און גלייכצייטיק צופרידן, וואָס זיי זענען אָפּגעקומען מיט שרעק. אָבער ס'איז שווער געווען צו קומען פון אַ ווייט לאַנד און צו בלייבן פאַרשפּאַרט אין אַ שלעכטן האָטעל־צימער, ווו די זון האָט געוואַרעמט; ווי אַ שטיף-מאַמע. אַנטואַנעט האָט געוואָלט, דער ברודער זאָל גיין שפּאַצירן. ער איז אַרויס נישט ווייט פון האָטעל און זיך צוגעקוקט צום טייך אַאַר אין זיין שיין גרין קלייד און צום ווייטן האָריזאָנט, ווו ס'האָבן זיך געוויזן די שפּיצן פון די בערג. אַ שטורמדיקע פרייד האָט זיך אין אים אויפגעוועקט, אָבער ס'איז אים שווער געווען זיך צו פרייען איינער אַליין. ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער שוועסטער און דערציילט איר מיט התפּעלות, וואָס ער האָט געזען. און ווען זי האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער איז אַזוי גיך צוריקגעקומען און איז צוגעשטאַנען, ער זאָל ווידער גיין שפּאַצירן, האָט ער איר געענטפערט, פּונקט ווי אַמאָל, בעת ער איז געקומען פון קאָנצערט אין שאַטעלע:

— ניין, ניין, דאָס איז צו שיין. ס'איז פאַר מיר צו ווייטיק־לעך צו זען עס אָן דיר.

דאָס דאָזיקע געפיל איז זיי נישט פרעמד געווען. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי מוזן זיין צוזאַמען, כּדי זיך צו פילן פאַר גאַנצע מענטשן. אָבער ווען זי האָט עס געהערט פון ברודער, איז עס איר געווען זייער אָנגענעם. די דאָזיקע האַרציקע ווערטער האָבן אויף אַנטואַנעטן געווירקט בעסער ווי צען דאָקטוירים. זי האָט איצט גע־

שמייכלט גליקלעך און שוואַך. און הגם ס'איז נישט געווען זייער פּאָרזיכטיק, האָט זי נאָך אַ גוטער נאַכט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן באַלד אינדערפרי אָן דעם דאָקטאָרס וויסן, ווייל ער וואָלט זי מסתמא אָפּגעהאַלטן. די קלאָרע לופט און דער פאַרגעניגן צו זען די שיינע נאַטור צוזאַמען האָבן זיי געראַטעוועט פון דער שטראָף פאַר איר אומפאָרזיכטיקייט. און אָט אַזוי זענען זיי אָנגעקומען צום ציל פון זייער רייזע אָן שום מניעות — צו אַ דאָרף צווישן די בערג איבער אַן אָזערע, נישט ווייט פון שפּיץ.

דאָרט האָבן זיי פאַרבראַכט דריי אָדער פיר וואָכן אין אַ קליינעם האָטעל. אַנטואַנעט האָט מער קיין היץ נישט געהאַט, אָבער אינגאַנצן געזונט איז זי אויך נישט געוואָרן. די גאַנצע צייט האָט זי געליטן אויף קאָפּ ווייטיק, געפילט אַ שווערעניש אויפן האַרצן און איז שטענדיק געווען אָפּגעשוואַכט. אָליוויער האָט זיך אָפט נאָכגעפרעגט אויף איר געזונט, געוואָלט, איר פּנים זאָל נישט זיין אַזוי בלייך. אָבער ער איז געווען פאַרשיכּורט פון דער אַרומיקער שיינקייט און אינסטינקטיוו אָפּגעשטויסן פון זיך אַלע טרויעריקע געדאַנקען. ווען זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז זי איז געזונט האָט ער געוואָלט גלויבן, הגם ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז נישט ריכטיק. אויסער דעם האָט זי פון גאַנצן האַרצן הנאה געהאַט פון ברודערס פרייד, פון דער לופט, פון דער רו. ווי גוט עס איז זיך אָפּצורוען נאָך לאַנגע יאָרן מאַטערניש!

אָליוויער האָט זי געוואָלט מיטנעמען מיט זיך אויף זיינע שפּאַצירן. זי וואָלט מיט פרייד מיטגעגאַנגען, אָבער וויפיל מאָל זי האָט עס געטון, האָט זי אין צען מינוט אַרום געמוזט בלייבן שטיין, ווייל ס'האָט איר פאַרפעלט אָטעם און זי האָט געהאַלטן ביים חלשן. ער איז דעריבער געגאַנגען אַליין, געקראָכן אין נישט קיין געפערלעכע ערטער, וואָס פלעגן זי פונדעסטוועגן באַאומרויקן, ביז ער פלעגט קומען אַהיים; אָדער זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט קליינע שפּאַצירן: זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין אָרעם, און זיי זענען פּאַמעלעך געגאַנגען און געשמועסט. אָליוויער האָט נישט אויפגעהערט צו פּלוידערן און צו לאַכן, צו דערציילן זיינע פּלענער, צו שפּאַסן. אין וועג פונם בערגל, וואָס איבערן טאָל, האָבן זיי געקוקט אויף די ווייסע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין דעם רויקן וואַסער, אויף די דאַמפּערס, וואָס האָבן געווימלט ווי ווערים אויף אַ לוזשע.

זיי האָבן אַריינגעאָטעמט אין זיך די וואַרעמע לופט און אַריינגעזאַפּט דאָס קלינגען פון די סטאַדע־גלעקלעך, וואָס דער ווינט האָט געבראַכט צוטראָגן פון דער ווייטן, צוזאַמען מיטן ריח פון געקאָסעט היי און צעשמאָלצענע דזשעגעכץ. זיי האָבן צוזאַמען געטרוימט וועגן דער געגנוואַרט, וואָס האָט זיי איצט אויסגעזען ווייט פון דער ווירקלעכ־קייט און האָט נאָך מער פאַרשיכורט, ווי זייערע חלומות גופא. אויך אַנטוואַנעט פלעגט זיך טיילמאָל אָנשטעקן מיט דעם ברודערס קינדישע פרייד, זיי האָבן זיך נאָכגעיאָגט, געוואָרפן זיך מיט גראָז, און איינ־מאָל האָט ער אפילו געזען, ווי זי לאַכט פונקט ווי אַמאָל אין די קינדער־יאָרן, מיט יענעם רויקן, קלאָרן און צעלאָזענעם געלעכטער פון אַ קליין מיידעלע, וועלכעס ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט.

אָבער על פי רוב האָט זיך אַליוויער נישט געקאָנט באַהערשן און געמאַכט אַליין לאַנגע שפּאַצירן. דערנאָך פלעגט ער חרטה האָבן, און ס'פלעגט אים פאַרדריסן, וואָס ער נוצט נישט אויס די דאָזיקע געלעגנהייט צו שמועסן מיט דער שוועסטער. אפילו אין האָטעל פלעגט ער זי לאָזן איינע אַליין. דאָרט איז געווען אַ קליינער קרייז פון יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן זיך פון אָנהויב געהאַלטן פון דער ווייטן. אַליוויער, וואָס איז בטבע געווען שעמעוודיק, האָט זיך אָבער זייער געוואָלט דערנענטערן צו זיי און לסוף האָט ער גענו־מען מיט זיי פאַרברענגען. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין חברים, חוץ דער שוועסטער האָט ער געקענט נאָר די מגושמדיקע שול־קאָלעגן און זייערע געליבטע, וואָס האָבן דערוועקט אין אים אַן עקל. דעריבער האָט ער זיך באַזונדערס גוט געפילט צווישן די דער־צויגענע, פריינדלעכע און פריילעכע יונגע מענטשן, וואָס זענען גע־ווען אין זיינע יאָרן. בטבע אַ שעמעוודיקער, האָט ער אָבער פאַר־מאָגט אַ נאַיווע נייגעריקייט, אַ סענטימענטאַלע, ליידנשאַפטלעך און ריין האַרץ, וואָס האָט זיך געפילט, ווי היפּנאָטיזירט פון אַלע בלאַסע בלענד־פּייערלעך אין די אויגן פון אַ פרוי. נישט געקוקט אויף זיין שעמעוודיקייט האָט ער דאָך געקאָנט געפעלן ווערן. די נאַיווע באַ־דערפעניש צו ליבן און געליבט צו זיין האָט אים צוגעגעבן אַן אומ־באַוווסטן יוגנטלעכן חן און געהאָלפן אים צו געפינען ווערטער, באַ־וועגונגען און האַרציקע באַנעמונג, וואָס האָט צוליב זיין אומגע־שיקטקייט נאָך מער גערייצט. ער האָט פאַרמאָגט די פעיקייט באַ־ליבט צו ווערן ביי מענטשן. און הגם זיין שכל, וואָס האָט זיך אין

דער איינזאַמקייט אויסגעלערנט צו קריטיקירן און אָפּצולאַכן, האָט אים געוויזן די המונישקייט און די חסרונות פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס ער האָט בטבע פיינט געהאַט, — האָט ער אָבער איצט, פּנים אל פּנים מיט זיי, געזען בלויז זייערע אויגן, ווו ס'האָט זיך אויסגעדריקט די נשמה פון אַ באַשעפעניש, וואָס וועט אַמאָל שטאַרבן, וואָס לעבט נאָר איינמאָל און וועט אַוועק פון דער וועלט, פּונקט ווי ער: נישט ווילנדיק האָט ער דעמאָלט געפילט צו זיי אַ סימפּאַטיע. ער וואָלט בשום אופן נישט געווען פעיק אָנצוטון זיי אַ צער אין אָט דער מינוט, קעגן זיין ווילן זענען זיי אים ליב געווען. ער איז געווען שוואַך און במילא לייכט נושא חן געווען ביי דער וועלט, וואָס איז בטבע מוחל אַלע שלעכטע און גוטע מידות, נאָר איין איינציקע מידה קאָן זי נישט מוחל זיין: דעם כח, וואָס איז דער פּאָרבאַדינג פון אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן.

אַנטואַנעט האָט זיך נישט צונויפגעמישט מיט דער דאָזיקער געזעלשאַפט. איר אָפּגעשוואַכטקייט, מידקייט און דערשלאָגנקייט, וואָס איז געקומען אָן אַ שום קלאָרע סיבה, האָבן איר געשטערט. איך משך פון אַזוי פיל יאָרן מי און אַרבעט, וואָס האָבן אויסגעמאַטערט דעם גוף און די נשמה, האָבן זיך געביטן די ראָלן צווישן איר און דעם ברודער. זי האָט זיך געפילט ווייט פון דער וועלט, ווייט פון אַלץ — אַזוי ווייט! זי האָט זיך נישט געקאָנט אומקערן צו מענטשן. אָט די אַלע שמועסן, דער טומל, די געלעכטערס און די אַלע קליינִיקייטן האָבן זי געלאַנגווייליקט, געמאַטערט, כמעט ווי געטון. זי האָט דערפון געליטן. זי האָט געוואָלט זיין ענלעך צו יענע מיידלעך, אינטערעסירן זיך דערמיט, וואָס אינטערעסירט יענע, לאַכן דערפון, פון וואָס זיי לאַכן... זי האָט נישט געקאָנט!... דאָס האַרץ האָט איר ווייגעטון. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז טויט. אין אָוונט האָט זי זיך פאַרמאַכט אין צימער, טיילמאָל אפילו נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, נאָר געזעסן אין דער פינסטער, — בעת אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָליוויער אונטן, אין סאַלאָן, געוויילט און איז געווען פאַרטון מיט עפּעס אַ ראָמאַנטישער ליבע, וואָס פלעגט טרעפן ביי אים אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. זי האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער פאַרגליווערונג ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט געהערט זיין שטים אויף די טרעפּ: ער האָט נאָך געלאַכט און געפּלוידערט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט זיינע פריינדינס אויף די שוועלן פון זייערע צימערן און נישט

געקאָנט פועלן ביי זיך צו געזעגענען מיט זיי. דעמאָלט האָט אויך אַנטואַנעט אַ שמייכל געטון, זי איז אויפגעשטאַנען און אָנגעצונדן די עלעקטרי. דעם ברודערס געלעכטער האָט זי אָפּגעפרישט.

ס'האָט זיך איינגעשטעלט הערבסט. די זון אויסגעגאַנגען. די נאַטור האָט געוויאַנעט. אונטערן שלייער פון די נעפּלען און אָקטאָ־בער־וואָלקנס זענען אויסגעגאַנגען די פאַרבן. אויף די בערגלעך איז אָנגעפאַלן שניי, און אַ נעפּל האָט אָנגעפילט דעם טאָל. די רייזנדע האָבן גענומען אַנטלויפן פריער איינציקוויַיז, שפּעטער אין גרויסע מחנות. אַנטואַנעט און אָליוויער האָבן מיט טרויער צוגעקוקט, ווי די געזעלשאַפט פאַרלאָזט זיי. זיי האָבן באַדויערט אַפילו די גלייכגיל־טיקסטע מענטשן און דער עיקר — דעם זומער, די צייט פון רו און גליק, וואָס איז געווען ווי אַן אָאַזע אין זייער לעבן. זיי האָבן צוזאַ־מען געמאַכט אַ שפּאַציר דאָס לעצטע מאָל, אין אַ טונקעלן הערבסט־טאָג, צום וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דעם באַרג. זיי האָבן נישט גערעדט, נאָר לייכט פאַראומערט געטרוימט, געפּרווירן און צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן: אָנגעטון אין מאַנטלען מיט אויפגע־שטעלטע קראַגנס. זייערע פינגער האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן. די פייכטע וועלדער האָבן שטיל־וויינענדיק געשוויגן. טיף אין וואַלד האָט מען געהערט אַ צאַרטן וויינענדיקן רוף פון אַן איינזאַמען פויגל, וואָס האָט געפילט דאָס אָנקומען פון ווינטער. אַ קריסטאַל־ריין סטאַדע־גלעקל האָט געקלונגען פון ווייטן נעפּל, פאַרטרויערט, פּונקט ווי זיין עכאָ וואָלט אָפּגעהילכט אין זייערע אייגענע הערצער...

זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. זיי זענען ביידע געווען טרויעריק. אַנטואַנעט איז נישט געוואָרן געזונט.

מ'האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט די זאַכן, וואָס אָליוויער האָט געדאַרפט מיטנעמען אין דער שולע. אַנטואַנעט האָט אויף דעם אויס־געגעבן איר לעצט ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט און האָט נאָך שטילער־הייט פאַרקויפט אַ ביסל צירונג. וואָס קאָן עס איר אַרן? צי וועט ער איר שפּעטער נישט אומקערן אַלץ? און אויסער דעם זענען אירע אויסגאַבן געווען אַזוי קליין, איצט ווען ער פאַרלאָזט זי! זי האָט

אָפּגעשטויסן פון זיך דעם געדאַנק, וואָס עס וועט זיין מיט איר, ווען ער וועט אַוועקפאָרן. זי האָט זיך פאַרנומען מיט אירע זאַכן, און האָט אַריינגעלעגט אין דער אַרבעט די גאַנצע ברענענדיקע ליבע צום ברודער און דעם פאָרגעפיל, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע, וואָס זי טוט פאַר זיינעטוועגן.

אין די לעצטע טעג פאַר דער צעשיידונג, זענען זיי כסדר געווען צוזאַמען; זיי האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן איין רגע. דעם לעצטן אָוונט זענען זיי ביז שפעט אין דער נאַכט געזעסן ביים קאַמין, אַנטואַנעט אין דעם איינציקן פאָטעל, אָליוויער — אויפן פוס-בענקעלע נעבן איר. ער האָט זיך געפּיעשטשעט, לויט זיין שטייגער, ווי אַ געצערטלט קינד. דאָס נייע לעבן, וואָס ער האָט געזאָלט אָנהויבן האָט דערוועקט אין אים דאגות און נייגעריקייט — אַנטואַנעט האָט אָן אויפהער געטראַכט, אַז איצט ענדיקט זיך זייער טייער צוזאַמענלעבן אויף אייביק, און זי האָט מיט שרעק געפרעגט ביי זיך, וואָס וועט איצט ווערן מיט איר. ער, פּונקט ווי ער וואָלט בכיוון געוואָלט אָנטון איר נאָך מער צער, האָט איר דער אָוונט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע ליבשאַפט, ווי קיינמאָל נישט. מיט דער אינסטינקטיווער און תמימותדיקער קאָקעטישקייט פון יענע מענטשן, וואָס ווייזן אַרויס זייערע בעסטע און האַרציקסטע געפילן ערשט אין דער לעצטער שעה פאַרן אָפּפאָרן. ער האָט זיך געזעצט ביים פּאָרטעפּיאַן און לאַנג געשפּילט אירע באַליבטסטע שטעלן פון מאָצאַרטן און גלוק — די גליק־בילדער פון צאַרטקייט און לויטערן אומעט, מיט וועלכן זייער גאַנץ לעבן איז געווען דורכגענומען.

ס'איז געקומען די צייט זיך צו געזעגנען. אַנטואַנעט האָט באַגלייט אָליווירן ביז דעם טויער פון דער שולע. זי איז געגאַנגען צוריק. זי איז ווידער געווען אַליין. אָבער דאָס מאָל איז די צעשיידונג נישט געווען אָפּהענגיק פון איר ווילן, ווי דעמאָלט בעת זי איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד: דעמאָלט האָט זי געהאַט אַ ברירה צו קומען צוריק יעדע מינוט. דאָסמאָל אָבער איז זי געבליבן, און ער איז אָפּגעפאָרן — אָפּגעפאָרן אויף לאַנג, אויף זיין גאַנץ לעבן. און דאָך זענען אירע געפילן צו אים געווען אַזוי מוטערלעך, אַז זי האָט אין אָט דער ערשטער מינוט געטראַכט גיכער וועגן אים, ווי וועגן זיך. אין די ערשטע טעג פון זיין נייען לעבן האָט זי זיך אינטערעסירט מיט זיינע שול־דאגות, מיט אַלע קליינלעכע צרות, וואָס ווערן שטאַרק

איבערגעטריבן אין די מוחות פון איינזאַמע יונגע מענטשן, בפרט, ווען זיי זענען געוווינט זיך צו פייניקן צוליב די געליבטע מענטשן. אָט די זאָרג האָט אויף איר גוט געווירקט: זי האָט נישט געפילט אַזוי שטאַרק איר איינזאַמקייט. זי האָט כסדר געטראַכט, וועגן דער האַלבער שעה, ווען זי וועט אים צומאָרגנס קאָנען זען אין דעם אויפבעם־צימער. זי פלעגט שטענדיק קומען מיט אַ פערטל שעה פריער. ער האָט זיך באַצויגן צו איר האַרציק, ער איז אָבער געווען פאַרטון מיט אַלץ, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען. אין די שפּעטערדיקע טעג, ווען זי איז אים געקומען באַזוכן, אומרויק און פאַרדאגהט, האָט זיך פאַרשאַפט די סתירה צווישן דעם ווערט, וואָס די קורצע מינוטן האָבן געהאַט פאַר אים און דעם ווערט, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר איר. פאַר איר זענען די דאָזיקע מינוטן געווען דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט בלי ספק אויך ליב געהאַט אַנטואַנעטן פון גאַנצן האַרצן, מ׳האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרלאַנגען פון אים, ער זאָל אָן אויפהער טראַכטן נאָר וועגן איר, פונקט ווי זי האָט געטראַכט וועגן אים. איין אָדער צוויי מאָל האָט ער פאַרשפּעטיקט אין אויפבעם־צימער. איינמאָל, ווען זי האָט אים געפרעגט, צי ער בענקט, האָט ער נעענטפערט, אַז נישט. דאָס האָט אַנטואַנעט אַ שטאָך געטון אין האַרצן. זי איז געווען ביז אויף איר עמפּינדלעכקייט און זיך באַשולדיקט אין עגאָיזם. זי האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז ס׳איז אַ נאַרישקייט, און אַז ס׳וואָלט געווען שלעכט און אומנאַטירלעך, ווען זיי קאָנען אינגאַנצן נישט לעבן איינער אָן דעם אַנדערן, און ווען דאָס לעבן וואָלט פאַר זיי קיין אַנדער אינטערעס נישט געהאַט. יאָ, זי האָט עס אַלץ געוווּסט. אָבער וואָס האָט עס געקאָנט העלפן? איצט, נאָכדעם ווי זי האָט צען יאָר איינגעשרומפּן איר גאַנץ לעבן אין דעם איינציקן געדאַנק: איר ברודער, — איצט, ווען איר איינציקער לעבנס־אינטערעס האָט זיך אָפּגעטון, איז איר גאָרנישט געבליבן.

זי האָט געפרוווט מוטיק זיך נעמען צו איר אַרבעט. צו לייענען, צו שפּילן, צו אירע באַליבטע ביכער. רבונו של עולם! ווי פּוסט זענען פאַר איר געווען איצט שעקספּיר און בעטהאָווען! יאָ, זיי זענען בלי ספק שיין... אָבער ער איז נישטאָ דערביי. צו וואָס טויגן איר די אַלע שיינע זאַכן, אויב עס פעלן די געליבטע אויגן, וואָס זאָלן עס זען? וואָס טויג איר די שיינקייט און אַפילו די

פרייד, אויב מען קאָן זיי נישט טיילן מיט אַ צווייט האַרץ?

ווען זי וואָלט געווען שטאַרקער, וואָלט זי זיך מוטיק אָנגע־שטרענגט איבערצואַרבעטן איר לעבן, צו שטעלן זיך אַן אַנדער ציל. אָבער זי איז געווען אויסגעשעפּט. איצט, ווען קיין שום זאַך האָט זי נישט געצווונגען צו האַלטן זיך פאַר יעדן פּרייז אויף די פיס, איז איר קינסטלעך־אָנגעשטרענגטער ווילן געבראָכן געוואָרן, און זי איז געפאַלן. די קראַנקהייט, וואָס האָט געטליעט אין איר אַ גאַנץ יאָר און איז ענערגיש באַקעמפט געוואָרן, — האָט זיך איצט אַנט־וויקלט אָן שום שטערונג.

די אָוונטן האָט זי פאַרבראַכט אַליין אין צימער און האָט זיך געפּייניקט, זיצנדיק ביים אויסגעלאָשענעם פייער. זי האָט אַפילו קיין מוט נישט געהאַט אויפצושטיין און אָנצוצינדן דאָס פייער, קיין מוט נישט געהאַט אַפילו צו גיין שלאָפן. זי איז געזעסן ביז האַלבע נאַכט, געדרימלט, געטרוימט און געציטערט. זי האָט נאָכאַמאָל אי־בערגעלעבט איר לעבן, פאַרייניקט זיך מיט די געשטאָרבענע און מיט אירע צעשטערטע האָפנונגען. און אַ שרעקלעכער טרויער האָט זי אַרומגענומען, ווען זי האָט זיך דערמאָנט איר יוגנט, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אָן ליבע, אָן שום האָפנונג אויף ליבע. אַ פאַר־שטיקטער, פאַרבאָרגענער צער, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן... אַ געלעכטער פון אַ קינד אין גאַס... זיינע אומזיכערע טריט אויפן אונטערשטן שטאָק... ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיינע קליינע פיס־לעך טרעטן אויף איר האַרצן... עס זענען זי באַפאַלן ספקות, שלעכ־טע מחשבות, זכרונות וועגן דער באַרירונג מיטן גייסט פון דער שטאָט, וואָס איז פול מיט עגאָיזם און תענוגים. זי האָט זיך באַמיט צו דערשטיקן אָט די בענקשאַפט, זי האָט זיך געשעמט פאַר געוויסע פאַרלאַנגען, וואָס האָבן אויסגעזען אין אירע אויגן ווי זינד, זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי ליידט, און עס אַרויפגעלעגט אויפן חשבון פון אירע שלעכטע אינסטינקטן. די קליינע אומגליקלע־כע אַנטואַנעט, וואָס אַ פאַרבאָרגענע קראַנקהייט האָט געמאַכט פון איר אַ תל, האָט מיט שוידערלעכער שרעק געפילט, אַז טיף אין איר ווען הויבט זיך אויף אַ מיאוסער גראָבער אָטעם, וואָס קומט פון די נידעריקסטע תהומות. זי האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן און אָפּ־געזאָגט דעם גרעסטן טייל שעהן. זי, די אייביק מוטיקע, וואָס פלעגט אַזוי פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט, האָט איצט געקאָנט ליגן אין

בעט ביז מיטאָג. זי האָט נישט געהאַט צו וואָס אויפצושטיין, פונקט ווי זי האָט נישט געהאַט צו וואָס צו בלייבן ליגן. זי האָט געגעסן ווייניק אָדער אינגאַנצן נישט, נאָר אין די טעג, ווען דער ברודער איז געווען פריי, — דאָנערשטיק נאָכמיטאָק און זונטיק אינדערפרי, — האָט זי זיך געצוווּנגען צו האַלטן ווי אַמאָל.

ער האָט גאָרנישט געפילט, צו פיל פאַרנומען געווען, אָדער זיך געוויילט מיט זיין נייען לעבן, ער זאָל קאָנען באַמערקן די ענדערונגען אין זיין שוועסטער. ער האָט דורכגעלעבט יענע יוגנט-עפּאָכע, ווען ס׳איז שווער זיך איבערצוגעבן צו אַ צווייטן, ווען דער מענטש באַציט זיך גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס איז אים אָנגעגאַנגען אַמאָל און צו אַלץ, וואָס וועט אים אָנגיין שפּעטער. עס דוכט זיך, אַז עלטערע מענטשן באַקומען פרישערע איינדרוקן און פרייען זיך מער באַיוו מיט דער נאַטור און מיטן לעבן, ווי יונגע־לייט אין דער עלטער פון צוואַנציק אָדער דרייסיק יאָר. דערפאַר האָט מען אַלע מאָל טענות, אַז די יוגנט איז נישט גענוג פריש און אַז איר עמפּינדלעכקייט איז פאַרטעמפּט. על־פּי־רוב איז עס אָבער אַ טעות. נישט צוליב טעמפּקייט זענען זיי גלייכגילטיק, נאָר דערפאַר, וואָס זייער נשמה ווערט פאַרשלונגען פון תאוות, אַמביציעס, פאַרלאַנגען און רייצנדיקע מחשבות. אַנדערש איז, ווען דער גוף איז שוין פאַרוויאַנעט און האָט שוין נישט, וואָס צו דערוואַרטן פון לעבן, — דעמאָלט דערוועקן זיך ווידער די קלאָרע עמפּינדונגען, און עס עפענען זיך ווידער די קוואַלן פון קינדערשע טרערן. טויזנטער קליינע ענינים האָבן איצט פאַרנומען אָליוויערס געדאַנקען און קודם־כּל אַ נאַרישע ליבע, וואָס האָט אים פאַרבלענדט די אויגן און געמאַכט אים גלייכגילטיק צו דער גאַנצער וועלט. אַנטואַנעט האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס מיט איר ברודער קומט פאָר. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז ער דערווייטערט זיך פון איר. אָבער נישט ער אַליין איז געווען שולדיק, טיילמאָל האָט ער זיך פון גאַנצן האַרצן געפרייט, וואָס ער וועט זי זען און שמועסן מיט איר. אָבער ווי נאָר ער פלעגט אַריין אין שטוב, האָט ער זיך דערפילט אינגאַנצן פאַרפרוירן: די זאָרגפולע, היציקע ליבע, מיט וועלכער זי האָט געטרונקען זיינע ווערטער, די איבערגעטריבענע האַרציקייט און פאַרשאַרפטע אויפמערקזאַמקייט, האָבן אָפּגענומען ביי אים דעם פאַרלאַנג צו רעדן אינטים. אָליוויער האָט געדאַרפט באַמערקן, אַז זיין שוועסטער געפינט זיך נישט אין קיין

באַרמאַלן צושטאַנד. זי איז ווייט געווען פון איר אַמאָליקער איידל־
קייט. אָבער ער האָט דערפון נישט געטראַכט. אויף אירע פראַגן האָט
ער קורץ געענטפערט יאָ אָדער ניין. ער האָט פאַרביסן געשוויגן,
דער עיקר דעמאָלט, ווען זי איז צוגעשטאַנען צו אים. אָפט פלעגט
ער זי טרעפן מיט אַ גראָבן ענטפער. דעמאָלט פלעגט זי אַ דערשלאָ־
גענע שווייגן. אַזוי פלעגט אַריבער דער טאָג. — ווען אָליוויער פלעגט
באַר אַריבערטרעטן די שוועל פון איר הויז און געלאָזט זיך גיין
צוריק אין דער שולע, האָט אים דאָס האַרץ ווי געטון פון פאַר־
דרוס. אַ גאַנצע נאַכט פלעגט ער זיך פייניקן, דערמאָנענדיק דעם צער,
וואָס ער האָט איר אָנגעטון. קומענדיק אין שולע, פלעגט ער טייל־
מאָל אָנשרייבן צו זיין שוועסטער אַ האַרציקן בריוו, פול מיט
השתפכות־הנפש. אָבער צומאָרגנס אינדערפרי, איבערלייענענדיק דעם
בריוו נאָכאַמאָל, פלעגט ער אים צערייסן אויף שטיקלעך. אַנטואַנעט
האָט דערפון נישט אָנגעהויבן צו וויסן. זי האָט געטראַכט, אַז ער
האָט זי שוין נישט ליב.

ס'איז איר באַשערט געווען איבערצולעבן דאָס לעצטע יוגנט־
לעכע געפיל (אויב נישט די לעצטע פרייד), וואָס האָט זי ווידער
אויפגעלעבט; דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלטע דערוואַכונג פון איר
ליבע און האָפנונג אויף גליק — האָפנונג אויף לעבן. דאָס איז
געווען מאָדנע, ס'האָט לחלוטין נישט געשטימט מיט איר רויקער נאַ־
טור, און ס'איז מעגלעך געווען נאָר אין דעם צושטאַנד פון אינער־
לעכער אויפרעגונג, פון פאַרגליווערונג און נערוון־צערייצונג, וואָס
האָט אָנגעזאָגט אַ שווערע קרענק.

זי איז געזעסן מיט איר ברודער אויפן קאָנצערט אין שאַטע־
לע. זינט אַ געוויסע קליינע צייטונג האָט איבערגעגעבן אָליוויערן די
מוזיק־קריטיק, זענען זיי געזעסן אויף אַ נענטערן אָרט, ווי אַמאָל,
אָבער אין אַ מער אַנטיפּאַטישער געזעלשאַפט. זיי זענען געזעסן נאָענט
צום אָרקעסטער, כמעט ביי דער בינע. ס'האָט גערדאַפט שפּילן קרי־
סטאָף קראַפט. זיי האָבן ביידע נישט געקענט דעם דייטשן מוזיקער.
ווען ער איז אויפגעטרעטן, האָט ביי אַנטואַנעט דאָס גאַנצע בלוט אַ

שטראָם געטון אין האַרצן. הגם אירע מידע אויגן האָבן אים געזען ווי דורך אַ נעפּל, האָט זי באַלד דערקענט אין אים דעם פאַרשווונ־דענעם פריינד, וועלכן זי האָט געקענט אין דייטשלאַנד אין די שווע־רע צייטן. זי האָט קיינמאָל וועגן אים נישט גערעדט מיטן ברודער, אפילו מיט זיך אַליין כּמעט אויך נישט. אַלע אירע געדאַנקען זענען געווען פאַרטון אין די דאגות פון לעבן. דערביי איז זי געווען אַ פּראַנצויזין, און איר געזונטער שׂכל האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן אומרויקן געפיל, וואָס איז איר געווען אומבאַקאַנט און האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין שום צוקונפט. אין דער נשמה האָט זי פאַרמאָגט אומבאַקאַנטע טיפענישן, ווו ס׳האָבן געדרימלט אַ סך אַנדע־רע געפילן, וועלכע זי האָט זיך געשעמט צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין; זי האָט געוווסט, אַז זיי עקזיסטירן, נאָר זי האָט אָפּ־געווענדט די אויגן פון דער דאָזיקער עקזיסטענץ מיט אַ רעליגיעזן ציטער, ווייל די דאָזיקע געפילן האָבן זיך בשום אופן נישט אונטער־געוואָרפן דער קאָנטראָל פונם שׂכל.

ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט זי געבעטןביים ברו־דער די לאָרנעטע און האָט באַטראַכט קריסטאָפן. זי האָט געזען זיין פּראָפיל ביים שטענדער פון קאַפּעלמייסטער און דערקענט דעם שטאַרקן קאָנצענטרירטן אויסדרוק פון זיין פּנים. ער האָט געטראָגן אַלטע קליידער, וואָס האָבן אים נישט געקליידט. — אַנטואַנעט האָט שווייגנדיק און פאַרגליווערט אויסגעהערט די פּרטים פון דעם דאָ־זיקן קאָנצערט און דעם שלעכטן קבלת־פּנים פונם עולם, וואָס איז דעמאָלט געווען שלעכט געשטימט צו דייטשע מוזיקער און האָט זיך געלאַנגווייליקט מיט זיין מוזיק. נאָך אַ סימפאָניע, וואָס איז געווען לאַנג אָן אַ סוף, איז ער ווידער אויפגעטרעטן און געשפּילט עטלעכע זאַכן אויפן פּיאַנינאָ. מ׳האָט אים אויפגענומען מיט שפּאָטישע אויס־געשרייען; ס׳איז געווען אויסער יעדן ספק, אַז דער עולם איז אומ־צופרידן פון זיין אויפטריט. דאָך האָט ער גענומען שפּילן, נישט געקוקט אויף דער רעזיגנירטער לאַנגווייליקייט פון דעם עולם; אָבער די אומהעפלעכע באַמערקונגען, וואָס צוויי צוהערער אין די לעצטע רייען האָבן אויסגעטוישט צווישן זיך, זענען אויפגענומען געוואָרן אין זאַל מיט פרייד. ער האָט איבערגעריסן זיין שפּילן און מיטן קאַפּריז פון אַ געפּיעשטשעט קינד אויסגעשפּילט מיט איין פינגער דאָס ליד „Malbraugh s'en va-ten guerre"

(„מאַלבורג גייט אויף דער מלחמה״) ;
דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צום עולם :
— אָט דאָס דאַרף מען אייך שפּילן !
דער עולם, וואָס האָט זיך אַ ווײַלע נישט אָריענטירט אין דעם מוזיקערס כוונה, האָט אויסגעבראָכן ; ס׳איז אַנטשטאַנען אַ רעש און אַ שרעקלעכער טומל, מ׳האָט געפּייפט און געשריגן.
— זאָל ער זיך אַנטשולדיקן ! זאָל ער אַרויסגיין איבערבעטן !
מענטשן, רויט פון כעס, האָבן זיך אויפגערעגט און געפּרוּווט זיך אײַנרעדן, אַז זיי זענען באמת בייז. און אפשר זענען זיי טאַקע בייז געווען, אָדער, בעסער געזאָגט, געפרייט זיך מיט דער געלעגנהייט אָנצומאַכן אַ טומל און צו צעשטרייען זייער לאַנגווײַליקייט, ווי שול־ייִנגלעך נאָך צוויי שעה לערנען.
אַנטואַנעט האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. זי איז געווען איבערראַשט, אירע אײַנגעקאָרטשעטע פינגער האָבן שטיל געפליקט איינע פון אירע הענטשקעס. בעת ער האָט געשפּילט די סימפאָניע, האָט זיך דערוועקט אין איר אַ קלאָרער פאָרגעפיל פון דעם, וואָס וועט באַלד פאָרקומען. זי האָט געזען דעם אײַנגעהאַלטענעם כעס פון עולם און געפילט, אַז די אויפרעגונג ווערט פון מינוט צו מינוט שטאַרקער. זי האָט געלייענט אין קריסטאָפס נשמה און איז געווען זיכער, אַז ער וועט נישט דערשפּילן ביז צום סוף אָן אַ סקאַנדאַל. זי האָט געוואַרט אויף אָט דעם סקאַנדאַל מיט וואַקסנדיקן אומרו. זי האָט אים געוואָלט אָפּהאַלטן, און בעת אַלץ א״ז געשען פּונקט אַזוי, ווי זי האָט פאָרויסגעזען, האָט זי זיך געפילט שטאַרק נידערגעשלאָגן פון אָט דעם פאַטאַליזם, קעגן וועלכן מען האָט גאָרנישט געקאָנט טון. זי האָט נישט אויפגעהערט קוקן אויף קריסטאָפן, וואָס האָט מוטיק באַטראַכט דעם אויספייפנדיקן עולם. דעמאָלט האָבן זיך געטראָפן זייערע בליקן. קריסטאָף האָט זי אפשר אויף אַן אויגנבליק דערקענט, אָבער אין דעם טומל האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון (אגב האָט ער שוין לאַנג נישט געטראַכט וועגן איר). ער איז אַרויס בעת דער פייפערײַ.
זי האָט געוואָלט שרײַען, רעדן, טון עפּעס, נאָר זי איז געווען צוגעשמידט צום אָרט, ווי צו אַ שרעק־חלום. נאָר בעת זי האָט געהערט, ווי איר מוטיקער ברודער, וואָס האָט גאָרנישט געוווּסט פון איר איבערלעבעניש, איז אויך אויפגערעגט אויפן עולם, איז איר

לייכטער געוואָרן. אָליוויער איז געווען טיף מוזיקאַליש און פאַרמאָגט אַ פרייען, אומאָפּהענגיקן געשמאַק; ווען ער האָט עפּעס ליב געהאַט, איז ער גרייט געווען עס ליב צו האָבן געגן דער גאַנצער וועלט. ווען ער האָט געהערט די ערשטע טאַקטן פון דער סימפאָניע, האָט ער דערפילט עפּעס גרויסעס, עפּעס, וואָס ער האָט נאָך נישט באַגעגנט. טיף גערירט האָט ער שטיל איבערגעחזרט:

— ווי שיין דאָס איז! ווי שיין!

זיין שוועסטער האָט זיך אינסטינקטיוו צוגעטוליט צו אים מיט דאַנקבאַרקייט. נאָך דער סימפאָניע האָט ער פאַרביסן אַפּלאָדירט, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער איראָנישע גלייכגילטיקייט פונם עולם. און ווען דער טומל איז געוואַקסן, איז ער פּשוט אַרויס פון די כלים. ער איז אויפגעשטאַנען, געשריגן, אַז קריסטאָף איז גערעכט, געזידלט די פייפער און געוואָלט זיך כאַפּן שלאָגן. ס׳איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען אין אים דעם שטענדיק שעמעוודיקן בחור. זיין קול האָט זיך פאַרלוירן אין דעם טומל. מ׳האָט אים גענומען זידלען. גערופן „קינד" און געשיקט אים שלאָפן. אַנטואַנעט, וואָס האָט געוווסט, אַז זיין פּראָטעסט איז צוועקלאָז, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם און געבעטן:

— שווייג, איך בעט דיך, שווייג!

ער האָט זיך פאַרצווייפלט אַנידערגעזעצט און זיך נאָך אַלץ אויפגערעגט:

— ס׳איז אַ חרפּה! אַ געמיינהייט!

זי האָט גאָרנישט גערעדט. נאָר שטילערהייט געליטן. ער האָט געמיינט, אַז די מוזיק האָט אויף איר נישט געווירקט און האָט איר געזאָגט.

— אַנטואַנעט, צי געפינסטו נישט, אַז דאָס איז שיין?

זי האָט מיט אַ ווונק געענטפערט, אַז יאָ, און איז געבליבן זיצן צוגעשמידט צום אָרט. זי איז נישט בכוח געווען זיך צו באַפרייען פון דעם שווערן איינדרוק. נאָר ווען דער אָרקעסטער האָט געדאַרפט נעמען שפּילן אַ נייע זאַך, איז זי פּלוצלינג אויפגעשטאַנען און מיט האַס איינגערוימט דעם ברודער:

— ניין, ניין, איך קאָן מער נישט אָנקוקן די דאָזיקע בריאים!

זיי זענען זיך אַרויס. אין גאַס זענען זיי געגאַנגען געאָרעמט. אָליוויער האָט גערעדט מיט התלהבות. אַנטואַנעט האָט געשוויגן.

יענעם טאָג און אויך די ווייטערדיקע טעג, וואָס זי האָט איינזאַם פאַרבראַכט, איז זי געווען באַהערשט פון דעם געפיל, וועלכן זי האָט נישט געוואָלט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין; אָבער דאָס געפיל האָט זיך עקשנותדיק געריסן דורך אַלע אירע געדאַנקען, ווי דאָס ווייטיקלעכע פולסירן פון דעם בלוט און די שלייפן.

אין אַ צייט אַרום האָט איר אָליוויער געבראַכט קריסטאָפס לידער־זאַמלונג, וואָס ער האָט געפונען ביי עפּעס אַ פאַרלעגער. זי האָט עס געעפנט. אויף דער ערשטער זייט, וואָס האָט זיך צופעליק אויפגעמאַכט, האָט זי איבערגעלייענט אויף דייטש אַ ווידמונג:

„מיין טייערן, אומגליקלעכן קרבן"

און אונטן די דאַטע.

זי האָט גוט געדענקט דעם דאָזיקן טאָג. זי איז געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט נישט געקאָנט ווייטער לייענען. זי האָט אַוועקגעלעגט דאָס העפט און געבעטן דעם ברודער שפּילן, דערנאָך איז זי אַריין צו זיך אין צימער און זיך פאַרמאַכט. אָליוויער, וואָס האָט זיך מיט תענוג איבערגעגעבן דער נייער מוזיק, האָט נישט געפילט די אויפרעגונג פון זיין שוועסטער. אַנטואַנעט איז געזעסן אין צווייטן צימער און דערשטיקט אין זיך דאָס שטאַרקע פולסירן פון איר האַרץ. פּלוצלינג האָט זי זיך אויפגעהויבן און גענומען זוכן אין שאַנק, כדי צו געפינען אַן אַלט נאָטיץ־ביכל פון אירע הוצאות. זי האָט געוואָלט דערגיין דעם טאָג, ווען זי איז אַוועק פון דייטשלאַנד, און יענע געהיימניספולע דאַטע. זי האָט עס געוווסט פון פריער: יאָ. ס'איז געווען דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג, וואָס זי האָט צוזאַמען מיט קריסטאָפן באַזוכט. זי האָט זיך געלעגט אין בעט, פאַרהויטלט, צוגעמאַכט די אויגן, צוגעדריקט די הענט צום האַרצן און געהערט די טייערע מוזיק. איר האַרץ איז געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט. אָ, פאַרוואָס טוט איר אַזוי שטאַרק ווי דער קאָפּ?

ווען אָליוויער האָט געזען, אַז זיין שוועסטער קומט נישט אַרויס, איז ער אַריין צו איר אין צימער און געפונען זי ליגן אויפן בעט. ער האָט זי געפרעגט, צי ס'טוט איר נישט עפּעס וויי. זי האָט

זיך פֿאַרענטפֿערט מיט אַ לייכטער מידקייט און איז אויפֿגעשטאַנען. זיי האָבן געשמועסט, אָבער זי האָט נישט געענטפֿערט באַלד אויף זיינע פֿראַגן, פּונקט ווי זי וואָלט געקומען פֿון דערווייטן. זי האָט געשמייכלט, געררויטלט זיך און זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז דער שווערער קאַפּוויייטיק האָט איר צעמישט דעם קאָפּ. לסוף איז אָליוויער אַרויס. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר איבערלאָזן דאָס העפֿט מוזיק. זי איז געזעסן אַליין, ביז שפּעט ביינאַכט ביים פּיאַנינאָ; נישט שפּילנדיק, געלייענט דאָס העפֿט, נאָר אַ ריר געטון פֿון צייט צו צייט אַ קלאַוויש אין דער שטיל, כדי נישט צו שטערן די שכנים. על־פּי־רוב האָט זי נישט געלייענט, נאָר געחלומט. ס'האָט זי אַרומגענומען אַ געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט און צערטלעכקייט צום דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף איר, געלייענט אין איר נשמה מיט דער געהיימניס־פֿולער אינטואיציע פֿון אַ גוטן מענטשן. זי האָט נישט געקאָנט צוזאַמענעמען אירע געדאַנקען. זי איז געווען אַזוי גליקלעך און אומעטיק!.. — אומעטיק!.. אָ, ווי ס'האָט איר וויי געטון דער קאָפּ!...

די גאַנצע נאַכט איז איר אַדורך אין אָנגענעמע און נישט אָנגענעמע חלומות, אין אַ דערשלאָגנדיקן טרויער. בייטאָג האָט זי געוואָלט אַרויסגיין, כדי זיך אָפּצוטרייסלען פֿון דער פֿאַרגליווערונג. הגם דער קאָפּ האָט איר נאָך וויי געטון, איז זי אַרויס, און כדי צו געפֿינען פֿאַר זיך אַ ציל, האָט זי זיך איינגעקויפֿט אַ סך זאַכן אין אַ גרויסן מאַגאַזין. זי האָט נישט געטראַכט, וואָס זי טוט. די גאַנצע צייט האָט זי אומבאַוווּסט געטראַכט וועגן קריסטאָפֿן. ווען זי איז אַרויס דערשלאָגן און שרעקלעך אומעטיק, האָט זי צווישן דעם המון אויף יענער זייט גאַס פּלוצלינג דערזען קריסטאָפֿן. ער האָט זי אויך דערזען. זי האָט אויסגעשפּרייט צו אים די הענט. ס'האָט געדויערט אַן אויגנבליק. קריסטאָף איז געבליבן שטיין. ער האָט זי דערקענט און האָט אַ שפּרונג געטון צו איר. אַנטואַנעט האָט זיך אויך באַמיט צוצוגיין צו אים. אָבער דער שטראָם מענטשן האָט זי מיטגעריסן, ווי אַ שטרוי, און אַן אָמניבוס־פֿערד, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט אויפֿן גלאַטן אַספֿאַלט, האָט פֿאַרשטעלט קריסטאָפֿן דעם וועג. אָן דעם דאָזיקן מכשול זענען געשטרויכלט געוואָרן ביידע רייען פֿאָרנדיקע קאַרעטעס — ס'איז געוואָרן אַ ריזיקע מחיצה, וואָס מען האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט אַדורכגיין. פֿונדעסטוועגן האָט זיך קריסטאָף באַמיט

צדורכצורייסן זיך, ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט צווישן די קאַרטעס און נישט געקאָנט מאַכן קיין טריט, נישט פאָרויס און נישט צוריק. ווען ער האָט זיך לסוף אַרויסגעקריגן און זיך צוגעקריגן צו יענעם אָרט, ווו ער האָט געזען אַנטואַנעט, איז זי שוין געווען ווייט. אומ־זיסט האָט זי זיך געראַנגלט קעגן דעם שטראָם מענטשן, זי האָט זיך געמוזט אָן ווידערשטאַנד אונטערגעבן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז איבער איר הענגט עפּעס אַ פּאַטום, וואָס לאָזט איר נישט באַגע־געגענען זיך מיט קריסטאָפן, און ס׳איז אומזיסט דער קאַמף קעגן אים. ווען ס׳האָט זיך איר איינגעגעבן פּטור צו ווערן פונם המון, האָט זי שוין נישט געפרוווט גיין צוריק. זי האָט זיך געשעמט. וואָס וואָלט זי אים געהאַט דעם מוט צו זאָגן? מיט וואָס וואָלט זי פאַרענטפערט איר האַנדלונג? וואָס וואָלט ער געטראַכט? — זי איז אַנטלאָפן אַהיים.

ערשט אין שטוב האָט זי זיך באַרויקט. נאָר ווען זי האָט זיך געפונען אין טונקעלן צימער, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און נישט געהאַט דעם מוט אויסצוטון די הענטשקעס. זי איז געווען אומ־גליקלעך, וואָס זי קאָן מיט אים נישט רעדן, אָבער גלייכצייטיק האָט אַ ליכט אויפגעשטראַלט אין איר האַרצן. זי האָט שוין נישט געזען די פינסטערניש און נישט די פרעסנדיקע קראַנקהייט. אָן אַ סוף האָט זי זיך איינגעחזרט אין קאָפּ אַלע פּרטים פון דער סצענע, וואָס איז נאָר וואָס פאָרגעקומען. זי האָט פאַרביטן די פּרטים און זיך פאָרגעשטעלט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען עס וואָלט פאָרגעקומען אַנדערש. זי האָט געזען, ווי זי שפּרייט אויס צו אים די הענט, זי האָט געזען דעם אויסדרוק פון פרייד אויף קריסטאָפס פּנים — און זי האָט געלאַכט צו זיך. זי איז רויט געוואָרן, און אין דעם פינסטערן צימער, ווו ס׳האָט זי קיינער נישט געקאָנט זען ווו זי האָט זיך אַליין כמעט נישט געקאָנט זען, האָט זי ווידער אויסגעצויגן צו אים אירע אָרעמס. אָ! אַנדערש טון וואָלט זי נישט געקאָנט. זי האָט געפילט, אַז זי גייט אונטער, און דעריבער האָט זי זיך אינסטינקטיוו אָנגעקלאַמערט אָן דעם שטאַרקן גייסט, וואָס איז פאַרבייגעשוווּמען און אָנגעקוקט זי מיט אַ גוטן בליק. איר האַרץ, פול מיט צערטלעכקייט און ווייטיק, האָט גערופן צו אים אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט:

— העלף מיר! ראַטעווע מיך!

זי איז אויפגעשטאַנען אין היץ, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און גע־נומען פּאַפּיר און פעדער. זי האָט געשריבן צו קריסטאָפן. דעם דאָ־

זיקן שעמעוודיקן, שטאָלצן מיידל וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו שרייבן צו אים, ווען נישט די קראַנקהייט, וואָס האָט זי באַהערשט. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס זי שרייבט, זי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. זי האָט אים גערופן, געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב... אין מיטן בריוו איז זי געבליבן שטיין דערשראָקן... זי האָט געוואָלט פאַרריכטן דעם בריוו, אָבער איר ווילן האָט זיך געבראָכן. דער קאָפּ איז געווען פּוסט און האָט געברענט. ס'איז איר שווער געווען צו געפינען ווערטער. זי איז געווען דערשלאָגן פון מידקייט. זי האָט זיך געשעמט... צו וואָס דאַרף מען עס? זי האָט גוט געוווּסט, אַז זי מאַכט זיך אילוזיעס, אַז זי וועט דעם בריוו קיינמאָל נישט אָפּ־שיקן... און ווען זי וויל עס אפילו יאָ טון, ווו וואָלט זי אים גע־שיקט? זי ווייס דאָך אפילו נישט קריסטאָפס אַדרעס... אָרעמער קרי־סטאָף! און מיט וואָס וואָלט ער איר געקאָנט העלפן, אפילו ווען ער ווייס שוין אַלץ און ווען ער איז צו איר גוט?... שוין צו שפּעט! ניין, ניין, — אַלץ אומזיסט. ס'איז געווען די לעצטע אָנשטרענגונג פון אַן אויסגייענדיקן פויגל, וואָס האָט אומזיסט געפּאָכעט מיט די פליגל. מ'האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

זי איז נאָך לאַנג געזעסן ביים טיש, פאַרזונקען אין די געדאַנ־קען און פאַרשטיינערט. ס'איז שוין געווען נאָך חצות, ווען זי איז קוים אויפגעשטאַנען, — מוטיק, מיט מעכאַנישער רגילות, אַריינגע־שטעקט דעם בריוו אין אַ ביכל פון איר קליינער ביבליאָטעק, נישט האָבנדיק קיין כּוח אים צו באַהאַלטן אָדער צוצערייסן. דערנאָך האָט זי זיך געלעגט אין בעט, ציטערנדיק פון היץ. די רעטעניש האָט זיך אויפגעלייזט: זי האָט געפילט, אַז גאָטס רצון ווערט מקוים, און אַ גרויסע רו איז אַראָפּ אויף איר נשמה.

זונטיק אינדערפרי, ווען אָליוויער איז געקומען פון דער שולע, האָט ער געפונען אַנטואַנעטן אין בעט. זי האָט געהערט פון היץ. מ'האָט גערופן אַ דאָקטאָר. ער האָט פעסטגעשטעלט גאַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט.

אַנטואַנעט האָט זיך קלאָר געמאַכט איר לאַגע אין די לעצטע

טעג. לסוף איז איר קלאָר געוואָרן די סיבה פון איר גייסטיקער אומרו, וואָס האָט זי געשראָקן. דער קליינער אומגליקלעכער אַנטואַנעט, וואָס האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, איז לייכטער געוואָרן ביים געדאַנק, אַז שולדיק אין דעם אַלעמען איז איר קראַנקהייט. זי האָט נאָך געהאַט גענוג מוט צו טראַכטן וועגן דער צוקונפט, צו פאַרברענען אירע פאַפּירן און צוצוגרייטן אַ בריוו פאַר מאַדאַם נאַטאַן. זי האָט זי געבעטן אַכטונג צו געבן אויף איר ברודער אין די ערשטע וואָכן נאָך איר „טויט" (זי האָט נישט געהאַט קיין מוט אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע וואָרט).

דער דאָקטאָר האָט שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן, די קראַנקהייט איז געוועזן זייער שטאַרק, און אַנטואַנעטס אָרגאַניזם איז געוועזן שרעקלעך אויסגעמאַטערט פון די שווערע יאָרן.

אַנטואַנעט איז געווען רויק. ווען זי האָט געזען, אַז זי איז אַ פאַרלוירענע, האָט זי זיך באַפרייט פון אירע זאָרגן. אין אירע געדאַנקען זענען אויפגעשווומען אַלע צרות, וואָס זי האָט דורכגעלעבט. זי האָט געזען, אַז דאָס ווערק פון איר לעבן איז דערפילט, איר טייערער אַליוויער איז געראַטעוועט — און אַ גרויסע פרייד האָט דורכגעדרונגען איר נשמה. זי האָט גערעדט צו זיך:

— איך האָב עס אויפגעטון.

זי האָט זיך געמוסרט, וואָס זי איז אַזוי שטאָלץ:

— נישט מיט מיין כוח האָב איך עס באַוויזן, גאָט האָט מיר געהאָלפן.

און זי האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט איר געלאָזט לעבן, ביז זי האָט דערפילט איר אויפגאַבע. ס׳האָט איר אַ ביסל וויי געטון, וואָס זי מוז איצט אַוועק פון דער וועלט, אָבער זי האָט קיין העזה נישט געהאַט זיך צו באַקלאָגן, ווייל דעמאָלט וואָלט זי געווען אומדאַנקבאַר צו גאָט. ער האָט זי דאָך געקאָנט רופן צו זיך פריער. און וואָס וואָלט געווען, ווען זי גייט אַוועק פון דער וועלט מיט אַ יאָר צוריק? זי האָט געקרעכצט און מיט דאַנקבאַרקייט זיך אונטערגעגעבן.

הגם זי האָט געליטן, האָט זי זיך אָבער נישט געקלאָגט, — חוץ די שעהן פון שווערן שלאָף. דעמאָלט פלעגט זי צייטנווייז קרעכצן, ווי אַ קליין קינד, זי האָט געקוקט אויף זאַכן און אויף מענטשן מיט אַ שמייכל פון רעזיגנאַציע. צו זען אַליווירן איז געווען פאַר איר אַן אייביקע פרייד. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל האַלטן איר האַנט

אין זיינער. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל לייגן זיין קאָפּ אויף איר קישן און האָט אים לאַנג און שווייגנדיק געקוקט אין די אויגן. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעזעצט, אָנגענומען מיט די הענט זיין קאָפּ און געזאָגט:

— אָ, אָליווער!... אָליווער!...

זי האָט אַראָפּגענומען פון האַלז איר מעדאַליאָן און אָנגעטון אים אָליווערן. זי האָט איבערגעגעבן איר טייערן ברודער דעם גלת, פאַר וועלכן זי האָט זיך מתוודה געווען, דעם דאָקטאָר, — אַלעמען. ס'איז קענטיק געווען, אַז איצט לעבט זי נאָר מיט אים, אַז שטייענדיק אויפן גרענעץ פון טויט, אַנטלויפט זי צו זיין לעבן, ווי אויף אַ רויקן אינזל. פון צייט צו צייט איז זי געווען פאַרשכורט פון אַ מיסטישער התפעלות, פול מיט צערטלעכקייט און אמונה. זי האָט שוין מער נישט געפילט איר קראַנקהייט, איר צער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פרייד — אַ געטלעכע פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון איר מויל און פון אירע אויגן. זי האָט אָן אויפהער איבערגעחזרט:

— איך בין גליקלעך...

ביסלעכווייז האָט זי גענומען באַהערשן אַ פאַרגליווערונג. אין די לעצטע מינוטן פון קלאָרן זינען האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט. ס'איז געווען קענטיק, אַז זי חזרט זיך עפּעס איין. אָליווער איז צוגעגאַנגען צו איר בעט און זיך איבערגעבויגן. זי האָט אים דערקענט און האָט לייכט אַ שמייכל געטון. אירע ליפּן האָבן זיך ווייטער באַוועגט, און די אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן. מ'האָט נישט געהערט, וואָס זי רעדט... נאָר אָליווער האָט לסוף אויפגעכאַפּט, ווי אַ לייכטן אָטעם, די ווערטער פון אַן אַלטן טייערן ליד, וואָס זיי האָבן אַמאָל אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און וואָס זי האָט אים אַמאָל געזונגען:

I will come again, my sweet and bonny,
I will come again...

(„כ'וועל זיך אומקערן צו דיר, מיין געליבטער, כ'וועל זיך אומקערן.")

דערנאָך האָט זי ווידער פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. זי איז אויסגעגאַנגען.

נישט ווילנדיק האָט אַנטואַנעט אַרויסגערופן סימפּאַטיע בײַ אַ סך מענטשן, וועלכע זי האָט אפילו נישט געקענט, אויך צווישן די שכנים פון דעם הויז. אָליוויערן האָבן פיל פרעמדע מענטשן אויסגעדריקט מיטלייד. אַנטואַנעטס לויה איז נישט געווען אַזוי איינזאַם, ווי די לויה פון איר מאַמען. אָליוויערס פריינד און חברים, פאַמיליעס, וווּ זי האָט געגעבן לעקציעס, מענטשן, וואָס זי איז זיי שווייגנדיק פאַרבייגעגאַנגען, נישט דערציילנדיק זיי וועגן איר לעבן און נישט וויסנדיק גאָר נישט וועגן זייער לעבן... אָבער אַלע האָבן זי שטיל באַוווּנדערט און געוווּסט פון איר מסירות-נפש, אפילו אָרעמע-לייט, די וועכטערין, וואָס האָט איר די לעצטע צייט געהאָלפן, קליינע קרעמערלעך פון דער געגנט, — אַלע האָבן זי באַגלייט צום בית-עולם. אָליוויער איז באַלד נאָך דער שוועסטערס טויט אַריבער אין דעם הויז פון מאַדאַם נאַטאַן, וואָס האָט אים גענומען מיט געוואַלד צו זיך, כּדי אים אַוועקצורייסן פון זיינע ווייטיקן.

דאָס איז געווען דער איינציקער מאָמענט אין זיין לעבן, ווען ער איז געווען בכּוח אויסצוהאַלטן אַזאַ שווער אומגליק, דער איינציקער מאָמענט, וואָס האָט אים נישט געלאָזט זיך אונטערגעבן דער פאַרצווייפלונג. ער האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבן צו לעבן אַ ניי לעבן, געהערט צו אַ געוויסער גרופּע, און נישט געקוקט אויף זיין טרויער, געוואָרן מיטגעריסן פון שטראָם. די ענינים און די דאגות פון דער שולע, דער גייסטיקער פיבער, די עקזאַמענס און דער לעבנס-קאַמף האָבן אים נישט געלאָזט זיך פאַרשליסן אין זיך. ער האָט נישט געקאָנט זיין אַליין. ער האָט נישט געליטן, און דעריבער איז ער געראַטעוועט געוואָרן. ווען עס געשעט מיט אַ יאָר פריער אָדער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, וואָלט ער געווען אַ פאַרפאַלענער.

און דאָך האָט ער זיך אָפּגעזונדערט מיט די געדאַנקען וועגן דער שוועסטער פון דער גאַנצער וועלט. ער האָט געהאַט צער, וואָס ער קאָן נישט בלייבן אינם צימער, וווּ זיי האָבן אַמאָל צוזאַמען געוווינט. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט. ער האָט געהאָפט, אַז די, וואָס זענען כלומרשט פאַראינטערעסירט מיט זיין גורל, וועלן פאַר-

שטיין, ווי ווייט אומגליקלעך ער איז, וואָס ער קאָן נישט ראַטעווען איר אייגנטום. נאָר קיינער האָט עס, משמעות, נישט פאַרשטאַנען. פאַרן געלט, וואָס ער האָט טיילווייז געבאָרגט, טיילווייז פאַרדינט פון די לעקציעס, האָט ער זיך געדונגען אַ בוידעם-שטיבל און אַריבערגענומען אַהין, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, פון זיין שוועסטערס זאַכן: איר בעט, איר טיש, איר פאָ...על. זיי זענען געוואָרן פאַר אים דער קודש-הקדשים פון דער פאַרגאַנגנהייט, ווו ער האָט געקאָנט אַנטלויפן אין יעדער שעה פון צער.

זיינע חברים האָבן געמיינט, אַז ער האָט אַ געליבטע, ער פלעגט דאָרט זיצן גאַנצע שעהן, אָנגעשפאַרט דעם שטערן אויף די הענט, און געטרוימט וועגן איר, ווייל צום אומגליק איז אים נישט געבליבן קיין איין בילד אירס — אויסער אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון די קינדער-יאָרן צוזאַמען מיט אים. ער האָט גערעדט מיט איר. ער האָט געוויינט... ווו איז זי? אָ! ווען זי וואָלט געווען אין עק וועלט, ווו עס זאָל נישט זיין, אויב ס'וואָלט אפילו אוממעגלעך געווען אַהין צוצוקומען, — מיט וואָס פאַר אַ פרייד, מיט וואָס פאַר אַן אינערלעכן ברען וואָלט ער זיך געלאָזט זי זוכן, דורך טויזנטער יסורים; ווען ער דאַרף אפילו גיין באָרוועס, מיט פאַרבלוטיקטע פיס, וואָלט ער אפילו גאַנצע דורות געגאַנגען, אויב יעדער טריט וואָלט אים דערנענטערט צו איר... יאָ... ווען ס'וואָלט נאָר געווען די קלענסטע האָפענונג אַהין צוצוקומען... אָבער גאָרנישט... אין ערגעץ נישט... מען קאָן זי נישט דעריאָגן... ווי גרויס איז געוואָרן די פוסטקייט אַרום אים! ווי איינזאַם ער איז געוואָרן, ער, דער אומגעלומפּערטער, קינדערשער, איצט, ווען זי איז מיט אים נישט געווען און נישט געקאָנט אים ליב האָבן, אַן עצה געבן, טרייסטן. ווער ס'האָט געהאַט דאָס גליק צו קענען די אַבסאָלוטע גרענעצלאָזע אינטימקייט פון אַ ליבנדיקער נשמה, דער האָט דערקענט דעם געטלעכן תענוג, — די פרייד, וואָס נאָך איר איז מען אומגליקלעך דאָס גאַנצע לעבן.

„Nessum maggior dolore che ricordarsi del tempo felice nella miseria“...

(דער גרעסטער ווייטיק פאַר שוואַכע, עמפינדלעכע הערצער איז צו דערקענען איינמאָל דאָס גרעסטע גליק.)

אָבער אויב ס'איז אפילו גרויס דער צער פון דעם מענטשן, בעת ער פאַרלירט זיינע נאָענטסטע, אין די ערשטע יאָרן פון זיין

לעבן, — איז נאָך שרעקלעכער, אויב ער פאַרלירט זיי שפּעטער, ווען די לעבנס-קוואַלן זענען שוין אויסגעטריקנט. אָליוויער איז געווען יונג, און כאָטש ער איז געווען אין טרויער, האָט ער דאָך געבענקט צום לעבן. עס טרעפט אָפּט אַזוי נאָכן פאַרלירן אַ טייערן מענטשן: ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַנטואַנעט האָט אין איר ברודער אַריינגעהויכט אַ טייל פון איר נשמה. ער האָט געגלויבט אין דעם, הגם ער האָט נישט געהאַט קיין גלויבן אין גאָט, ווי זי. ער האָט זיך איינגערעדט אין האַרצן, אַז זיין שוועסטער איז נישט אינגאַנצן געשטאָרבן, אַז זי לעבט נאָך, ווי זי האָט אים צוגעזאָגט. אין ברעטאַניע איז פאַראַן אַ לעגענ־דע, אַז די, וואָס גייען אַוועק יונגערהייט פון דער וועלט, שטאַרבן נישט, נאָר זיי שוועבן אַרום איבער די ערטער, וווּ זיי האָבן געוווינט, ביז עס ווערן זיי דערפילט די יאָרן, וואָס עס איז זיי באַשטימט גע־ווען. אָט אַזוי איז אַנטואַנעט געוואַקסן צוזאַמען מיט אָליוויערן.

ער האָט איבערגעלייענט די פּאַפּירן, וואָס זי האָט געלאָזט. צום אומגליק האָט זי כמעט אַלץ פאַרברענט. אגב איז זי נישט געווען פון יענע פרויען, וואָס פאַרצייכענען טריי זייער אינערלעך לעבן. זי האָט זיך געשעמט צו אַנטפּלעקן אירע געדאַנקען צוליב אומדיסקרעטער און אומגעזונטער נייגעריקייט. זי האָט נאָר פאַרמאָגט אַ קליין נאָטיץ-ביכל, וואָס קיינער אויסער איר האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין — אַ קאַלענ־דאַר, וווּ זי האָט אָן שום באַמערקונגען פאַרצייכנט באַשטימטע טעג, קליינע געשעענישן פון איר טאָג טעגלעך לעבן, וואָס זענען געוואָרן פאַר איר אַ קוואַל פון פרייד, און וואָס זי האָט געקאָנט אויסלעבן אין זיך אָן שום נויטווענדיקייט און אָן שום באַדערפעניש צו פאַר־צייכענען זייערע פּרטים. כמעט אַלע פּרטים האָבן זיך באַצויגן צו אָליוויערס לעבן. אַלע בריוו, וואָס ער האָט צו איר געשריבן האָט זי באַהאַלטן און נישט פאַרלוירן קיין איינעם פון זיי. אָ, ער איז נישט געווען אַזוי פאָרזיכטיק! כמעט אַלע בריוו וואָס ער האָט געקריגן זע־נען פאַרלוירן געגאַנגען. צו וואָס טויגן אים בריוו? ער האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז זיין שוועסטער וועט אייביק זיין מיט אים, אַז אָט דער ליבעס-קוואַל וועט קיינמאָל נישט אויסטרוקענען. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט שטענדיק קאָנען שטילן אין אים זיין דאָרשט. דעמאָלט האָט ער לייכטזיניק פאַרשווענדעט די באַקומענע ליבע, און איצט האָט ער געוואָלט זאַמלען אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן. ווי גערירט איז ער גע־ווען, ווען ער האָט געבלעטערט איינס פון אַנטואַנעטס מוזיק ביכער

אָדער ער האָט געפונען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר די ווערטער:
— אָליוויער, מיין טייערער אָליוויער!
ער האָט געהאַלטן ביים חלשן, געכליפּעט, צוגעדריקט צו זיין מויל די פאַרשווונדענע ליפּן, וואָס האָבן צו אים אַרויסגערעדט פון קבר. פון יענעם טאָג אָן האָט ער געבלעטערט יעדן בוך באַזונדער פון זייט צו זייט, אפשר וועט ער געפינען נאָך עפּעס פון אירע אי־בערלעבונגען. ער האָט געפונען דעם בריוו צו קריסטאָפן. דעמאָלט האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דעם פאַרבאָרגענעם ראָמאַן וואָס איז פאָרגעקומען אין איר. צום ערשטן מאָל האָט ער אַריינגעדרונגען אין אירע אינערלעכע איבערלעבונגען, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט נישט געקענט און זיך אפילו נישט באַמיט צו קענען. ער האָט דורכגעלעבט די לעצטע טעג, ווען ער האָט זי פאַרלאָזן און זי האָט אויסגעשפּרייט די הענט צום אומבאַקאַנטן פריינד. זי האָט אים קיינמאָל נישט דער־ציילט, אַז זי האָט שוין געזען קריסטאָפן. פון עטלעכע שורות אין בריוו האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי האָבן זיך שוין געזען אין דייטשלאַנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קריסטאָף האָט אַ טובה געטון אַנטואַנעטן אין אַ געוויסן פאַל, וואָס זיינע פּרטים האָט ער נישט געוווּסט, און אַז פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן אַנטואַנעטס געפיל צו קריסטאָפן, וואָס זי האָט באַהאַלטן אין זיך ביז איר טויט.
קריסטאָף וועלכן ער האָט שוין סיי ווי ליב געהאַט צוליב זיינע ווערק, איז אים איצט געוואָרן אָן אַ שיעור טייער. יאָ, זי האָט אים ליב געהאַט. אָליוויערן האָט זיך געדאַכט, אַז אין קריסטאָפן האָט ער ליב זיין שוועסטער. ער האָט געטון אַלץ, וואָס איז מעגלעך געווען זיך צו אים צו דערנענטערן. ס'איז נישט לייכט געווען אַרויפצוקומען אויף זיינע שפּורן. קריסטאָף איז נאָך, דער מפּלה פאַרשווונדן געוואָרן אין דעם פּאַריזער תּהום, און ער האָט זיך פון אַלעמען דערווייטערט, און קיינער האָט זיך מיט אים נישט פאַראינטערעסירט. — אין חדשים אַרום האָט אָליוויער באַגעגנט קריסטאָפן אין גאַס, בעת קריסטאָף איז געווען בלייך און מאָגער נאָך דער איבערגעקומענער קרענק. נאָר ער האָט קיין מוט נישט געהאַט אים אָפּצוהאַלטן. ער האָט אים באַגלייט פון דער ווייטן ביז זיין שטוב, ער האָט אים געוואָלט אָנשרייבן, נאָר קיין העזה נישט געהאַט. וואָס זאָל ער אים שרייבן? אָליוויער איז נישט געווען איינזאַם. אַנטואַנעט איז געווען מיט אים. איר ליבע אין ריינקייט איז אים אַריבער אין זיין נשמה. דער געדאַנק אַז זיין

שוועסטער האָט ליב געהאַט קריסטאָפן, האָט גורם געווען, אַז ער האָט זיך אין קריסטאָפס געגנוואַרט געריטלט. פּונקט ווי ער וואָלט געווען זי. און דאָך וויפל וואָלט ער חשק געהאַט צו רעדן מיט אים וועגן איר! ער האָט אָבער נישט געקאָנט. איר סוד האָט אים געבריט דאָס מויל.

ער האָט זיך באַמיט צו טרעפן קריסטאָפן, ער איז געגאַנגען אין אַלע ערטער, ווו ער האָט אים געקאָנט טרעפן. ער האָט געברענט פון דעם פאַרלאַנג אים צו דערלאַנגען זיין האַנט, און ווען ער האָט אים געזען האָט ער זיך באַהאַלטן, ער זאָל אים נישט באַמערקן.

לסוף האָט אים קריסטאָף באַמערקט אין דעם סאַלאָן פון באַקאַנטע, ווו זיי האָבן זיך אין אַ געוויסן אָוונט געטראָפן. אָליוויער האָט זיך געהאַלטן פון דער וויטן און גאָרנישט גערעדט, נאָר אים אָנגעקוקט, און בלי ספק האָט יענעם אָוונט געשוועבט אַרום אָליוויערן אַנטואַנעטס גייסט, ווייל קריסטאָף האָט זי דערזען אין אָליוויערס אויגן און איר בילד, וואָס האָט פּלוצלינג אַרויסגעטויכט, האָט אים געטריבן דורכצוגיין דעם גאַנצן סאַלאָן מיט געסט און צוצוגיין צום אומבאַקאַנטן שליח, וואָס האָט אים, ווי דער יונגער הערמעס געבראַכט אַ טרויעריקן גרוס פון דעם געבענטשטן שאָטן.

ראָמען ראָלאַן

זשאַן קריסטאָף

זיבעטער באַנד

אין שטוב

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1931

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie"
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

כ'האָב אַ פריינט! ס'אַראַ תענוג עס איז פאַר אַ מענטשן צו געפינען אַ פריינטלעכע נשמה, צו וועלכער ער קאָן זיך צוטוליען אין אַ שלעכטער צייט, אַ האַרציקן טרייען מקלט, ווו מען קאָן אָפּלאַפּן דעם אָטעם און וואַרטן ביז דאָס האַסטיק־פולסירנדיקע האַרץ וועט זיך באַרויקן! נישט צו זיין מער איינזאַם, נישט זיין געצווונגען צו שטיין אייביק באַוואָפנט אויף דער וואַך, מיט אָפענע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן, אין אייביקער שרעק, אַז אָט פאַלט מען פון מידקייט! אַז דו האָסט אַ טרייען חבר, אין וועמענס הענט דו האָסט איבערגעגעבן דיין גורל און וואָס דיין גורל טראָגסטו אין דיינע הענט; צו געניסן לסוף פון דער רו, צו שלאָפן, בעת יענער וואַכט, און צו וואַכן בעת יענער שלאָפט; צו דערקענען די פרייד, אַכטונג צו געבן איבער דעם געליבטן מענטשן, וואָס גיט זיך איבער דיין השגחה, ווי אַ קינד; צו דערקענען די העכסטע פרייד, זיך איבערצוגעבן צו פילן, אַז אַלע דיינע סודות זענען פאַר אים אָפן, אַז דו געפינסט זיך אין זיין רשות. און ווען דו פילסט זיך אַלט און אויסגעמאַטערט פונם לעבן, — לעבסטו ווידער אויף, דו ווערסט יונג און פריש אין דעם גוף פון דיין פריינט, דערזעסט מיט זיינע אויגן די נייע וועלט, גלעטסט מיט זיינע חושים די שיינקייט פון דער וועלט און דו האָסט הנאה פון לעבן מיטן האַרץ פון דיין פריינט... און דו ליידסט מיט אים צוזאַמען... יאָ! אויך די יסורים זענען אַ פרייד. אַבי מען ליידט צוזאַמען!

כ'האָב אַ פריינט! ער איז ווייט פון מיר און גלייכצייטיק נאָענט — שטענדיק איז ער אין מיר. איך באַזיך אים און געהער צו אים. מיין פריינט האָט מיך ליב. איך בין זיינער, די ליבע צעשמעלצט אונזערע נשמות און מיר ווערן איין נשמה.

ווען קריסטאָף האָט זיך אויפגעכאַפּט צומאָרגנס נאָכן אָוונט בײַ די רוסענס, האָט ער ראשית אַ טראַכט געטון וועגן אָליוויער זשאַבען. ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג אים צו זען. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס. ס׳איז נאָך געווען פאַר אַכט. דער פרימאָרגן איז געווען אַ וואַרעמער און אַביסל אַ שווער־דריקנדיקער. אַ פריציײטיקער אַפּריל-טאָג. אַ שטורם האָט זיך געצויגן איבער פּאַריז.

אָליוויער האָט געוווינט בײַם באַרג פון דער הײליקער זשענעוויעוו, אין אַ געסל נישט ווײַט פונם זשאַרדען־דע-פּלאַנט. דאָס הויז האָט זיך געפונען אין דעם שמאָלסטן הויף פון דער גאַס. די טרעפּ האָבן געפירט אין אַ לאַנגן פינסטערן הויף, וווּ ס׳האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע שלעכטע רוחות. די קרומע טרעפּלעך זענען געווען צוגעשפּאַרט צו אַ שמוציקער וואַנט, פול מיט בלײַ-פלעקן. אויפן דריטן שטאָק האָט געעפנט די טיר אַן עלטערע צעשויבערטע פרוי אין אַ נאַכט-קלייד. ווען זי האָט דערזען קריסטאָפן, האָט זי האַסטיק פאַרמאַכט די טיר. אין קאָרידאָר זענען געווען אַסאַך דירות. דורך די פאַרמאַכטע און אָפענע טירן האָט מען געהערט קולות פון קינדער, וואָס האָבן זיך געריסן און געמאַכט אַ גרויסן געפילדער. דאָס איז געווען אַ טומלדיקער מישמאַש פון אַ מיאוס פאַרפינסטערט לעבן, וואָס איז געווען אָנגעהויפנט אײנס אויפן אַנדערן אין די נידעריקע שטאָקן, צוזאַמענגעפרעסט אַרום דעם שטינקענדיקן הויף. קריסטאָף האָט דערפילט אַן עקל און געפרעגט בײַ זיך, וואָס פאַראַ האָפענונגען און באַגערן האָבן אַוועקגעשלעפּט אָט די מענטשן ווײַט פון די פעלדער, וווּ ס׳איז פאַראַן לפּחות גענוג לופט פאַר אַלעמען, און וואָס פאַראַ נוצן קאָנען זיי האָבן פון פּאַריז, וווּ זיי האָבן גוזר געווען אויף זיך אָפּצולעבן זייערע יאָרן אין אַ פינסטערן קבר.

ער איז אַרויף אויפן שטאָק, וווּ ס׳האָט געוווינט אָליוויער. בײַ דער טיר איז געהאָנגען אַ שנור פון אַ גלעקל. קריסטאָף האָט אַ צי געטון אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָבן זיך געעפנט עטלעכע טירן מיטאַמאָל. אָליוויער האָט געעפנט. קריסטאָף האָט באַוואונדערט די

פשוטע עלעגאַנץ פון זיינע קליידער, וואָס זענען געווען אויפגעהאַלטן זייער זאָרגעווידיק; און די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט, וואָס אין אַן אַנדער אָרט וואָלט ער עס כמעט נישט געפילט, איז דאָ געווען פאַר אים אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. אין דער שמוציקער סביבה האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס פריילעכס און געזונטעס. דעם זעלבן איינדרוק האָבן דעם פאָריקן אָוונט געמאַכט אויף אים אָליוויערס ערלעכע קלאָרע אויגן. ער האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט. אָליוויער האָט אויסגעזען דערשראָקן און געשטאַמלט:

— איר דאָ?

קריסטאָף, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט אָליוויערס סימפּאַטישער צעטומלטקייט, האָט אָנשטאָט אַן ענטפער, אַ שמייכל געטון. ער האָט אָפּגערוקט אָליוויערן אין אַ זייט און איז אַריין אין דעם איינציקן צימערל, וואָס האָט געדינט אי פאַר אַ שלאָף-צימער, אי פאַר אַן אַרבעטס-צימער. ביים פענסטער, צוגערוקט צו דער וואַנט, איז געשטאַנען אַ שמאָל אייזערן בעטל. קריסטאָפס אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן דער גרויסער הויפן קישנס צוקאָפּנס דער בעט. אין צימער זענען געווען דריי שטולן, אַ שוואַרצער, לאַקירטער טיש, אַ קליינע פּיאַנינאָ און אין אָרדענונג איינגעלעגטע ביכער. דאָס צימערל איז געווען ענג, מיט אַ נידעריקן סופיט און נישט געהעריק באַלויכטן. און דאָך האָט זיך געדאַכט, אַז אין אים איז אויסגעגאָסן די זעלבע קלאָרקייט, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט די אויגן פון זיין באַלעבאָס. אַלץ איז געווען ריין און פיין-איינגעסדרט, ווי דורך אַ פרויען-האַנט. עטלעכע רויזן אין אַ גלאָז האָבן אַריינגעבראַכט אַביסל פרילינג אין די דאָזיקע פיר ווענט, וואָס זענען געווען באַהאָנגען מיט רעפּראָדוקציעס פון אַלטע פלאָרענטינער מאָלער.

— איר זענט, אַלזאָ, געקומען מיך זען? — האָט אָליוויער איבערגעחזרט מיט פרייד.

— צום טייוול, כ'האָב דאָך געמוזט אַזוי טון, — האָט געענטפערט קריסטאָף, — איר וואָלט דאָך צו מיר נישט געקומען.

— אַזוי מיינט איר? — האָט געפרעגט אָליוויער.

נאָר באַלד האָט ער צוגעגעבן:

— יאָ, איר זענט גערעכט, אָבער נישט דערפאַר, וואָס כ'האָב נישט געוואָלט.

— וואָס האָט אייך געשטערט?

— דאָס, וואָס כ׳האָב צו שטאַרק געוואָלט.
— אַ שײנער אויסרייד.
— אוודאי. נאָר לאַכט נישט פון מיר. כ׳האָב מורא געהאַט, טאָמער װילט איר נישט אַזוי שטאַרק זיך זען מיט מיר.
— כ׳האָב אויך מורא געהאַט דערפאַר. און דאָך, כ׳האָב אייך געוואָלט זען, בין איך געקומען. און אויב ס׳וועט אייך נישט זיין אנגענעם, וועל איך עס באַלד דערקענען.
— דערצו איז נויטיק, איר זאָלט זייער אויפמערקזאַם אַכטונג געבן.
זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל.
אָליוויער האָט געזאָגט:
— נעכטן בין איך געווען באַריש. כ׳האָב מורא געהאַט, טאָמער געפעל איך אייך נישט. מיין שעמעוודיקייט איז אַן אמתע קרענק. איך קאָן פשוט נישט רעדן.
— באַדויערט נישט. אין אייער לאַנד זענען פאַראַן אַסאַך רע-דעוודיקע מענטשן און מיר פרייען זיך זייער צו באַגעגענען אַ מענטשן, וואָס שוויגט פון צייט צו צייט, מעג עס זיין קעגן זיין ווילן, אַפילו צוליב שעמעוודיקייט.
קריסטאָף האָט געלאַכט, צופרידן פון זיין אייגענעם וויץ.
— זענט איר, אַלזאָ, געקומען מיך באַזוכן צוליב מיין שווייגן?
— יאָ, צוליב אייער שווייגן. צוליב דעם באַזונדערן אופן פון אייער שווייגן. עס זענען פאַראַן פאַרשידענע אופנים פון שווייגן. אייער מין געפעלט מיר — אָט איז אַלץ.
— ווי האָט איר געקאָנט פילן צו מיר אַ סימפּאַטיע? איר האָט דאָך מיך כמעט נישט געזען?
— דאָס איז מיין זאַך. כ׳האָב נישט ליב לאַנג אויסצוקלייבן. ווען ס׳גייט מיר פאַרביי אַ פּנים, וואָס געפעלט מיר, באַשליס איך תיכּף נאָכצויאָגן דעם מענטשן, ביז כ׳וועל אים דעריאָגן.
— צי מאַכט איר נישט אַמאָל קיין טעות?
— גאַנץ אָפט.
— אפשר האָט איר איצט אויך אַ טעות?
— דאָס וועלן מיר באַלד זען.
— אָ, אויב אַזוי בין איך אַ פאַרפאַלענער! איר וואַרפט אָן אויף מיר אַ שרעק. ס׳איז גענוג אַ טראַכט צו טון, אַז איר קוקט

אויף מיר, און אַלע מיינע מעלות זאָלן תיכּף נעלם ווערן.
קריסטאָף האָט מיט פריינטלעכער נייגעריקייט באַטראַכט דאָס דאָזיקע עמפינדלעכע פּנים, וואָס איז געוואָרן רויט און בלייך. עמפּינדונגען זענען דורכגעלאָפן איבער אים, ווי וואָלקנס איבער אַ וואַסער.
— ס'אַ נערוועישע בריאה! — האָט קריסטאָף געטראַכט, — ער איז אינגאַנצן ווי אַ פרוי.
ער האָט אים לייכט אַ גלעט געטון איבערן קני.
— צי גלויבט איר טאַקע, אַז איך בין געקומען מלחמה האַלטן מיט אייך? איך קאָן נישט פאַרטראָגן די מענטשן, וואָס מאַכן פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן איבער זייערע פריינט. איך וויל, מיר זאָלן ביידע האָבן דאָס רעכט צו זיין פריי און אויפריכטיק, איבערצוגעבן זיך אָפנהאַרציק אונזערע פאַרלאַנגען אָן פאַלשער בושה, אָן שרעק פאַרשפּאַרט צו ווערן, אָן שרעק זיך אויסצובאַהאַלטן, — דאָס רעכט ליב צו האָבן איצט און אין אַ ווייַלע אַרום צו פאַרגעסן. צי איז עס נישט דער פּאַסיקסטער און ערלעכסטער וועג פאַר מענער!
אָליוויער האָט אים ערנסט אָנגעקוקט און געענטפערט:
— אָן צווייפל. דאָס איז מעגלעך, אָבער איר זענט דער שטאַרקער, איר — און נישט איך.
— איך בין זיכער, אַז איר אויך, — האָט געענטפערט קריסטאָף, — נאָר אויף אַן אַנדער אופן. יאָ, איך בין געקומען אייך העלפן זיין שטאַרק, אויב איר ווילט עס. ווייל מיינע פריערדיקע ווערטער דערלויבן מיר צוצוגעבן מיט אַ גרעסערער אָפנהאַרציקייט, ווי ביז איצט, אַז אָן שום התחייבותן אויף מאָרגן — האָב איך אייך ליב.
אָליוויער איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן, די בושה האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל, און ער האָט נישט געפונען קיין ענטפער.
קריסטאָפס אויגן האָבן אַרומגעשוועבט איבערן צימער.
— איר האָט אַ שלעכטע דירה. צי האָט איר נישט נאָך אַ צימער?
— כ'האָב אַ קעמערל.
— אוף... נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. ווי קאָנט איר דאָ לעבן?
— מען געוווינט זיך צו.
— איך וואָלט זיך בשום אופן נישט צוגעוווינט.

קריסטאָף האָט אָפּגעקנעפּלט זיין וועסט און טיף אָפּגעאָטעמט.

אָליוויער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און עס ברייט צע־עפנט.

— מסתמא פילט איר זיך שטענדיק שלעכט אין שטאָט, הער קראַפט. איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַן איבערפלוס פון כוחות, איך אָטעם אַזוי וויניק, אַז אומעטום געפין איך גענוג לופט פאַר זיך. און דאָך טרעפן זומער-נעכט, ווען איך קאָן פשוט נישט אויסהאַלטן. ווען כ׳גיב אַ טראַכט, אַז דער זומער קומט אָן מיט זיינע הייסע נעכט, ציטער איך. איך זיץ אָפּ גאַנצע נעכט אויפן בעט און כ׳ווער שיר נישט דערשטיקט.

קריסטאָף האָט באַטראַכט דעם הויפן קישנס אויפן בעט און אָליוויערס פאַרמאַטערט פנים. ער האָט דייטלעך געזען, ווי אָליוויער ראַנגלט זיך אין דער פינסטערניש, און האָט געזאָגט:

— ציט זיך אַרויס פון דאַנען, צוואָס זאָלט איר דאָ זיצן?

אָליוויער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און גלייכגילטיק גע־ענטפערט:

— וואָס איז די נפקא-מינה, דאָ צי אין אַן אַנדער אָרט...

איבערן סופיט האָבן גענומען שפּרייזן שווערע טריט. אויפן אויבערשטן שטאָק האָבן זיך געלאָזט הערן שאַרפע קולות און פון צייט צו צייט האָבן די ווענט אַ ציטער געטון פונם רעש, וואָס די אָמניבוסן האָבן געמאַכט אויפן גאַס.

— וואָס איז עס פאַר אַ הויז? — האָט צוגעגעבן קריסטאָף, — אַ הויז מיט שלעכטע ריחות, עקלדיקע שטיקעניש, פּאַסקודנע נויט! ווי קאָנט איר אַהער אַריינקומען יעדן אָוונט? צי ברענגט עס אייך נישט אַריין אין פאַרצווייפלונג? איך וואָלט דאָ נישט געקאָנט אויס־האַלטן. איך וואָלט בעסער געשלאָפן אונטער דער בריק.

— כ׳האָב אויך געליטן די ערשטע צייטן. ס׳האָט דערוועקט אין מיר אַן עקל, פונקט ווי אייך. קינדווייז, ווען מען האָט מיך געפירט שפּאַצירן איבער ענגע שמוציקע גאַסן, פלעגט מיר אַנטפאַלן דאָס האַרץ. כ׳האָב זיך מאָדנע געשראָקן, נאָר קיין מוט נישט געהאַט עס אויסצוזאָגן. כ׳האָב זיך געטראַכט: ווען דאָ קומט פאָר אין דער רגע אַן ערד-ציטערניש, וואָלט איך אייביק געבליבן ליגן אין שמוץ. דאָס האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ שרעקלעך אומגליק. כ׳האָב זיך נישט גע־ריכט, אַז מיר וועט דאָ אויסקומען צו וווינען מיטן אייגענעם ווילן,

און כ׳וועל דאָ שוין מסתמא שטאַרבן. אַפילו איצט דערוועקט עס אין מיר אַן עקל, נאָר איך באַמי מיך צו פאַרגעסן. ווען איך גיי אַרויף אויף די טרעפּ, פאַרמאַך איך די אויגן, פאַרשטאָפּ די אויערן, די נאָז, אַלע מיינע חושים. כ׳פאַרמאַך זיך איינגאַנצן אין זיך. אָט דאָרט, אי־בערן דאַך, זעט מען דעם שפּיץ פון אַן אַקאַציע־בוים. איך זיץ דאָ אין ווינקל, כדי נישט צו זען קיין שום אַנדער זאַך. אין אָוונט, ווען דער ווינט שאָקלט דעם בוים, דוכט זיך מיר, אַז איך בין ווייט פון פּאַריז. דער גערויש פון גרעדיכטע וועלדער איז מיר קיינמאָל נישט געווען אַזוי אָנגענעם, ווי דער זיידענער שאָרך פון די בלעטער אין געוויסע מינוטן.

— יאָ, — האָט געזאָגט קריסטאָף — כ׳האָב געוווּסט, אַז איר טרוימט שטענדיק, נאָר ס׳איז אַ שאָד צו פאַרשווענדן אין דעם דאָזיקן קאַמף, אין די קליינלעכע צרות פון לעבן, די פאַנטאַזיע, וואָס איז באַשטימט צו באַשאַפן אַ נײַ לעבן.

— צי איז דאָס נישט אונזער אַלעמענס גורל? און איר — צי פאַרשווענדט איר נישט אייערע כוחות אויף צאָרן און קאַמף?

— איך בין עפּעס אַנדערש, איך בין געבוירן געוואָרן דערצו. קוקט אָן מיינע אָרעמס, מיינע הענט. פאַר מיר איז דער קאַמף אַן ענין פון געזונט. אָבער איר האָט נישט אַזוי פיל כוח. ס׳איז קענטיק אויף אייך.

אָליוויער האָט טרויעריק באַטראַכט זיינע מאָגערע הענט און געזאָגט:

— יאָ, איך בין שוואַך. איך בין שטענדיק געווען שוואַך. אָבער וואָס זאָל מען טון, מען מוז לעבן.

— פון וואָס לעבט איר?

— פון לעקציעס.

— וואָסערע לעקציעס?

— פאַרשידענע. איך לערן לאַטיין, גריכיש, געשיכטע, איך גרייט צו צו מאַטורע־עקזאַמענס, און איך גיב אין אַ שטאָטישער שולע לעקציעס פון מאָראַל.

— וואָסערע לעקציעס?

— פון מאָראַל.

— וואָס איז דאָס פאַרא שטותעריי. צי לערנט מען אין די שולן מאָראַל?

אָליוויער האָט געשמייכלט:

— פאַרשטייט זיך.

— צי קאָן מען רעדן דערפון לענגער, ווי צען מינוט?

— כ'האָב צוועלף שעה אַ וואָך.

— לערנט איר זיי, הייסט עס, צו טון שלעכטס?

— פאַרוואָס?

— מען דאַרף נישט רעדן אַזוי פיל, כדי צו וויסן, וואָס גוט איז.

— אָדער כדי גאָרנישט צו וויסן.

— ס'איז אמת: כדי גאָרנישט צו וויסן. און דער מעטאָד צו טון גוטס איז גאָרנישט קיין שלעכטער. גוטס איז נישט קיין לערע, נאָר אַ טאַט, נאָר די בייראַסטעניקער פלוידערן וועגן מאָראַל, בעת דער ערשטער מאָראַלישער געזעץ איז: נישט צו זיין קיין בייראַסטעניקער. פאַרשאָלטענע פעדאַנטן! זיי זענען פונקט, ווי די לאָמע מענטשן, וואָס ווילן אַנדערע לערנען גיין.

— נישט אייך לערנען זיי. ווייל איר קענט עס אַליין. אָבער וויפל מענטשן קענען עס נישט!

— טאָ לאָזט זיי קריכן אויף אַלע פיר, ווי די קינדער, ביז זיי וועלן זיך אַליין אויסלערנען גיין: אָבער צי אויף פיר פיס, צי אויף צוויי — ראשית לאָזט זיי גיין!

ער האָט אַרומגעשפרייזט האַסטיק איבערן צימער פון איין עק צום צווייטן, נאָר מער ווי פיר שפרייזן האָט ער נישט געקאָנט מאַכן. ער איז געבליבן שטיין פאַרן פאָרטעפיאַן, געעפנט אים, דורכגעקוקט די נאָטן, אָנגערירט די קלאַווישן און געזאָגט:

— שפילט מיר עפּעס.

אָליוויער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט.

— איך? אַן איינפאַל!

— מאַדאַם רוסען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט זייער מוזיקאַליש. נו. שפּילט!

— פאַר אייך! אָ, כ'וועל מסתמא שטאַרבן.

דער נאַיווער אויסגעשריי, וואָס איז אַרויס פון טיפן האַרצן, האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער ביי קריסטאָפן און אפילו ביי אָליוויער אַליין, וואָס איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן.

— אם־כּן, — האָט קריסטאָף געזאָגט, — צי איז עס אַ תּירוץ פאַר אַ פּראַנצויז?

אָליוויער האָט זיך נאָך אַלץ געוועדט:

— אָבער צו וואָס? צו וואָס דאַרפט איר עס?

— כ'וועל אייך באַלד זאָגן, שפּילט.

— וואָס שפּילן?

— וואָס איר ווילט.

אָליוויער האָט אַ זיפץ געטון און זיך געזעצט פאַרן פּיאַנינאָ. אונטערגעוואָרפן דעם באַפעלערישן ווילן פון זיין פריינט, וועלכן ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבן, האָט ער נאָך אַ לאַנגער וואַקלעניש גע־נומען שפּילן סי־מינאָר מאָצאַרטס שיינעם אַדאַדזשיאָ. אין אָנהויב האָבן זיינע פינגער געציטערט, און ער האָט קיין כּוח נישט געהאַט אַ דריק צו טון די קלאַווישן. נאָר ביסלעכווייז האָט ער געקראָגן מוט, און בעת ער האָט געמיינט, אַז ער חזרט איבער מאָצאַרטס מוזיק, האָט ער נישט ווילנדיק אויפגעדעקט זיין אייגענע נשמה. די מוזיק איז אַן אָפנהאַרציקער ווידוי: זי גיט איבער די מענטשן, וואָס ליבן זי, די פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען פון די אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן זי אויך ליב. דורך מאָצאַרטס געטלעך ווערק זענען קריסטאָפן קלאָר געוואָרן די אייגנשאַפטן פון זיין נשמה, — נישט מאָצאַרטס, נאָר פון זיין נע־בעכדיקן פריינט, וואָס האָט זי געשפּילט: דער אומעט און די דורכ־זיכטיקייט, דער צאַרטער, שעמעוודיקער שמייכל פון אָט דער נערוועי־שער בריאה, וואָס איז ריין, וואָס האָט ליב און וואָס רויטלט זיך פון ליבע. נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום סוף פון ווערק, צום שפּיץ, ווו דער אויסדרוק פון צעווייטיקטער ליבע שטייגט אויף און ברעכט זיך, האָט די שעמעוודיקייט נישט געלאָזט אָליוויערן ווייטער שפּילן. ער האָט אַראָפּגענומען די הענט פון פּאָרטעפּיאַן און געזאָגט:

— איך קאָן נישט מער.

קריסטאָף, וואָס איז געשטאַנען פון הינטן, האָט זיך איבערגע־בויגן, און אַרומנעמענדיק אָליוויערן מיטביידע הענט, האָט ער פאַר־ענדיקט די איבערגעריסענע פראַזע. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איצט קען איך דעם טאָן פון אייער נשמה.

ער האָט אים דערלאַנגט ביידע הענט און אים לאַנג אָנגעקוקט. לסוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווי מאָדנע! כ׳האָב איך שוין אַמאָל געזען... איך קען איך גוט שוין לאַנגע יאָרן...

אָליוויערס ליפּן האָבן אַ ציטער געטון. ער איז גרייט געווען צו רעדן, נאָר ער האָט געשוויגן.

קריסטאָף האָט אים נאָר אַ ווײַלע אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטון און ער איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען.

ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און אין האַרצן האָט ער געפילט אַ פרייד. ער איז פאַרבייגעגאַנגען צוויי מיאוסע יינגלעך מיט איינ־געשמירטע נעזער, וואָס איינער פון זיי האָט געטראָגן אַ ברעט און דער אַנדערער אַ פלאַש אייל. ער האָט זיי פריינדלעך אַ קנופּ געטון אין די באַקן. שפּעטער האָט ער אַ שמייכל געטון צום אָנגעבלאָזע־נעם וועכטער. ער איז געגאַנגען אין גאַס און שט־יל געזונגען. ער איז געווען אין דעם לוקסעמבורגער גאָרטן. ער האָט זיך אויסגע־צויגן אין שאָטן אויף אַ באַנק און פאַרמאַכט די אויגן. די לופט איז געווען פאַרגליווערט און שווער. ווייניק שפּאַצירער. מ׳האָט געהערט אַן אָפּגעהאַקטן, ווייטן גערויש פון אַ פאָנטאַן און טיילמאָל דאָס סקריפּען פון זאַמד אונטער די פיס.

קריסטאָף האָט געפילט, אַז עס נעמט אים אַרום אַ תענוגלעכע פוילקייט. ער איז אַנטדרימלט געוואָ־ן אויף דער זון. דער שאָטן איז אַדורך איבער זיין פּנים, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט גובר זיין און אַ ריר טון זיך פון אָרט. זיינע געדאַנקען האָבן אָן שום סדר אַרומגעטאַנצט, און ער האָט זיי נישט געפּרוּווט צוזאַמענעמען. זיי זענען געווען אַרומגעהילט מיט אַ שיין פון פרייד. דער זייגער אין דעם לוקסעמבורגער גאָרטן האָט אַ קלונג געטון, — קריסטאָף האָט נישט געהערט; נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס האָט געקלונגען צוועלף. ער האָט זיך אַ הויב געטון און האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שפּאַצירט שוין צוויי שעה, אַז ער האָט פאַר־שפּעטיקט זיך צו זען מיט העכטן און האָט געפּטרט דעם פרימאָרגן. ער האָט זיך צעלאַכט און איז פייפנדיק אַוועק אַהיים. ער האָט געשאַפן אַ ראָנדאָ אין דער פאָרם פון אַ קאַנאָן, אויף דער טעמע, ווי אַ גאַסן־

סוהר רופט אויס זיין סחורה. אפילו די אומעטיקע מעלאָדיעס האָבן זיך איצט געפּאָרמט פריילעך. ווען ער איז אין גאַס פאַרבייגעגאַנגען אַ וועשעריי, האָט ער אַריינגעקוקט אינעווייניק און האָט דערזען די קליינע וועשין, וואָס איר בלאַס פּנים איז רויט געוואָרן פון דער היץ; זי איז געזעסן מיט אַנטבלויזטע אָרעמס ביז די אַקסלען און מיט אַ צעקנעפּלטער בלוזקע. זי האָט אים צוגעוואָרפן, ווי שטענדיק, אַן אַרויסרופנדיקן בליק. צום ערשטן מאָל האָט דער דאָזיקער בליק נישט געמאַכט אויף אים קיין שום איינדרוק. ער האָט זיך צעלאַכט. ווען ער איז אַריין צו זיך אין צימער, האָט ער זיך נישט גענומען צו זיינע ענינים, נאָר אַ וואָרף געטון אויף רעכטס און אויף לינקס זיין היטל, רעקל און וועסט און געזעצט זיך אַרבעטן מיט שטאַרקער התלהבות, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען איינעמען די וועלט. ער האָט גענומען די צעוואָרפענע מוזיק־נאָטיצן, נאָר גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער האָט זי געלייענט נאָר מיט די אויגן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ גליקלעכן שלאָף, ווי אין דעם לוקסעמבורגער גאָרטן, און זיין קאָפּ איז געווען פאַרשיכּורט און פאַרשטאָפּט. ער האָט עס עטלעכע מאָל דערפילט און זיך געפּרוּווט אָפּטרייסלען, — נאָר אומזיסט. ער האָט פריילעך גענומען שעלטן, איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ שיסל קאַלט וואַסער. דאָס האָט אים אַביסל אויסגעניכטערט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געזעצט זיך שטיל ביים טיש מיט אַ בלאַסן שמייכל אויף די ליפּן און געטראַכט:

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אָט דעם געפיל און צווישן דער ליבע?

אינסטינקטיוו האָט ער ווידער גענומען ווי פאַרשעמט טראַכטן אין דער שטיל:

— די ליבע פאַרמאָגט נאָר איין וועג. אָדער בעסער געזאָגט, צוויי וועגן: אַנדערע ליבן און גיבן זיך איבער אינגאַנצן און אַנדערע גיבן איבער דער ליבע נאָר אַ קליינעם טייל פון זייער נשמה. זאָל מיך גאָט אָפּהיטן פון אַזאַ ענגהאַרציקייט!

ער האָט באַשיידן איבערגעריסן דעם געדאַנק און ער האָט מער נישט געטראַכט. אַ לאַנגע צייט האָט ער געשמייכלט צו זיין אינערלעכן חלום. זיין האַרץ האָט שטיל געזונגען:

„Du bist mein, ûnd nun ist das Meine meiner als jemals"

(„דו ביסט מיינער, און איצט בין איך אַליין מיינער מער, ווי ווען עס איז.”)

ער האָט גענומען אַ בויגן פּאַפּיר און רויק אָנגעשריבן דאָס, וואָס זיין האַרץ האָט געזונגען.

זיי האָבן באַשלאָסן צו דינגען צוזאַמען אַ דירה. קריסטאָף האָט זיך תיכּף געוואָלט איינאָרדנען, נישט זאָרגנדיק דערפֿאַר, וואָס זיי וואָלטן פֿאַרלוירן פֿאַר אַ האַלבן קוואַרטל דירה-געלט. אָליוויער האָט אים אויך שטאַרק ליב געהאַט, נאָר ער איז געווען פֿאָרזיכטיקער און ער האָט געראַטן צו וואַרטן ביזן טערמין, ווען די אָפּגעצאָלטע צייט פֿון דער אַלטער דירה וועט אַדורך. קריסטאָף האָט נישט פֿאַרשטאַנען די דאָזיקע חשבונות. ווי פֿיל מענטשן, וואָס האָבן קיין געלט נישט, האָט ער נישט געזאָרגט, וואָס ער פֿאַרלירט עס. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז אָליוויער איז אָרעמער פֿון אים. איינמאָל איז ער איבעראַשט געוואָרן פֿון דער דחקות, אין וועלכער זיין פֿריינט לעבט; ער האָט אים פֿלוצלינג פֿאַרלאָזן און איז אין צוויי שעה אַרום געקומען און מיט אַ יובלדיקן פּנים אַוועקגעלעגט עטלעכע באַנקנאָטן צו פֿינף פֿראַנק, וואָס ער האָט באַקומען אַ קאַנטאָ ביי העכטן. אָליוויער איז רויט געוואָרן און האָט נישט געוואָלט צונעמען. קריסטאָף איז געוואָרן בייז און האָט דאָס געלט געוואָלט אַרויסוואַרפֿן דעם איטאַליענער, וואָס האָט געשפּילט אין הויף. אָליוויער האָט אים קוים אָפּגעהאַלטן. קריסטאָף איז אַרויס, לפּנים אַ באַליידיקטער, אָבער אין דער אמתן איז ער בייז געווען אויף דער אומגעשיקטקייט, צוליב וועלכער אָליוויער האָט אים אָפּגעזאָגט. ערשט האָט ווי אַ באַלזאַם געווירקט אויף אים אָליוויערס בריוו. אָליוויער האָט געשריבן, אַז ער קאָן נישט אויסדריקן מיטן מויל זיין גליק, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט קריסטאָפֿן, און אַז ער איז טיף גערירט פֿון דער טובה, וואָס קריסטאָף וויל אים טון. קריסטאָף האָט געענטפֿערט אַ בריוו פֿול מיט שגעון, ענלעך צו די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אַלס פּופּצניאָריק יינגל צו זיין פֿריינד אָטאָ. דער בריוו איז פֿול געווען מיט געמיט

און לצנות, געפלאָכטן מיט פראַנצויזיש-דייטשע קאַלאַמבורן און מיט נאָטן.

לסוף האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט. אינם קוואַרטאַל מאָן-פּאַרנאַס, נאָענט צום פּיאַץ דאַנפער, האָבן זיי אויף דעם פינפטן שטאָק פון אַן אַלט הויז געפונען אַ דירה פון דריי זייער קליינע צימערן מיט אַ קיך. די פענסטער פון די חדרים האָבן אַרויסגעקוקט צו אַ גערטנדל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון פיר הויכע ווענט. פון זייער שטאָק האָט מען דורך דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, וואָס איז געווען ני-דעריקער פון די איבעריקע, געקאָנט זען אַ ברייטן קלויסטער-גאָרטן, וואָס טרעפט זיך אין פּאַריז אויף טריט און שריט, באַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן. אויף די פוסטע אַלעען איז קיין מענטש נישט געווען. די אַלטע בוימער, וואָס זענען געווען העכער פון די בוימער אינם לוקסעמבורגער גאָרטן, האָבן געציטערט אויף דער זון. פייגל האָבן געזונגען. באַגינען האָט מען געהערט דאָס טרעלן פון די פייגל, זייער רוישנדיקן, געמאָסטענעם געזאַנג.

און אין אַ זומער־אָוונט — פאַרשיכּורטע אויסגעשרייען פון די נאַכטיגאַלן, וואָס האָבן דורכגעשניטן די לופט און אַרומגעשוועבט אונטערן הימל. און ביינאַכט, ביים שיין פון דער לבנה, פלעגט אַרויפשטייגן דאָס קלאָרע געזאַנג פון די פייגל, דעמאָלט וואָלט מען געקאָנט פאַרגעסן, אַז מ'איז אין פּאַריז, ווען נישט דאָס גערויש פון די שווערע קאַרעטעס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס הויז, פונקט ווי די ערד וואָלט זיך געוואָרפן אין קדחת.

איין צימער איז געווען ברייטער און שענער פון די איבערי־קע. ביידע פריינט האָבן זיך געשפּאַרט, ווער עס זאָל דאָרטן וווינען. מ'האָט געדאַרפט וואַרפן גורל. און קריסטאָף, וואָס איז געפאַלן אויף דער המצאה, האָט מיט אומגעריכטער געשיקטקייט אַזוי דורכגעפירט דעם ענין, אַז דער צימער איז נישט געבליבן זיינער.

דעמאָלט האָט זיך פאַר זיי אָנגעהויבן אַ צייט פון אמתן גליק. דאָס גליק האָט זיך נישט איינגעשרומפּן אין קיין שום באַגרענעצ־טער זאַך, נאָר זיך אויסגעדריקט אין אַלעם. ס'האָט אַרומגעהילט זייערע געדאַנקען און זייערע מעשים און אויף קיין איין רגע זיי נישט פאַרלאָזט.

אין דעם האָניק־חודש פון זייער פריינטשאַפט, אין אָט דעם ערשטן פעריאָד פון דער שטילער, טיפער פרייד, וואָס איז באַקאַנט

נאָר דעם מענטשן, „וועלכער קאָן זאָגן אויף איר נשמה, פונקט ווי אויף דער גאַנצער וועלט, אַז זי איז זיינע״.

„Ja wer auch nur eine Seele sein nennt auf dem Erdenrund“

האָבן זיי ווייניק גערעדט, קיין העזה נישט געהאַט צו רעדן. פאַר זיי איז גענוג געווען צו פילן איינער דער אַנדערן, אויסצוטוישן אַ בליק, אַ וואָרט, וואָס האָט זיי געוויזן, אַז זייער געדאַנק פליסט מיט איין שטראָם. נישט שטעלנדיק זיך קיין פראַגן, נישט קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן, האָבן זיי איינער דעם צווייטן אָן אויפהער געזען. דער ליבנ-דיקער מענטש ענדערט זיך אָן אויפהער לויט דער געשטאַלט פון דעם געליבטען מענטשן; און אַזוי שטאַרק איז זיין פאַרלאַנג צו זיין ווי יענער, אַז ער קאָן מיט אַ געהיימניספולער אינטואיציע אַרויסלייע-בען פון זיין נשמה אַזעלכע שטימונגען, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט אויפ-כאַפּן. איין פריינד האָט געקוקט דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין, אויסגעטוישט מיט אים זיין נשמה. כאַראַקטער-שטריכן פון איינעם מאַכן-נאָך די שטריכן פון דעם צווייטן, איין נשמה מאַכט נאָך דער אַנדערער — ביז ס׳קומט דער טאָג, ווען דער אינערלעכער כוח, דער דעמאָן פון דער ראַסע, באַפרייט זיך פלוצלינג און צערייסט די קייטן פון דער ליבע.

קריסטאָף האָט גערעדט שטיל, געגאַנגען לייכט און געהיט זיך נישט צו מאַכן קיין טומל, טאָמער שטערט עס דעם שווייגנדיקן אָלי-וויערן. די פריינדשאַפט האָט אויסגעאיידלט זיין פנים: ס׳האָט אויס-געדריקט גליק, בטחון, יוגנט, וואָס זיין פנים האָט ביז דעמאָלט נישט פאַרמאָגט. ער האָט באַוואונדערט אָליוויערן, וועלכער וואָלט געקאָנט אויסנוצן אָט דעם כוח צום שלעכטן, ווען ער וואָלט זיך נישט גע-שעמט דערמיט און עס נישט געהאַלטן פאַר אַ גליק, וואָס ער האָט דאָס נישט פאַרדינט. ער האָט זיך געהאַלטן אַ סך נידעריקער פון קריסטאָפן, כאָטש יענער האָט זיך געהאַלטן ווי אַן עניו. די דאָזיקע קעגנזייטיקע באַשיידנקייט, וואָס האָט זיך גענומען פון זייער גרויסער ליבע, איז געווען פאַר זיי אַ נייער פאַרגעניגן. יעדן איינעם איז געווען אָנגע-נעם צו פילן, אַז ער פאַרנעמט אַזאַן אָנגעזען אָרט אין זיין חברס האַרץ, — הגם ער האָט געוווסט, אַז ער האָט אַזאַ גליק נישט פאַר-דינט. ביידנס הערצער זענען געווען פול מיט צערטלעכער דאַנקבאַר-קייט איינס צום צווייטן.

אָליוויער האָט אַריינגעשטעלט זיינע ביכער צו קריסטאָפס ביכער

און האָט נישט געמאַכֿט צווישן זיי קיין שום אונטערשייד. ווען ער האָט גערעדט וועגן זיי, פֿלעגט ער נישט זאָגן: מיין בוך, — נאָר: אונזער בוך. נאָר עטלעכֿע זאַכֿן האָט ער אַוועקגעלעגט באַזונדער: די זאַכֿן פֿון זיין שוועסטער, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט איר אָנדענקען. קריסטאָף האָט עס אַ דאַנק זיין עמפּפֿינדלעכֿקייט און שטאַרקער ליבע געפֿילט, אָבער די סיבה דערפֿון האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט קיינמאָל קיין העזה נישט געהאַט אויסצופֿרעגן אָליוויערן וועגן זיינע עלטערן, ער האָט נאָר געוווּסט, אַז זיי זענען אים אָפּגעשטאָרבן. צו דער אַ ביסל שטאָלצער באַשיידנקייט פֿון זיין ליבע, וואָס האָט נישט געוואָלט נאָכֿשפּירן די סודות פֿון זיין פֿריינד, איז צוגעקומען די מורא נישט צו וועקן אין אים דעם פֿאַרגעסענעם טרויער. און הגם דער חשק צו דערגיין דעם סוד איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, האָט ער זיך מיט אַ מאָדנער שעמעוודיקייט אָפּגעהאַלטן צו באַטראַכֿטן די בילדער אויף אָליוויערס טיש. די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַ הער און אַ דאַמע אין שטייפֿע פּאָזעס און פֿון אַן ערך אַ צוועלף-יאָריק מיידל מיט אַ שפּאַנישן הונט צופֿוסנס.

אַ פּאָר חדשים נאָך זייער איינאָרדנען זיך האָט זיך אָליוויער פֿאַרקילט און זיך געמוזט לייגן אין בעט. קריסטאָף, וואָס האָט אַנטדעקט אין זיך אַ מוטערלעכֿע נשמה, האָט באַזאָרגט אַכֿטונג געגעבן אויף אים. דער דאָקטאָר, וואָס האָט באַטראַכֿט אָליוויערן, האָט געפֿונען אַ לייכֿטע אָנצינדונג פֿון אַ לונגען-שפּיץ. ער האָט געהייסן שמירן מיט יאָד דעם קראַנקנס פּלייצע. קריסטאָף האָט זיך ערנסט פֿאַרנומען מיט דער דאָזיקער אַרבעט. דעמאָלט האָט ער אויף אָליוויערס האַלז דערזען אַ מעדאַליאָן, ווי אַ קמיע. ער האָט שוין גוט געקענט אָליוויערן און געוווּסט, אַז ער איז פֿריי פֿון יעדן גלויבן. ווען ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגעדריקן זיין פֿאַרוווּנדערונג, איז אָליוויער רויט געוואָרן און געזאָגט:

— ס׳איז אַן אָנדענק. מיין קליינע אָרימע אַנטואַנעט האָט עס געטראָגן פֿאַר איר טויט.

קריסטאָף האָט אַ ציטער געטון. דער נאָמען אַנטואַנעט האָט אים אַ בליץ געטון אין קאָפּ. ער האָט געפֿרעגט:

— אַנטואַנעט?

— ס׳איז מיין שוועסטער.

— אַנטואַנעט... אַנטואַנעט זשאַנען... איז געווען דיין שוועסטער?

אָבער, — ער האָט אַ קוק געטון אויף איר פאָטאָגראַפיע, — זי איז געשטאָרבן, אַלס קינד?

אָליוויער האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון:

—ס'איז אַ פאָטאָגראַפיע פון די קינדער-יאָרן. קיין אַנדערע האָב איך נישט... זי איז געשטאָרבן צו פינף און צוואַנציק יאָר.

— אוי! — האָט קריסטאָף אויסגערופן גערירט, — און זי איז געווען אין דייטשלאַנד, אמת?

אָליוויער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

קריסטאָף האָט אָנגעכאַפּט אָליוויערן פאַר די הענט.

— אָבער איך האָב זי דאָך געקענט.

— איך ווייס עס, — האָט אָליוויער געזאָגט.

ער איז געפאַלן קריסטאָפן אויפן האַלז.

— אָרעם, אומגליקלעך מיידל! — האָט אויסגערופן קריסטאָף.

זיי האָבן זיך ביידע צעוויינט.

קריסטאָף האָט זיך דערמאָנט, אַז אָליוויער איז קראַנק. ער האָט אים געפּרוווט באַרויקן, געצוווּנגען אַריינצונעמען די הענט אין בעט אַריין, איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע זיינע אַקסלען, מוטערלעך אויסגעווישט אים די אויגן, געזעצט זיך צוקאָפּנס און אים אָנגעקוקט:

— דאָס איז, הייסט עס, די סיבה, וואָס דו ביסט מיר אויסגעקומען באַקאַנט, כ'האָב דיך באַלד דעם ערשטן אָוונט דערקענט.

(ער האָט נישט געוווּסט, צי זאָגט ער עס צו זיין פריינד אָדער צו דער פאַרשטאָרבענער)

— און דו, — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן, — דו האָסט עס געוווּסט און דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט?

אַנטואַנעט האָט אים געענטפערט דורך אָליוויערס אויגן.

זיי האָבן אַ צייט געשוויגן. דערנאָך האָט אָליוויער, אויסגעצויגן אומבאַוועגלעך אויפן בעט, שטיל דערציילט קריסטאָפן, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט, אַנטואַנעטס געשיכטע. נאָר ער האָט אים נישט אויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט אים נישט געטאָרט זאָגן: דעם סוד, וואָס זי האָט באַהאַלטן. — און אפשר האָט עס קריסטאָף געוווּסט כאָטש קיינער האָט עס אים נישט געזאָגט.

זינט דעמאָלט האָט זיי ביידן אַרומגעהילט אַנטואַנעטס נשמה. בעת זיי זענען געווען צוזאַמען איז זי אויך געווען מיט זיי. ס׳איז געווען איבעריק צו פאַרייניקן די געדאַנקען: זיי האָבן געטראַכט צוזאַמען נאָר וועגן איר. איר ליבע איז געווען דאָס אָרט, ווו זייערע הערצער האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. אָליוויער פלעגט אָפטמאָל אויפלעבן איר בילד. דאָס זענען געווען אָפּגעהאַקטע זכרונות, קורצע אַנעקדאָטן, וואָס האָבן אין אַ פאַרשווונדנדיקן שיין אויפגעדעקט איינע פון אירע באַחנטע, שעמעוודיקע באַוועגונגען, איר יונגן, ערנסטן שמייכל און דעם פאַרחלומטן חן פון איר גאַנצער פאַרשווונדענער עקזיסטענץ. קריסטאָף האָט געהערט און געשוויגן, און זיין האַרץ האָט איינגעזאַפּט די ליכטיקע נשמה פון זיין פאַרשווונדענער פריינדין. מיט דער שטאַרקייט פון זיין גייסט, וואָס האָט אומעטום, אין יעדן אָרט און אין יעדער צייט, דורשטיק געטרונקען דאָס לעבן פון יעדער אַנדערער נשמה, האָט קריסטאָף טיילמאָל אַרויסגעפילט פון אָליוויערס רייד אַזעלכע טיפע טענער, וואָס זענען פאַר אָליוויערן אַליין געווען אומבאַקאַנט. און ער האָט, מער ווי אָליוויער גופא, איינגעזאַפּט אין זיך די נשמה פון דער פאַרשטאָרבענער. ס׳איז געווען אַ רירנדיק בילד, צו זען דעם דאָזיקן שווער־באַוועגלעכן דייטש, ווי עס דערוועקט זיך אין אים נישט ווילנדיק אַנטואַנעטס איידעלע אויפמערקזאַמקייט, די סטרונע פון גנאָד, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. ער האָט טיילמאָל אַליין נישט געוווסט, צי האָט ער ליב אָליוויערן אין אַנטואַנעט, צי אַנטואַנעט אין אָליוויערן, ס׳איז אים איינגעפאַלן אַ צערטלעכער געדאַנק, איז ער אַוועק אויף אַנטואַנעטס קבר און געלעגט אויף אים בלומען. ס׳האָט לאַנג געדויערט, איידער אָליוויער האָט עס דערפילט. נאָר איינמאָל האָט ער געפונען אויף איר קבר פרישע בלומען און מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן צו דערגיין, אַז קריסטאָף איז דאָרט געווען. ער האָט געפרוווט שעמעוודיק רעדן וועגן דעם, נאָר קריסטאָף האָט ברוגז אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין. ער האָט נישט געוואָלט אָליוויער זאָל עס וויסן, האָט ער זיך איינגעעקשנט און זיך אויסבאַהאַלטן, ביז זיי

האָבן זיך איינמאָלביידע געטראָפן אויפן בית־עולם.

אָליוויער האָט אָן קריסטאָפס וויסן געשריבן צו זיין מאַמען: ער האָט איבערגעגעבן לואיזען נייעס וועגן איר זון. ער האָט איר געשריבן, אַז ער פילט צו איר אַ ליבשאַפט און אַז ער באַוואונדערט איר זון. לואיזע האָט געענטפערט אָליויערן עניוותדיקע, אומגעלומפּערטע בריוו, פול מיט דאַנקבאַרקייט. זי האָט גערעדט וועגן איר זון, ווי וועגן אַ קליין ייִנגל.

נאָך אַ צייט פון ליבע־פולער שווייגעניש, — די צערטלעכערו, וואָס פרייט זיך סתם אַזוי אָן א שום סיבה, — האָבן זיך זיי אויפגעבונדן די ציינגער. זיי האָבן פאַרבראַכט גאַנצע שעהן אין זיך אָנפאַרטרויען איינער דעם צווייטן.

זיי זענען געווען צוויי באַזונדערע מענטשן, אָבער ביידע פון ריינעם מעטאַל. זיי האָבן זיך ליב געהאַט, ווייל זיי זענען געווען פאַרשידן און גלייכצייטיק פון איין מין. אָליוויער איז געווען שוואַך, קרענקלעך, אומפעיק צו קעמפן מיט די שטערונגען אויפן וועג. ווען ער איז געשטרויכלט געוואָרן, האָט ער זיך געצויגן אויף צוריק, — נישט צוליב שרעק, נאָר אַ ביסל צוליב שעמעוודיקייט און דער עיקר צוליב עקל צו די גראָבע מיטלען, מיט וועלכע דער מענטש מוז זיך באַנוצן, כדי צו זיגן. ער האָט פאַרדינט אויף זיין לעבן דורך לעקציעס, דורך ביכער וועגן קונסט, פאַר וועלכע מען פלעגט אים צאָלן, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ נישטיקן פרייז. פון צייט צו צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען אַרטיקלען, ווו ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסזאָגן פריי זיין מיינונג, און אויף טעמעס, וואָס האָבן אים ווייניק אינטערעסירט. די אַרבעטן, וואָס זענען אים געווען צום האַרצן, האָט מען ביי אים נישט געוואָלט צונעמען. מען האָט אים קיינמאָל נישט געפרעגט, וואָס איז זיין געביט. ער איז געווען אַ דיכטער, און זיי האָבן געפאָדערט פון אים קריטישע אַרטיקלען. ער האָט גוט פאַרשטאַנען מוזיק, און זיי האָבן געפאָדערט צו שרייבן וועגן מאָלעריי. ער האָט געוווסט, אַז אויף דעם געביט האָבן זיינע רייד קיין ווערט נישט, — אָבער דווקא דאָס האָט נושא־חן גע-

ווען ביים עולם. דעריבער האָט ער גערעדט מיט די קליינינקע מענטשעלעך אויף דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען. לסוף איז עס אים נמאס געוואָרן, און ער האָט מער נישט געוואָלט שרייבן. ער האָט זיך איבערגעגעבן נאָר עטלעכע קליינע „רעוויעס״, ווו ער האָט געדרוקט זיינע אַרבעטן אָן שום האָנאָראַר, דערפאַר אָבער האָט ער אין די דאָזיקע אַרבעטן, ווי פיל יונגע מענטשן, אַריינגעלעגט זיינע בעסטע כוחות, ווייל דאָרט האָט ער זיך געפילט צום מערסטן פריי. נאָר דאָרט האָט ער געקאָנט אַנטפּלעקן אַלץ, וואָס איז אין אים ווערט געווען אַרויסצוגיין אויף דער וועלט.

ער איז געווען צאַרט, העפלעך, לפנים געדולדיק, אָבער זייער עמפינדלעך אויף אַ שלעכט וואָרט. יעדעס שאַרף וואָרט האָט אים טיף וויי געטון, יעדע עוולה האָט אים אויפגערודערט ביז דער נשמה. ער האָט געליטן אי צוליב זיך, אי צוליב אַנדערע. געמיינע מעשים, וואָס זענען פאַרגעקומען מיט אַ סך דורות צוריק, האָבן אים אַזוי וויי געטון פונקט ווי ער אַליין וואָלט געפאַלן אַ קרבן. ער איז געווען בלייך און האָט געציטערט. ער איז געווען פשוט אומגליקלעך, טראַכטנדיק, ווי אומגליקלעך עס זענען געווען די מענטשן, וואָס מיט זיי זענען פאַרגעקומען די שרעקלעכע געשעענישן, און וויפל דורות עס טיילט אים אָפּ פון די ליבע מענטשן. ווען עפּעס אַן עוולה איז פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגן, פלעגט אַ שרעקלעכער צאָרן אויפטרייסלען זיין גאַנצן קערפּער. טיילמאָל איז ער צוליב דעם געווען קראַנק און נישט געקאָנט שלאָפן. אַזוי-ווי ער האָט געקענט זיין שוואַכקייט, האָט ער זיך געצוווּנגען צו זיין רויק. ער האָט געוווּסט, אַז אין אַ מאָמענט פון כעס קאָן ער אַריבער די גרענעץ און זאָגן אַזעלכע זאַכן, וואָס מען וועט אים קיינמאָל נישט מוחל זיין. אויף אים איז מען געווען מער בייז, ווי אויפן היציקן קריסטאָף, ווייל ס׳האָט אויסגעזען, אַז בעת אָליוויער איז אין כעס, גיט ער גיכער איבער, ווי קריסטאָף דאָס, וואָס ער טראַכט אין האַרצן. און אַזוי איז געווען באמת. ער האָט געמשפּט די מענטשן אָן קריסטאָפס בלינדער איבערגעטריבנקייט, אָבער אָן אילוזיעס, מיט אַ קלאָרן זינען. אַזאַ זאַך ווילן די מענטשן נישט מוחל זיין. און דעריבער פלעגט ער שווייגן און אָפּהאַלטן זיך פון אַ דיסקוסיע, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דער וויכוח איז צוועקלאָז. ער האָט דערפון געליטן, אָבער נאָכמער האָט ער געליטן פון זיין שעמעוודיקייט, וואָס האָט אים טיילמאָל געצוווּנגען צו פאַרראַטן זיין

מייבונג, אָדער נישט צו האָבן קיין מוט זי צו פאַרטיידיקן ביזן סוף, אָדער אַפילו זיך איינגאַנצן צוריקצוציען, ווי אין דעם וויכוח מיט לוסיען לעווי-קער וועגן קריסטאָפן. וויפיל מאָל האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פאַרצווייפלונג, איידער ער האָט אין די יוגנט-יאָרן אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן מענטשן און וועגן זיך אַליין. ווען די נערוון האָבן איבער אים שטאַרקער געהערשט, האָט ער דורכגעלעבט איינס נאָכן אַנדערן התלהבות און פאַרצווייפלונג, וואָס האָבן זיך געטוישט אויף אַ גיכן פאַטאַלן אופן. אין דער רגע, ווען ער האָט זיך געפילט רויק און גליקלעך, האָט ער אויף זיכער געוווּסט, אַז דער צער לויערט שוין אויף אים. און פלוצלינג, אומבאַוווּסט פון וואַנען, פלעגט אים באמת אַרומנעמען אַ טרויער. דעמאָלט איז ער נישט נאָר געווען אומגליקלעך, נאָר ער האָט זיך געמאַכט פאָרווורפן, למאי ער איז אומגליקלעך. ער האָט שטרענג געמשפּט זיינע אייגענע מעשים, ווערטער, זיין יושר, ער האָט פאַרטיידיקט אַנדערע און זיך אַליין באַשולדיקט. דאָס האַרץ האָט זיך אים געריסן פון דער ברוסט, ער האָט זיך געקאָרטשעט פון אומגליק און נישט געהאַט, מיט וואָס צו אָטעמען. זינט אַנטואַנעט איז געשטאָרבן, און אפשר טאַקע אַ דאַנק איר טויט, צוליב דעם באַרויקנדיקן ליכט, וואָס שטראַלט אַרויס פון די פאַרשטאָרבענע געליבטע, ווי דאָס פרימאָרגן-ליכט, וואָס איז אַ טרייסט פאַר די אויגן און דער נשמה פון די קראַנקע, — איז אָליוויערן געלונגען, אויב נישט צו באַפרייען זיך פון זיין אומרו, איז לפּחות שלום צו מאַכן דערמיט, און צו הערשן איבער דעם. נאָר געציילטע מענטשן האָבן געוווּסט, וואָס פאַר אַן אינערלעכער קאַמף עס קומט אין אים פאָר. ער האָט פאַרשלאָסן אין זיך דעם דאָזיקן דערשלאָגנדיקן סוד, כדי קיינער זאָל נישט פילן די אויפרעגונג פון זיין קרענקלעכן, צעוויייטיקטן קערפּער, וואָס זיין פרייער, קלאָרער גייסט האָט אים נישט גובר געווען, איז אָבער אויך נישט מיטגעשלעפּט געוואָרן פונם גוף און האָט פאַרמאָגט „די אינערלעכע רו, וואָס שטייט אינמיטן דעם אינזל פון אומענדלעכער שלווה".

די דאָזיקע שלווה האָט פאַרוואונדערט קריסטאָפן. ער האָט זי געזען מיט אָליוויערס אויגן. אָליוויער האָט פאַרמאָגט די פעיקייט אויפצופאַסן די נשמה אינטואיטיוו און מיט דער נייגיריקייט פון אַ ברייטן און צאַרטן גייסט, וואָס שטייט פאַר אַלעמען אָפן, וואָס לייקנט נישט אין קיין זאַך, האָט נישט פיינט און קוקט אויף אַלץ

מיט אידעאַלער סימפּאַטיע: די פרישקייט פּונם בליק, אָט די מתּנה פון גאָט, וואָס האָט נישט קיין גלייכן, וואָס אַ דאַנק איר קאָן דער מענטש יעדן טאָג באַוווּנדערן די זיך באַנייענדיקע אייביקייט. אין דער דאָזיקער אינערלעכער וועלט, ווו ער האָט זיך געפילט פריי און אומבאַגרענעצט, האָט ער פאַרגעסן זיין שוואַכקייט און קערפּערלעכע אויפרעגונג. אין אַ געוויסער מאָס איז אים אפילו אָנגענעם געווען צו באַטראַכטן פון דער ווייטן, מיט איראָנישן רחמנות, דעם דאָזיקן אָרעמען קערפּער, וואָס האָט יעדע מינוט געקאָנט אויסגיין. אויף אַזאַ אופן איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן, טאָמער ווערט ער אָפּהענגיק פון זיין אייגן לעבן. און ער איז געוואָרן אָפּהענגיק פון אַ שטאַרקערער ליידנשאַפט. אָליוויער האָט אַריינגעטראָגן אין זיין ליבע און אין זיין געדאַנק אַלע כּוחות פון דערווירקלעכער וועלט. ער האָט נישט פאַרמאָגט גענוג זאַפט צו לעבן פון דעם אייגענעם פאַרמעגן. ער איז געווען אַ לאָמער, וואָט האָט זיך געמוזט אָן עפּעס אָנהאַלטן. ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי רייך, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך אַליין איבערגעגעבן. דאָס איז געווען אַ נשמה פון אַ פרוי, וואָס האָט געפילט אַ שטענדיקע באַדערפעניש צו ליבן און געליבט צו זיין. ער איז געשאַפן געוואָרן פאַר קריסטאָפן און קריסטאָף פאַר אים. אַזוי זענען אַלע אידעאַלע פריינד די באַגלייטער פון די גרויסע קינסטלער, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשפּראָצט פון די שטאַרקע נשמות. בעלטראַפּיאָ פון לעאָנאַרדאָ, מיקעל אַנדזשעלאָס קאַוואַלערי, די ליבע אימברישע פריינד פון דעם יונגן ראַפּאַעל, אַרטוואַן-געלדערן, וואָס איז געבליבן טריי דעם אָרעמען אַלטן רעמבראַנדט... זיי פאַרמאָגן נישט די גרויסקייט פון די קינסטלער, נאָר ס'דאַכט זיך, אַז אַלדאָס דערהויבענע און ריינע אין דעם גייסט פון די קינסטלער איז געוואָרן נאָך גייסטיקער ביי זייערע פריינד. זיי זענען די אידעאַליסטישע באַגלייטער פון די גאונים.

זייער פריינדשאַפט איז פאַר ביידן געווען אַ ברכה. די ליבע גיט־צו דער נשמה פליגל. די געגנוואַרט פון אַ פריינד גיט דעם לעבן אַ גרעסערן ווערט. דער מענטש לעבט פאַר זיין פריינד, פאַר

אים פאַרטיידיקט ער די גאַנצקייט פון זיין אינדיווידועאַליטעט קעגן דער פאַרניכטנדיקער מאַכט פון דער צייט.

זיי האָבן איינער דעם צווייטן באַרייכערט. אָליוויער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ לויטערער נשמה און אַ קראַנקן גוף. קריסטאָף איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ גרויסן כּוח און אַ שטורמישער נשמה. זיי זענען געווען פּונקט ווי אַ בלינדער מיט אַ הינקענדיקן, וואָס האָבן זיך געפילט זייער שטאַרק ערשט דאַן, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען. פון קריסטאָפן האָט זיך אָליוויער אויסגעלערנט ליב צו האָבן דאָס ליכט. קריסטאָף האָט אַריינגעגאָסן אין אים עפּעס פון זיין שטאַרקער גייסטיקייט, פון זיין קערפּערלעכער און מאָראַלישער קראַפט, וואָס איז געווען געניגט צו אָפּטימיזם, אפילו אין דער צייט פון צער, פון באַעוולהטקייט און האַס; קריסטאָף האָט פון אָליווירן גענומען נאָך מער, ווייל דאָס איז דער וועג פון דעם גאון, וואָס נעמט מיט ליבשאַפט מער, ווי ער האָט געגעבן, ווייל דאָס איז דאָס רעכט פון אַ לייב; ווייל ער איז אַ גאון, און ווייל דער גאון איז דער, וואָס זאַפּט 'אַריין אין זיך אַלדאָס גרויסע אַרום זיך און מאַכט עס נאָך גרעסער. ס'איז דאָ אַ ווערטל, אַז דער רייכער באַקומט אַלץ מיט אַ צולאָג. דער כּוח גייט נאָך די שטאַרקע. קריסטאָף האָט זיך גענערט מיט אָליוויערס געדאַנקען. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך זיין רויקייט, די פרייהייט פון זיין גייסט, דעם ווייטן אַרומפאַסנדיקן בליק, וואָס האָט אַלץ פאַרשטאַנען און אַלץ שטיל באַהערשט. אָבער די מעלות פון זיין פריינד, איבערגעפלאַנצט אין אים, אין אָט דער געבענטשטער ערד, זענען איצט געוואַקסן מיט אַ גרעסערער קראַפט.

זיי האָבן ביידע באַוואונדערט די אוצרות, וואָס זיי האָבן איינער ביים אַנדערן אַנדעקט. וויפיל זאַכן האָבן זיי געהאַט צו טיילן צווישן זיך! יעדער איינציקער האָט אַריינגעבראַכט אַן אומענדלעכן פאַרמעגן, וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט: די גייסטיקע ווערטן פון אַ פאָלק. אָליוויער — די ברייטע קולטור פון פראַנקרייך און אירע פּסיכאָלאָגישע פעיקייטן, קריסטאָף — די אינערלעכע מוזיק פון דייטשלאַנד און די פעיקייט דירעקט אויפצוכאַפּן אַלערליי דערשיינונגען.

קריסטאָף האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אָליוויער איז אַ פראַנצויז. זיין פריינד איז געווען אַזוי אַנדערש פון די פראַנצויזן,

וואָס ער האָט געזען ביז איצט! איידער ער האָט אים באַגעגנט, האָט ער כמעט געהאַלטן פאַרן טיפּישן פאָרשטייער פון מאָדערנעם פראַנצויזישן גייסט לוסיען לעווי־קערן, וואָס איז אייגנטלעך געווען זיין קאַריקאַטור. און אָט האָט אים אָליוויער איבערצייגט, אַז אין פּאַריז זענען פאַראַן אַזעלכע פרייע גייסטער, ווי ער, און אפשר נאָך פריי־ערע אין די געדאַנקען, ווי לוסיען לעווי־קער, און דאָך האָבן זיי מוטיק אָפּגעהיט זייער ריינקייט, ווי די אויסדערוויילטסטע גייסטער אין אייראָפּע. קריסטאָף האָט געפּרוווט איינרעדן אָליוויערן, אַז ער און זיין שוועסטער זענען נישט קיין אמתע פראַנצויזן.

— אָרעמער פריינד, — האָט אָליוויער געענטפערט, — וואָס ווייסטו וועגן פראַנקרייך?

קריסטאָף האָט פּראָטעסטירט און געטענהט, אַז ער האָט זיך באַמיט צו דערקענען פראַנקרייך. ער האָט אויסגערעכנט אַלע פראַנצויזן, וואָס ער האָט געזען אין דער געזעלשאַפט פון די סטעוואַנס און די רוסענס: יידן, בעלגיער, לוקסעמבורגער, אַמעריקאַנער רוסן, מענטשן פון מזרח און אויך עטלעכע אמתע פראַנצויזן.

— אָט דאָס זאָג איך טאַקע, — האָט געענטפערט אָליוויער, — האָסט נישט געזען אפילו קיין איין פראַנצויז. אַ געזעלשאַפט פון ליידיקגייער, וואָס זענען אפילו קיין פראַנצויזן נישט, וואָס יאָגן זיך נאָך תענוגים, פּאָליטיקער, פּוסטע ברואים, דער גאַנצער שוים, וואָס קאָכט זיך אויף דער אויבערפלאַך פון פאָלק און ווערט באַלד נעלם. האָסט געזען נאָר מחנות פליגן, וואָס שלעפּן זיך נאָך אין האַרבסט נאָך די צייטיקע וויינטרויבן. האָסט נישט געלעגט קיין אַכט אויף די פלייסיקע בינען, אויף זייער אַרבעטס־שטאָט, אויף זייער ברע־נענדיקן חשק צו אַרבעט.

— צום טייוול, — האָט קריסטאָף געזאָגט, — כ׳האָב אויך גע־זען אייער גייסטיקע סמעטענע.

— וואָס האָסטו געזען? צוויי אָדער דריי מנינים שרייבער? אַ שיינע מעשה! אין אונזער צייט, אין אַ צייט, ווען די וויסנשאַפט און טאַט האָבן פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט, איז די ליטעראַטור גע־וואָרן די נידעריקסטע פלאַך פונם פאָלקס־געדאַנק. פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור האָסטו בלויז געזען דאָס טעאַטער, דאָס לוקסוס־טעאַ־טער — די אינטערנאַציאָנאַלע קיך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר רייכע בעל־דברים פון די קאָסמאָפּאָליטישע האָטעלן. פּאַריזער טעאַ־

טערן? צי מיינסטו, אַז דער, וואָס אַרבעט דאָרט, ווייס, וואָס עס
קומט דאָרט פאָר? פאַסטער איז דאָרט נישט געווען קיין צען מאָל
אין זיין לעבן! ווי אַלע אויסלענדער, טרייבסטו איבער די באַדייטונג
פון אונזערע ראָמאַנען, בולוואַר־בינעס און פּאָליטישע אינטריגעס.
איך קאָן דיר ווייזן צו יעדער צייט, ווען דו ווילסט, פרויען, וואָס
האָבן קיינמאָל די ראָמאַנען נישט געלייענט, פאַריזער מיידלעך, וואָס
גייען קיינמאָל נישט אין טעאַטער, גייסטיקע מענטשן, וואָס האָבן
זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק. האָסט נישט געזען אונ־
זערע געלערנטע, נישט אונזערע דיכטער; האָסט נישט געזען די איינ־
זאַמע קינסטלער, וואָס האָרעווען אין דער שטיל, און נישט דעם
פלאַקערדיקן פייער פון אונזערע רעוואָלוציאָנערן. האָסט נישט געזען
קיין איין גרויסן גלויביקן, קיין איין גרויסן כופר. לאָמי'ר שוין נישט
רעדן וועגן פאָלק; אויסער דער אָרעמער פרוי, וואָס האָט זיך גע־
פאָרקעט אַרום דיר, — וואָס ווייסטו וועגן פאָלק? ווו האָסטו עס גע־
זען? וויפיל קענסטו פאַריזער, וואָס וווינען איבער צווייטן אָדער
דריטן שטאָק? אויב דו קענסט זיי נישט, קענסטו נישט פראַנקרייך.
דו קענסט נישט די אָרנטלעכע און אמתע נשמות אין די אָרעמע
הייזער, אין די פאַריזער בוידים־שטיבלעך, אין די שטילע פראָווינץ־
שטעט, — וואָס זענען אין משך פון זייער גאַנץ פינסטער לעבן,
פול מיט ערנסטע געדאַנקען און טאָג־טעגלעכער מסירות־נפש, — די
דאָזיקע קליינע געזעלשאַפט, וואָס האָט שטענדיק עקזיסטירט אין
פראַנקרייך, אָרעם אין צאָל און גרויס אין גייסט; וואָס לעבט פאַר־
באָרגענערהייט, נישט אַנטפּלעקנדיק פאַר קיינעם אירע מעשים, —
און זי איז עס דאָך פראַנקרייכס כוח, דער שווייגנדיקער, אייביקער
כוח, בעת די אַזוי־גערופענע „אויבערשטע פון שטויסל" וועלקן אָך
אויפהער... דו וווּנדערסט זיך צו געפינען איין פראַנצויז, וואָס לעבט
נישט, כדי דווקא צו זיין פאַר יעדן פרייז גליקלעך, נאָר כדי צו
דערפילן זיין ראָל און צו דינען דעם גליק? עס זענען דאָ מיליאָנען
מענטשן, ווי איך, וואָס האָבן גיכער פאַרדינט שבחים, עניוותדיקע,
וואָס אַרבעטן ביזן טויט פאַרן אידעאַל, פאַרן גאָט, וואָס ענטפערט
זיי נישט. דו קענסט נישט דאָס קליינע, שפּאָרזאַמע, סיסטעמאַטישע,
אַרבעטזאַמע, רויקע פאָלק, וואָס טיף אין זיין האַרצן ברענט אַן איי־
ביק פייער — דאָס דאָזיקע קרבנות־גרייטע פאָלק, וואָס דער אַלטער
בלוי־אויגיקער וואָבאַן האָט עס אַמאָל פאַרטיידיקט קעגן דעם עגאָיזם

פון די גרויסע. קענסט נישט דאָס פאָלק און קענסט נישט די העכערע געזעלשאַפט. צי האָסטו געלייענט איינס פון די ביכער, וואָס זענען אונזערע טרייע באַגלייטער, חברים, וואָס דערקוויקן אונזער גייסט? צי ווייסטו וועגן דער עקזיסטענץ פון די קליינע צייטונגען, ווו מען פאַרשווענדט אַזוי פיל מסירות-נפש און גלויבן? צי האָסטו אַ באַגריף וועגן אונזערע עטישע מענער, וואָס גלאַנצן אונז, ווי די זון, און וואָס זייער שטומע שיין וואַרפט אַ פחד אויף דער מחנה געמיינע און גענאַרגיקעס? זיי האָבן דעם מוט נישט צו פירן אַן אָפענעם קאַמף, זיי בויגן די קעפ פאַר זיי, כדי עס זאָל זיי זיין לייכטער זיי צו פאַרראַטן. דער, וואָס הנפעט, איז אַ קנעכט, און ווו ס'איז דאָ אַ קנעכט, איז אויך דאָ אַ האַר. דו קענסט נאָר די קנעכט, דו קענסט נישט די האַרן. דו האָסט זיך צוגעקוקט צו אונזערע מלחמות און האָסט געפונען אין זיי בלויז ווילדע מעשים, אָבער דו האָסט נישט פאַרשטאַנען זייער זין. דו זעסט די שאָטנס און ליכט-פלעקן, נאָר דו זעסט נישט דאָס אינערלעכע ליכט, אונזער נשמה פון די דורות. צי האָסטו זיך באַמיט ווען-עס-איז צו דערקענען אונזער גייסט? צי האָסטו זיך אַמאָל צוגעקוקט צו אונזערע העלדישע מעשים פון די קרייץ-צוגן ביז דער קאָמונע? צי האָסטו אַריינגעדרונגען אין דעם טראַגיזם פון דעם פראַנצויזישן גייסט? צי האָסטו זיך איבערגעבויגן איבער די אָפגרונטן פון פאַסקאַלס נשמה? ווי קאָן מען שפייען קלעק אויף אַזאַ פאָלק, וואָס שוין טויזנט יאָר, ווי עס אַרבעט און שאַפט, אַ פאָלק, וואָס האָט געפורעמט די גאַנצע וועלט לויט זיין געשטאַלט, דורך דער גאָטישער קונסט, דורך דעם זיבצענטן יאָרהונדערט, דורך דער רעוואָלוציע — אַ פאָלק, וואָס איז צען מאָל געווען אין פייער און איז אַרויס פון דאָרט ווי שטאָל, אַ פאָלק, וואָס איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן און איז צוואַנציק מאָל אויפגעשטאַנען תחית-המתים!... — איר זענט אַלע ענלעך איינער צום צווייטן. אַלע פון דיין פאָלק, וואָס קומען צו אונז, זעען נאָר די קרעץ, וואָס פרעסט אונז אויף, די געפאַלענע שרייבער, פאָליטיקער און פינאַנסיסטן מיט זייערע כנופיות, נושא-כלים און טעלערלעקער, — און זיי משפטן פראַנקרייך לויט די דאָזיקע ברואים, וואָס מאַכן פון איר אַ תל. און קיינער פון אייך האָט נישט אַ טראַכט געטון וועגן דער אמתער דערשלאָגענער פראַנקרייך, וועגן די לעבנס-אוצרות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די פראַנצויזישע פראָווינץ-שטעט, וועגן דעם דאָזיקן אַרבעטזאַמען פאָלק, וואָס לעגט

נישט קיין אַכט אויפן טומל פון די טאָג-בעלי-דעות. יאָ, עס איז זייער באַטירלעך, וואָס איר ווייסט וועגן זיי גאָרנישט. איך האָב צו אייך קיין טענות נישט. פונוואַנעט זאָלט איר עס וויסן? אפילו פראַנצויזן אַליין קענען כמעט אויך נישט פראַנקרייך. די בעסטע פון אונז פילן זיך אויף דער אייגענער ערד אָפּגעריסן און ווי אין אַ תפיסה. מען וועט קיינמאָל נישט דערגיין, וויפיל מיר ליידן. מיר, וואָס זענען צוגעבונדן צום גאון פון אונזער ראַסע, וואָס היטן אין זיך, ווי אַ הייליקן אוצר, דאָס באַקומענע ליכט, וואָס מיר פאַרטיידיקן פאַרצווייפלט קעגן אַלע לעשנדיקע ווינטן, — מיר אַליין, בעת מיר האָבן דערפילט אַרום זיך די פאַרסמטע לופט פון די דאָזיקע גבעונים, וואָס זענען באַפאַלן אונזערע געדאַנקען, ווי אַ מחנה פליגן, און וואָס זייערע העסלעכע ווערים פרעסן אויף אונזער שכל און באַשמוצן אונזער האַרץ... די, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן צו פאַרטיידיקן אונז, פאַרראַטן אונז, — אונזערע פירער, נאַרישע, פחדנותדיקע קריטיקער, וואָס חנפענען דעם שונא, כדי ער זאָל זיי מוחל זיין, וואָס זיי געהערן צו אונזער פאָלק. מיר, פאַרלאָזענע אפילו פון דעם פאָלק גופא, וואָס אינטערעסירט זיך נישט מיט אונז און וואָס קען אונז נישט... ווי אַזוי קאָנען מיר זיך מיט אים באַקענען? מיר קאָנען דאָך צו אים נישט דערגרייכן. אָ, דאָס איז צום שווערסטן! מיר ווייסן, אַז עס זענען דאָ אין פראַנקרייך מיליאָנען מענטשן, וואָס טראַכטן, ווי מיר, אַז מיר רעדן אין זייער נאָמען — און דאָך קאָנען מיר נישט דערלאָזן הערן אונזער שטים! דער שונא האָט אַלץ באַהערשט... די צייטונגען, שריפטן, טעאַטערן... די פרעסע מיידט אויס יעדע אידעע, אויב זי איז נישט קיין ענין פון תענוג אָדער אַ פּאַרטייאישער כלי-זין, די אינטריגעס און כנופיות לאָזן-צו נאָר דעם, וואָס דערנידעריקט זיך פאַר זיי. די נויט און די אָנגעשטרענגטע אַרבעט דריקן אונז צו דער ערד. די גיריקע פּאָליטיקער אינטערעסירן זיך נאָר מיט איבערקויפן אַ טייל פּראָלעטאַריער, די גלייכגילטיקע עגאָיסטישע בורזשואַזיע קוקט זיך צו, ווי מיר גייען אויס פאַר אירע אויגן. דאָס פאָלק קען אונז נישט. אפילו די, וואָס קעמפן צוזאַמען מיט אונז אין האָפנונגסלאָזער שטילקייט, ווייסן נישט וועגן אונז, פונקט ווי מיר ווייסן נישט וועגן זייערע פאַריז! עס האָט בלי־ספק גוט געטון, קאָנצענטרירנדיק זיך אַלע כוחות פון דעם פראַנצויזישן געדאַנק, אָבער דאָס שלעכטס, וואָס עס האָט געטון, איז נישט קלענער פון דאָס גוטע, און אין אַזאַ

תקופה, ווי אונזערע, ווערט אויך דאָס גוטע פאַרוואַנדלט אין שלעכטס. ס׳איז געגוג, אַז די פאַלשע אַריסטאָקראַטן זאָלן איינגעמען פאַריז און געמען בלאָזן אין דעם שרעקלעכן שופר פון דער עפנטלעכער מיינונג, — כדי פראַנקרייך זאָל אינגאַנצן דערשטיקט ווערן. נאָך מער, פראַנקרייך נאַרט זיך אַליין אָפּ; זי שווייגט אַ צעטומלטע און באַהאַלט מיט שרעק די געדאַנקען אין זיך... אַמאָל האָב איך שטאַרק געליטן דערפון, אָבער איצט, קריסטאָף, בין איך רויק. כ׳האָב פאַרשטאַנען מיין כוח און דעם כוח פון מיין פאָלק. מען דאַרף נאָר וואַרטן ביז ס׳וועט אַריבער די פאַרפלייצונג. פראַנקרייכס גראַניט־שטיין וועלן זיי נישט צעברעכן. איך וועל דיר העלפן אָנרירן דעם פעלז איבער דער בלאָטע, וואָס האָט אים פאַרגאָסן. און אָט זעט מען שוין דאָ און דאָרט די שפּיצן פון די הויכע בערג...

פאַר קריסטאָפס אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט די שטאַרקע קראַפט פון אידעאַליזם, וואָס האָט באַגייסטערט די פראַנצויזישע דיכטער, מוזיקער און געלערנטע פון זיין צייט. בעת דער טומל פון די טאָג־בעלי־דעות מיט זייער גראָבער חושימדיקייט האָט זיך געשטאַרקט איבער דעם פראַנצויזישן געדאַנק, האָט דער דאָזיקער געדאַנק גענומען וועבן פאַר זיך און פאַר זיין גאָט אַ ליד, וואָס האָט געגליט פון ליבע. ער איז געווען צו איידל אַרויסצוגיין אין קאַמף אַנטקעגן דעם חוצפּהדיקן געשריי פון די גאַסן־מענטשן. ס׳האָט אפילו אויסגעזען, אַז אין דער שטרעבונג צו דערווייטערן זיך פון דעם עקלדיקן גאַסן־טומל, באַהאַלט זיך דער פראַנצויזישער געדאַנק אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין וועזן.

די איינציקע דיכטער, וואָס האָבן פאַרדינט דעם דאָזיקן שיינעם נאָמען, וועלכע די צייטונגען און די אַקאַדעמיעס האָבן געשאָנקען יעדן כבוד־ אָדער געלט־גייציקן פלוידערזאַק, — די דיכטער, וואָס האָבן געפילט אַ פאַראַכטונג צו דער פאַרשייטער מליצה און צום רעאַליזם, וואָס בייסט אָפּ די שאָל פון לעבן און קאָן נישט אַריינדרינגען אינעווייניק, — די דאָזיקע דיכטער האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער נשמה, אין אַ מיסטישער זעונג, צו וועלכער ס׳האָט גע־

שטרעבט די וועלט פון געשטאַלטן און אידעען, ווי אַ שטראָם, וואָס ציט זיך צום ים, און האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די פאַרבן פון איר אינערלעך לעבן. דער המון קאָן נישט אַזוי לייכט תופס זיין די גרויסקייט פון אָט דעם אידעאַליזם, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט אין זיך, כדי צו באַשאַפן די וועלט פון ס׳ניי. קריסטאָף האָט פון אָנהויב אַליין אויך נישט פאַרשטאַנען. נאָכן יאַריד איז דער איבערגאַנג געווען צו האַסטיקער. ער איז געווען ווי איינער, וואָס גייט אַרויס פון אַ מוראדיקן טומל און פון אַ פאַרבלענדנדיק ליכט אין דער שטילער נאַכט אַריין. אין זיינע אויערן האָבן גערוישט קולות. ער האָט שוין מער גאָרנישט געזען. אין דער ערשטער רגע, צוליב זיין ברענענדיקער ליבע צום לעבן, איז ער געווען איבעראַשט פון דעם דאָזיקן קעגנזאַץ. פון דרויסן האָבן געשטראָמט די עמפינדונגען און געפילן, וואָס האָבן אויפגערודערט פראַנקרייך און די גאַנצע מענטשהייט. און אין דער קונסט איז לפנים גאָרנישט קענטיק געווען. קריסטאָף האָט געפרעגט אָליוויערן:

— די מעשה־דרייפוס דערהויבט אייך ביז די שטערן און שליידערט אייך אַראָפ אין אַ תהום. ווּ איז דער דיכטער, וואָס האָט איבערגעלעבט די דאָזיקע יסורים? אין דער צייט קומט פאָר אין די רעליגיעזע נשמות אַ קאַמף, וואָס האָט קיינמאָל קיין גלייכן נישט געהאַט אין דער וועלט. — אַ קאַמף צווישן דער מאַכט און דער קירכע און די רעכט פון דער וויסנשאַפט. ווּ איז דער דיכטער, וואָס זאָל איבערלעבן די דאָזיקע הייליקע אימה? דאָס אַרבעטער־פאָלק גרייט זיך צו אַ מלחמה. פעלקער שטאַרבן אויס. פעלקער לעבן אויף. די אַרמענער ווערן געשאָכטן. אַזיען כאַפט זיך אויף פון טויזנטיעריקן שלאָף און וואַרפט אום דעם מאָסקווער ריז, דעם טויער־מאַן פון אייראָפע. טערקיי עפנט־אויף די אויגן צום טאָג־ליכט, ווי אדם הראשון. דער מענטש נעמט איין די לופט; די ערד קריצט און שפאַלט זיך אונטער אונזערע פיס, — זי שלינגט איין אַ גאַנץ פאָלק... אָט די דאָזיקע וווּנדער, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון צוואַנציק יאָר און וואָס וואָלטן געקאָנט שפייזן צוואַנציק אַזעלכע לידער ווי „איליאַס" — ווּ זענען זיי? ווּ איז זייער פייער־כתב אין די ווערק פון אייערע דיכטער? — צי זענען זיי די איינציקע, וואָס זעען נישט די דיכטונג פון דער וועלט?

— געדולד, מיין פריינד, געדולד! — האָט אים געענטפערט

אָליוויער. — שווייג, רעד נישט, הער...

ביסלעכווייז איז אַנטשוויגן געוואָרן דאָס סקריפּען פון דעם שווערן וואָגן פון דער געשיכטע איבערן ברוק. דעמאָלט איז אַרויס־געשטיגן דאָס געטלעכע ליד פון דער שטילקייט.

„די זשומעריי פון בינען, דער ריח פון דעם צעדערבוים...
דער ווינט
קושט מיט גאָלדענע ליפּן די לאָנקעס...
די זיסקייט פון דעם טריפּנדיקן רעגן מיטן ריח פון בשמים..."

מ'האָט געהערט, ווי דער דיכטער קלאַפּט אויס מיט זיין האַמער
„די איידעלע דערהויבנקייט און שיינקייט פון דער וועלט,
דאָס פריילעכע לעבן
מיט זיינע גאָלד־גלעקלעך און פייפעלעך",
די רעליגיעזע פרייד, דעם גלויבן, וואָס שפּרודלט אַרויס ווי אַ קוואַל פון די נשמות,
„וואָס יעדער שאָטן איז פאַר אים — ליכט"...
און דעם גוטן אומעט, וואָס וויגט דיך און שמייכלט צו דיר
„מיט זיין שווער פּנים, וואָס פון אים פאַרשווינדט ניט
דאָס יענוועלטיקע ליכט..."
און אויך
„דער לויטערער טויט, מיט זיינע גרויסע, גוטע אויגן..."

דאָס איז געווען אַ סימפאָניע פון האַרמאָנישע, דינע שטימען. קיין איינע פון זיי האָט זיך נישט צווישגעצייכנט מיט יענעם ברייטן טאָן פון די פאָלקס־שופרות, ווי די שטימען פון קאָרנעל אָדער הוגאָ; אָבער ווי טיף און ווי דין איז געווען זייער שטים! די רייכסטע פון אַלע מוזיקן אין דער היינטיקער אייראָפּע.

און אָליוויער האָט זיך אָנגערופן צום שווייגנדיקן קריסטאָף:

— איצט פאַרשטייסטו שוין?

קריסטאָף האָט אים אויך געווונקען, ער זאָל שווייגן. כאָטש ער האָט צום שטאַרקסטן ליב געהאַט געזונטע מוזיק, האָט ער דאָך מיט דורשט געטרונקען דעם שאַרך פון די וועלדער און פון די נשמה־קוואַלן, וואָס זייער רויש איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן. זיי האָבן צווישן די פאַרשווינדנדיקע און זיך טוישנדיקע פעלקער־מלחמות געזונגען דאָס ליד פון דער וועלטס יוגנט־אייביקייט, וועגן
„דער אָנגענעמער גיטסקייט פון דער שיינקייט"...

בעת די מענטשהייט

„טאַנצט איר טאַנץ אינם וויסטן חושך
מיט אימה־געשריי און קלאָג־ליד..."

בעת מיליאָנען מענטשן ראַנגלען זיך, רייסן אַרויס איינער ביים צווייטן שטיקלעך פרייהייט, באַפלעקט מיט בלוט, רופן די בייע קוואַלן:

פרייהייט! פרייהייט!... הייליק, הייליק!...

און דאָך זענען זיי נישט אַנטדרימלט געוואָרן אינם חלום פון עגאָיסטישער פרייד. צווישן דעם כאַר פון דיכטער האָבן נישט גע־פעלט די טראַגישע שטימען: שטימען פונם גאון, שטימען פון ליבע, שטימען פון שרעק.

„דאָס איז געווען אַ שיכורער געווירבל
מיט זיין גראָבן כוח אָדער טיפער זיסקייט,"

די שטורמישע כוחות, די כאַאָטישע עפּאָפּייעס פון די, וואָס זינגען אויס דעם פיבער פונם המון, די מלחמות צווישן די מענטשן־געטער, וואָס אַרבעטן אָן אָפּרו;

„אַ פּנים פון טינט און פון גאָלד רייסט אַדורך דעם חושך און נעפּל,
מענטשן באַפּאַנצערטע זאַמלען זיך פלוצלינג צונויף
אַרום די גרויסע פייערן פון די ריזיקע קאָוואַדלעס..."

זיי זענען די בויער פון דער צוקונפטס־שטאָט.

אינם דאָזיקן פאַרבלענדנדיקן און מאַטן ליכט, וואָס איז געפאַלן אויף דער קולטור, האָט זיך אַרויסגעזען די שטאַרקע פאַרביטערונג פון די איינזאַמע מענטשן, וואָס פרעסן זיך אַליין אויף אין דער פרייד פון פאַרצווייפלונג.

וויפיל כאַראַקטער־שטריכן פון די דאָזיקע אידעאַליסטן האָבן אויסגעזען אינם דייטשס אויגן מער דייטש, ווי פראַנצויזיש. אָבער זיי זענען אַלע געווען פול מיט ליבשאַפט צו „פראַנקרייכס קלאָרער שפּראַך", און פון זייער דיכטונג האָט געטריפט דער גריכישער מי־טאָס. פראַנקרייכס שיינע בילדער און איר טאָג־טעגלעך לעבן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן ווי דורך כישוף, אין די בילדער פון אַטען. מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז אין די דאָזיקע פראַנצויזן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן ווידער אויפגעלעבט אַלטע גייסטער און אַז ס׳איז גענוג געווען פאַר זיי אויסצוטון פון זיך די מאָדערנע קליידער,

כדי ווידער צו ווערן שיין אין זייער נאַקעטקייט.

פון דער דאָזיקער פּאָעזיע האָט געהויכט אַ ריח פון אַ רייכער קולטור, וואָס איז זינט לאַנגע דורות צייטיק און וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן אין גאַנץ אייראָפּע. אַ מענטש, וואָס האָט אַריינגעאָטעמט איר לופט, קאָן זי שוין נישט פאַרגעסן. פון אַלע לענדער פון דער וועלט זענען געקומען צו איר פרעמדע קינסטלער. דאָרט זענען זיי געוואָרן אמתע פראַנצויזן, פראַנצויזישע דיכטער, און די קלאַסישע פראַנצויזישע קונסט האָט זיך געפונען גוטע תלמידים צווישן די ענגלענדער, פלעמער און די דאָזיקע גריכן.

קריסטאָף, וואָס אַליוויער איז געוואָרן זיין וועג-ווייזער, האָט מיט זיין הילף אַריינגעדרונגען אין דער רעפלעקסירנדיקער שיינקייט פון דער פראַנצויזישער פּאָעזיע, כאָטש אין האַרצן האָט ער בעסער אָנשטאָט דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטישער דאַמע, וואָס איז געווען פאַר אים אַ ביסעלע צו כיטרע, געוואָלט אַ פּשוט פאָלקס-מיידל, אַ געזונטע און געטאָקטע, וואָס פאָדערט נישט קיין חשבונות, נאָר האָט ליב.

דער דאָזיקער Odor di bellezza (ריח פון שיינקייט) האָט אַרויסגעהויכט פון דער גאַנצער פראַנצויזישער קונסט, ווי דער ריח פון גרינס אין די פון זון געוואַרעמטע הערבסט-וועלדער. די מוזיק איז געוואָרן, ווי דער גראָז, וואו ס'ליגן באַהאַלטן די יאַגעדעס, נאָר וואָס זייער ריח קלעקט צו פאַרשיכורן דעם גאַנצן וואַלד. פריער איז זיי קריסטאָף פאַרבייגעגאַנגען, נישט לעגנדיק קיין שום אַכט, ווייל ער איז געווינט געווען אין זיין פאָטערלאַנד צו שענער מוזיק־קוסטעס און גלאַנצנדיקע פּירות. אָבער דער דינער ריח, וואָס האָט פון זיי געשמעקט, האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט; מיט אָליוויערס הילף האָט ער אָפּגעדעקט אַלע שטיינער, שטאַמען, איינגעפריקנטע בלעטער, וואָס האָבן זיך געגרויסט מיטן נאָמען מוזיק, די איידעלע, נאַיווע קונסט פון אַ הייפל מוזיקער. צווישן דעם געמויזעכץ און פאַבריק־רויך פון דער דעמאָקראַטיע, אויפן פלאַכלאַנד סען־דעני האָבן רויקע פאַונען געטאַנצט אינם הייליקן וואַלד. קרי־

סטאָף האָט זיך איבערראַשט צוגעהערט צו זייער פייפל־שפּיל, וואָס איז געווען איראָניש און פריילעך און נישט ענלעך צו דעם, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געהערט:

אַ קליין פייפל האָט געקלעקט
אויפצוטרייסלען דאָ דעם גראָז,
אויפצורודערן די לאָנקע,
און די שיינע ווערבע־קוסטעס
און דאָס טייכל זינגט אויך מיט;
אַ קליין פייפל האָט געקלעקט
אָנצופילן דעם וואַלד מיט שירה...

אונטערן באַנאַלן חן און בולטן דילעטאַנטיזם פון די דאָזיקע קליינע שטיקלעך, וואָס זענען באַשטימט פאַר פיאַנינאָ, פון די דאָזיקע לידלעך, פון אָט דער פראַנצויזישער שטוב-מוזיק, וואָס די דייטשע קונסט האָט נישט באַוויליקט צו לעגן אויף איר קיין אַכט און קריסטאָף אַליין האָט ביז איצט אָפּגעווענדט די אויגן פון איר פּאָעטישער ווירטואָזיטעט, — אונטער דעם האָט קריסטאָף אָנגעהויבן איצט צו זען דעם באַגייונגס-פיבער, די אומרו, וואָס איז אומבאַקאַנט אויף יענער זייט רהיין, ווו די פראַנצויזישע מוזיקער האָבן געזוכט די קערנער, וואָס זאָלן זיין מסוגל צו באַפרוכפּערן די צוקונפט. בעת די דייטשע מוזיקער האָבן רויק געדרימלט אין דעם לאַגער פון זייערע עלטערן און געוואָלט, מ׳שטיינס געזאָגט, אָפּהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער וועלט מיט דער מחיצה פון זייערע נצחונות אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז דערווייל די וועלט געגאַנגען פאָרויס; און די פראַנצויזן זענען געגאַנגען פאָרויס אויפצודעקן נייעס; זיי האָבן געפאָרשט די ווייטקייטן פון דער קונסט, די זונען, וואָס זענען אויסגעגאַנגען, און די וואָס גייען אויף, דאָס פאַרשוווּנדענע גריכנלאַנד און דעם ווייטן מזרח, וואָס עפנט אויף אין באַגינען-שיין, נאָך פיל הונדערטער יאָרן, זיינע גרויסע אויגן, פול מיט חלומות אָן אַ סוף. אין דער מוזיק פון מערב, וואָס דער גייסט פון אָרדנונג און קלאַסישער באַדענקלעכקייט האָט זי דורכגעלאָזן דורך באַשטימטע פילטרען, אין זייערע ווערסאַיל-טייכלעך — האָבן זיי דערטרונקען אַלע וואַסערן פון דער וועלט. מעלאָדיעס, פאָלקסטימלעכע ריטמען, אָריענטאַלישע און אַלטע גאַמען, נייע אָדער באַנייטע מינים אינטערוואַלן. פונקט ווי די אימפּרעסיאָניסטישע קינסטלער האָבן אויפגעדעקט אַ

נייע וועלט אונטער דער זון — ווי די קאָלומבוסן פונם טאָג-ליכט — אַזוי האָבן זיך זייערע מוזיקער באַמיט מיט גרויס באַגייסטערונג איינצונעמען די וועלט פון קלאַנגען. זיי זענען אַריינגעדרונגען ט־פער אין די מיסטעריעזע סודות פונם געהער. זיי האָבן אינם דאָזיקן אינערלעכן ים אַנטדעקט נייע לענדער. מ׳קאָן, וואָס אַן אמת, מיינען, אַז זיי באַנוצן זיך גאָרנישט מיט די נצחונות. זיי זענען נאָר די וועג-מאַכער פאַר דער וועלט.

קריסטאָף האָט זיך געוווּנדערט, פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ אי-ניציאַטיוו צו דער דאָזיקער מוזיק, וואָס איז ערשט נעכטן תחית־המתים אויפגעשטאַנען און איז שוין אַ פיאָנער פון דער קונסט. וויפיל מוט עס איז פאַראַן אין אָט דער איידעלער, קליינער נשמה! ער האָט איצט מוותּר געווען אויף אַלע אירע שפּיצלעך, וואָס ער האָט אַמאָל געפונען אין איר. נאָר די, וואָס טוען גאָרנישט, האָבן קיינמאָל קיין טעות נישט, אָבער דער טעות, וואָס שטרעבט צום לעבעדיקן אמת, איז געזונטער און הייליקער פונם טויטן אמת.

ווי די רעזולטאַטן וועלן נישט זיין, — דער פאַרנעם איז גע-ווען אַ רייצנדער. אַליוויער האָט געוויזן קריסטאָפן, וואָס עס איז געוואָרן אויפגעטון אין משך פון פינף און דרייסיק יאָר, דעם סכום ענערגיע, וואָס איז פאַרשווענדט געוואָרן, כדי אויפצובויען די פראַנ-צויזישע מוזיק פונם גאָרנישט, אין וועלכן זי האָט געדרימלט ביזן יאָר 1870: אָן אַ סימפאָנישער שולע, אָן לערער, אָן אַן עולם, בלויז מיט איין בערליאָזן, וואָס איז געשטאָרבן אין שטיקעניש און לאַנג־ווייל. קריסטאָף האָט איצט געפילט אַ יראת-הכבוד צו די מייסטער פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. ס׳איז אים מער נישט איינגעפאַלן זיי צו מוסרן צוליב דער ענגשאַפט פון זייער עסטעטיק אָדער צוליב זייער מאַנגל אין פעיקייטן. זיי האָבן געשאַפן מער, ווי אַ ווערק: זיי האָבן באַשאַפן אַ מוזיקאַליש פאָלק. צווישן די גרויסע אַרבעטער, וואָס האָבן אַנטוויקלט די פראַנצויזישע מוזיק, איז אים טייער געווען דער עיקר איינער: דאָס איז געווען צעזאַר פראַנק, וואָס איז גע-שטאָרבן און נישט זוכה געווען צו זען דעם נצחון, וואָס ער האָט אַליין צוגעגרייט, און וואָס האָט געטראָגן אין זיך אין די פינס-טערסטע יאָרן פון דער פראַנצויזישער קונסט, ווי יענער אַלטער שיף, זיין אמונה און דעם גאון פון זיין ראַסע. אַ רירנדיקע דער־שיינונג: אין דעם דאָזיקן פאַריז, וואָס יאָגט זיך נאָך תענוגים, —

אַזאַ מלאך. אַ מוזיקאַלישער קדוש, וואָס האָט אין אַ לעבן פון נויט און עקלדיקער אַרבעט אָפּגעהיט די ריינקייט פון זיין ליידנדיקער נשמה, וואָס איר עניוותדיקער שמייכל איז געפאַלן, ווי אַ שיין, אויף דער געבענטשטער מוזיק.

פאַר קריסטאָפן, וואָס האָט נישט געקאָנט דאָס אינערלעכע לעבן פון פראַנקרייך, איז די דערשיינונג פונם דאָזיקן גרויסן, גלויבנדיקן קינסטלער צווישן אַ פאָלק כופרים געווען ממש אַ וואונדער.

אָבער אָליוויער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געפרעגט, אין וועלכן לאַנד אין אייראָפּע קאָן מען געפינען אַ מאָלער, וואָס דער גייסט פון דער ביבל זאָל לעבן אין זיין קונסט אַזוי שטאַרק, ווי ביים פוריטאַנער פראַנסואַ מילע; צי איז דאָ אַ געלערנטער מיט מער באַגייסטערטער, עניוותדיקער אמונה, ווי דער העלער פאַסטער, וואָס קניט פאַרן געדאַנק פון דער אומענדלעכקייט און וואָס איז גרייט געווען, בעת די דאָזיקע אידעע האָט אים באַהערשט, „צו בעטן — ווי ער האָט אַליין געזאָגט — רחמים, מחמת בליענדיקער שרעק, ביי זיין שכל, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער איז נאָענט צו פאַסקאַלס דערהויבענעם שגעון". טיפע קאַטוילישקייט איז שוין מער נישט געווען קיין משא פאַרן שטאַרקן, רעאַלן חוש פונם ערשטן פון די דאָזיקע צוויי מענטשן און נישט פאַרן ליידנשאַפטלעכן שכל פונם צווייטן, וואָס איז מיט זיכערע טריט, נישט אָפּטרעטנדיק אין אַ זייט, דורכגעגאַנגען „די עיקרדיקע נאַטור־גרענעצן, די גרויסע אומענדלעכע נאַכט, די לעצטע תהומות פונם זיין, וואָס פון זיי אַנטשטייט דאָס לעבן". זיי האָבן געשטאַמט פון די פּראָווינץ־שטעט, און פונם פּראָווינץ־פאָלק האָבן זיי געשעפּט די דאָזיקע אמונה, וואָס גליט נאָך אויף דער פראַנצויזישער ערד און וואָס די באַרעדעוודיקייט פון עטלעכע דעמאַגאָגן וויל זי אומזיסט מבטל מאַכן. די דאָזיקע אמונה איז אָליוויערן גוט באַקאַנט געווען: ער האָט זי געטראָגן אין זיך.

ער האָט געוויזן קריסטאָפן די וואונדערבאַרע באַוועגונג פונם זיך באַנייענדיקן קאַטוליציזם, וואָס איז גערודפט שוין פינף און

צוואַנציק יאָר ; די שטאַרקע אָנשטרענגונג פונם קריסטלעכן געדאַנק אין פראַנקרייך שלום צו מאַכן מיטן שכל, מיט דער פרייהייט און מיטן לעבן ; די ווונדערבאַרע פריסטער, וואָס האָבן געהאַט מוט, ווי איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט, „זיך אָפּצוטובלען פונדאַסניי און צו ווערן מענטשן” ; וואָס האָבן געפאָדערט פאַרן קאַטויליציזם דאָס רעכט אַלץ צו פאַרשטיין און זיך אָנצוקלאַמערן אָן יעדן גלייכן געדאַנק, ווייל יעדער „גלייכער געדאַנק, אַפילו ווען ער איז אַ טעות, איז ער הייליק און געטלעך” ; די מיליאָנען יונגע קאַטוילן, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם דערהויבענעם פאַרלאַנג אויפצובויען אַ פרייע, ריינע קריסטלעכע רעפּובליק, אַ ברודער־מלוכה, וואָס זאָל שטיין אָפן פאַר יעדן מענטשן מיט ערנסטע כוונות. און נישט געקוקט אויף די געמיינע באַשולדיקונגען אין אפּיקורסות און פאַרראַט קעגן די דאָזיקע גרויסע קריסטן פון רעכטס און פון לינקס (דער עיקר פון רעכטס), האָט דאָך געשפּרייזט דער דאָזיקער מוטיקער, קליינער לעגיאָן פאָרויס איבערן וועג, וואָס האָט דורך פיל שטרויכלונגען געפירט צו דער צוקונפט ; געשפּרייזט מיט אַ לויטער האַרץ, גרייט אויסצושטיין אַלערליי יסורים, מיטן באַוווסטזיין, אַז מ׳קאָן נישט בויען קיין שטענדיקן בנין, אויב ער וועט נישט זיין דורכגעזאַפּט פון טרערן און בלוט.

דער דאָזיקער אָטעם פון לעבעדיקן אידעאַליזם און שטורמישן ליבעראַליזם האָט אויפגעלעבט די איבעריקע רעליגיעס אין פראַנקרייך. דער ציטער פון אַ נייַ לעבן איז אַדורך איבער די ברייטע, פאַרגליווערטע גופים פונם פּראָטעסטאַנטיזם און יידנטום. אַלע האָבן זיך אָנגעשטרענגט מיט איידעלער באַגייסטערונג צו שאַפן אַ רעליגיע פון אַ פרייער מענטשהייט, וואָס איז גאָרנישט מקריב, נישט דעם כוח פון איר שכל און נישט איר התלהבות.

די דאָזיקע רעליגיעזע התפעלות האָט באַהערשט נישט בלויז די רעליגיעס אַליין. זי איז געוואָרן די נשמה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָרט האָט זי באַקומען אַ טראַגישן כאַראַקטער. קריסטאָף האָט ביז דעמאָלט געזען נאָר דעם סאָציאַליזם פון די פּאָליטיקער, וואָס האָט דערוועקט ביי זיינע הונגעריקע אָנהענגער דעם קינדערשן און מגושמדיקן חלום פון גליק ; אָדער, אויב מיר זאָלן זאָגן אָפנהאַרציק, וועגן דעם פאַרגעניגן, וואָס די וויסנשאַפט וועט לויט זייער מיינונג פאַרשאַפן אַלעמען מיט דער הילף פון דער מלוכה־

מאַכט. קעגן אָט דעם דאָזיקן עקלדיקן אָפּטימיזם האָט קריסטאָף דערזען די פאַרבאָרגענע שטאַרקע רעאַקציע פון די העכערע פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָבן געפירט די אַרבעטער־פאַרטייען צום קאַמף. דאָס איז געווען די לאָזונג „צום קאַמף, וואָס וועט געבוירן דאָס דערהויבענע צום העלדן־קאַמף, וואָס נאָר ער אַליין קאָן געבן דער גוסטדיקער וועלט אַ נייען זין, אַ ציל, אַן אידעאַל". די דאָזיקע גרויסע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיי איז נמאס געוואָרן דער בורזשואַזער, קריגערישער און גלייכציייטיק רודף־שלומדיקער ענגלישער סאָציאַליזם, האָבן קעגן אים אַוועקגעשטעלט דאָס טראַגישע בילד פון דער אומענדלעכקייט, וואָס איר געזעץ איז די סתּירה, וואָס לעבט פון אַן אייביקן, טאָג־טעגלעך זיך באַנייענדיקן קרבן. מען קאָן, וואָס אַן אמת, צווייפלען, צי די דאָזיקע אַרמיי, וואָס אירע באַפוילער האָבן זיי געפירט קעגן דער אַלטער וועלט, איז מסוגל צו פאַרשטיין דעם קעמפנדיקן מיסטיציזם, וואָס האָט זיך גלייכצייטיק באַנוצט מיט דער טעאָריע פון קאַנט און ניטשע און איז דאָך געוואָרן ביי דער דאָזיקער מחנה אַריסטאָקראַטן אַ רירנדיק בילד. זייער שיכּורער פעסימיזם, זייער העלדישע פאַראַכטונג צום לעבן, זייער באַגייסטערטע אמונה אין קאַמף און זייער מסירות־נפש זענען ענלעך געווען צום מיליטערישן און רעליגיעזן אידעאַל פון אַן אָרדן דייטשע ריטער אָדער יאַפּאַנישע סאַמוראַען.

און דאָך איז עס געווען ריין פראַנצויזיש: דאָ האָט געווירקט די פראַנצויזישע ראַסע, וואָס איר כאַראַקטער האָט זיך אָן ענדערונג אויפגעהאַלטן הונדערטער יאָרן. קריסטאָף, געפירט פון אָליוויערן, האָט עס געזען ביי די טריבונען און פראָקאָנסולן פון קאָנווענט, ביי עטלעכע דענקער און טוער, ביי פראַנצויזישע רעפאָרמאַטאָרן פון דער אַלטער אָרדנונג, ביי קאַלוויניסטן, זשאַן־סעניסטן, יאַקאָבינער, סינדיקאַליסטן, אומעטום איז געווען דער פעסימיסטישער אידעאַליזם, וואָס קעמפט אָן אילוזיעס און אומדערמידלעך מיט דער נאַטור — דער אייזערנער כּלי־זין, וואָס האַלט אויף די גאַנצע אומה.

קריסטאָף האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך די מיסטעריעזע קאַמפלוסטיקע נשמות און האָט געגומען פאַרשטיין די גרויסקייט פון דעם דאָזיקן פאַנאַטיזם, וואָס פראַנקרייך האָט אַריינגעבראַכט אין אים אמונה און יושר, בעת די איבעריקע פעלקער, וואָס זענען געניגט צו קאָמבינאַציעס, האָבן דערפון קיין באַגריף נישט געהאַט. ווי אַלע אויס־

לענדער, האָט זיך אויך קריסטאָף גערן געוויצלט איבער ,דער אָפּע־
בער סתירה צווישן דער פראַנצויזישער באַוווּנדערונג און דעם מיס־
טישן צויבער פון די רעפובליקאַנער בנינים. צום ערשטן מאָל האָט
ער דערקענט דעם זין פון דער קאַמף־לוסטיקער פרייהייט, וואָס זיי
האָבן באַוווּנדערט, פון יענער פרייהייט, וואָס איז געוואָרן אַ שאַרפע
שווערד אין די הענט פון דעם שכל. ניין, נישט קיין הויכע מליצה
איז דאָ געווען, נישט קיין ווערטער סתם אין דער וועלט אַריין,
פונקט ווי ער האָט געמיינט אַמאָל. ביי דעם דאָזיקן פאָלק, וואָס די
פאָדערונגען פון דעם שכל האָבן ביי אים איבערגעשטיגן אַלץ אין
דער וועלט, האָט די מלחמה פאַר אָט דעם שכל איבערגעשטיגן אַלץ.
וועמען אַרט עס, צי די דאָזיקע מלחמה זעט אויס ווי אַן אומזין ביי
די פעלקער, וואָס האַלטן זיך פאַר פראַקטיש? אויב מיר וועלן זיך
פאַרטיפן אין דער זאַך, וועלן מיר זען, אַז אויך די מלחמות צוליב
אימפעריאַליזם, מאַכט אָדער געלט, — זענען אומזיסטע קאַמפן. סיי
די און סיי יענע וועלן מיט דער צייט פאַרגעסן ווערן. און אין משך
פון אַ מיליאָן יאָר וועט דערפון קיין סימן נישט בלייבן. אָבער וואָס
גיט דעם לעבן אַ ווערט, אויב נישט דער מוט אין קאַמף, וואָס אַלע
כוחות אין לעבן קאָנצענטרירן זיך אין אים, ביז אַלע זענען גרייט
זיך אַליין מקריב צו זיין פאַר אַ העכערן וועזן. נישטאָ כמעט קיין קאַמפן,
וואָס גיבן דעם לעבן אַזוי פיל כבוד, ווי דער דאָזיקער אייביקער
קאַמף אין פראַנקרייך פאַרן שכל אָדער קעגן אים. און פאַר די, וואָס
האָבן פאַרזוכט זיין שאַרפן טעם, וועט די גערימטע אַפּאַטישע גע־
דולדיקייט פון די אַנגלאָ־זאַקסן אויסזען תּפל און נישט מענלעך. די
אַנגלאָ־זאַקסן פאַרריכטן עס און לאָדן אויס זייער ענערגיע אין אַן
אַנדער אָרט. אָבער דאָרט איז זייער ענערגיע נישט געווען קענטיק.
די געדולדיקייט איז גרויס נאָר דאַן, בעת זי שטייט צווישן די
פּאַרטייען און זי איז שטאַרק. אין דער היינטיקער אייראָפּע איז עס
על־פּי־רוב גלייכגילטיקייט, גלויבן־ און לעבנסלאָזיקייט. די ענגלענ־
דער באַנוצן אָפט וואָלטערס ווערטער און באַרימען זיך, אַז „די צע־
טיילונג פון די רעליגיעס האָט געבוירן אין ענגלאַנד נאָך מער גע־
דולד”, ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. אָבער דאָס איז געווען דער־
פאַר, וואָס אין פראַנקרייך פון דער רעוואָלוציע־צייט איז געווען מער
גלויבן, ווי אין אַלע ענגלישע רעליגיעס.

פון דעם שטאָלענעם קרייז, ווו דער אידעאַליזם האָט געקעמפט פאַר דער איבערמאַכט פון שׂכל, האָט אָליוויער אַרויסגעפירט קרי־סטאָפן, פונקט ווי ווירגילי דאַנטען, צום שפּיץ באַרג, ווו עס זענען שטיל און פרעמד געשטאַנען די אויסדערוויילטע, באמת פרייע פראַנצויזן.

נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין פרייערע מענטשן פון זיי. דאָ האָט געהערשט די פרייד פון אַ פויגל, וואָס שוועבט אונטערן רויקן הימל. אויף די דאָזיקע באַרג־שפּיצן איז די לופט געווען אַזוי ריין און אַזוי שיטער, אַז קריסטאָף האָט קוים געקאָנט אָטעמען. דאָס זענען געווען קינסטלער, וואָס האָבן געפאָדערט „אַבסאָלוטע אומבאַגרענעצטע פרייהייט פון טרוים״; פאַרברענטע סוביעקטיוויסטן, וואָס האָבן, ווי פלאָבער, זיך אויסגעלאַכט פון „די בהמות, וואָס גלויבן אין דער רעאַליטעט פון דער וועלט״; — דענקער, וואָס זייער רייסנ־דיקער, קאָמפּליצירטער געדאַנק איז געגאַנגען מיטן שטראָם פון אומ־אויפהערלעכער באַוועגונג, געקייקלט זיך אָן אָפּרו, ווי די כוואַליעס, נישט אָנטרעפנדיק אויף קיין פעלזן־גרונט, — דער שטראָם האָט נישט באַצייכנט די עקזיסטענץ, נאָר דעם איבערגאַנג, ווי מאָנטאָן האָט געזאָגט, דעם אייביקן איבערגאַנג פון טאָג צו טאָג, פון מינוט צו מינוט; — געלערנטע, וואָס האָבן געקענט די נישטיקייט און דעם אומענדלעכן גאָרנישט, ווו דער מענטש האָט אַריינגעוועבט זיין גע־דאַנק, זיין גאָט, זיין קונסט, זיין וויסנשאַפט, און זי, די נישטיקייט. האָט ווייטער געשאַפן די וועלט און אירע געזעצן, דעם שטאַרקן פאַרשווינדנדיקן חלום. זיי האָבן נישט געפאָדערט פון דער וויסנשאַפט נישט קיין רו, נישט קיין גליק און אפילו נישט קיין אמת; ווייל זיי האָבן געצווייפלט, צי ס׳איז מעגלעך דאָס צו דערגרייכן. זיי האָבן ליב געהאַט די וויסנשאַפט גופא, ווייל זי איז געווען שיין, די איינציקע שיינקייט, די איינציקעווירקלעכקייט. אויף די הויכקייטן פון דעם געדאַנק האָבן זיך געפונען די דאָזיקע געלערנטע, פאַר־ברענטע פּיראָניקער, וואָס האָבן זיך גלייכגילטיק באַצויגן צו אַלץ, צו יעדער אַנטוישונג, כמעט צו דער גאַנצער ווירקלעכקייט, און האָבן

זיין מיט פאַרמאַכטע אויגן צוגעהערט צום שטילן קאָנצערט פון די נשמות, צו דער איידעלער און ריזיקער האַרמאָניע פון צאָלן און פאָרמען. אָט די גרויסע מאַטעמאַטיקער, אָט די גרויסע פילאָזאָפן — שטאַרקע, פּאָזיטיווע גייסטער, וואָס האָבן נישט צו זיך קיין גלייכן — זענען געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון מיסטישן עקסטאַז. זיי האָבן אויסגעגראָבן אַרום זיך אַ פּוסטן חלל, איבערגעבויגן זיך איבערן תּהום און פאַרשיכּורט געוואָרן ביז קאָפּ-שווינדל. אין דער פינסטער-ניש פון דער אומענדלעכער נאַכט האָבן זיי מיט דערהויבענער פרייד געצונדן דעם בליץ פון זייער געדאַנק.

געבויגן נעבן זיי האָט קריסטאָף אויך געפּרוווט אַריינקוקן, נאָר ס׳האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ. ער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פרייען, ווייל ער איז פריי געווען פון יעדן געזעץ, אויסער דעם געזעץ פון זיין געוויסן, — האָט איצט מיט שרעק דערפילט, ווי קליין ער איז קעגן די דאָזיקע פראַנצויזן, וואָס זענען פריי פון יעדן געזעץ, פון יעדן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, פון יעדן לעבנס־ציל.

— אויב אַזוי, טאָ וואָס טויג זיי דאָס לעבן? — האָט ער געפרעגט.

— זיי פרייען זיך מיט זייער פרייהייט, — האָט געענטפערט אָליוויער.

אָבער קריסטאָף, וואָס האָט אין דער דאָזיקער פרייהייט נישט געקאָנט געפינען זיינע הענט און פיס, האָט גענומען בענקען נאָכן שטאַרקן גייסט פון דער דייטשער דיסציפּלין. ער האָט געזאָגט:

— אייער פרייד איז אַ פאַנג־ווערימל, וואָס דער טויט וואַרפט אייך צו, אַ חלום פון אַן אָפּיום־רויכערער. איר פאַרשיכּורט זיך פון דער פרייהייט און איר פאַרגעסט דאָס לעבן. די אַבסאָלוטע פרייהייט איז אַ שגעון, אַן אַנאַרכיע. פרייהייט! ווער אויף דער וועלט איז פריי? ווער איז פריי אין אייער רעפּובליק? אויסוואורפן. איר, די בעסערע, שטיקט זיך. איר קענט נאָר חלומען. אָבער באַלד וועט איר אויך דאָס נישט קאָנען.

— נישט וויכטיק — האָט געזאָגט אָליוויער. — דו קאָנסט נישט וויסן, אָרעמער קריסטאָף, וואָס פאַר אַ פרייד עס גיט די פרייהייט. ס׳איז ווערט צו זיין אין אַ געפאַר, צו ליידן יסורים און אפילו צו שטאַרבן. צו זיין פריי, צו פילן, אַז אַלע נשמות אַרום דיר זענען פריי — יאָ, אפילו די אויסוואורפן, — איז אַ פרייד, וואָס לאָזט זיך

נישט אויסדריקן, עס דאַכט זיך, ווי די נשמה וואָלט זיך צעשוווּמען אין דער אומענדלעכקייט. זי קאָן שוין מער אין קיין אַנדער אָרט נישט לעבן. וואָס טויג מיר דער בטחון, וואָס דו לעגסט מיר פאָר, די פיינע אָרדנונג, די מוסטערהאַפטע דיסציפלין, — אין די פיר ווענט פון די קייזערלעכע קאַזאַרמעס? איך וואָלט דאָרטן דערשטיקט געוואָרן. לופט גיט מיר! אַ סך לופט! אַ סך פרייהייט!

— די וועלט מוז האָבן געזעצן, — האָט געזאָגט קריסטאָף. — פריער אָדער שפעטער וועט קומען דער הערשער.

אָבער אָליוויער האָט עס נישט גענומען ערנסט און דערמאָנט קריסטאָפן די ווערטער פון דעם אַלטן פיער דע ל'עטואַל:

אַפילו ווען אַלע כּוחות פון דער וועלט וועלן זיך צוזאַמענעמען,

ווע‏לן זיי נישט קאָנען בינדן
די פרייהייט פון פראַנצויזישן וואָרט,
פונקט ווי מען קאָן נישט באַהאַלטן
די זון אין דער ערד
אָדער זי פאַרשפאַרן אין אַ לאָך.

ביסלעכווייז האָט זיך קריסטאָף צוגעוווינט צו דער אומבאַגרענעצטער פרייהייט. פון די באַרג-שפיצן פון דעם פראַנצויזישן געדאַנק, ווו ס'האָבן געטרוימט נשמות פון לויטערער ליכטיקייט, האָט ער צופוסנס געזען דעם באַרג-שפוע, ווו דאָס הייפל אויסדערוויילטע האָבן געקעמפט פאַר אַ לעבעדיקן גלויבן און האָט אָן אויפהער געקלעטערט צום שפיץ פון באַרג. דאָרט זענען געשטאַנען די אַלע, וואָס האָבן געפירט אַ הייליקע מלחמה מיט דער עם הארצות, קראַנקהייטן, נויט; דאָרט האָט געהערשט דער אייביקער פיבער פון אַנטדעקונגען, דער באַוווסטזיניקער טרוים פון די פראָמעטייען און איקאַרן פון אונזער צייט, וואָס האָבן איינגענומען דאָס ליכט און געשניטן זיך אַ וועג דורך דער לופט; דאָרט איז פאָרגעקומען דער ריזיקער קאַמף פאַר דער וויסנשאַפט, וואָס האָט באַזיגט איר שונא, די נאַטור; — אונטן האָט מען געזען אַ שווייגנדיקע מחנה מוטיקע מענער און

פרויען מיט באַשיידענע, עניוותדיקע נשמות, וואָס זענען פאַרן פרייז פון טויזנטער אָנשטרענגונגען דערגאַנגען ביז אַ געוויסער הויך, און נישט קענענדיק גיין העכער, זענען זיי איבערגעגעבן געוואָרן אַ גרויען, שווערן לעבן, פול מיט דאגות און שטילן מסירת נפש; — און אונטן, צופוסנס דעם באַרג, אין דעם ענגן דורכגאַנג, צווישן די משופּעדיקע פעלזן־ווענט — אַן אומאויפהערלעכער קאַמף; דאָרט האָבן זיך פאַרביסן געראַנגלט די פאַנאַטיקער פון אַבסטראַקטע אידעען און בלינדע אינסטינקטן, און ס'איז זיי נישט איינגעפאַלן אַפילו, אַז עפּעס עקזיסטירט נאָך אויף יענער זייט וואַנט, וואָס רינגלט זיי אַרום; — און גאָר אונטן איז געלעגן אַ זומפּ, ווו בהמות האָבן זיך געוואַל־גערט אין מיסט... נאָר דאָ און דאָרט האָבן אויף די זייטן פון באַרג געבליט פרישע קונסט-בלומען, שמעקנדיקע מוזיק־גערטענער, דער גע־זאַנג פון קוואַלן־און פייגל־פּאָעטן.

קריסטאָף האָט געפרעגט אָליוויערן:

— ווו איז אייער פאָלק? איך זע נאָר די אויסדערוויילטע, סיי די שלעכטע, סיי די גוטע.

אָליוויער האָט געענטפערט:

— דאָס פאָלק? עס אַקערט זיין פעלד און זיין גאָרטן, עס לייגט אויף אונז קיין אַכט נישט. יעדער גרופּע אויסדערוויילטע וויל איבערנעמען איבער אים די מאַכט, בעת עס אינטערעסירט זיך נישט מיט קיין איינעם פון זיי. אַמאָל, לפּחות, צוליב פאַרווײַלונג, האָט עס זיך נאָך צוגעהערט צו די שרייענדיקע לאָזונגען פון די פּאָליטיקער. איצט לייגט עס אויף זיי אויך קיין אַכט נישט. עטלעכע מיליאָנען נוצן אַפילו נישט אויס זייער שטים-רעכט. לאָזן זיך די פּאַרטייען אַרומרייסן — דאָס פאָלק אינטערעסירט זיך נישט מיט די רעזולטאַטן. אַבי מען זאָל בעת דער מלחמה נישט חרוב מאַכן זיינע פעלדער. אין אַזאַ פאַל גייט עס אַרויס פון די כּלים און שלאָגט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווו עס לאָזט זיך. דאָס פאָלק באַפאַלט נישט, נאָר עס פאַרטיידיקט זיך קעגן די אָנפאַלן, וואָס שטערן אים אין זיין אַרבעט און רו. קעניגן צי קיסרים, רעפּובליקן, גייסטלעכע, פריי־מויערער צי סאָציאַליסטן — ער פאָדערט פון זיי נאָר איין זאַך — צו פאַרטיידיקן אים קעגן די גרויסע אַלגעמיינע סכּנות: מלחמה, אומרו, מגפות, — און עס פאָדערט נאָר מען זאָל אים לאָזן רויק אַרבעטן אויף זיין ערד. אין האַרצן טראַכט עס זיך:

— צי ווע‍לן מיר די דאָזיקע ברואים כאָטש לאָזן צורו?

אָבער די דאָזיקע ברואים זענען אַזוי נאַריש, אַז זיי באַפאַלן דעם דאָזיקן תּם און לאָזן אים נישט אָפּ, ביז ער טוט אַ כאַפּ זיין רידעל און וואַרפט זיי אַרויס הינטערן טיר, ווי ס'וועט געשען מסתּמא אויך מיט אונזערע פאַרלאַמענטאַריער. אַמאָל פלעגט דאָס פאָלק אַליין באַגייסטערט ווערן און זיך צוגרייטן צו גרויסע מעשׂים. אפשר וועט עס נאָך איצט אויך געשען, הגם ס'האָט שוין לאַנג פאַרלוירן דעם חשק צו אַזעלכע זאַכן. אַלנפאַלס וואָלטן די דאָזיקע הכּנות לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דאָס פאָלק וואָלט זיך באַלד אומגעקערט צו זיין אייביקער אַרבעט, צו דער ערד. זי, די ערד בינדט צו די פּראָווינציעס צו פראַנקרייך, מער ווי זיי זענען צוגעבונדן איינער צום אַנדערן. וויפיל פעלקער אַרבעטן שוין לאַנגע דורות האַנט ביי האַנט אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס פאַרייניקט זיי, וואָס איז זייער גרויסע ליבע אין לייד און אין פרייד. זיי באַאַרבעטן זי אָן אויפהער, און אַלץ געפעלט זיי — דאָס מינדסטע שטיקל ערד.

קריסטאָף האָט אָנגעשטרענגט דעם בליק. ער האָט געזען אומעטום, לענג־אויס די שאָסייען, אַרום די זומפּן, אויף די זייטן פון די בערג, אויף שלאַכט־פעלדער און חורבות — דער באַרג, דאָס פראַנצויזישע פלאַכלאַנד, וואָס איז געווען אומעטום באַאַרבעט און בליענדיק. דאָס איז געווען דער גרויסער גאָרטן פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע. זיין ווונדערבאַרער חן איז געקומען נישט נאָר פון דער פרוכטבאַרער, גוטער ערד, נאָר אויך פון דעם עקשנות פון אַ פאָלק, וואָס האָט אומדערמידלעך, אַ דור נאָך אַ דור נישט אויפגעהערט זי צו אַקערן צו זייען און אויסצובעסערן.

אַ מאָדנע פאָלק! אַלע האַלטן עס פאַר אַ פליסנדיק וואַסער — און באמת איז עס אומפאַרענדערלעך. אַליוויערס דערפאַרענע אויגן האָבן דערקענט אין די סטאַטועס פון דעם גאָטישן טעמפּל אַלע פּראָווינץ־טיפּן פון אונזער צייט; פּונקט אַזוי האָבן אויסגעזען די באַצייכנונגען פון קלועט און דימוטיע — די מידע איראָנישע פּנימער פון די כאַלאָן־ און גייסט־מענטשן; אָדער אין די ווערק פון לענען — די הפקרות און די קלאָרע אויגן פון אַרבעטער און פּויערים פון איל־דע־פראַנס אָדער פּיקאַרדיע, פּאַסקאַלס לעבעדיקער גייסט איז געווען נישט נאָר אין די דענקענדיקע און רעליגיעזע אויסדערוויילטע, נאָר אויך אין דער פינסטערער בורזשואַזיע און רעוואָלוציאָנערע

סינדיקאַליסטן. די קונסט פֿון קאַרנעל און ראַסין האָט געלעבט אין פֿאָלק אַ סך שטאַרקער, ווי אין דער העכֿערער געזעלשאַפֿט, ווייל די פֿאָלקס-מאַסן זענען געוועזן פֿריי פֿון פֿרעמדע השפּעות. אַ נידעריקער פּאַריזער באַאַמטער האָט זיך געפֿילט נענטער צו אַ טראַגעדיע פֿון לואי דעם פֿערצנטנס צייטן, ווי צו טאָלסטויס אַ ראָמאַן אָדער איבסענס אַ דראַמע. דאָס געזאַנג פֿון מיטלאַלטער, דער אַלט-פֿראַנצויזישער טריסטאַן, זענען נענטער געווען דעם פֿראַנצויזישן פֿאָלק, ווי דער וואַגנערישער טריסטאַן. די געדאַנקען-בלומען, וואָס האָבן נישט אויפֿגעהערט אַרויסצושפּראָצן פֿון דער פֿראַנצויזישער ערד זינט דעם צוועלפֿטן יאָרהונדערט, זענען מיט אַלע זייערע אונטערשידן געווען נענטער צו זיך און האָבן זיך אונטערגעשיידט פֿון אַלץ, וואָס איז געווען אַרום זיי.

קריסטאָף האָט צו ווייניק געקענט פֿראַנקרייך, ער זאָל קאָנען תּופֿס זיין די דויערהאַפֿטיקייט פֿון די דאָזיקע שטריכֿן. דער עיקר האָט אים געוווּנדערט, וואָס דאָס דאָזיקע פֿרוכֿטבאַרע לאַנד איז געווען אַזוי צעברעקלט, ווי אָליוויער האָט געזאָגט. יעדערער האָט געהאַט זיין גאָרטן, און יעדע שטיק ערד איז פֿון די אַנדערע געווען אָפּגעטיילט מיט מחיצות און אַלערליי פּלויטן. אפֿשר האָבן זיך געפֿונען דאָ און דאָרט עטלעכֿע בשותּפֿותדיקע לאָנקעס און פֿעלדער, ווו די ערד-באַזיצער פֿון איין זייט טייך זענען געווען מער פֿאַרייניקט, ווי די פֿון דער אַנדערער זייט. יעדער איינער איז געווען פֿאַרשלאָסן אין זיך. ס'האָט געמאַכֿט דעם איינדרוק, אַז דער דאָזיקער פֿאַנאַטישער אינדיווידואַליזם, אָנשטאָט אָפּגעשוואַכֿט צו ווערן נאָך לאַנגע דורות פֿון שכנותדיקער נאָענטקייט, איז איצט געווען שטאַרקער, ווי ווען עס איז פֿאַר דעם.

קריסטאָף האָט בײַ זיך געטראַכֿט:

— ווי איינזאַם זיי זענען!

אין דעם זין איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש דאָס הויז, ווו אָליוויער מיט קריסטאָפֿן האָבן געוווינט. דאָס איז געווען אַ באַזונדער וועלטל. אַ קליין, אָרנטלעך אַרבעטזאַם פֿראַנקרייך, וואָס אירע באַ-

זונדערע טײלן האָבן צװישן זיך נישט געהאַט קײן שײכות. דאָס איז געװען אַ פינף-שטאָקיק הויז, אַן אַלטע חורבה, װאָס האָט זיך געבויגן אין אַ זײט, מיט אַ סקריפּנדיקן דיל און צעפּוילטן סופיט. דער רעגן פלעגט אַרײן אין זײער דירה, װאָס איז געװען אונטערן דאַך. לסוף האָט מען געמוזט רופן בעלי מלאכות צו פאַרריכטן דעם שפּאַלט. קריסטאָף האָט געהערט, װי זײ אַרבעטן און שמועסן צװישן זיך. דער עיקר האָט אים נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן און גלײכצײטיק אויפצורעגן אײנער פון זײ. ער האָט קײן רגע נישט אויפגעהערט צו רעדן צו זיך, צו לאַכן, צו זינגען, צו שפּאַסן, צו פײפן און צו פּלוידערן, נישט איבעררײסנדיק דערבײ די אַרבעט. ער האָט געמוזט אָן אויפהער אָנזאָגן, װאָס ער גײט טון:

— איך גײ אַרײנקלאַפּן נאָך אײן טשװאָק. װו איז מײן האַמער? אָט גײ איך אַרײנקלאַפּן אַ טשװאָק. נאָך אײנעם. נאָך אַ קלאַפּ! אַזױ מײן אַלטעטשקע. אַזױ איז עס.

בעת קריסטאָף האָט גענומען שפּילן, איז יענער שטיל געװאָרן און זיך אײנגעהערט, דערנאָך גענומען שטאַרקער פײפן. אין די שטאַרקערע ערטער האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם האַמער מיט כּוח אויפן דאַך און צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון דער מוזיק. קריסטאָף איז געװאָרן בײז און איז לסוף אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטול און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דעם בוידים-פענסטער, כּדי אים גוט אָנצוזידלען. נאָר װען ער האָט אים דערזען רײטנדיק אויפן דאַך מיט זײן גוטן פרײלעכן פּנים און אַ פול מויל מיט טשװעקעס, האָט ער זיך צעלאַכט און יענער האָט אויך מיטגעלאַכט. קריסטאָף האָט פאַרגעסן אָן זײן כּעס און גענומען שמועסן. ערשט אין אַ צײט אַרום האָט ער זיך דערמאָנט צו װאָס ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער.

— יאָ, כ'האָב אײך, אגב, געװאָלט פרעגן, צי שטערט אײך נישט מײן שפּילן אין דער אַרבעט?

יענער האָט אים פאַרזיכערט אַז נישט, נאָר ער האָט אים געבעטן צו שפּילן ריטמישערע זאַכן, װײל ער קלאַפּט צו צום טאַקט, און בעת דער טאַקט איז אַ פּאַמעלעכער, פאַרלירט ער אַסאַך צײט. זײ זענען זיך צעגאַנגען װי גוטע-פרײנד. אין משך פון אײן פערטל שעה האָבן זײ מער געשמועסט, װי קריסטאָף האָט אין משך פון זעקס חדשים גערעדט מיט אַלע שכנים פון הויז.

יעדער שטאָק האָט געהאַט צװײ דירות. אײנע פון דרײ צי-

מערן און איינע פון צוויי. קיין באַזונדערע צימערן פאַר דער דינערשאַפט זענען נישט געווען. יעדערער האָט אַליין געפירט זיין באַלעבאַטישקייט, חוץ די איינוווינער פון פאַרטער און דעם ערשטן שטאָק, וואָס האָבן פאַרנומען צוויי דירות צוזאַמען.

קריסטאָפס און אָליוויערס שכן אויפן פיפטן שטאָק איז געווען דער גלח קאָרנעל, אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, זייער אַ געבילדעטער, אַ פריידענקער אין ברייטסטן זין פון וואָרט, וואָס איז אַמאָל געווען אַ דאָצענט אין אַ גרויסן ביבל-סעמינאַר און איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אַרויסגעוואָרפן געוואָרן צוליב זיינע מאָדערנע מיינונגען, לויט אַ באַפעל פון רוים. ער האָט אָנגענומען די שטראָף שטילערהייט, נאָר זיך נישט אונטערגעגעבן, אָבער קיין מוט צו קעמפן האָט ער נישט געהאַט און ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם פאָרשלאַג צו פאַרעפנטלעכן זיינע מיינונגען. ער האָט בטבע פיינט געהאַט טומל. ער וואָלט גיכער שלום געמאַכט מיטן חורבן פון זיין טעאָריע איידער מיט דער מעגלעכקייט פון אַ סקאַנדאַל. קריסטאָף האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין אָט דעם טיפ פון הכנעהדיקן רעוואָלוציאָנער. ער האָט געפרוווט מיט אים שמועסן, אָבער דער גלח, זייער אַ העפלעכער מענטש, איז געווען צוריקגעצויגן און נישט גערעדט וועגן די זאַכן, וואָס האָבן אים אינטערעסירט קודם-כל. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַלטן פאַר זיין חוב זיך לעבעדיק צו באַגראָבן.

אויפן אונטערשטן שטאָק, אין אַ דירה, וואָס איז געווען ענלעך צו זייערער, האָט געוווינט די משפחה פונם אינשזיניער אַלי עלסבערגער מיט זיין פרוי און צוויי קליינע טעכטערלעך פון זיבן און צען יאָר, אָרנטלעכע מענטשן, סימפאַטישע, וואָס האָבן אָבער געלעבט אָפגעזונדערט צוליב חרפה, עמעצער זאָל נישט זען זייער נויט. די יונגע פרוי, וואָס האָט זיך ענערגיש פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט איז געווען דעריבער זייער דערשלאָגן. זי איז גרייט געווען צו האָרעווען דאָפלט, אַבי קיינער זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן: אויך דאָס געפיל איז קריסטאָפן געווען פרעמד. זיי האָבן געשטאַמט פון אַ פראָטעסטאַנטישער משפחה פון מערב־פראַנקרייך און זיי זענען ביידע מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטורם, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום דרייפוסעס פראָצעס. זיי האָבן זיך ביידע אינטערעסירט מיטן פראָצעס מיט אַ ליידנשאַפט כמעט ביז משוגעת, פונקט ווי־

טויזנטער אַנדערע פּראָנצויזן, וואָס זענען אין משך פון זיבן יאָר אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דער דאָזיקער היילִיקער היסטאָריע, דעם פּראָצעס האָבן זיי מקריב געווען זייער רו, זייער מצב, זייערע באַציונגען; צוליב אים האָבן זיי איבערגעריסן די פריינדשאַפט מיט אַ סאַך טייערע מענטשן, צוליב אים האָבן זיי כמעט חרוב געמאַכט זייער געזונט. אין משך פון לאַנגע חדשים האָבן זיי נישט געקאָנט שלאָפן, נישט עסן, איבערקייענדיק אָן אַ סוף די זעלביקע אַרגומענטן מיט דער עקשנות פון אַ מאַניאַק. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגערעגט; נישט געקוקט אויף זייער שעמעוודיקייט און שרעק פאַר דאָס לעכערלעכע, האָבן זיי זיך באַטייליקט אין מאַניפעסטאַציעס, גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען, אומגעקערט זיך אַהיים מיט אַ צעמישטן קאָפּ און דערשלאָגן האַרץ און ביינאַכט צוזאַמען געוויינט. זיי האָבן אין דעם קאַמף פאַרשווענדט אַזוי פיל התלהבות און געפיל, אַז ווען ס'איז געקומען דער זיג האָבן זיי נישט געהאַט קיין כוח זיך צו פרייען מיט אים. זיי זענען געוואָרן אויסגעליידיקט פון יעדער ענערגיע און זענען געבליבן אָן כוחות צום לעבן. זייערע האָפנונגען זענען געווען אַזוי דערהויבן, און אַזוי קלאָר איז געווען זייער ברעַנענדיקער מסירת-נפש, אַז דער נצחון האָט אויסגעזען ווי אַ קאַרליק אַנטקעגן דעם, וואָס זיי האָבן געחלומט. פאַר די דאָזיקע נפשות, וואָס זענען געווען געוועבט פון איין מאַטעריע און האָבן געקאָנט אַרומנעמען בלויז איין אמת, זענען די קאָמבינאַציעס און פשרות, צו וועלכע די העלדן זענען דערגאַנגען, געווען אַ ביטערע אַנטטוישונג. זייערע חברים צום קאַמף, די דאָזיקע מענטשן וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַט בלויז איין דורשט, איין פאַרלאַנג, דעם פאַרלאַנג צו גערעכטיקייט, זענען איצט — בעת דער שונא איז באַזיגט געוואָרן — געלאָפן פאַרכאַפּן די מאַכט, געטיילט צווישן זיך די כבודים און שטעלעס און אַליין געטראָטן די גערעכטיקייט מיט די פיס. בלויז אַ הייפל מענטשן איז געבליבן טריי דעם אידעאַל — אָרעמע, איינזאַמע, וואָס די פאַרטייען האָבן זיי פאַרשטויסן און וואָס זיי האָבן פאַרשטויסן די פאַרטייען. זיי זענען געבליבן אין באַהאַלטענעם חושך, מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט טרעפן, נערוועיש און נעוראַסטעניש; זיי האָבן אויף קיין זאַך נישט געהאָפט און געפילט אַן עקל צו מענטשן און צו דער מידקייט פון לעבן. דער אינזשיניער און זיין פרוי האָבן געהערט צו די דאָזיקע קרבנות.

זיי האָבן אין שטוב נישט געמאַכט דעם מינדסטן טומל. זיי האָבן אויף אַ קרענקלעכן אופן מורא געהאַט נישט צו שטערן זייערע שכנים, דער עיקר דערפאַר, וואָס יענע האָבן זיי דעם טויט געמאַכט. צוליב אַ געפיל פון שטאָלץ האָבן זיי זיך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט. קריסטאָף האָט באַדויערט די צוויי מיידעלעך, וואָס יעדער אויסברוך פון פרייד, די באַדערפעניש צו שפּרינגען, צו שרייען, צו לאַכן איז דורך זייערע עלטערן דערשטיקט געוואָרן. ער האָט זייער ליב געהאַט די קינדער, און וויפל מאָל ער פלעגט טרעפן די צוויי קליינע שכנטעס אויף די טרעפּ, האָט ער זיך באַמיט זיי צו פאַרווייל̇ן. די מיידעלעך זענען פריער צעטומלט געוואָרן, דערנאָך אָבער זיך גענומען חברן מיט קריסטאָפן, וואָס האָט שטענדיק געהאַט פאַר זיי אַ שפּאַס אָדער אַ נאַשערײַ. זיי האָבן עס דערציילט די עלטערן, וואָס האָבן אין אָנהייב געקוקט זייער קרום אויף דער דאָזיקער פריינטשאַפט, אָבער לסוף זענען זיי אַליין געוואָרן גערירט פון דעם גוטהאַרציקן טומלענדיקן שכן, וועלכן זיי האָבן נישט איינמאָל געשאָלטן צוליב זיין שפּילן אויפן פּאָרטעפּיאַן און צוליב דעם געפערלעכן טומל, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט איבער זייערע קעפּ (קריסטאָף, וואָס האָט זיך געשטיקט אין זיין צימער, איז שטענדיק אַרומגעלאָפן, ווי אַ בער אין שטייג.) דער שמועס האָט זיך פאַרבונדן זייער לייכט. קריסטאָפס פּויערישע און מגושמדיקע באַנעמונג האָט אַביסל דערשראָקן אַלי עלסבערגערן. אומזיסט האָט דער אינזשיניער געוואָלט אויפשטעלן צווישן אים מיטן דייטש די מחיצה פון העפלעכקייט, כדי זיך הינטער איר צו באַהאַלטן: ס'איז אוממעגלעך געווען בייצושטיין די התלהבותדיקע פרייד פון דעם דאָזיקן פּאַרשוין, וואָס האָט געקוקט מיט אַ פּאָר אָרנטלעכע, פריינטלעכע אויגן אָן שום הינטער-כוונות. עלסבערגער האָט זיך עטלעכע מאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פּאָר אָפנהאַרציקע ווערטער וועגן זיך. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט וויסנשאַפט, אָן אַפּאַטישע, טרויעריקע און רעזיגנירטע נאַטור. ער האָט געהאַט גענוג כּוח איבערצוטראָגן די צרות פון לעבן, אָבער נישט זיי צו ענדערן. מען קאָן זאָגן, אַז ער איז דאַנקבאַר געווען דעם לעבן, וואָס באַפעסטיקט זיין פעסימיזם. דווקא אין דער צייט האָט מען אים אין בראַזיליען פאָרגעשלאָגן אַ שטעלע פאַר זייער אַ גוטן געהאַלט — אָנצופירן דאָרט מיט אַן אונטערנעמונג. נאָר ער האָט אָפּגעזאָגט צוליב מורא, טאָמער שאָדט חלילה, דער קלימאַט זיין פרוי און קינדער.

— אויב אַזוי, לאָזט זיי איבער, — האָט געזאָגט קריסטאָף. — פאָרט אַליין און אַרבעט פאַר זיי.

— איבערלאָזן זיי! — האָט אויסגעשריגן דער אינזשיניער. — מען זעט באַלד, אַז איר האָט קיין קינדער נישט.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען איך וואָלט געהאַט קינדער, וואָלט איך אויך אַזוי געטראַכט.

— חס ושלום! און אגב, פאַרלאָזן דאָס לאַנד... ניין, איך וויל שוין בעסער ליידן דאָ.

קריסטאָף האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין אַזאַ ליבע צום פאָטערלאַנד און צו דער משפחה, וואָס פאַרמשפט זיך אַליין און אַנדערע האָפנונגסלאָז צו ליידן.

אָליוויער האָט עס פאַרשטאַנען.

— באַקלער זיך נאָר, — האָט ער געזאָגט, — אַז דאָ איז פאַראַן די סכנה צו שטאַרבן אויף אַ פרעמדער ערד, וווּ קיינער קען דיך נישט, ווייט פון געליבטע מענטשן! בעסער אויסצושטיין אַלץ אין דער וועלט, איידער אַזאַ שרעק. אגב איז נישט ווערט אַזוי פיל זיך אָנצו־שטרענגען פאַר עטלעכע קורצע יאָרן, וואָס זענען איבערגעבליבן צו לעבן אויף דער וועלט!

— פונקט ווי דער מענטש וואָלט מחויב געווען שטענדיק צו טראַכטן וועגן טויט! — האָט קריסטאָף געזאָגט, הויבנדיק מיט די אַקסלען. — און אפילו אויב עס קומט דער טויט, צי איז נישט בע־סער צו שטאַרבן אין קאַמף פאַרן גליק פון די נאָענטסטע, איידער אויסצוגיין אין אַפּאַטיע?

אין דעם זעלביקן קאָרידאָר, אין אַ קליין צימערל, האָט געוווינט אַ מעכאַניקער, וואָס האָט געהייסן אָ ב ע ר. ער האָט געלעבט אָפּגעזונ־דערט פון אַלע שכנים. אָבער נישט ער איז געווען אין דעם שולדיק. ער האָט געשטאַמט פון פאָלק און האָט מיטן גאַנצן האַרצן געבענקט זיך אַרויסצורייסן פון זיין סביבה. ער איז געווען קליין, מיט אַן אָנ־געווייטיקט פנים, אַ שווערן שטערן מיט אַ קנייטש איבער די אויגן, וואָס זייער דורכבויערנדיקער, גלייכער בליק האָט געשטאָכן ווי אַ שפּיזל, בלאָנדע וואָנסן און אַ שפּאָטישן אויסדרוק אויפן מויל; ער האָט געשעפּטשעט און בעתן רעדן צוגעפּייפט. ער האָט שטענדיק געטראָגן דעם שאַל אַרום האַלז שטענדיק געליטן אויפן האַלז און דאָך נישט אויפגעהערט צו רויכערן; ער האָט פאַרמאָגט אַ היציקע אַקטיוויטעט.

וואָס טרעפט בטבע ביי די שווינדזיכטיקע. ער איז געווען אַ געמיש פון איראָניע, באַרעדעוודיקייט, פאַרביטערונג, וואָס האָבן פאַרדעקט זיין באַגייסטערטע נאַיווע, אָבער אויף אייביק אַנטוישטע נאַטור. אַן אומגעזעצלעך קינד פון עפּעס אַ קליינבירגער, וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געקענט, דערצויגן פון אַ מוטער, וואָס ער האָט נישט געקאָנט שעצן, האָט ער אין זיינע קינדער־יאָרן געזען אַ סך טרויעריקע און מיאוסע זאַכן. ער האָט אויסגעפּרוווט זיין מזל אין אַלערליי מלאכות, אַרומגערייזט איבער אַ סך ערטער אין פראַנקרייך. צוליב זיין שטאַרקן פאַרלאַנג צו לערנען און וויסן, האָט ער זיך דערוואָרבן מיט גרויס מי אַ ביסל בילדונג. ער האָט געלייענט אַלץ: היסטאָריע, פילאָזאָפיע, דעקאַדענטישע דיכטער; אומעטום איז ער געווען קלאָר: אין טעאַטער, אויסשטעלונגען, קאָנצערטן. ער האָט אויסערגעוויינלעך רירנדיק באַוואונדערט קונסט, ליטעראַטור און די בורזשואַזע וועלט־אָנשויונג. זיי זענען אים געווען צום האַרצן. ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט יענע מטושטשע, ברענענדיקע אָנשויונגען, וואָס האָבן פאַרשיכורט די בירגער אין די ערשטע צייטן פון דער רעוואָלוציע. ער האָט געגלויבט מיטן גאַנצן האַרצן אין דעם שׂכל, וואָס קאָן נישט מאַכן קיין טעות, אין דער אומבאַגרענעצטער קראַפט, אין דעם גיכן אָנקום פון גליק אויף דער וועלט, אין דער אַלמעכטיקער וויסנשאַפט, אין דער געטלעכער מענטשהייט און אין פראַנקרייך, דער עלטסטער טאָכטער פון דער מענטשהייט. ער איז געווען אַ פאַרביסענער גלויביקער אַנטיקלעריקאַל, און דעריבער פלעגט ער פאַרגלייכן די רעליגיע, — דער עיקר די קאַטוילישע — צו חושך און דעם גלח צו אַ שונא פון ליכט. אין זיין קאָפּ האָבן זיך צוזאַמענגעמישט: סאָציאַליזם, אינדיווידואַליזם און שאָוויניזם. בטבע איז ער געווען אַ מענטשן־פריינט, לויטן טעמפּעראַמענט אַ דעספּאָט און אין זיינע מעשים אַן אַנאַרכיסט. ער איז געווען איבערגעשפּיצט, און קענענדיק די פעלערן פון זיין דערציונג, האָט ער זיך זייער געהיט אין אַ שמועס. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געהערט, אָבער קיין עצות ביי אַנדערע האָט ער נישט געפרעגט, ווייל ער האָט געזען אין דעם אַ באַליידיקונג פאַר זיך; נאָר ווי גרויס זיין פּקחות און זיין ליידנשאַפט איז נישט געווען, האָבן זיי נישט געקאָנט פאַריכטן די פעלערן פון זיין דערציונג. ער האָט באַשלאָסן צו שרייבן. ווי פיל מענטשן אין פראַנקרייך, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלערנט, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ גוטן סטיל און

אָבסערוואַציע, נאָר געדענקט האָט ער אומקלאָר. ער האָט געוויזן עטלעכע זייטן פון זיינע רעפלעקסן אַ גרויסן מענטשן, אַ זשורנאַליסט, אין וועלכן ער האָט געגלויבט. יענער האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים. ער האָט זיך געפילט זייער געטראָפן און פון יענער צייט אָן קיינעם נישט דערציילט, וואָס ער טוט. אָבער געשריבן האָט ער ווייטער. ער האָט געפילט אַ באַזונדערע באַדערפעניש אויסצודריקן זיך, און דאָס האָט דערוועקט אין אים אַ שטאָלצע פרייד. אין האַרצן איז ער געווען זייער צופרידן פון די דאָזיקע מליצהדיקע בויגנס און פון זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זענען נישט ווערט געווען קיין פרוטה. דערפאַר האָט ער געהאַלטן פאַר אומוויכטיק די באַמערקונגען וועגן ממשותדיקן לעבן, וואָס זענען גראָד געווען אויסגעצייכנט. ער האָט פאַרמאָגט אַ שוואַכקייט צו האַלטן זיך פאַר אַ פילאָזאָף; ער האָט געוואָלט שאַפן סאָציאַלע דראַמען, געדאַנקענרייכע ראָמאַנען. ער האָט געלעזן זייער לייכט פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט לעזן, און האָט אויף טריט און אויף שריט אַנטדעקט אַמעריקע. ווען ער האָט זיך שפּעטער אַרומגעזען, אַז אַמעריקע איז שוין פון לאַנג אַנטדעקט געוואָרן, האָט ער זיך געפילט אַנטוישט און אַ ביסל פאַרביטערט. ער האָט אין דעם כמעט געזען אַן עוולה. די תאווה צו כבוד איז געווען ביי אים זייער שטאַרק, פונקט ווי די בענקשאַפט צו מסירת-נפש. ער האָט שטאַרק געליטן, וואָס ער האָט זי ביז דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן. ער האָט געטרוימט צו ווערן אַ גרויסער שרייבער, צו ווערן פאַררעכנט צו די אויסדערוויילטע שרייבער, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זיין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט כבוד. אומזיסט האָט ער זיך געוואָלט מאַכן אילוזיעס: ער האָט פאַרמאָגט גענוג פקחות און איראָניע, נישט צו וויסן, אַז ער האָט נישט קיין שום האָפענונג אַריינצורייסן זיך אין דעם געביט. ער האָט אָבער געוואָלט לכל-הפחות לעבן אין דער אַטמאָספער פון קונסט און קליינבירגערלעכער וועלט-אָנשויונג, וואָס האָט אויסגעזען גלענצנד און קלאָר. די דאָזיקע בדיעבדיד נאַיווע שטרעבונג האָט פאַרמאָגט דעם חסרון, וואָס אַ דאַנק איר האָבן אים די מענטשן, מיט וועלכע די לעבנס-באַדינגונגען האָבן אים געצוואונגען זיך צו טרעפן, פיינט געהאַט און אַזוי-ווי די בירגערלעכע געזעלשאַפט, צו וועלכער ער האָט זיך באַמיט צו דערנענטערן, האָט פאַרשלאָסן פאַר אים די טירן, האָט ער, נאַטירלעך, קיינעם נישט אָנגעזען. און דעריבער האָט קריסטאָף גאַנץ לייכט אָנגעקניפּט

מיט אים באַציִונגען. פאַרקערט, ער האָט זיך שיר נישט געדאַרפט היטן פאַר אים: ווייל ווען נישט, וואָלט ה׳ אָבער מער געזעסן אין קריסטאָפס צימער, ווי ביי זיך. ער איז געווען גליקלעך צו געפינען אַ קינסטלער, מיט וועלכן ער קאָן רעדן וועגן מוזיק, טעאַטער א.ד.גל. אָבער קריסטאָף, ווי ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, האָט געפונען אין דעם אַ קנאַפּן אינטערעס: מיט אַ פאָלקס-מענטשן האָט ער געוואָלט רעדן וועגן פאָלק. יענער האָט אָבער נישט געוואָלט און האָט שוין כמעט פאַרגעסן דאָס פאָלק.

וואָס אַ שטאָק נידעריקער, זענען די באַציִונגען פון קריסטאָפן מיט די איבעריקע שכנים געווען, נאַטירלעך, שוואַכער. מ׳האָט געדאַרפט אָנווענדן עפּעס אַ כּישוף, עפּעס אַ „סעזאַם, עפן זיך״, כּדי זיך אַריינצוקריגן צו די איינוווינער פון דריטן שטאָק. אין איין זייט האָבן געוווינט צוויי דאַמען, וואָס זענען געווען פאַרזונקען אין אַ אַלטן טרויער: מאַדאַם זשאַרמען, אַ פרוי פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, וואָס איר מאַן און מיידעלע זענען אָפּגעשטאָרבן און זי האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט איר אַלטער, פרומער שוויגער. אין דער צווייטער זייט פון קאָרידאָר האָט געוווינט אַ געהיימנישפולער מענטש, וואָס עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן זיין עלטער, צוזאַמען מיט אַ צען־יאָריק מיידעלע. ער האָט געהאַט אַ פליך מיט אַ פיין־צעקעמטער באָרד, אַן אויסגעצייכנטע באַנעמונג און איידעלע הענט. ער האָט געהייסן הער וואַטעלע. מ׳האָט אויף אים דערציילט, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט, אַ רעוואָלוציאָנער פון אויסלאַנד, נאָר קיינער האָט נישט געוווסט פון וואַנען: פון רוסלאַנד, צי פון בעלגיען. באמת איז ער געווען אַ פראַנצויז פון צפון און נישט קיין איבעריק גרויסער רעוואָלוציאָנער. ער האָט געלעבט מיטן נאָמען, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אַמאָל. ער איז געווען פאַרמישט אין דער קאָמונע פון 71־טן יאָר און איז געווען פאַרמשפט צום טויט. ער האָט זיך געראַטעוועט, אַליין נישט-וויסנדיק ווי אַזוי. צען יאָר האָט ער זיך אַרומגעשלעפט איבער פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע. ער איז געווען אַן עדות פון פאַרשידענע מיאוסע זאַכן אין די צייטן פון די פאַריזער אומרוען, און אויך שפּעטער, ווען ער האָט זיך ווידער געטראָפן מיט זיינע חברים, וואָס האָבן שלום געמאַכט מיט דער רעגירונג אָדער זיך צעזייט איבער פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען. ער האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט און רויק באַהאַלטן פאַר זיך זיינע ריינע נוצלאָזע מיינונגען. ער האָט אַסאַך געלייענט, פאַרעפנטלעכט אַמאָל אַ בוך, וווּ דער רעוואָלוציאָנערער פייער האָט נאָך שטיל גע-

גליט, און לויט ווי מ'האָט דערציילט, 'האָט ער געהאַלטן אין זיינע הענט די פעדים פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אינדיען און אין וויטן מזרח. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער וועלטלעכער רעוואָלוציע און אויך מיט פרידלעכערע שטרעבונגען, ווי: מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך און מיט אַ נייעם מעטאָד צו פאַרשפּרייטן מוזיק צווישן די ברייטע מאַסן. ער האָט נישט געהאַט קיין שום מגע-משא מיט קיין שום שכן; ער האָט קוים געזאָגט די באַגעגנטע מענטשן זייער אַ העפלעכן גוט מאָרגן. און דאָך האָט ער באַוויליקט צו זאָגן קריסטאָפן עטלעכע ווערטער וועגן זיין מוזיקאַלישן מעטאָד. קריסטאָפן האָט עס זייער ווייניק אינטערעסירט: די סמנים, מיט וועלכע מען האָט געדאַרפט אויסדריקן די מוזיק זענען אים זייער ווייניק אָנגע-גאַנגען. מ'האָט עס געקאָנט אויסדריקן אויף וועלכער שפּראַך עס איז. אָבער יענער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער אים געגעבן צו פאַרשטיין זיין שיטה מיט אַ העפלעכער עקשנות. אויסערדעם האָט קריסטאָף גאָרנישט געקאָנט דערגיין פון אים. דעריבער פלעגט ער בלייבן שטיין אויף די טרעפּ נאָר כדי צו באַטראַכטן דאָס מיידל, וואָס האָט אים באַגלייט: דאָס איז געווען אַ קליין, בלאָנד מיידל, בלאַס און בלוט-אָרעם, מיט בלויע אויגן, אַן איינגעשרומפּענעם פּראָפיל און אַ שוואַך קערפּערל, אָנגעטון שטענדיק זייער ריין, מיט אַ קרענקלעך פּנים אָן אַ באַזונדערן אויסדרוק. ער האָט פּונקט ווי אַלע געמיינט, אַז דאָס איז וואַטעלעס טאָכטער. באמת איז זי געווען אַ יתומה, אַן אַרבעטערס אַ טאָכטער, וואָס וואַטעלע האָט זי אַריינגענומען צו זיך אַלס פיר אָדער פינף-יאָריק קינד, נאָכדעם ווי אירע עלטערן זענען געשטאָרבן בעת אַן עפּידעמיע. זיין ליבע צו אָרעמע איז געווען אין-לשער. דער עיקר האָט ער ליב געהאַט די אָרעמע קינדער; ער האָט פאַרמאָגט אַ מיסטישע צערטלעכקייט, פּונקט ווי ביי ווענסען-דע-פּאָל. נאָר אַזוי-ווי ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער עפנטלעכער גוטהאַר-ציקייט און ער האָט געוווסט דעם ווערט פון די פילאַנטראָפּישע אינ-סטיטוציעס, האָט ער באַשלאָסן אַליין צדקה צו געבן. ער האָט עס געטון אין דער שטיל און געפונען אין דעם אַ פאַרבאָרגענע פרייד. כדי צו זיין נוצלעך, האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ ביסל מעדיצין. איינמאָל, ווען ער איז אַריין צו אַן אַרבעטער אין זיין קוואַרטאַל, האָט ער געפונען קראַנקע און האָט זיך מיט זיי פאַרנומען. ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט ידיעות אין דער מעדיצין, איצט האָט ער באַשלאָסן

זיי צו פאַרפולקאָמען. ער האָט נישט געקאָנט זען קיין קראַנק קינד: ס'האָט געריסן פון אים שטיקער. אָבער ווי פריילעך איז ער געווען, בעת אים איז געלונגען צו ראַטעווען איינס פון אָט די קליינע נפשות, בעת אַ בלאַסער שמייכל האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אויפן מאָגערן פנים. וואַטעלע האָט געפילט, ווי עס צעשמעלצט זיך אים דאָס האַרץ. ער האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אמתע גן־עדן־מינוטן. ער האָט פאַרגעסן די צרות, וואָס ער איז טיילמאָל אויסגעשטאַנען פון מענטשן, וועלכע ער האָט גוטס געטון. ווייל נאָר זעלטן איז מען אים געווען דאַנקבאַר. אויסער דעם איז די וועכטערין געווען אין כעס, וואָס אַזוי פיל מענטשן קריכן אויף די טרעפּ מיט שמוציקע פיס. זי האָט זיך אויף דעם שטאַרק באַקלאָגט. דער באַלעבאָס, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען, האָט אים געמאַכט פאָרווורפן. וואַטעלע האָט חשק געהאַט צו פאַרלאָזן די דירה, נאָר ס'איז שווער געווען: ער איז שוין געווען צוגעוווינט. ער איז געווען גלייכצייטיק אַ ווייכער מענטש און אַן עקשן און ער האָט קיינמאָל נישט געענטפערט אויף פאָרווורפן.

קריסטאָף האָט געוווּנען זיין צוטרוי אַ דאַנק זיין ליבע, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו קינדער. דאָס האָט זיי פאַרבונדן. וויפיל מאָל קריסטאָף האָט געטראָפן דאָס מיידעלע, האָט אים עפּעס אַ שטאָך געטון אין האַרצן. ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס. נאָר דורכן מיסטישן דמיון פון ענלעכע געשטאַלטן, וואָס דער מענטשלעכער אינסטינקט כאַפּט דירעקט אויף פון אונטערבאַוווּסטזיין־שוועל, האָט אים דאָס דאָזיקע מיידעלע דערמאָנט די טאָכטער פון סאַבינע, זיין ערשטע ווייטע ליבע, דעם פאַרשווונדענעם שאָטן, וואָס זיין שטילער גנאָד האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטון פון זיין האַרצן. דעריבער האָט ער זיך אינטערעסירט מיטן בלאַסן מיידעלע, וואָס האָט קיינמאָל נישט געשפּרונגען, נישט אַרומגעלאָפן, נישט געמאַכט קיין געפילדער. זי האָט נישט געהאַט קיין חברטע. שטענדיק געווען אַן איינזאַמע, אַ שווייגנדיקע, געשפּילט זיך אָן טומל מוט פאַרגליווערטע שפּילכלעך, מיט איר פּופּע אָדער מיט אַ שטיק האָלץ. אירע ליפּן האָבן שטיל געפּליסטערט. זי האָט זיך אַליין דערציילט מעשות. זי איז געווען צאַרט און אַביסל קאַלט. זי האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ ביסל פרעמדס און אומקלאָרס, אָבער איר דערציער האָט עס נישט געזען. ער האָט זי צו שטאַרק ליב געהאַט. אָ, צי קומט נישט פאַר אָט די

דערשיינונג אויך מיט אונזערע אייגענע קינדער? קריסטאָף האָט געוואָלט, אַז דאָס איינזאַמע מיידל זאָל זיך באַפֿריינדן מיטן אינזשיניערס קינדער, נאָר ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ לייכטן העפֿלעכן אָבער אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד, הן מצד די עלסבערגער, הן מצד וואַטעלען. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער כּבוד צו באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט אין דעם קרייז, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אָנגעצייכנט. העכסטנס וואָלטן זיי מסכּים געווען איינער דעם אַנדערן אַרויסצוהעלפֿן. אָבער יעדער האָט מורא געהאַט, טאָמער מיינט מען, אַז ער נויטיקט זיך אין הילף. און אַזוי־ווי די אייגנליבע איז ביי ביידע געווען זייער שטאַרק און דער מצב איז געווען דער זעלבער, דעריבער איז נישט געווען קיין שום האָפֿנונג, אַז עמעצער פֿון זיי זאָל דער ערשטער אויסשטרעקן די האַנט.

די גרויסע דירה אויפֿן צווייטן שטאָק איז כּמעט שטענדיק געווען פּוסט. דער באַלעבאָס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען. ער איז אַמאָל געווען אַ סוחר, נאָר ער האָט איבערגעריסן זיינע געשעפֿטן, ווען ס'איז אים געלונגען אָנצוזאַמלען אַ געוויסן סכום געלט, וואָס ער האָט אַליין באַשטימט. דעם גרעסטן טייל פֿון יאָר האָט ער פֿאַרבראַכט אויסער פּאַריז. ווינטער אין אַ האָטעל ביים ברעג פֿון גרויסן ים, זומער ביי די נאָרמאַנדישע ברעגעס, ווו ער האָט געלעבט זייער ביליק און געהאַט די אילוזיע, אַז פֿאַר אַ קליינעם פּרייז לעבט ער רייך און גייט אַרום ליידיק, ווי אַנדערע.

די קליינע דירה איז געווען פֿאַרדונגען צו אַ פּאָרפֿאָלק, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער, הער און מאַדאַם אַרנאָ. דער מאַן, אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿערציק אָדער פֿינף און פֿערציק, איז געווען אַ לערער אין אַ מיטל־שול. פֿאַרנומען מיט זיינע לעקציעס, העפֿטן און פּריוואַטע שעהן, האָט ער נישט באַוויזן אָנצושרייבן זיין דיסערטאַציע. לסוף האָט ער זיך מיאש געווען אין דעם. זיין פֿרוי, ייִנגער פֿון אים מיט אַ יאָר צען, איז געווען זייער אַ ווילדע, נאָר אַ צו שעמעוודיקע. זיי האָבן ביידע פֿאַרמאָגט אַ נישט דורכשניטלעכע בילדונג, האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט, קיינעם נישט געקענט און נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב. דער מאַן איז געווען פֿאַרנומען, און זי האָט געהאַט צו פֿיל פֿרייע צייט. אָבער זי איז געווען אַן אָרנטלעכע פֿרוי, פֿלעגט זי באַהערשן דעם אומעט, וואָס האָט זי טיילמאָל אָנגעכאַפּט, און באַמיט זיך אים צו באַהאַלטן. פֿאַרנומען זיך, מיט וואָס זי האָט געקאָנט.

פאַרפולקאָמט אירע ידיעות, געמאַכט נאָטיצן פאַר איר מאַן אָדער אי־בערגעשריבן זיינע נאָטיצן, און געניִיט פאַר זיך קליידלעך און היט. זי וואָלט גערן געגאַנגען צייטנווייז אין טעאַטער, נאָר אַרנאָ האָט קיין חשק נישט געהאַט: ער האָט זיך געפילט אין אָוונט זייער מיד, און זי האָט שלום געמאַכט מיט איר גורל.

די מוזיק איז געווען פאַר זיי אַ גרויסע פרייד. זיי האָבן זי ביידע באַוווּנדערט. ער האָט, וואָס אַן אמת, שפּילן נישט געקענט, און זי האָט קיין מוט נישט געהאַט, הגם זי האָט יאָ געקענט: ווען זי האָט געשפּילט אין עמעצנס געגנוואַרט, אַפילו פאַר איר מאַן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ קינד, וואָס באָמבלט אויף די קלאַווישן. און דאָך האָט עס זיי צופרידנגעשטעלט, און גלוק, מאָצאַרט און בעטהאָווען, וועלכע זיי האָבן קוים סילאַביזירט, זענען געוואָרן פאַר זיי אמתע פריינט. זיי האָבן געוווּסט אַלע פּרטים פון זייער לעבן און האָבן זיך מיט ליב־שאַפט און רחמנות באַצויגן צו זייערע צרות. אויך די שיינע, גוטע ביכער, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געלייענט, זענען געווען פאַר זיי אַ גליק. אָבער אַזעלכע ביכער איז פאַראַן זייער ווייניק אין דער היינ־טיקער ליטעראַטור: די שרייבער אינטערעסירן זיך נישט מיט אַזעלכע לעזער, וואָס קאָנען זיי נישט ברענגען קיין כבוד, קיין הנאה און קיין געלט, ווי די דאָזיקע באַשיידענע לעזער, וואָס האָבן זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן, אין ערגעץ נישט געשריבן און נאָר געקאָנט ליב האָבן און שווייגן. די שטומע שיין פון דער קונסט, וואָס באַקומט אין די אָרנט־לעכע, רעליגיעזע הערצער דעם כאַראַקטער פון כמעט אַן אויסערגע־וויינלעכער זאַך, און זייער קעגנזייטיקע ליבע — זענען געווען פאַר זיי גענוג אָנצוטרינקען זייער לעבן מיט שלווה און גליק, הגם זיי זענען געווען אַ ביסל אומעטיק (ס'איז נישט קיין סתירה), זייער איינ־זאַם און אַפילו אַ ביסל אָנגעווייטיקט. זיי זענען ביידע געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה, ווי זייער סביבה. הער אַרנאָ איז גע־ווען אַ געדאַנקען־מענטש, נאָר ער האָט קיין צייט און קיין מוט נישט געהאַט צו שרייבן. ס'וואָלט געווען אַ צו גרויסע טרחה אַרויסצוגעבן ביכער און צו פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען; ס'איז נישט געווען כדאי און ס'איז בלויז אַ נאַרישקייט. וואָס איז עס ווערט קעגן די געדאַנקען, וואָס ער האָט געטראַכט! ער האָט צו שטאַרק ליב געהאַט שיינע קונסט־ווערק, ער זאָל אַליין וועלן שאַפן קונסט־ווערק: ס'וואָלט ביי אים אויסגעזען, ווי אַ חוצפהדיקער, לעכערלעכער פאַרלאַנג. ער האָט

גאַטראַכט, אַז ער גופא איז באַשאַפן געוואָרן צו פאַרשפּרייטן קונסט
אין פאָלק. ער פלעגט אָנשטאָפּן זיינע תּלמידים מיט זיינע געדאַנקען.
פעטער וועלן זיי שאַפן דערפון ווערק — נאַטירלעך, נישט דער־
אָנענדיק דערביי זיין נאָמען. קיינער האָט נישט אויסגעגעבן אַזוי
יל געלט אויף ביכער, ווי ער. די אָרעמע זענען די איידלסטע
מענטשן: זיי קויפן ביכער; אַנדערע האַלטן פאַר אַ חרפּה נישט צו
קריגן קיין בוך אומזיסט. אַרנאָ האָט געקאָנט בדלות ווערן ביים
איינקויפן ביכער: דאָס איז געווען זיין שוואַכקייט, זיין פעלער. ער
האָט זיך געשעמט דערמיט, באַהאַלטן עס פאַר זיין ווייב, — נאָר זי
האָט אים נישט באַשולדיקט. זי וואָלט אויך אַזוי געטון. גלייכצייטיק
פלעגן זיי מאַכן פּלענער, ווי צו שפּאָרן געלט, אַרויסצופאָרן קיין
איטאַליען. זיי האָבן געוווּסט, אַז ס׳וועט זיי קיינמאָל נישט געלינגען.
זיי פלעגן אַליין שטענדיק לאַכן, וואָס זיי קאָנען נישט שפּאָרן קיין
געלט. אַרנאָ האָט זיך געטרייסט. אים האָט צופרידנגעשטעלט דאָס
טייערע ווייב און דאָס אַרבעטזאַמע לעבן, פול מיט אינערלעכער
פרייד. צי איז עס נישט גענוג אויך פאַר איר? זי האָט געענטפערט,
אַז יאָ. זי האָט קיין מוט נישט געהאַט אים צו זאָגן, אַז ס׳וואָלט
איר געווען זייער אָנגענעם, ווען איר מאַן קריגט אַ שיינעם נאָמען,
וואָס פון אים זאָל פאַלן אַ שטראַל אויך אויף איר, וואָס זאָל באַ־
לויכטן איר לעבן און איר געבן אויך אַביסל „עולם־הזה". יאָ, די
אינערלעכע פרייד איז זייער שיין, — אָבער אַביסל ליכט פון דרויסן
איז אויך שיין פון צייט צו צייט פאַר דער נשמה!.. נאָר זי האָט
גאָרנישט געזאָגט, ווייל זי איז געווען שעמעוודיק; אויסערדעם האָט
זי געוווּסט, אַז אויב ער זאָל אַפילו יאָ וועלן קריגן אַ גרויסן נאָ־
מען, איז אויך אַ ספק, צי ס׳וועט אים געלינגען: ס׳איז שוין צו
שפּעט!... זייער גרעסטער צער איז אָבער געווען, וואָס זיי האָבן
קיין קינדער נישט. זיי האָבן עס פאַר זיך אַליין באַהאַלטן, און
במילא געפילט איינער צום צווייטן נאָך מער צערטלעכקייט: פּונקט
ווי זיי וואָלטן איינער ביים צווייטן געבעטן פאַרגעבונג, די דאָזיקע
אומגליקלעכע מענטשן! מאַדאַם אַרנאָ איז געווען אַ גוטע, ווילדע
פרוי: זי וואָלט זיך מיטן גאַנצן האַרצן באַפריינדעט מיט מאַדאַם
עלסבערגער, נאָר זי האָט קיין מוט נישט געהאַט — און דעריבער
נישט דערנענטערט זיך צו איר. וואָס שייך קריסטאָפן, האָבן זיי
ביידע, מאַן און ווייב, געוואָלט זיך מיט אים באַקענען: זיין מוזיק,

וואָס זיי האָבן פון ווייטנס געהערט, האָט זיי געלאָקט. אָבער זיי האָבן בשום־אופן נישט געוואָלט מאַכן די ערשטע טריט: ס׳וואָלט ביי זיי אויסגעזען אומבאַשיידן.

דער ערשטער שטאָק איז געווען אינגאַנצן פאַרנומען פון הער און מאַדאַם פעליקס ווייל, רייכע יידן, אָן קינדער, וואָס האָבן אַ האַלב יאָר פאַרבראַכט אויסער פּאַריז. הגם זיי האָבן שוין צוואַנציק יאָר געוווינט אין דעם הויז (צוליב געוווינהייט זענען זיי דאָרט געבליבן, הגם ס׳איז זיי לייכט געווען צו דינגען אַ גרעסערע דירה, מער צוגעפּאַסט צו זייער רייכקייט), האָבן זיי דאָרט אויסגעזען ווי אויסלענדער, וואָס וווינען דאָ בלויז צייטווייליק. זיי האָבן קיינמאָל קיין וואָרט נישט איבערגעחזרט מיט קיין שכן, און ביז יענער צייט האָט מען געוווּסט וועגן זיי פּונקט אַזוי ווייניק, ווי דעם ערשטן טאָג פון זייער אָנקומען. און דאָך האָבן די שכנים געהאַט וועגן זיי אַ מיינונג. מ׳האָט זיי נישט ליב געהאַט אינם הויז. זיי האָבן, בלי-ספק, נישט געטון קיין האַנט אין קאַלט וואָסער עמעצן געפעלן צו ווערן. פונדעסטוועגן האָבן זיי פאַרדינט אַ בעסערן נאָמען. זיי זענען ביידע געווען ווונדערלעכע מענטשן פון אַן אויסגעצייכנטער קולטור. דער מאַן, אַ מענטש פון אַ יאָר זעכציק, איז געווען אַן אַטיראָלאָגישער פאָרשער, באַרימט מיט זיינע גרויסע רייזעס איבער צענטראַל־אַזיען; אַן אָפענע, נייגעריקע נאַטור, ווי ס׳רוב מענטשן פון זיין ראַסע, ער האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט זיין אייגענעם געביט, נאָר אינטערעסירט זיך אויך מיט פיל אַנדערע געביטן: קונסט, געזעלשאַפטלעכע פראַגן, מיט אַלערליי געדאַנקען פון אונזער צייט. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען ווייניק: אַלע געביטן האָבן אים אינטערעסירט, אָבער נישט באַגייסטערט. ער איז געווען זייער קולטורעל, שוין צו קלאָג, שוין צו פריי פון יעדן בונד און גרייט שטענדיק חרוב צו מאַכן מיט איין האַנט דאָס, וואָס ער האָט מיט דער צווייטער אויפגעבויט. ווייל ער האָט זייער פיל געבויט: ווערק און שיטות. ער איז געווען אַ גרויסער אַרבעטער. צוליב געוווינהייט און גייסטיקער היגיענע פלעגט ער מיט טיפן געדולד אַרבעטן איבער אַ וויסנשאַפטלעכן געביט, כאָטש ער האָט נישט געגלויבט אינם נוצן, וואָס זיין אַרבעט וועט ברענגען. צו זיין אומגליק, איז ער שטענדיק געווען רייך. אַזוי־אַרום האָט ער נישט געקענט דעם פּראָבלעם און דעם אינטערעס, וואָס מענטשן געפינען אינם לעבנס־קאַמף; זינט

זיינע רייזעס אין מזרח, וואָס האָבן אים פאַרמאַטערט ערשט אין עט־לעכע יאָר אַרום, האָט ער קיין באַשטימטע שטעלע נישט פאַרנומען. חוץ זיין פערזענלעכער אַרבעט האָט ער זיך פונדעסטוועגן פאַרנומען זייער אויפמערקזאַם מיט טאָג־פראַגן, געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען, וואָס טראָגן אַ פראַקטישן, דירעקטן כאַראַקטער, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־בילדונג אין פראַנקרייך. ער האָט געמאַכט אויפבליען אי־דעען, ער האָט געשאַפן שטרעמונגען, ער האָט געבראַכט אין באַווע־גונג גרויסע געדאַנקען־מאַשינען — און האָט באַלד דערפילט, אַז ס׳איז אים אַלץ נמאס געוואָרן. נישט איינמאָל האָט ער אויפגערעגט פאַרשי־דענע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַ דאַנק אים פאַראינטערעסירט מיט אַ געוויסער אַרבעט, — בעת ער האָט שפעטער אַליין שאַרף קריטי־קירט און געבראַכט צו פאַרצווייפלונג די אייגענע מענטשן. ער האָט עס נישט געטון בכיוון: ס׳איז געווען פאַר אים אַ נאַטירלעכע באַדער־פעניש. אַ נערוועישער און פול מיט איראָניע, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס לעבערלעכע אין זאַכן און אין מענטשן, וואָס ער האָט מיט זיין דורכדרינגלעכן בליק געזען. און אַזוי ווי ס׳איז נישטאָ אַזאַ שיינע זאַך און אַזאַ גוטער מענטש, וואָס זאָל נישט פאַרמאָגן קיין לעכערלעכע זייטן, בעת מ׳קוקט אויף זיי פון אַ באַשטימטן שטאַנד־פונקט און אַ באַשטימטער גוזמא, — דעריבער האָט ער פון אַלץ חוזק געמאַכט. נאַטירלעך האָט די דאָזיקע מעלה נישט געקאָנט אים דער־ווערבן קיין פריינט, און דאָך האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט מענטשן גוטס טון; ער האָט אַזוי טאַקע געטון, נאָר זיי זענען אים נישט דאַנקבאַר געווען דערפאַר: אַפילו די, וואָס זענען אים געווען שולדיק אַ דאַנק, האָבן אים אין האַרצן נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס זיי זענען אויס אין זיינע אויגן לעכערלעך. כדי ליב צו האָבן מענטשן, וואָלט ער געדאַרפט נישט אַזוי שטאַרק אַריינקוקן אין זיי נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ מיזאַנטראָפּ. ער איז אַליין נישט געווען זיכער, צי ער טויג צו אַזאַ ראָל. ער האָט זיך געשעמט פאַר דער וועלט, פון וועלכער ער האָט אָפּגעלאַכט. אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז אפשר איז די וועלט גערעכט און נישט ער; ער האָט נישט געוואָלט אויס־זען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט; ער האָט זיך אַליין געפּאָרשט, כדי זיך צוצוגעוווינען מיט זיינע אָנשויונגען צו דער וועלט. נאָר אומזיסט: ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן, זיי צו משפטן. ער איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ חוש פאַר יעדער גוזמא, פאַר אַלץ,

וואָס איז אומנאַטירלעך. ער האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין אויפ־
רעגונג. דער עיקר האָט ער געפילט דאָס לעכערלעכע ביי די יידן,
ווייל זיי האָט ער בעסער געקענט. און אַזוי־ווי, טראָץ זיין גייסטיקער
פרייהייט, וואָס האָט אים נישט דערלויבט צו מאַכן קיין מחיצה צווישן
באַזונדערע ראַסן, איז ער דאָך אָפטמאָל געשטרויכלט געוואָרן אָן
מחיצות, וואָס אַנדערע ראַסן האָבן געשאַפן פאַר אים; און אַזוי־ווי ער
האָט זיך אַליין, פונדעסטוועגן, געפילט פרעמד אין דער קריסטלעכער
געדאַנקען־וועלט, — האָט ער זיך דעריבער פון אַלעם דערווייטערט און
געזוכט זיך, צוליב וויכטיקייט, אַ מקלט אין זיין איראָניע און אין זיין
טיפער ליבע צו זיין פרוי.

צום ערגסטן איז געווען, וואָס זי האָט אויך נישט אויסגעמיטן
זיין איראָניע. זי איז געווען אַ גוטע, אַקטיווע פרוי, וואָס האָט גע־
שטרעבט צו ברענגען נוצן און האָט זיך פאַרנומען מיט צדקה. איר
כאַראַקטער איז געווען ווייניקער קאָמפּליצירט, ווי איר מאַנס. זי איז
געווען פאַרנומען מיט אירע מאָראַלישע שטרעבונגען און מיט איר
לאָגישער, אַ ביסל פּראָסטער, אָבער זייער דערהויבענער אידעע פון
אירע פליכטן. אירע גאַנצע יאָרן איז זי געווען אומעטיק, אָן קינדער,
אָן אַ גרויסער פרייד, אָן אַ גרויסער ליבע, און זי האָט געפונען אַ
טרייסט אין דעם דאָזיקן מאָראַלישן גלויבן, וואָס איז אייגנטלעך גע־
ווען בלויז דער ווילן צו גלויבן. דעם מאַנס איראָניע האָט אויך די
שוואַכקייט נישט דורכגעלאָזן, און ער האָט זיך, ווי קעגן זיין ווילן,
געוויצלט איבער דעם, וואָס זי נאַרט זיך אַליין אָפּ. ער איז באַשטאַ־
נען פון סאַמע סתירות. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ הויכן באַגריף וועגן
זיינע פליכטן, נישט ווייניקער דערהויבן פון זיין ווייבס. און גלייכ־
צייטיק האָט ער געפילט אַ באַדערפעניש צו אַנאַליזירן, צו קריטיקירן,
נישט אָפּצונאַרן זיך אַליין; דעריבער פלעגט ער צערייסן אויף שטיק־
לעך דעם „עטישן אימפּעראַטיוו" זיינעם. ער האָט נישט געזען, אַז
ער נעמט צו ביי זיין פרוי דעם באָדן אונטער די פיס. ער האָט
אכזריותדיק געמאַכט אַ תּל פון אַלע אירע האָפענונגען. ווען ער האָט
זיך געכאַפּט, האָט ער געליטן מער פון איר. אָבער דאָס שלעכטע איז
שוין געווען אָפּגעטון. און דאָך האָבן זיי זיך נישט אויפגעהערט טריי
ליב צו האָבן, צו אַרבעטן און צו טון אַנדערע גוטס. אָבער אויך די
קאַלטע צוריקגעהאַלטנקייט פון דער פרוי האָבן מענטשן געמשפּט זייער
האַרב צוליב דעם מאַנס איראָניע. און אַזוי־ווי זיי זענען ביידע גע־

ווען צו שטאָלץ צו מאַכן אַ טומל מיטן גוטס, וואָס זיי טוען, אָדער מיט זייערע גוטע פֿאַרלאַנגען — האָבן מענטשן דעריבער געהאַלטן זייער באַשיידנקייט פֿאַר גלייכגילטיקייט און זייער איינזאַמקייט פֿאַר אַכזוריות. און וואָס־מער זיי האָבן ביידע געפֿילט, אַז מ׳האָט וועגן זיי אַזאַ פֿעס־טע מיינונג, אַלץ מער האָבן זיי זיך געהיט נישט צו קעמפֿן דערמיט. צוליב ווידערווילן צו דער גראָבער אומבאַשיידנקייט צו פֿיל פֿון זייער ראַסע, זענען זיי געוואָרן אַ קרבן פֿון איבערגעטריבענער באַשיידנקייט, וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך אַ סך גאווה.

וואָס שייך דעם פֿאַרטער, וואָס האָט דורך עטלעכע טרעפֿלעך געפֿירט צום גאָרטן — האָט דאָרט געוווינט דעו פֿולקאָווניק שאַבראַן, אַ געוועזענער אַרטילעריע־אָפֿיציר אין די קאָלאָניעס; דער דאָזיקער גע־זונטער, יונגער מענטש האָט זיך באַטייליקט אין קאַמפֿן, אין סודאַן און מאַדאַגאַסקאַר. דערנאָך האָט ער פּלוצלינג אַלץ געשיקט צו אַלדי רוחות, באַגראָבן זיך דאָ און נישט געוואָלט הערן און געדענקען וועגן מיליטער. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געפּאָרקעט אין זיין גערטנדל, געלערנט זיך שפּילן אויף אַ פֿייפֿל אָן שום ערפֿאָלג, צערעדט אָסור לדבר אויף דער פּאָליטיק און געבייזערט זיך אויף דער טאָכטער, וואָס ער האָט ליב געהאַט: אַ מיידל פֿון אַ יאָר דרייסיק, נישט קיין איבעריק שיינע, נאָר זייער אַ ווילע, וואָס האָט זיך מקריב געווען פֿאַר אים און מיט קיינעם נישט חתונה געהאַט, כּדי ער זאָל נישט בלייבן איינזאַם. קריסטאָף פֿלעגט זיי אָפֿט זען, ווען ער האָט זיך אַרויסגעבויגן פֿון פֿענסטער אַרויס; נאַטירלעך, האָט ער מער אַכט גע־לעגט אויף דער טאָכטער, ווי אויפֿן פֿאָטער. נאָכמיטאָג האָט זי עט־לעכע שעה פֿאַרבראַכט אין גאָרטן, געניייט, געטרוימט, באַגאָסן די בייטן, שטענדיק פֿריילעך, צוזאַמען מיטן אַלטן ברומענדיקן טאַטן. מ׳האָט שטענדיק געהערט איר רויקע, קלאָרע שטים, ווי זי ענטפֿערט מיט אַ שמייכל אויפֿן טאַטנס ברומענדיקער שטים, בעת ער האָט אַרומ־געשפּאַצירט איבער די שטעגלעך. דערנאָך איז ער אַריין אין שטוב און זי איז געבליבן זיצן אויף דער באַנק אין גאָרטן און געניייט, נישט רירנדיק זיך פֿון אָרט און קיין וואָרט נישט אויסרעדנדיק; זי האָט נאָר געשמייכלט אומקלאָר, — און אין דער זעלבער צייט האָט דער אָפֿיציר געשפּילט הייזעריק אויפֿן פֿייפֿל אָדער, כּדי צו בייטן, פֿאַלש געבאָמבלט אויף דער האַרמאָניע, צו דער פֿאַרווייַלונג אָדער

אויפרעגונג פון קריסטאָפן (די שטימונג איז געווען אָפּהענגיק פונם טאָג).

די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן געלעבט אין איין הויז, וואָס זיין גאָרטן איז געווען פאַרמאַכט, פאַרשטעלט פאַר אַלע ווינטן פון דער וועלט, גוט פאַרשפּאַרט און אָפּגעזונדערט איינער פונם צווייטן. נאָר קריסטאָף אַליין האָט, צוליב דער באַדערפעניש זיך צו צעשפּרייטן און צוליב זיין לעבנס-שפע, אַלעמען אַרומגענומען און אָנגעשטעקט מיט זיין ברייטער, בלינדער און גלייכצייטיק אָפענער סימפּאַטיע. ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען און האָט נישט געהאַט קיין שום מיטל זיי צו פאַרשטיין. ס'האָט אים געפעלט אָליוויערס פּסיכאָלאָגישער פאַרשטאַנד. נאָר ער האָט זיי ליב געהאַט. אינסטינקטיוו האָט ער זיך געשטעלט אויף זייער אָרט. ביסלעכווייז האָט אין זיין נשמה אַרויפגעשטיגן פון מיסטישע קוואַלן אַ טונקעלע באַנעמונג פון די דאָזיקע ווייטע און נאָענטע לעבנס: ער האָט געפילט דעם ווייטיק פון דער פאַרטרויערטער פרוי, די סטאָיִשע שטילקייט, וואָס הערשט אין די שטאָלצע געדאַנקען פונם גלח, פונם ייִד, פונם אינזשיניער און פונם רעוואָלוציאָנער; ער האָט געפילט דעם שוואַכן פלאַם פון צערטלעכקייט און אמונה, וואָס האָט שטיל אויפגעפרעסן די הערצער פון די ביידע אַרנאָ; די נאַיִווע שטרעבונג פונם פאָלק צו ליכט; דעם געשטיקטן בונט און צוועקלאָזע מעשים, וואָס דער אָפיציר האָט אין זיך געשטיקט; די רויקע הכנעה פון זיין טאָכטער, וואָס הלומט אין שאָטן פון די פויגלמילכבלימעלעך. אָבער בלויז קריסטאָף אַליין האָט אַריינגעדרונגען אין דער שטילער מוזיק פון זייערע נשמות. זיי אַליין האָבן זי נישט געהערט. יעדער איינער איז געווען פאַרזונקען אין זיין אומעט און אין זיינע טרוימען.

אַלע האָבן געאַרבעט, סיי דער סקעפּטישער זקן, סיי דער פּעסימיסטישער אינזשיניער, סיי דער גלח און סיי דער אַנאַרכיסט, סיי די אַמביציעזע, סיי די אַנטוישטע. און אויפן דאַך האָט געזונגען דער בעל-מלאכה.

אַרום זייער הויז, אַפּילו ביי די בעסטע מענטשן, אַפּילו בעת

זיי האָבן זיך פאַרייניקט צוזאַמען, האָט געהערשט די זעלבע גייסטיקע איינזאַמקייט.

אָליוויער האָט אים געשטעלט אין פאַרבינדונגען מיט אַ קליינער צייטונג, ווו ער האָט זיך באַטייליקט. די צייטונג האָט געהייסן „עזאָפּ" און זי האָט געהאַט אַ מאָטאָ פון מאָנטען:

„מ'האָט געבראַכט עזאָפּן צום פאַרקויף צוזאַמען מיט נאָך צוויי אַנדערע שקלאַפן. דער קויפער פונם ערשטן האָט אים געפרעגט, וואָס ער קען; האָט אים יענער, כדי צו פאַרגרעסערן דעם פּרייז, צוגעזאָגט הרים וגבעות; דער צווייטער האָט געענטפערט, ווי דער ערשטער, אָדער נאָך מער. ווען ס'איז אָנגעקומען עזאָפּס ריי און מ'האָט אים געפרעגט, וואָס ער קען, האָט ער געענטפערט: גאָרנישט, ווייל די ערשטע האָבן שוין אַלץ פאַרכאַפּט; זיי קענען אַלץ."

דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט און פאַראַכטונג „קעגן דער חוצפּה און גוזמאַדיקער גאווה — ווי מאָנטען האָט שוין געזאָגט — פון די, וואָס מאַכן דערפון אַ פּראָפעסיע". וואָס אַן אמת, די יעניקע, וואָס „עזאָפּ" האָט זיי געהאַלטן פאַר סקעפּטיקער, זענען באמת געווען פאַרברענטע גלויביקע. אָבער דעם עולם האָט, נאַטירלעך, נישט געצויגן די דאָזיקע מאַסקע פון איראָניע און שטאָלצער נאַרישקייט; די דאָזיקע מאַסקע איז נאָר מסוגל געווען צו פאַרשטויסן די לעזער. דאָס פאָלק גייט נאָך נאָך די, וואָס ברענגען אים פּשוטע, קלאָרע, שטאַרקע און פאַרשטענדלעכע ווערטער. אַ שטאַרקער ליגן, איז אים ליבער, ווי אַ בלוטאָרעמער אמת. דער סקעפּטיציזם געפעלט אים נאָר דעמאָלט, ווען ער באַהאַלט זיך הינטער אַ נאַטוראַליזם, למשל הינטער דער קריסטלעכער דאָגמע, דעם פאַרריסענעם פּיראָניזם, אין וועלכן „עזאָפּ" האָט זיך געהילט; האָבן געקאָנט פאַרשטיין נאָר געציילטע, — alme sdegnose, — וואָס האָבן פאַרשטאַנען זיין פאַרבאָרגענע קראַפט. פאַר מעשים, פאַרן לעבן איז די דאָזיקע קראַפט געווען פאַרלוירן.

זיי האָבן זיך דאָס נישט גענומען צום האַרצן. וואָס-שטאַרקער ס'האָט זיך געמערט די דעמאָקראַטיע אין פראַנקרייך, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט דער אַריסטאָקראַטיזם פון דער קונסט און וויסנשאַפט. די וויסנשאַפט האָט געפונען אַ שוץ אין אַ באַזונדערער שפּראַך, אין איר קודש-הקדשים, וואָס נאָר יחידי-סגולה האָבן דאָס רעכט אַהין אַרייַנצוגיין. זי איז געווען אומצוטריטלעכער, ווי אין די צייטן פון

בופאָן און די ענציקלאָפּעדיסטן. די קונסט, לפּחות די, וואָס האָט זיך אַליין געשעצט און קולטיווירט די שיינקייט, איז אויך געווען פאַרשלאָסן אין זיך, ווי די קונסט. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַראַכטונג דעם המון. אַפילו די שרייבער, וואָס האָבן זיך מער אינטערעסירט מיט מעשים, ווי מיט שיינקייט, וואָס האָבן די מאָראַלישע אידעען געהאַלטן העכער פון די עסטעטישע, אַפילו זיי זענען באַהערשט געוואָרן פון דעם דאָזיקן מאָדנעם אַריסטאָקראַטיזם. זיי האָבן, משמעות, באַמיט זיך מער אויפצוהאַלטן אין זיך זייער אינערלעכן פלאַם, ווי אים איבערצוענטפערן אַנדערע. מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז נישט דער נצחון פון זייער געדאַנק איז געווען פאַר זיי וויכטיק, נאָר דאָס שאַפן דעם געדאַנק גופא.

און דאָך זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָלקס-קונסט. צווישן די אויפריכטיקע פון זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַריינגעפירט אין די ווערק אַנאַרכיסטישע געדאַנקען, וואָס האָבן געהאַט אפשר אַ פאַרווירקלעכונג אין דער ווייטער צוקונפט, אין הונדערטער און טויזנטער יאָרן אַרום, נאָר דערווייל האָבן זיי בלויז געפרעסן און געפייניקט די נשמה. אַנדערע האָבן געשריבן פאַרביטערטע ווערק אָדער איראָנישע, אָן אילוזיעס און זייער טרויעריקע.

ווען קריסטאָף האָט עס געלייענט, האָט ער געפילט, ווי ער פאַרלירט זיין גלייכגעוויכט אויף עטלעכע טעג.

— און איר גיט עס דעם המון? — האָט ער געפרעגט און געפילט אַ רחמנות צו די מענטשן די אומגליקלעכע, וואָס קומען זיך אָפּרוען און פאַרווײַלן נאָך זייער אַרבעט אויף עטלעכע שעה, און אָט לייגט מען זיי פאָר די דאָזיקע טונקעלע ווערק.—מ'קאָן דאָך דעם מענטשן פשוט אָפּסמען דערמיט!

— באַרויק זיך, — האָט אָליוויער מיט אַ געלעכטער געענטפערט.

— דאָס פאָלק קומט סיי-ווי-סיי נישט.

— פאַרוואָס? צי איז עס נישט מחויב צו לערנען, פונקט ווי מיר, צו זען דעם צער אין דער וועלט און דאָך אָן שום וואַקלעניש צו דערפילן זיין פליכט?

— אָן וואַקלעניש? — איך צווייפל, אָבער בלי-ספק אָן פאַרגעניגן. און אויב מען דערהרגעט אין מענטשן די בענקשאַפט צום לעבן, איז עס נאָך אויך נישט צו ווייט אַוועקגעגאַנגען.

— וואָס-זשע זאָל מען טון? מיר האָבן נישט דאָס רעכט צו פאַלשן דעם אמת.

— אָבער נאָך ווייניקער רעכט האָבן מיר צו זאָגן דעם אמת אַלעמען אין די אויגן.

— און דו זאָגסט עס אַזוי? דו, וואָס האָסט נישט אויפגעהערט צו פאָדערן דעם אמת, וואָס פאַרמעסט זיך אַלעמען ליב צו האָבן?

— יאָ, דעם אמת פאַר מיר און פאַר די, וואָס זייער רוקנביין איז גענוג שטאַרק אים אַריבערצוטראָגן, אָבער פאַר די אַנדערע איז עס אכזריות און נאַרישקייט צו זאָגן יאָ, איצט האָב איך זיך איבער-צייגט. אין מיין לאַנד וואָלט מיר דער געדאַנק קיינמאָל נישט איינגע-פאַלן. דאָרט, אין דייטשלאַנד, קענען זיי נישט די קראַנקהייט פון אמת, ווי איר קענט אים דאָ. זיי האָבן צו שטאַרק ליב צו לעבן: צוליב פאָרזיכטיקייט זעען זיי נאָר דאָס, וואָס זיי ווילן זען. כ'האָב אייך ליב דערפאַר, וואָס איר זענט נישט ווי זיי. איר זענט אויפריכ-טיק, אָפנהאַרציק; אָבער מענטשלעך זענט איר נישט. ווען איר אַנט-פּלעקט עפּעס אַן אמת, שיקט איר אים אַוועק אין דער וועלט אַריין און זאָרגט נישט לחלוטין, טאָמער צינדט ער אָן אַ פייער אויף דער וועלט, ווי די פוקסן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן אָן זייערע וויידלען. איך שעץ אייך, וואָס איר האַלט דעם אמת העכער פון אייער גליק. אָדער — דאָס גליק פון אַנדערע... — לאָזט אָפּ... איר נעמט די זאַך צו לייכט. האָב ליב דעם אמת מער פון זיך, אָבער דיין חבר האָב ליב מער, ווי דעם אמת.

— אויב אַזוי, דאַרפן מיר אים זאָגן ליגן?

קריסטאָף האָט אים געענטפערט מיט געטהעס ווערטער:

— פון אַלע דערהויבנסטע אמתן לאָמיר אויסדריקן נאָר די, וואָס דינען דעם גליק פון דער וועלט. די אַנדערע לאָמיר טראָגן אין זיך, ווי די ליכטער פון אַ פאַרבאָרגענער זון, וועלן זיי באַלייכטן אַלע אונזערע מעשים.

אָבער אַזעלכע עניגים זענען די דאָזיקע מענטשן נישט אָנגע-גאַנגען. זיי האָבן בײַ זיך נישט געפרעגט, צי די ביקס אין זייער האַנט ברענגט „דעם געדאַנק אָדער דעם טויט" און אפשר ביידן צו-זאַמען. זיי זענען געווען צופיל ראַציאָנאַליסטיש, ס'האָט זיי געפעלט ליבע. ווען דעם פראַנצויז פאַלט איין אַן אידעע, וויל ער זי דווקא אָנוואַרפן דעם צווייטן. אפילו ווען ער האָט זי נישט, וויל ער עס

אויך טון. און בעת ער זעט, אַז ער קאָן עס נישט באַווייזן, אינטע־רעסירט ער זיך נישט מער מיט קיין אַנדערע און מיט דער זאַך גופא. דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה, וואָס די דאָזיקע אַריסטאָקראַטן האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט קיין פּאָליטיק, נאָר זיי האָבן געקרעכצט און געטרויערט. יעדער איינער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין גלויבן אָדער גלויבנלאָזיקייט.

וויפיל מאָל זענען געמאַכט געוואָרן פּרוון גובר צו זיין דעם דאָזיקן אינדיווידואַליזם און גרופּירן די מענטשן אין גרופּן. אָבער ס׳רוב גרופּן זענען באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזעלשאַפטן פון ליטעראַרישע רכילותניקעס אָדער אין קליינע לעכערלעכע פּאַרטייען. די בע־סערע פון זיי האָבן איינער דעם צווייטן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. עס זענען געווען צווישן זיי אויך אויסגעצייכנטע מענטשן, פול מיט כּוח און גלויבן, וואָס זענען געווען מסוגל צו פאַרייניקן און אָנ־צופירן מיט די מענטשן פון שוואַכערן ווילן. אָבער יעדערער פון זיי האָט זיך געקליבן אַרום זיך אַ באַזונדערע סטאַדע און זי נישט גע־וואָלט אויסמישן מיט דער סטאַדע פונם חבר. אָט אַזוי איז צושטאַנד געקומען אַ הויפן קליינע צייטונגען, חברות, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַלע גוטע מידות, נאָר איין זאַך האָט זיי געפעלט: מסירת־נפש; ווייל קיין איינע פון זיי האָט נישט געוואָלט בטל ווערן פאַר דער צווייטער. און בעת זיי האָבן מלחמה געהאַלטן צווישן זיך וועגן די הייפלעך מענטשן, וואָס זייער צאָל איז געווען קליין און זייער פאַרמעגן נאָך ווייניקער; זיי האָבן לאַנג געשלעפּט זייער געמאַטערט לעבן, וואָס איז געווען בלוטאָרעם און הונגעריק, לסוף זענען זיי געפאַלן און מער נישט אויפגעשטאַנען — נישט פונם שונאס קלעפּ, נאָר (וואָס ס׳האָט נאָך מער וויי געטון) פון זייערע אייגענע קלעפּ. פאַרשידענע קינסטלער־שרייבער, דראַמאַטורגן, פּראָזאַישע דיכטער, לערער, פּראָפעסאָרן, זשורנאַליסטן — האָבן זיך צעטיילט אין אָן אַ שיעור קליינע גרופּן, וואָס האָבן זיך ווי־דער צעטיילט אויף נאָך קלענערע גרופּן, געשלאָסן און אָפּגעזונדערט איינע פון דער צווייטער. ס׳איז נישט געווען קיין שום קעגנזייטיקע גייסטיקע מיטלייד. נישטאָ אַזאַ זאַך אין פראַנקרייך, וואָס אַלע זאָלן קומען בנוגע איר צו אַ הסכם, אויסער אין אומגעוויינלעך זעלטענע פאַלן. דעמאָלט באַקומט דער דאָזיקער הסכם דעם כאַראַקטער פון אַן עפּידעמיע, לסוף אַ פאַרבלענדנדיקע, ווייל אַ קרענקלעכע. אַ ווילדער אינדיווידואַליזם האָט געהערשט איבער דער פראַנצויזישער טאַט: אין

דער וויסנשאַפט, ווי אין מסחר; ער האָט געשטערט די סוחרים זיך צו פאַרייניקן, צו שאַפן פּאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציעס. דער דאָזיקער אינדיווידואַליזם איז נישט געווען קיין פּרולעטבאַרער, ער האָט נישט פאַרפלייצט זיינע אייגענע ברעגעס, נאָר ער איז געווען עקשנותדיק און פאַרשפּאַרט אין זיך. צו זיין איינזאַם — קיינעם נישט שולדיק צו זיין, כדי קיינער זאָל נישט שטערן די רו פון דיין גאווהדיקער איינזאַמקייט, — אָט איז דער אייביקער געדאַנק פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס שאַפן צייטונגען „מן־הצד", טעאַטערן „מן־הצד", גרופּן „מן־הצד". די עקזיסטענץ פון די צייטונגען, טעאַטערן און גרופּן האָט געהאַט נאָר איין זין: דער ווילן נישט צו זיין מיט די אַנדע־רע, נישט צו אייניקן זיך מיט זיי אין טאַט אָדער אין שותפותדיקע געדאַנקען, דער אומצוטרוי צו אַנדערע — אַפילו בעת ס'איז נישט געווען קיין פּאַרטייאיִשע שנאה, וואָס צעבונטעוועט קעגן זיך מענטשן, גראָד פעיקע צו האָרכן איינער דעם אַנדערן.

אַפילו די מענטשן, וואָס האָבן איינער דעם צווייטן געשעצט און געטון איין אַרבעט, ווי אָליוויער און זיינע חברים אין „עזאָפּ", אַפילו זיי זענען אויך גרייט געווען יעדע רגע אַרויסצוגיין אין קאַמף איינער קעגן צווייטן. זיי האָבן נישט פאַרמאָגט די דאָזיקע פאַרשווענדערישע נאַיווקייט, וואָס געפינט זיך אין דייטשלאַנד, ווו זי ווערט שוין אַביסל צו שווער. אין דער גרופּע פון די דאָזיקע יונגעלייט האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט קריסטאָפן זייער אינ־טערעסירט, ווייל ער האָט פאַרגעפילט אין אים אַן אומגעווייינלעכן כוח. דאָס איז אַ שרייבער, אַ דענקער און אַ מענטש פון אייזערנעם ווילן, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט מאָראַלישע געדאַנקען, באַנוצט זיך מיט זיי אויף אַ באַזונדערן אופן; אַ ראַדיקאַלער, איז ער גרייט געווען פאַר זיינע אידעען מקריב צו זיין די גאַנצע וועלט און זיך אַליין; ער האָט געשאַפן און רעדאַגירט די צייטונג כמעט איינער אַליין, כדי צו פאַרטיידיקן זיינע געדאַנקען; ער האָט זיך געשוווּירן צו פאַרשפּרייטן אין אייראָפּע און אין פראַנקרייך גופא דעם געדאַנק פון אַ ריינער, העלדישער און פרייער פראַנקרייך; ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז אַ געוויסן טאָג וועלן די מענטשן דער־קענען און מודה זיין, אַז ער האָט אָנגעשריבן איינע פון די שטאַרקס־טע בלעטער אין דער געשיכטע פונם פראַנצויזישן געדאַנק — און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. קריסטאָף האָט זיך געוואָלט נעג־

טער מיט אים באַקענען און באַפרײנדן זיך מיט אים. נאָר ער האָט קײן שום מעגלעכקײט דערצו נישט געהאַט. הגם אָליװיער האָט מיט אים זײער אָפט געאַרבעט, האָבן זײ זיך דאָך זעלטן געזען און נאָר געשעפטלעך; זײ האָבן נישט גערעדט צװישן זיך װעגן קײן שום אינטימע זאַכן; העכסטנס האָבן זײ אױסגעטױשט צװישן זיך עטלעכע אַבסטראַקטע געדאַנקען; אָדער (אײגנטלעך זענען עס קײן מײנונגס־אױסטױשן אױך נישט געװען, װײל יעדער אײנער האָט זײנע מײנונגען באַהאַלטן אין זיך) זײ האָבן גערעדט מאָנאָלאָגן צו זיך אַלײן און דאָך זענען זײ געװען חברים אין קאַמף און האָבן געקענט אײנער דעם צװײטנס ריכטיקע װערט.

פאַרשידענע סיבות האָבן גורם געװען זײער צוריקגעהאַלטנקײט. זײ אַלײן איז עס שװער געװען קלאָר צו מאַכן. ראשית — איבערגעטריבענע קריטיק, װאָס זעט גוט דעם אונטערשײד צװישן מענטשן, װאָס לאָזט זיך נישט אַװעקמאַכן מיט דער האַנט; און צװײטנס איבערגעטריבענע שכלדיקײט, װאָס טרײבט איבער דעם װערט פון די דאָזיקע אונטערשײדן; אַ מאַנגל אין שטאַרקע, נאַיװע פרײנטשאַפט, װאָס נױטיקט זיך, כּדי צו לעבן און ליב צו האָבן, אין פאַרשפרײטונג; אפשר אױך די שװערע אַרבעט, די צרות פון לעבן, דער פּיבער פונם געדאַנק, װאָס לאָזן פאַרנאַכט נישט איבער קײן כּוח הנאה צו האָבן פון אַ פרײנטלעכן שמועס. און לסוף — דאָס שרעקלעכע געפיל, װאָס דער פראַנצױז װיל עס נישט מודה זײן, אָבער עס דרימלט שטענדיק אין אים: װײל אין פראַנקרײך זענען געװען פאַרשידענע ראַסן, װאָס האָבן זיך אין פאַרשידענע תּקופות אײנגעװאָרצלט אױף דער ערד, און הגם זײ זענען געבונדן צװישן זיך, האָבן זײ נישט קײן שותּפותדיקן אַרט דענקען און כּדי צו האַרמאָניזירן, מוזן זײ פאַרגעסן אָן זײערע באַזונדערע שטאַמען. אָבער די הױפּט־סיבה איז די תּאװה, װאָס פאַרשיכּורט און איז געפערלעך, װאָס בעת דער מענטש פאַרזוכט זי נאָר, איז ער גרײט פאַר איר אַלץ מקריב צו זײן. די דאָזיקע פרײע אײנזאַמקײט איז זײ זײער טײער, װײל זי װערט געקױפט פאַרן פרײז פון שװערע יאָרן מאַטערניש. די אַריסטאָקראַטן האָבן געפונען אין אים אַ מקלט צו אַנטלױפן פון דער מיטלמעסיקײט, אָט אַזױ האָט דער דאָזיקער לאָדן געדינט קעגן דער טיראַנישקײט פון די רעליגיעזע און פּאָליטישע כּנופיות, קעגן די שװערע משאות, װאָס דריקן אױף יעדן יחיד אין

פראַנקרייך: די פאַמיליע, די עפנטלעכע מיינונג, די רעגירונג, די געהיימע אָרגאַניזאַציעס, די פאַרטייען און סתם גרופּן. שטעלט אייך פאָר אַ געפאַנגענעם, וואָס כּדי צו אַנטלויפן, מוז ער אַריבערשפּרינגען צוואַנציק מויערן, וואָס פאַרשטעלן אים דעם וועג. אַפילו אויב ער וועט דערגרייכן צום ציל און נישט צעברעכן דערביי האַלז און נאַקן און נישט ווערן פאַרצווייפלט, — מוז ער זיין זייער שטאַרק. ס'איז אַ שווערע שולע פאַרן פרייען ווילן! אָבער ביי די, וואָס האָבן עס דורכגעמאַכט, בלייבט אויפן גאַנצן לעבן אַ שווערער קנייטש, די בענקשאַפט צו פרייהייט, וואָס דערגייט ממש ביז משוגעת, און די אומעגלעכקייט זיך צונויפצושמעלצן מיט אַן אַנדער נשמה.

אויסער דער דאָזיקער איינזאַמקייט, וואָס האָט זיך גענומען פון גאווה, איז געווען נאָך אַן אַנדער מין איינזאַמקייט, — וואָס האָט זיך גענומען פון מוותר זיין. וויפיל זענען פאַראַן אָרנטלעכע מענטשן אין פראַנקרייך, וואָס זייער גאַנצע גוטסקייט, טאַלאַנט און ליבע זענען געווענדעט צו איין ציל — צו דערווייטערן זיך פון לעבן! טויזנטער סיבות, גוטע אָדער שלעכטע, שטערן זיי עפּעס צו טון. ביי פיל פון זיי קומט עס פון הכנעה, פון שעמעוודיקייט, פון געוווינהייט. ביי אַנדערע — פונם שרעק פאַרן מענטשן, פונם שרעק פאַר דער לעכערלעכקייט, פון שרעק, נישט צו ציען אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט, נישט צו ווערן איבערגעגעבן דער עפנטלעכער מיינונג צו משפּטן, נישט אַריינצומישן זיך אין די אַלע ענינים, וואָס גייען זיי נישט אָן, נישט צו הערן קיין שלעכטע מיינונג וועגן זייערע זינלאָזע מעשים אָן אַ ריכטיקן ציל. דער האָט זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין דער פּאָליטישער און סאָציאַלער מלחמה; דער ווידער האָט זיך אָפּגעקערט פון צדקה, ווייל מ'האָט געזען צופיל מ[illegible]טשן, וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט אָן הארץ און אָן אַ זין. מ'האָט מו[illegible] געהאַט, טאָמער האַלט מען זיי אויך פאַר אויסוורפן און נאַראָנים. כּמעט אַלע האָבן געפילט עקל, מידקייט, מורא פאַר מעשים, פאַר יסורים, פאַר מיאוסקייט, פאַר טפשות, פאַר סכּנה, פאַר אחריות, פאַר דער שרעקלעכער פראַגע: „צוואָס?", וואָס דערהרגעט דעם גוטן ווילן פון אַזוי פיל פראַנצויזן אין אונזער צייט. זיי זענען צו שכלדיק (זיי האָבן אַ שכל אָן אַ ברייטן פאַרנעם), זיי זעען צו קלאָר די סיבות פאַר און קעגן. אומבאַהאָלפנקייט. לעבנסלאָזיקייט. ווען דער מענטש איז פול מיט לעבן, פרעגט ער נישט, צוואָס ער לעבט. ער לעבט, ווייל ער לעבט—

ווייל ס'איז אַן אויסגעצייכנטע זאַך צו לעבן!

סוף־כּל־סוף האָבן די בעסערע פון זיי פאַרמאָגט אַ מין סימפּאַ־טישע, מיטלמעסיקע מעלות: אַ באַשטימטע פילאָזאָפיע, דאָס צופרידנ־שטעלן זיך מיט אַ קליינינקייט, אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער פאַמיליע, צו דער ערד, צו די מאָראַלישע רגילותן, צו צניעות, אַ מורא נישט צו פאַלן, חלילה, דעם אַנדערן צו לאַסט, די שעמעוודי־קייט פון געפיל, און אייביקע עניוותדיקייט. די דאָזיקע פיינע שטריכן האָבן געקאָנט שאַפן איין טיפ, אָפּשאַפן דעם ראַסן-אונטערשייד און ווערן איין טיפ פון פרייד, מוט און אינערלעכער אַקטיוויטעט. אָבער זיי זענען געווען שטאַרק בלוטאָרעם און אָנגעשטעקט מיטן פּראָגרע־סיוון פּאַראַליזש פון דער פראַנצויזישער נשמה.

דער שיינער גאָרטן פון אונטן, צונויפגיסנס דעם הויז פון קרי־סטאָף און אָליווער, צווישן די פיר ווענט, איז געווען דער סימבאָל פון אַ קליינער פראַנקרייך. דאָ איז געווען אַ ווינקעלע פון גרינס, פאַרמאַכט און אָפּגעזונדערט פון דער אויסערלעכער וועלט. נאָר פון צייט צו צייט איז אַראָפּ פון דרויסן אַ שטורעם-ווינט און געבראַכט דער יונגער, טרוימענדיקער טאָכטער דעם אָטעם פון ווייטע פעלדער און אומענדלעך-ברייטער ערד.

איצט, ווען קריסטאָף האָט אַנטדעקט די פאַרבאָרגענע קוואַלן פון פראַנקרייך, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון די דאָזיקע אויסוווּרפן. ס'האָט אים געשטיקט די בין-השמשותדיקע טונקלקייט, אין וועלכער עס זענען פאַרזונקען געווען די אויסדערוויילטע פון פאָלק. סטאָיציזם איז אַ גוטע זאַך — פאַרן מענטשן אָן צייַן. ער האָט זיך געניטיקט אין פרישער לופט, אין אַ גרויסן עולם, אין אַ שטאַרקער זון, אין דער ליבע פון טויזנטער מענטשן; ער האָט געוואָלט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, צו מאַכן אַ תּל פון זיינע שונאים, צו האַלטן מלחמה און צו זיגן.

— דו קאָנסט עס טון — האָט אָליווער געזאָגט, — ביסט גע־בוירן געוואָרן צו זיגן, ביסט שטאַרק, סיי אין דיינע חסרונות, (זיי

מוחל!) סיי אין דיינע מעלות. דיין מזל האָט געוואָלט, דו זאָלסט שטאַמען פון אַן אַנדער ראַסע אַ מער אַריסטאָקראַטישע. דו פילסט נישט קיין עקל צו מעשים. ווען ס'איז נויטיק, ביסטו אפילו מסוגל צו ווערן אַ פּאָליטישער מענטש. — אויסער דעם ביסטו גליקלעך, וואָס דו שרייבסט מוזיק. קיינער פאַרשטייט דיך נישט. קאָנסט זאָגן וואָס דו ווילסט. ווען די מענטשן זאָלן וויסן, וויפיל פאַראַכטונג דו דריקסט זיי אויס אין דיין מוזיק, וויפיל אמונה איז דאָרט פאַראַן אין זאַכן וואָס זיי פאַרלייקענען; ווען זיי זאָלן קענען דעם אייביקן הימן צו די זאַכן, וואָס זיי ווילן חרוב מאַכן — וואָלטן זיי דיר קיינמאָל אין לעבן נישט מוחל געווען. זיי וואָלטן דיך געבונדן אין קייטן, גע־רודפט, געפּלאָגט, ביז דו וואָלסט דיינע בעסטע כּוחות פאַרשווענדעט אין מלחמה; און אפילו ווען דו זאָלסט זיגן, וואָלסטו שוין קיין כּח נישט געהאַט צו טון דיין אַרבעט — דיין לעבן וואָלט אויסגעגאַנגען. די גרויסע מענטשן, וואָס זיגן — זיגן נאָר על פּי טעות. דער עולם באַוווּנדערט זיי, ווייל ער זעט אין זיי דעם היפּוך דערפון, וואָס ער איז אַליין.

— פּע, — האָט אויסגערופן קריסטאָף, — דו קענסט נישט די פּחדנות פון די מענטשן. אין אָנהויב האָב איך געטראַכט, אַז דו ביסט איינזאַם און געפונען אין דעם אַ פאַרענטפערונג, פאַרוואָס דו ביסט נישט אַקטיוו. אָבער באמת זענט איר דאָך אַ גרויסע אַרמיי און איר האָט איין מיינונג. איר זענט הונדערט מאָל שטאַרקער פון אייערע אונטערדריקער, איר שטייט טויזנט מאָל העכער פון זיי — און דאָך פאַרטראָגט איר זייער חוצפּה און אַזוי פיל בזיון! איך פאַרשטיי אייך נישט. איר וווינט אין דעם שענסטן לאַנד פון דער וועלט, איר זענט באַשאָנקען מיט אַ סך קולטור, מיט אַ סך מענטשלעכן פאַרשטאַנד — און דאָך נוצט איר עס נישט אויס. איר לאָזט אַנדערע הערשן איבער אייך, באַליידיקן אייך, איר לאָזט זיך טרעטן מיט די פיס פון אַ הייפל לצים, זייט וואָס איר זענט, צו אַלדי רוחות! וואַרט נישט ביז עס וועט צו אייך קומען אַ הילף מין השמים, אָדער אַז אַ נאַפּאָלעאָן וועט אייך ראַטעווען! שטייט אויף און פאַראייניקט זיך... אַלע צו דער אַרבעט! ראַמט אויס די שטוב!

נאָר אָליוויער האָט מיט אַן איראָנישער מידקייט געהויבן מיט די אַקסלען.

— קריגן זיך מיט זיי? ניין, נישט דערצו זענען מיר באַשאַפן,

מיר האָבן אַ סך אַ וויכטיקערע אַרבעט. דער כּוח פון פויסט דער־וועקט אין מיר עקל. איך ווייס זייער גוט, וואָס דעמאָלט וואָלט געווען, די אַלע יורדים, אויסוואורפן, יונגע ראַיאַליסטן, די אַלע עקל־דיקע שליחים פון שטומקייט און האַס וואָלטן געהערשט איבער מיינע מעשים און זיי פאַרשוועכט. צי ווילסטו איך זאָל ווידער אויסרופן די אַלטע לאָזונג פון האַס: ! Fuori barbari (טרייבט אַרויס די פרעמ־דע !) אָדער : „פראַנקרייך פאַר די פראַנצויזן!״

— און פאַרוואָס נישט? — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— ניין, דאָס זענען נישט קיין פראַנצויזישע ווערטער. אומזיסט באַמיט מען זיך צו פאַרשפּרייטן די דאָזיקע ווערטער צווישן אונז. איינגעהילט אין אַ שלייער פון נאַציאָנאַליזם. דאָס פּאַסט פאַר די באַרבאַרישע לענדער. אונזער פאָטערלאַנד איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו האַסן. אונזער גאון אַנטפּלעקט זיך נישט אין דעם, וואָס ער באַ־גזלט אָדער מאַכט חרוב אַנדערע, גאָר אין דעם, וואָס ער זאַפּט זיי איין אין זיך. זאָל קומען צו אונז ווי דער טונקעלער צפון, ווי דער פלוידערנדיקער דרום...

— און דער גיפטיקער מזרח?

— דער גיפטיקער מזרח... מיר וועלן אים איינזאַפּן פונקט ווי די אַנדערע. מיר האָבן שוין זייער פיל איינגעזאַפּט. איך לאַך פון זיין געמאַכטער זיגרייכקייט. איך לאַך זיך אויס פון דער פּחדנות פון פיל פראַנצויזן. דער מזרח מיינט, אַז ער האָט אונז איינגענומען. ער גרויסט זיך מיט אונזער צעשפּליטערטקייט, מיטן כאַאָס פון אונ־זערע צייטונגען, שריפטן, טעאַטער־בינעס און פּאָליטישע אַרענעס. באַרישקייטן! ער איז דער באַזיגטער! נאָך דעם ווי ער וועט אונז דערנערן אַ געוויסע צייט, וועט ער מאַכן פּיס. גאַליען פאַרמאָגט אַ געזונטן מאָגן. אין משך פון צוואַנציק יאָרהונדערטן האָט זי פאַרדייט מער ווי איין קולטור. מיר זענען שוין געווינט צו גיפט. פאַר אייך, דייטשן, פּאַסט מורא צו האָבן! איר — אָדער איר וועט זיין אַבסאָלוט ריין, אָדער איר וועט אונטערגיין. אָבער מיר — נישט די בלוט־ריינקייט איז פאַר אונז וויכטיק נאָר דער אוניווערסאַליזם. איר האָט אַ קייזער, בעת גרויס-בריטאַניען איז אַ קעניגרייך. אָבער באמת הערשט אויף דער וועלט דער לאַטיינישער זשעני. מיר זענען ביר־גער פון דער וועלט-שטאָט .Urbis Orbis

— דאָס אַלץ איז זייער פיין, — האָט קריסטאָף געזאָגט, —

כל זמן די נאַציע איז געזונט און יונג. אָבער ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען זי וועט אַראָפּ פון מוט, דעמאָלט איז דאָ אַ געפאַר, אַז זי וועט דערטרונקען ווערן אין דעם מבול פון פרעמדע. צווישן אונז גע־רעדט — צי דאַכט זיך דיר נישט, אַז דער דאָזיקער טאָג איז שוין געקומען?

— שוין לאַנגע דורות ווי מען רעדט אַזוי. און אונזער געשיכ־טע האָט באַוויזן, אַז די שרעק איז גרונטלאָז. וויפיל צרות זענען מיר שוין אויסגעשטאַנען זינט דעם אָרלעאַנער מיידל, בעת אַ מחנה וועלף האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער דעם וויסטן פּאַריז? די גאַנצע אויסערגעוויינלעכע פאַרדאָרבנקייט, דאָס יאָגן זיך נאָך תּענוגים, די מוטלאָזיקייט און אַנאַרכיע שרעקן מיך נישט איבער. נאָר געדולד! ווער עס וויל דערלעבן, מוז אויסהאַלטן. איך ווייס גאַנץ־גוט, אַז שפּעטער וועט קומען אַ מאָראַלישע רעאַקציע, וואָס וועט אויך האָבן אַ קנאַפּן ווערט און וועט אפשר דערפירן צו די אייגענע ווילדע מעשים וואָס היינט; און די, וואָס לעבן איצט אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפטלעכער אויסגעלאַסנקייט, וועלן מיט אַ טומל אויפהויבן זייער קול. אָבער וואָס מאַכט עס אויס? אָט די אַלע באַוועגונגען רירן נישט אָן דאָס אמתע פראַנצויזישע פאָלק. ווען א פּרי פוילט, פוילט נאָך נישט דער בוים. די פּרות פאַלן אַראָפּ און בכלל האָבן די דאָזיקע מענטשן קיין שום שייכות נישט מיטן פאָלק. וואָס גייט עס אונז אָן צי זיי לעבן אָדער שטאַרבן? צו וואָס זאָלן מיר אָרגאַ־ניזירן קעגן זיי מלחמות און איבערקערעניש? די היינטיקע קראַנק־הייט איז נישט קיין פּראָדוקט פון דער מלוכה־אָרדענונג. דאָס איז אַ לוקסוס עפּידעמיע, אַ קראַנקהייט פון גייסטיקן און מאַטעריעלן רייכ־טום. דאָס וועט אונטערגיין.

— נאָר פריער וועט עס אייך אויפפרעסן.

— בנוגע אַזאַ ראַסע טאָר מען נישט זיין פאַרצווייפלט. איר פאַרבאָרגענע אַקטיוויטעט, איר ליכט און אידעאַליזם שטעקן אָן אפילו די, וואָס באַגזלענען זי און מאַכן זי חרוב. אפילו די געלט־גייציקע פּאָליטיקער, וואָס האָבן זיך אָפּ נאָר מיט זייערע פּריוואַטע אינטע־רעסן, געפינען זיך אונטער איר השפּעה. אַפילו די ערגסטע פון זיי, ווען זיי באַקומען די מאַכט, ווערן איבעראַשט פון איר גרויסן גורל. די ראַסע הויבט זיי אויף איבער זיי אַליין. זי גיט איבער פון האַנט צו האַנט דעם שטורקאַץ; איינער נאָכן אַנדערן שטעלן זיי זיך אין

דעם קאַמף קעגן דער פינסטערניש. דער גאון פון פאָלק רייסט זיי מיט. ווילנדיק נישט ווילנדיק טוען זיי דעם ווילן פון גאָט און וועלכן זיי לייקענען. Gesta Dei per Francos (גאָט פירט אויס זיינע מעשים דורך די פראַנצויזן)... טייער, טייער לאַנד! כ׳וועל קיינמאָל נישט צווייפלען אין דיר! אויב ס׳וועלן אַפילו שווערע צרות פאַלן אויף דיין קאָפּ, וועל איך נאָך אַלץ זיין שטאָלץ מיטן ווערק, וואָס דו האָסט געשאַפן פאַר דער וועלט. איך וויל נישט פראַנקרייך זאָל זיך פחדנותדיק פאַרשפאַרן אין אַ קראַנקן־צימער פאַר די ווינטן פון דרויסן. צו וואָס טויג אונז אַזאַ קראַנקער קיום? אַזאַ גרויס פאָלק, ווי אונזערס, איז ניחא צו שטאַרבן, איידער צו פאַרלירן דיין גרויס־קייט. לאָמיר אַריינאָטעמען אין זיך דעם געדאַנק פון דער וועלט. כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר אים. דער שטראָם וועט אַליין פאַרביי, נאָכדעם ווי ער וועט אָנטרינקען אונזער ערד.

— מיין טייערער! — האָט קריסטאָף געזאָגט, — דערווייל איז נישט גוט, און ווו וועסטו זיין, בעת פראַנקרייך וועט פטור ווערן פון דער פאַרפלייצונג? צי איז נישט בעסער צו קעמפן? פאַר וועמען האָסטו מורא — פאַר אַ מפּלה? סיי ווי סיי ביסטו גוזר אויף זיך צו זיין דאָס גאַנצע לעבן אַ באַזיגטער.

— דאָ איז דאָ מער, ווי די געפאַר פאַר אַ מפּלה, — האָט אָליוויער געענטפערט. — כ׳האָב מורא, טאָמער פאַרליר איך מיין גייסטיק גלייכגעוויכט, און דאָס איז ביי מיר וויכטיקער פאַרן נצחון. איך וויל נישט האַסן, איך וויל געבן גערעכט מיינע שונאים. אין דעם אויפברויז פון די תאוות וויל איך דערהיטן די קלאָרקייט פון מיין בליק, וויל איך אַלץ פאַרשטיין און אַלץ ליב האָבן.

אָבער קריסטאָף, וואָס די דאָזיקע פונם לעבן אָפּגעזונדערטע ליבע איז געווען ביי אים גלייך מיטן ווילן צום שטאַרבן, האָט ווי דער אַלטער עמפּעדאָקלעס געפילט אין זיך דעם הימן צו ליבע און האַס, צו די צוויי שוועסטער, וואָס צעאַקערן און פאַרזייען די ערד. ער האָט נישט מסכּים געווען מיט אָליווייערס רויקן פאַטאַליזם. ער האָט נישט געשטעלט אויפן קיום פון דער ראַסע, וואָס פאַרטיידיקט זיך אַליין. ער איז גרייט געווען צו רופן צו הילף אַלע געזונטע כּוחות פון פאָלק, צו צעבונטעווען אַלע ערלעכע מענטשן אין פראַנקרייך.

פונקט ווי איין מאָמענט פון ליבע אַנטפּלעקט פאַר אונז די נשמה פון אַ מענטשן מער ווי לאַנגע חדשים פון אָבסערוואַציע — אַזוי האָט קריסטאָף, כמעט נישט אַרויסגייענדיק פון שטוב, אין משך פון אַכט טאָג פאַרברענגען מיט אָליוויערן מער דערקענט פראַנקרייך, ווי אין משך פון דעם גאַנצן יאָר בלאָנדזעניש איבער פּאַריז, ווען ער האָט, ווי אַן אויפמערקזאַמער תּלמיד, געשלונגען יעדעס וואָרט אין די אינטעלעקטועלע און פּאָליטישע סאַלאָנען. אין דעם ים פון דער אַלגעמיינער אַנאַרכיע, ווו ער האָט נישט געקאָנט געפינען זיינע הענט און פיס, האָט אים די נשמה פון זיין פריינד אויסגעזען ווי אַן איינזאַמער אינזל אין פראַנקרייך, אַן אינזל פון פאַרשטאַנד און פון פרייד. אָליוויערס אינערלעכע רו האָט אים איבעראַשט דער עיקר דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין שום אויסערלעכע שטיצע — וויל ער האָט געלעבט אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען (ער איז געווען אָרעם און איינזאַם אין דעם געפאַלענעם פאָטערלאַנד); ער איז געווען שוואַך, קרענקלעך און נערוועיש. די דאָזיקע פרייד האָט נישט אויסגעזען, ווי אַ פּראָדוקט פון זיין ווילן, וואָס האָט זיך מיט אַלע כּוחות אָנגעשטרענגט דערצו (ער האָט פאַרמאָגט אַ שוואַכן ווילן), נאָר זי האָט געשטראָמט טיף פון זיין נשמה און פון זיין ראַסע. ביי אַסאַך אַנדערע מענטשן אַרום אָליוויערן האָט קריסטאָף געזען אָט דאָס ליכט, וואָס קומט פון „דער רויקייט פון אומבאַוועגלעכן ים"; און ער, וואָס האָט געקאָנט דעם שטורם און דעם אומרו, און וואָס ער אַליין האָט געמוזט אָנשטרענגען אַלע כּוחות פון זיין ווילן אויפצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון זיין שטאַרקער נשמה, — האָט מער ווי אַלע געמוזט באַוואונדערן די דאָזיקע האַרמאָניע.

דאָס בילד פון דעם דאָזיקן פראַנקרייך האָט אינגאַנצן געענדערט די מיינונגען וועגן דעם פראַנצויזישן כאַראַקטער. אָנשטאָט אַ פריילעך, געזעלשאַפטלעך, זאָרגלאָז פאָלק, וואָס האָט ליב אַ לוקסוס־לעבן, האָט ער געזען פאַר זיך מענטשן פאַרביסענע, אָפּגעזונדערטע, קאָנצענטרירטע, געהילט אין אַ געמאַכטן אָפּטימיזם, ווי אין אַ ליכט־

נעפּל, אָדער פאַרטרונקען אין אַ טיפן, קלאָרן פּעסימיזם; מענטשן, וואָס זענען באַהערשט פון שרעק־בילדער, פאַרזונקען אין גייסטיקע ליידנשאַפטן, מענטשן אומדערשראָקענע, וואָס איז לייכטער אומצו־ברענגען, ווי צו ענדערן. יאָ, דאָס זענען געווען בלי־ספק די אויס־דערוויילטע פון פראַנקרייך; אָבער קריסטאָף האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פונוואַנען זיי האָבן געשעפּט אַזאַ רויקייט און אַזאַ גלויבן.

אָליוויער האָט אים געענטפערט:

— אין דער מפּלה. איר, מיין ליבער קריסטאָף, איר האָט גע־וועקט אונזער באַוווסטזיין. אָ! ס'האָט אונז שטאַרק וויי געטון. איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן אין וואָס פאַר אַ פאַרחושכטער סביבה מיר זענען אויסגעוואַקסן. אין אַ דערנידעריקטן צעבראָכענעם פאָ־טערלאַנד, וואָס האָט געזען פּנים־אל־פּנים דעם טויט און האָט דאָך געפילט די אימה פון דעם פאַרבאָרגענעם שווערן כוח. אונזער לעבן, אונזער גייסט, אונזער פראַנצויזישע קולטור, וואָס שמידט זיך שוין טויזנט יאָר — זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ ברוטאַלן זיגער, וואָס האָט אונז נישט פאַרשטאַנען, וואָס האָט אונז פון גאַנצן האַרצן געהאַסט און געקאָנט אונז יעדע מינוט אומברענגען. און דאָך זענען מיר געצוואונגען געווען צו לעבן פאַר אָט דעם גורל. שטעל זיך פאָר, די קליינע פראַנצויזן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין די טרויער־הייזער, אין שאָטן פון דער מפּלה, קינדער וואָס האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט פאַרצווייפלונג, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן צו אַ פאַטאַלער און אפשר אומזיסטער בלוט־נקמה; ווייל, הגם זיי זענען געווען קליין, איז זיי דאָך קודם כּל קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט, נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט, ווייל דער כוח צעטרעט דאָס געזעץ. אַז אַ לעבן — אָדער עס דערנידעריקט די נשמה פון אַ קינד, אָדער עס דערציט זי צו אַ נצחון. אַסאַך מענטשן האָבן זיך מפקיר געווען, זיי האָבן געזאָגט, „אויב אַזוי, טאָ צו וואָס קעמפן? צו וואָס טון עפּעס? ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. לאָמיר נישט טראַכטן דערפון, לאָמיר בעסער אַ לעב טון!" — אָבער די, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם נסיון, זענען געפּרוווט געוואָרן מיט פייער, קיין שום אַנטוישונג וועט ביי זיי נישט צונעמען דעם גלויבן, ווייל באַלד אין דעם ערשטן טאָג האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז זייער וועג איז נישט קיין גליק־וועג און אַז קיין אַנדער ברירה האָבן זיי נישט. זיי מוזן גיין איבער געוואַלט, ווייל אין אַן אַנדער

אָרט קאָנען זיי דערשטיקט ווערן. נישט מיטאַמאָל איז דער מענטש געקומען צו אַזאַ בטחון; וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון פופצן־יעריקע יינגלעך? אָבער וויפיל שרעק האָבן זיי דורכגעלעבט, וויפיל טרערן פאַרגאָסן. אָבער אַזוי איז גוט. אַזוי דאַרף זיין...

אָ, גלויבן, יונגפרוי פון שטאָל...

צעשמעטער!

קריסטאָף האָט שווייגנדיק געדריקט אָליוויערן די האַנט.

— טייערער קריסטאָף — האָט אָליוויער געזאָגט, — דיין פאָטערלאַנד האָט אונז אָנגעטון אַסאַך יסורים.

קריסטאָף האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, פונקט ווי ער וואָלט געווען שולדיק.

— זאָל דיך נישט פאַרדריסן, — האָט אָליוויער מיט אַ שמייכל געזאָגט. — דאָס גוטס, וואָס דייטשלאַנד האָט נישט ווילנדיק געטון, שטייגט איבער דאָס שלעכטס. איר האָט צעפלאַקערט אונזער אידעאַליזם, אויפגעלעבט אונזער וויסנשאַפט און אונזער גלויבן, אַ דאַנק אייך האָט מען געעפנט אין פראַנקרייך אַ נעץ פון שולן, איר האָט געוועקט די שאַפונגס־כוחות ביי פאַסטערן, וואָס זיינע אַנטדעקונגען קלעקן צו באַצאָלן די פינף מיליאַרד קאָנטריבוציע, וואָס איר האָט ביי אונז גענומען. אייך האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס עס האָט אויפגעבליט אונזער פּאָעזיע, אונזער מוזיק, קונסט, אייך האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס עס האָט זיך ווידער דערוועקט דאָס געוויסן פון פאָלק. יאָ, אויב מיר האָבן געמוזט שטעלן דעם גלויבן איבערן גליק, האָבן מיר שכר: אויף אַזאַן אופן זענען מיר דערגאַנגען צו אַזאַ מאָראַלישן כוח אין דער אַפּאַטיע פון דער גאָרער וועלט, אַז לסוף האָבן מיר אפילו אויפגעהערט צו צווייפלען אין אונזער נצחון. אויב אונזער צאָל איז קליין, טייערער קריסטאָף, און אויב מיר זענען אויס שוואַך, ווי אַ טראָפּן אין וואַסער, אין אָקעאַן פון דעם דייטשן כוח, — מיינען מיר אָבער, אַז אָט דער טראָפּן וועט באַפאַרבן דעם גאַנצן אָקעאַן. די מאַקעדאָנישע פאַלאַנגע וועט באַזיגן די ריזיקע מחנות פון דעם אייראָפּעישן המון.

קריסטאָף האָט באַטראַכט דעם באַגייסטערטן אָליוויער, וואָס זיין בליק האָט געברענט מיטן פייער פון גלויבן,

— קליינע שוואַכע פראַנצויזן! איר זענט שטאַרקער פון אונז!

— אָ, אַ גוטע מפּלה! — האָט אויסגערופן אָליוויער. — אַ

געבענטשטע מפּלה! מיר ווען זי נישט פאַרלייקענען. מיר זענען אירע קינדער.

די מפּלה שטאַרקט די בעסערע מענטשן. זי רייניקט דאָס פאָלק. זי קלייבט אויס פון אים אַלדאָס ריינע און געזונטע. זי שייערט אים און שטאַרקט אים. אָבער דאָס איבעריקע וואַרפט זי אָפּ, אָדער זי מאַכט חרוב. אַזוי אַרום טיילט זי אָפּ דאָס דרימלענדי־קע אָדער פאַלנדיקע פאָלק פון די פּראָגרעסיווע גייסטיקע אריסטאָ־קראַטן. די אויסדערוויילטע פון פאלק ווייסן עס און זיי ליידן דער־פון; אפילו די מוטיקסטע צווישן זיי טראָגן אין זיך אַ פאַרבאַרגענעם טרויער צוליב זייער אָפּגעזונדערטקייט און איינזאַמקייט. צום ערגסטן איז, וואָס זיי זענען אָפּגעזונדערט נישט נאָר פונם פאָלק נאָר אויך איינער פון דעם אַנדערן. יעדער איינער קעמפט אויף זיין אייגענעם חשבון. די שטאַרקערע טראַכטן נאָר צו ראַטעווען זיך אַליין. „מענטש, העלף זיך אַליין!” עס פעלט זיי נישט איין, אַז דער לאָזונג פון אַ העלד איז: „מענטשן, העלפט איינער דעם אַנדערן!” עס פעלט זיי אַלעמען בטחון; האַרציקייט, די בענקשאַפט צו בשותּפות־דיקן אימפּולס, וואָס שטראָמט אַרויס פון דעם ראַסע־נצחון, פון דעם געפיל פון שפע, פון דעם איבערגאַנג צום העכסטן שפּיץ.

קריסטאָף און אָליוויער האָבן עפּעס געוווּסט דערפון. אין פּאַריז, ווו עס זענען אַסאַך נשמות געווען מסוגל צו פאַרשטיין איינע די אַנדערע, האָבן זיך ביידע פריינט געפילט אָפּגעריסן און איינזאַם, ווי אין אַ מדבר.

די לאַגע איז געווען פאַר זיי אַ שווערע. זייערע הכנסות זע־נען געווען זייער קליין. קריסטאָף האָט נאָר־וואָס געהאַט באַקומען אַרבעט ביי איבערזעצונגען און מוזיקאַלישע באַאַרבעטונגען, אַ דאַנק העכטס טובה. אָליוויער איז נישט געווען פאַרזיכטיק און זיך אָפּגע־

זאָגט פון זיין לערער-שטעלע; דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ פעריאָד פון פאַרצווייפלונג, נאָכן טויט פון זיין שוועסטער און נאָך אַ ליבע-איבערלעבעניש אינם סאַלאָן פון מאַדאַם נאַטאַן. (ער האָט וועגן דעם קיינמאָל קריסטאָפן נישט דערציילט; דאָס איז געווען אַ מעלה, וואָס האָט אָליוויערן צוגעגעבן נאָך מער חן: ער האָט אַ טייל פון זיינע סודות אויסבאַהאַלטן אַפילו פאַר זיין פריינד, פון וועלכן ער פלעגט קיין זאַך נישט פאַרהוילן). אינם דאָזיקן מצב פון גייסטיקער שוואַכ-קייט, בעת ער האָט געבענקט צו רו, איז די לערער-אַרבעט געווען פאַר אים אומדערטרעגלעך. ער האָט קיינמאָל שטאַרק נישט ליב גע-האַט אָט די פּראָפעסיע, ווו דער מענטש מוז זיך אַנטפּלעקן, אַרויס-זאָגן זיינע געדאַנקען אויפן קול און קיינמאָל נישט בלייבן מיט זיך. דאָס לערנען אין דער שולע פאָדערט, כדי צו זיין ליכטיק און איידל, דעם טאַלאַנט פון אַן אַפּאָסטאָל, וואָס אָליוויער האָט אים קיינמאָל נישט פאַרמאָגט; און דאָס לערנען אין אַ הויכשול צווינגט דעם מענטשן שטענדיק צו זיין אין באַרירונג מיטן עולם, וואָס עס טוט זייער ווייַ איינזאַמע מענטשן, אַזעלכע ווי אָליוויער. אַ פּאָר מאָל האָט ער געמוזט רעדן עפנטלעך, און ער האָט געפילט אין דעם אַ באַזונ-דערע באַליידיקונג. ראשית האָט ער פיינט געהאַט דעם אויפטריט אויף דער בינע. ער האָט געזען דעם עולם, ער האָט אים געפילט מיט די חושים, און געוווּסט, אַז ס׳רוב זענען דאָ פאַראַן ליידיקגייער, וואָס ווילן פאַרטרייבן דאָס ביסל לאַנגווייליקייט; אָבער דער עיקר האָט ער געפילט, אַז דאָס רעדן פון דער בינע פאַרטעמפּט אויף אַ פּאַטאַלן אופן דעם געדאַנק. אויב דער מענטש איז נישט פאָרזיכטיק, קאָן ער מיט דער צייט באַקומען די באַוועגונגען פון אַ טעאַטער-אַקטיאָר, זיין אַרט רעדן, זיין האַלטונג, דעם אופן, ווי אַזוי ער דריקט אויס די געדאַנקען, אַפילו זיין אופן פון טראַכטן. דאָס פּאָרלעזן פאַרן עולם וואַקלט זיך שטענדיק צווישן לאַנגווייליקער קאָמעדיע און סאַ-לאָן-פּעדאַנטיזם. די פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג אויפן קול פאַר הונדערטער אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס זיצן און שווייגן, איז פּונקט ווי אַ בגד, וואָס דאַרף פּאַסן פאַר אַלעמען און פּאַסט דעריבער אויף קיינעם נישט; פאַרן קינסטלער, וואָס איז שעמעוודיק און אַביסל שטאָלץ, איז עס פאַלש און אומדערטרעגלעך. אָליוויער, וואָס האָט איצט געפילט אַ באַדערפעניש צו קאָנצענטרירן זיך אין זיך און נישט צו רעדן קיין זאַך, וואָס איז נישט דער פולער אויסדרוק פון זיין געדאַנק, האָט זיך

אָפּגעזאָגט פון דער לערער־אַרבעט, צו וועלכער ער האָט זיך מיט גרויס מאַטערניש געגומען. און אַזוי־ווי זיין שוועסטער, וואָס איז געווען בכוח אים אָפּצוהאַלטן פון זיינע חלומות, איז שוין מער נישט געווען, — האָט ער זיך איבערגעגעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט: ער האָט נאַיוו געגלויבט, אַז אויב עס פאַרמאָגט נאָר אַ קינסטלערישן ווערט, וועלן עס אַלע באַלד מודה זיין, אָן שום מי פון זיין זייט.

ער האָט זיך באַלד געמוזט אַנטוישן. ס'איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו פאַרעפנטלעכן. ער האָט פאַנאַטיש ליב געהאַט די פרייהייט, און יעדע זאַך, וואָס האָט אָנגערירט זיין פרייהייט, איז אים געווען דערווידער; דעריבער האָט ער געלעבט איינזאַם, ווי אַ געוויקס אָן זון, צווישן די גרויסע בערג פון די פּאָליטישע פאַרטייען, וואָס זייערע אָרגאַניזאַציעס, פיינטלעך געשטימט איינע צו דער צווייטער, האָבן פאַרטיילט צווישן זיך דאָס לאַנד און די צייטונגען. פונקט אַזוי איז ער ווייט געווען פון די ליטעראַרישע גרופּן, וואָס האָבן אים פון זייער זייט אויך פאַרטריבן פון זיך. ער האָט קיין פריינט נישט געהאַט און האָט נישט געקאָנט האָבן. די שווערקייט, טרוקנקייט און עגאָיזם פון אָט די אינטעליגענטע נפשות (אויסער אַ קליינע צאָל, וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אַן אמתן טאַלאַנט אָדער איז פאַרזונקען געווען אין באַגייסטערטער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג) האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך. ווי אָרעם איז דער מענטש, וואָס האָט זיך דערפירט ביז צו אַבסאָלוטער אַטראָפיע, כדי צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן זיין מוח, — בעת זיין מוח איז קליין. קיין גוטסקייט פאַרמאָגט ער נישט, און מ'איז נישט זיכער, צי וועט ער זיך אַ געוויסן טאָג נישט אויפהויבן און אייך דערהרגענען. דו מוזט שטענדיק שטיין אויף דער וואַך. מ'קאָן זיך באַפריינדן נאָר מיט גוטע מענטשן, וואָס האָבן ליב שיינע זאַכן, נישט זוכנדיק אין דעם קיין אייגענעם נוצן— די, וואָס לעבן אויסער דער קונסט. ס'רוב מענטשן קאָנען נישט לעבן אין דער אַטמאָספער פון קונסט. נאָר די גדולים קאָנען אין איר לעבן נישט פאַרלירנדיק דערביי זייער ליבע — דעם קוואַל פון לעבן.

אָליוויער האָט זיך געקאָנט דעריבער שטיצן נאָר אויף זיך אַליין; ס'איז געווען אַ שוואַכע שטיצע. יעדע שתדלנות איז אים אָנגעקומען שווער. ער האָט נישט געהאַט קיין שום נייגונג זיך צו דערנידעריקן צוליב זיינע ווערק. ער פלעגט רויט ווערן, ווען ער האָט געזען די נידעריקע חניפה, מיט וועלכער אַנדערע שרייבער האָבן זיך באַצויגן

צו אַ באַוווּסטן טעאַטער־דירעקטאָר, וואָס ער האָט אויסגענוצט צום שלעכטן זייער ווירקלעכקייט, כדי זיך צו באַגיין מיט זיי, ווי ער וואָלט זיך מסתּמא מיט קיין דינסט נישט באַגאַנגען. אָליוויער איז דערצו נישט געווען פֿעיִק, אַפֿילו ווען ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן. ער האָט זיך צופֿרידנגעשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט געשיקט זיינע כּתבֿים דורך פּאָסט אָדער זיי אָפּגעגעבן אין טעאַטער צי אין אַ רעדאַקציע. דאָרט זענען זיי געבליבן ליגן לאַנגע חדשים, און קיינער האָט זיי נישט געלייענט. דאָך האָט זיך איינמאָל צופֿעליק געמאַכט, אַז ער האָט באַגעגנט זיינעם אַ שול־חבֿר, אַ פּוילן, ווילן בחור, וואָס איז געווען דאַנקבאַר פֿאַרן מיטהעלפֿן אים אין די לעקציעס מיט גוטמוטיקייט און איידלקייט. ער האָט לחלוטין נישט פֿאַרשטאַנען קיין ליטעראַטור, אָבער ער האָט געקענט די שרייבער — און דאָס איז פֿיל וויכטיקער. ער האָט זיי געלאָזט לאַכן הינטער זיינע פּלייצעס, זייענדיק אַליין אַ רייכער זון און אַ סאַלאָן־מענטש. ער האָט גוטס געזאָגט אויף אָליוויערן פֿאַרן סעקרעטאַר פֿון אַ גרויסער צייטונג, ווו ער איז געווען אַן אַקציאָנער. מ׳האָט באַלד אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל און איבערגעלייענט זיינע באַגראָבענע כּתבֿים, און נאָך לאַנגע שהיות (ווייל אויב זיי האָבן, משמעות, פֿאַרמאָגט אַ געוויסן ווערט, האָט דאָך אָבער דער מחבר קיין שום ווערט נישט געהאַט, ווייל זיין נאָמען איז געווען לחלוטין אומבאַקאַנט) האָבן זיי אים באַשלאָסן אָנצונעמען. ווען אָליוויער האָט באַקומען די גוטע בשורה, האָט ער געמיינט, אַז זיינע צרות האָבן זיך שוין געענדיקט, נאָר זיי האָבן זיך באמת ערשט אָנגעהויבן.

ס׳איז נישט שווער אין פּאַריז איבערצוגעבן ווען עס איז אַ ווערק; אַסאַך שווערער איז צו פֿאַרעפֿנטלעכן דורך עמעצן דאָס ווערק. מ׳מוז וואַרטן, וואַרטן לאַנגע חדשים, טיילמאָל — דאָס גאַנצע לעבן, אויב דו האָסט נישט דעם טאַלאַנט צו חנפֿענען אָדער דעם טויט צו מאַכן, צו ווייזן זיך פֿון צייט צו צייט אויף די פֿרימאָרגן־אויפֿנאַמען פֿון אָט די קליינע מלכים, צו דערמאָנען זיי. אַז דו לעבסט נאָך, ברוך השם, און אַז דו האָסט באַשלאָסן זיי צו נודזשען ווי ס׳דאַרף צו זיין. אָליוויער האָט נאָר געוווּסט צו זיצן אין שטוב, דעריבער האָט ער געוואַרט און געוואַרט. העכסטנס האָט ער געשריבן בריוו און נישט באַקומען קיין ענטפֿער. צוליב אומגעדולד האָט ער נישט געקאָנט אַרבעטן. דאָס איז געווען אַן אומזין. אָבער דער שׂכל האָט

דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן. ער האָט געוואַרט פון פּאָסט צו פּאָסט, זיצנדיק ביים טיש, פאַרזונקען אין זיינע פינסטערע יסורים. ער פלעגט נישט אַרויסגיין פון שטוב, סיידן כדי אַ בליק צו טון אויף זיין פּאָסט-קעסטל אונטן, ביים וועכטער, און זיך באַלד צו אַנטרישן. ער פלעגט אַרומשפּאַצירן, נישט זעענדיק קיין שום זאַך, און אַרומטראָגן זיך נאָר מיט איין געדאַנק — צו באַנייען זיינע פּרוון. און ווען די לעצטע שעה פון דער פּאָסט איז אַריבער, און די שטילקייט אין צימער איז געוואָרן איבערגעריסן נאָר דורך די פּעסטע טריט פון די שכנים איבער זיין קאָפּ, האָט ער געפילט, ווי ער שטיקט זיך אין דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט. ווען כאָטש אַ קורצע תשובה, כאָטש איין וואָרט, נאָר איין וואָרט! צי איז מעגלעך, אַז מ'זאָל אים אַזאַ נדבה אויך אָפּזאָגן? און אויסערדעם, דער מענטש, וואָס האָט נישט געענטפערט, וויפיל ווייטיק ער פאַרשאַפט אים. יעדער מענטש זעט די וועלט לויט זיין אייגענער געשטאַלט. מענטשן, וואָס פאַרמאָגן קיין לעבן נישט אין זיך. זעען די גאַנצע וועלט איינגעטריקנט און איינגעדאַרט; עס פעלט זיי אפילו נישט איין, אַז יונגע הערצער צאַפּלען פון דערוואַרטונג, האָפנונג און ווייטיק. און אויב זיי טראַכטן וועגן דעם, משפטן זיי עס קאַלט, מיט דער מידער, שווערער איראָניע פון אַ פאַרנעפּלטן, שטילן גוף.

לסוף איז דערשינען דאָס ווערק. אָליוויער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, אַז דאָס דערשיינען האָט אים שוין קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפן. זיין ווערק איז געווען פאַר אים אַ טויטע זאַך. און דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט צו האָפן, אַז עס וועט זיין אַ פרייד פאַר אַנדערע. דאָרט זענען געווען אויפבליצן פון פּאָעזיע און גייסט, וואָס מ'האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרבייגיין. דאָס איז אָבער אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן. — ער האָט געפּרווט נאָך אַמאָל און אַ דריט מאָל. זייענדיק אויסער יעדער גרופּע, האָט ער אומעטום זיך באַגעגנט מיט שווייגעניש אָדער האַס. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. ער האָט אין זיין נאַיוויטעט געטראַכט, אַז דאָס נאַטירלעכע געפיל פונם מענטשן טרייבט אים צו קוקן אויף יעדעס ניי ווערק מיט אַ פריינדלעך אויג, אַפילו אויב עס איז נישט אויסגעצייכנט. ס'איז דאָך שטענדיק פאַראַן אין דעם אַזוי פיל מאַטערניש! און מ'דאַרף דאַנקבאַר זיין דעם מענטשן, וואָס וויל דערלאַנגען אַנדערע אַ ביסל שיינקייט, אַ ביסל כוח, אַ ביסל פרייד. אָבער באמת האָט ער באַגעגנט נאָר גלייכגילטיקייט אָדער ביטול. און דאָך האָט ער געוווּסט, אַז נישט ער אַליין

פילט דאָס, וואָס ער שרייבט, נאָר אויך פיל אַנדערע מענטשן טראַכטן ווי ער. ער האָט אָבער נישט געוווסט, אַז די דאָזיקע ערלעכע מענטשן לייענען אים נישט, ווייל זיי האָבן נישט קיין שום שייכות מיטן לי־טעראַרישן עולם און בכלל מיט קיין זאַך נישט. אויב עס געפינען זיך דאָ און דאָרט צוויי־דריי מענטשן, וואָס דאָס ווערק איז צו זיי דער־גאַנגען און זיי זענען איינשטימיק דערמיט, וועלן זיי דאָך עס קיינ־מאָל נישט זאָגן; זיי בלייבן פאַרשלאָסן אין זייער פאַרגליווערטן שווייגן. אַזוי־ווי זיי באַטייליקן זיך נישט אין קיין וואַלן, אַזוי ווילן זיי נישט זאָגן קיין דעה אין קונסט־ענינים. זיי לייענען נישט די ביכער, וואָס פאַרדריסן זיי; זיי גייען נישט אינם טעאַטער, וואָס דערוועקט אין זיי אַן עקל; זיי שווייגן און לאָזן זייערע שונאים וועלן, רעקלאַמירן טומ־לענדיק זייערע ווערק, כאָטש זיי בילדן אומפאַרשעמט די מינדער־הייט אין פראַנקרייך.

אָליוויער האָט זיך נישט געקאָנט ריכטן אויף דער שטיצע פון די, וואָס זענען אים גייסטיק נאָענט געווען, ווייל זיי האָבן אים נישט געלייענט. ער איז דעריבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שונאים: ס׳רוב צו שרייבער, וואָס האָבן געהאַסט זיין געדאַנק, און צו קריטי־קער, וואָס זענען זיי געווען אונטערגעוואָרפן.

זיין ערשטע באַרירונג מיט זיי האָט אים שטאַרק ווי געטון. ער האָט זיך געפילט געטראָפן פון דער קריטיק נישט ווייניקער, ווי דער אַלטער ברוקנער, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן פון דער רשעות פון די צייטונגען, ביז ער האָט אויפגעהערט צו פאַרעפנטלעכן זיין שאַפונג. אַפילו די, וואָס זענען געווען אַמאָל זיינע חברים, אוניווער־זיטעטס־מענטשן, וואָס האָבן צוליב זייער פּראָפעסיע אויפגעהאַלטן אין זיך אַ באַשטימטן חוש פאַר דער פראַנצויזישער גייסטיקער טראַדיציע און זענען געווען מסוגל אים צו פאַרשטיין, — אַפילו זיי האָבן אים נישט געשטיצט. אָבער בכלל האָבן די דאָזיקע אויסגעצייכנטע מענטשן, וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפן זייער פליכטן און אַרבעט, וואָס זייער אומפרוכטבאַרע פּראָפעסיע האָט זיי פאַרביטערט דאָס לעבן, — נישט געוואָלט מוחל זיין אָליווירן, למאי ער טוט אַנדערש, ווי זיי. אַלס גוטע באַאַמטע, זענען זיי ס׳רוב געווען געניגט צו אָנערקענען אַ גרעסערן טאַלאַנט, בעת ער האָט פאַרמאָגט אַ גרעסערע מאַכט.

אין דעם מצב האָט ער געהאַט פאַר זיך דריי וועגן: אַוועקצו־

שטופּן די שטערונגען מיט דער פויסט; זיך אונטערצוגעבן און צו מאַכן אַ בזיונדיקע פּשרה; אָדער מותּר צו זיין און צו שרייבן נאָר פאַר זיך. אָליוויער איז נישט פעיק געווען נישט צום ערשטן, נישט צום צווייטן, און האָט דעריבער אויסגעקליבן דעם לעצטן וועג. ער האָט זיך געמאַטערט און צוליב פּרנסה וועגן געגעבן לעקציעס און — געשאַפן ווערק, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום אויסזיכטן אויפצו-בליען אויף דער פרייער לופט און דעריבער געוואָרן בלוט-אָרעם, אַבסטראַקט און ווייט פון דער ווירקלעכקייט.

קריסטאָף האָט זיך ווי אַ שטורעם אַריינגעריסן אין זיין ביך-השמשותדיק לעבן. דער כּעס האָט אין אים געברענט, ווען ער האָט דערזען די מנוולדיקייט פון די מענטשן און אָליוויערס געדולד.

— צי פאַרמאָגסטו קיין ביסל בלוט נישט אין דיינע אָדערן? — האָט ער געשריגן, — ווי אַזוי קאָנסטו פאַרטראָגן אַזאַ לעבן? דו, וואָס דו שטייסט העכער איבער די דאָזיקע בהמות, דו לאָזסט זיך פון זיי טרעטן מיט די פיס אָן שום ווידערשטאַנד?

— וואָס זאָל איך טון? — האָט אָליוויער געענטפערט. — איך קאָן זיך נישט פאַרטיידיקן. איך פיל אַן עקל צו מלחמה מיט מענטשן, וועלכע איך פאַראַכט. איך ווייס, אַז זיי קאָנען זיך באַנוצן קעגן מיר מיט אַלערליי כּלי-זין — אָבער איך קאָן עס נישט. נישט בלויז דער-פאַר, וואָס איך קאָן זיך נישט באַנוצן מיט זייערע שפּיצלעך, נאָר איך האָב מורא, טאָמער טוט עס זיי וויי. אין די קינדער-יאָרן פלעג איך לאָזן די קינדער מיך שלאָגן, צוליב נאַרישקייט, זיי האָבן דע-מאָלט געמיינט, אַז איך בין אַ פּחדן, אַז כ'האָב מורא פאַר קלעפּ. אָבער מער, ווי כ'האָב מורא געהאַט פאַר קלעפּ, האָב איך מורא געהאַט צו שלאָגן אַנדערע. איך געדענק, ווי איינער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, בעת מ'האָט מיך נאָכגעיאָגט: „מאַך אַ סוף, טו אים אַ שטויס אין בויך!" זיינע ווערטער האָבן דערוועקט אין מיר אַן אימה. שוין בעסער, מ'זאָל מיך שלאָגן.

— האָסט קיין בלוט נישט, — האָט קריסטאָף געענטפערט, — און דערצו — דיינע פאַרשאָלטענע קריסטלעכע אידעען!.. דאָס איז אַ פּראָדוקט פון אייער רעליגיעזער דערציונג אין פראַנקרייך, וואָס גרע-נעצט מיטן קאַטעכיזם; די עוואַנגעליע פאַרשטאָפּט, דער נייער טעס-טאַמענט ציט אַרויס דעם מאַרך פון די עצמות... אַ מין הומאַניטאַרע ליבע צו גאָט, וואָס רופט כּסדר אַרויס טרערן אין די אויגן... און די רעוואָלוציע, זשאַן זשאַק, ראָבעספּיער, דאָס יאָר 48, מיט די יידן אין

דער שפּיץ!.. נעם זיך יעדן טאָג אַ גרויסע שטיק פֿלייש, וואָס רינט מיט בלוט, פֿון דער אַלטער ביבל.

אָליוויער האָט נישט געוואָלט. אין האַרצן איז אים פֿון קינדווייז אָן געווען איינגעפֿלאַנצט אַ ווידערווילן צום תּנ״ך. דאָס דאָזיקע געפֿיל האָט ער נאָך געהאַט אין די קינדער־יאָרן, ווען ער האָט שטילערהייט געבלעטערט אַן אילוסטרירטע ביבל, וואָס ער האָט אַמאָל געפֿונען אין דעם טאַטנס ביבליאָטעק און וואָס מ׳האָט קיינמאָל ביי זיי נישט גע־לייענט און ס׳איז אַפֿילו פֿאַרווערט געווען די קינדער צו לייענען. דער דאָזיקער פֿאַרבאָט איז געווען לחלוטין איבעריק! אָליוויער האָט סיי־ווי־סיי לאַנג נישט געקאָנט לייענען דאָס בוך. ער האָט עס תּיכּף פֿאַרמאַכט מיט אויפֿרעגונג און טרויער; און ווען ער איז שפּעטער פֿאַרזונקען אין איליאַס אָדער אָדיסעע אָדער אין „טויזנט און איין נאַכט״, איז אים גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן.

— די געטער פֿון איליאַס זענען שיינע מענטשן, שטאַרקע און זינדיקע; זיי פֿאַרשטיי איך, — האָט אָליוויער געזאָגט, — איך האָב זיי ליב אָדער נישט; אַפֿילו בעת איך האָב זיי נישט ליב, — האָב איך זיי נאָך אַלץ ליב; כ׳בין צוגעבונדן צו זיי. נישט איינמאָל האָב איך צוזאַמען מיט פֿ[illegible] געקושט די פֿיס פֿונם פֿאַרווונדעטן אַכילעס. אָבער דער גאָט פֿון דער ביבל איז אַן אַלטער ייד, אַ משו־גענער און אַ מאַניאַק, אַ ווילדער און אַ קנאי, וואָס פֿאַרברענגט זיין צייט אויף ברומען, דראָען, שרייען, ווי אַן עלנטער וואָלף, אַ גאָט, וואָס טרוימט נאָר אַליין, פֿאַרשפּאַרט אין זיינע וואָלקנס. כ׳פֿאַרשטיי אים נישט, כ׳האָב אים נישט ליב, זיינע אייביקע קללות שווינדלען מיר אין קאָפּ, און זיין אכזריות דערוועקט אין מיר אַן אימה:

משא מואב...

משא דמשק...

משא בבל...

משא מצרים...

משא מדבר־ים...

משא גיא־חזיון...

אַ נאַר איז דער, וואָס האַלט זיך אַליין פֿאַר אַ ריכטער, פֿאַר אַ באַשולדיקער, בעת ער אַליין איז אויך דער תּלין, וואָס גיט אַרויס דעם טויט־אורטייל און פֿירט אים אויס אויפֿן הויף פֿון זיין תּפֿיסה, צווישן בלומען און פֿעלזן־שטיינער. דו שטייסט פֿאַרחידושט פֿאַר דער

דאָזיקער עקשנות פון האַס, וואָס פּילט אָן דאָס בוך מיט משוגענע געשרייען... „אַ בראָך-געשריי"... ווייל דער געשריי האָט אַרומגענומען די גרענעצן פון מואב, ביז אגלים איז דערגאַנגען איר יללה און ביז באר אלים איר יללה"...

פון צייט צו צייט רוט ער זיך אָפּ פון דער שחיטה, פון די צעשפּאָלטענע קינדער, געפּייניקטע און צעקוועטשטע פרויען, און ווען ס'פּאַלט די שטאָט, לאַכט ער ביים טיש מיטן געלעכטער פון אַן אונטעראָפיציר אין יאשיהוס אַרמיי:

„און גאָט צבאות וועט מאַכן אויפן דאָזיקן באַרג אַ פעטן מאָלצייט פאַר די פעלקער, אַ מאָלצייט פון וויין, אַ מאָלצייט פון מאַרכן-פעטס, פון פראַכטפולן וויין... גאָטס שווערד איז געווייקט אין בלוט און איז פעט פון שמאַלץ, אין בלוט פון שעפּסעלעך און ציגנבאָקן, אין פעטס פון בעק-נירן"...

אָבער צום ערגסטן איז דער פאַרברעכן און פאַראַט פון אָט דעם גאָט, וואָס שיקט זיין נביא בלינד צו מאַכן מענטשן, כדי שפּעטער צו באַרעכטיקן די יסורים, וואָס ער שיקט אויף זיי אָן:

„פאַרשטאָפּ דאָס האַרץ פונם דאָזיקן פאָלק, אַז זיינע אויערן זאָלן נישט הערן און זיינע אויגן נישט זען, טאָמער זעט ער מיט די אויגן און טאָמער הערט ער מיט די אויערן און טאָמער וועט באַנעמען זיין האַרץ און ער וועט תשובה טון און געזונט ווערן. — ביז וואַנען, גאָט? — ביז עס וועלן וויסט ווערן די שטעט פון איינוווינער און הייזער פון מענטשן פאַרוואָרלאָזט, און די ערד וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מדבר..."

ניין, איך שווער דיר, כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שלעכטן מענטשן!..

ניין, איך בין נישט אַזוי נאַריש, אָפּצולייקענען די שטאַרקע שפּראַך. אָבער כ'קאָן נישט אָפּטיילן די אידעע פון דער פאָרם, און אויב איך באַוונדער אַמאָל דעם גאָט פון די שקלאַפן, איז עס פונקט ווי מ'באַוונדערט אַ טיגער אָדער... (אומזיסט זוך איך עפּעס אַ געשפּענסט ביי שעקספּירן — אַפילו שעקספּיר האָט נישט געקאָנט שאַפן אַזאַ האַס-העלד, אַזאַ הייליקע שנאה, אַזאַ יושר פון האַס). אַזאַ בוך איז מוראדיק. יעדער שגעון קאָן זיך אָנשטעקן אָן דער דאָזיקער געפערלעכער משוגעת, ווייל איר רוצחישער גאון פאַראומיסט זיך אויסצוריייניקן די גאַנצע וועלט. ענגלאַנד דערוועקט אין מיר אַן אימה, בעת

איך דערמאָן זיך, אַז שוין זינט לאַנגע דורות דערנערט זי זיך מיט דעם ספר. גוט, וואָס דער לאַמאַנש־קאַנאַל טיילט אונז אָפּ, איך גלויב נישט אין דער אמתער קולטור פון אַ פאָלק, כּל־זמן עס דערנערט זיך מיט דער ביבל.

— אויב אַזוי, — האָט קריסטאָף געזאָגט, — דאַרפסטו אויך מורא האָבן פאַר מיר, ווייל איך שלינג זי אויך ביז שיכּרות. דאָס איז אַ לייבן־מאכל. שטאַרק זענען די הערצער, וואָס נערן זיך דערמיט. דאָס עוואַנגעליום אָן דעם מאכל פונם אַלטן טעסטאַמענט איז אַ געשמאַקלאָזער נישט געזונטער מאכל. די ביבל — איז די זויג־ברוסט פאַר די פעלקער, וואָס ווילן לעבן. מען מוז קעמפן, מען מוז האַסן.

— כ׳האָב פיינט די שנאה, — האָט אָליוויער געזאָגט.

— ווען דו טוסט עס לפּחות, — האָט קריסטאָף געענטפערט.

— ביסט גערעכט, כ׳האָב קיינמאָל דערצו קיין כּוח נישט געהאַט. וואָס ווילסטו? איך קאָן נישט פאַרמאַכן די אויגן, נישט צו זען, אַז דער שונא איז גערעכט. איך זאָג נאָך די ווערטער פון שאַרדען: „מילדער! מילדער!..״

— אוי, ביסטו אַ שעפעלע! נאָר אומזיסט דיין גאַנצע מי. איך וועל דיך טרייבן אַריבערצושפּרינגען דעם גראָבן, וואָס שטייט דיר אין וועג. כ׳וועל דיך פירן מיט פויקן און טענץ צום קאַמף.

און באמת האָט ער איבערגענומען אָליוויערס ענינים און געקעמפט פאַר אים. אין אָנהויב זענען זיינע פּרוּוון נישט געלונגען. ער איז געוואָרן אין כּעס ביים ערשטן וואָרט, און פאַרטיידיקנדיק זיין פריינד, האָט ער אים אַ רעה געטון. דערנאָך איז אים די זאַך קלאָר געוואָרן און ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין אומגעלומפּערטקייט.

אָליוויער איז אים נישט געבליבן שולדיק. ער האָט געקעמפט פאַר קריסטאָפן. אומזיסט האָט ער מורא געהאַט פאַרן קאַמף, און זיין קלאָרער, איראָנישער גייסט האָט אומזיסט זיך אויסגעלאַכט פון איבערגעטריבענע ווערטער און מעשים. ווען ס׳איז געקומען צו פאַרטיידיקן קריסטאָפן, האָט ער זיך אויפגערעגט מער, ווי קריסטאָף און ווי אַנדערע. ער איז פּשוט געווען משוגע. די ליבע מאַכט קודם־כּל אומגעשיקט דעם מענטשן. אָליוויער איז אין דעם פּרט נישט געווען אַנדערש, ווי אַלע. און דאָך איז ער געווען געשיקטער פון קריסטאָפן. דער דאָזיקער באַשיידענער און פאַר זיך אַליין אומגעשיקטער בחור־

איז מסוגל געווען צו באַנוצן זיך מיט פּאָליטיק און כמעט מיט כּיט־רעקייט פאַר זיין פריינד וועגן; ער האָט פאַרשווענדעט מוט און געמאַכט אויסגעצייכנטע שפּיצלעך, כּדי צו געווינען פאַר אים פריינט, ס'איז אים געלונגען צו דערוועקן אַן אינטערעס ביי דער מוזיקאַלי־שער קריטיק און ביי די מעצענאַטן, הגם ער האָט זיך געשעמט דאָס צו טון פאַר זיך אַליין.

נישט געקוקט אויף אַלץ, איז זיי זייער שווער געווען צו פאַר־בעסערן זייער גורל. זייער ליבע האָט זיי געבראַכט צו פאַרשיידענע באַרישקייטן. קריסטאָף האָט געבאָרגט און זיך פאַרשולדיקט, כּדי אין דער שטיל אַרויסצוגעבן אָליוויערס אַ באַנד לידער; נאָר קיין איין עקזעמפּליאַר איז נישט פאַרקויפט געוואָרן. אָליוויער האָט צוגערעדט קריסטאָפן צו געבן אַ קאָנצערט, אויף וועלכן קיינער איז נישט גע-קומען כמעט. קריסטאָף, שטייענדיק פאַר אַ פּוסטן זאַל, האָט זיך גע-שטאַרקט מיט הענדעלס ווערטער: „גאַנץ גוט! וועט מיין מוזיק קלינ־גען נאָך בעסער"... אָבער אָט די געוואַגטקייט האָט זיי נישט אומגע־קערט דאָס פאַרשווענדעטע געלט, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים מיט דער שווערער משא פון מענטשלעכער גלייכגילטיקייט.

בעת זיי זענען אויסגעשטאַנען אַזעלכע צרות, איז דער איינצי־קער, וואָס איז זיי צו הילף געקומען, געווען אַ ייד פון אַ יאָר פערציק מיטן נאָמען טאַדעאוס מוש. ער האָט געהאַט אַ געשעפט פון קונסט־בילדער; נאָר הגם ער האָט זיך אינטערעסירט מיט זיין פּראָ-פעסיע און אָפּגעגעבן איר אַ סך צייט, געשמאַק און געשיקטקייט, האָט ער זיך אויך אינטערעסירט מיט פיל זייטיקע זאַכן און האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין געשעפט. און ווען ער האָט זיך יאָ מיט אים פאַרנומען, איז נאָר כּדי אַריינצופירן טעכנישע אויסבעסערונגען, צו שאַפן אַ נייעם מעטאָד פון בילדער־רעפּראָדוקציעס, וואָס זענען, נישט געקוקט אויף דער גרויסער מי, זעלטן ווען געלונגען און האָבן אָפּ־געקאָסט אַ מטמון מיט געלט. ער האָט געלייענט אָן אַ שיעור ביכער און געלויערט אויף יעדן נייעם געדאַנק אין דער פילאָזאָפיע, קונסט, וויסנשאַפט, פּאָליטיק; ער איז באַשאָנקען געווען מיט אַ באַזונדערן

חוש־הריח, צו אַנטדעקן פרייע, אָריגינעלע כוחות; מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט באַקומען אַ השפּעה פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם מאַגנעטיזם. צווישן אָליוויערס חברים, וואָס זענען געווען איינזאַם, ווי ער, און געאַרבעט יעדערער באַזונדער, איז ער געווען דער פאַר־בינדונגס־פאָדים. ער איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, און דורך אים, הגם נישט ער, נישט זיי האָבן דערפון נישט געוווסט, איז גע־שאַפן געוואָרן אַן אומאויפהערלעכער שטראָם פון געדאַנקען.

אָליוויער האָט אים געוואָלט פאָרשטעלן פאַר קריסטאָפן, אָבער קריסטאָף האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט מער נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט קיין יידן. אָליוויער האָט געלאַכט און איז צוגעשטאַנען, זאָגנדיק, אַז ער קען די יידן פונקט אַזוי ווי פראַנקרייך. קריסטאָף האָט מסכים געווען. אָבער ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען טאַדעאוס מוש, האָט ער זיך שטאַרק פאַרקרימט. מוש האָט לפנים אויסגעזען מער ייד, ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אַ ייד ווי עס שיל־דערן אים אַנטיסעמיטן: אַ נידעריקער, מיט א פליך, אַ צעקראָכענער קע פער, אַ גרויסע נאָז, גרויסע, קרומען אויגן, וואָס האָבן געקוקט דורך דיקע גלעזער, דאָס פנים פאַרגראָבּ אין אַ געקרייזלטער שוואַר־צער באָרד, האָריקע הענט, לאַנגע אָרע״ס און קורצע פיס. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ קליינער סירישער בעל־ אָבער זיין פנים האָט אויס־געדריקט אַזוי פיל גוטסקייט, אַז קריסטאָף איז גערירט געווען. דערצו איז ער געווען זייער אַ פשוטער מענטש, נישט געפלוידערט, נישט געזאָגט קיין קאָמפּלימענטן און בכלל נישט אויסגערעדט קיין איבעריק וואָרט. ער האָט זיך נאָר באַמיט יענעם נוצלעך צו זיין, און איידער מען האָט אים עפּעס געבעטן, האָט ער עס שוין געטון. ער פלעגט קומען אָפט, שוין צו אָפט און כמעט שטענדיק געברענגט מיט זיך אַ גוטע בשורה: אַרבעט פאַר אַ פריינד, אַן אַרטיקל וועגן קונסט אָדער אַ לעקציע פאַר אָליוויערן, מוזיק־שעהן פאַר קריסטאָפן. נאָר קיינמאָל איז ער נישט געזעסן צו לאַנג. ער האָט דער עיקר אונ־טערגעשטראָכן, אַז ער וויל זיך זיי נישט אָנוואַרפן. אפשר האָט ער געפילט קריסטאָפס אויפרעגונג, בעת ער פלעגט אומגעדולדיק אַ מאַך טון מיט דער האַנט, ווען ער האָט געזען דאָס אַלטע פנים פון דעם קאַרטאַגישן געטש (ער האָט אים גערופן מולך) אין דער טיר. יאָ, אין אַ ווײַלע אַרום פלעגט זיך קריסטאָף באַהערשן און פילן אַ דאַנק־באַרקייט צו מושן פאַר זיין אומגעהויערער גוטסקייט.

גוטסקייט איז אַן אָפּטע אייגנשאַפט ביי יידן: נישטאָ נאָך אַזאַ מידה, וואָס זיי זאָלן אַזוי שטאַרק ליב האָבן, אַפילו ווען זיי אַליין פאַרמאָגן זיי נישט. באמת איז זי ביי ס׳רוב יידן נעגאַטיוו אָדער נייטראַל: זי דריקט זיך אויס אין וותרנות, גלייכגילטיקייט, עקל צו שלעכטס און איראָנישע געדולדיקייט; אָבער ביי מושן איז זי געווען אַ באַגייסטערטע אַקטיוויטעט. ער איז שטענדיק גרייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין פאַר עמעצן אָדער צוליב עפּעס: פאַר די אָרעמע-לייט, פאַר די פּאָליטישע אין רוסלאַנד, פאַר די געררודפטע פון אַלע פעלקער, פאַר די אומגליקלעכע קינסטלער, פאַר אַלע דערשלאָגענע, פאַר יעדער גרויסער זאַך. זיין האַנט איז שטענדיק געווען אָפן, און הגם ער האָט קיין סך נישט פאַרמאָגט, איז שטענדיק לייכט געווען צו קריגן ביי אים אַ רענדל; און בעת ער האָט אַליין נישט געהאַט האָט ער דעם רענדל גענומען ביי אַן אַנדערן, ער האָט נישט גע-שפּאָרט קיין מי און קיין צייט אַבי יענעם אַ טובה צו טון. ער האָט עס געטון מיט גרויס פשטות. נאָר איין פעלער האָט ער פאַרמאָגט: ער האָט ליב געהאַט אָפּט צו רעדן, אַז ער איז פּשוט און אויפריכ-טיק. אָבער סוף כל סוף איז דאָך עס געווען אמת.

קריסטאָף, וואָס זיינע געפילן האָבן זיך געוואַקלט צווישן עקל און האַרציקייט צו מושן, האָט איינמאָל געלאָזט פאַלן אַן אכזריותדיק וואָרט, אַ וואָרט פון אַ צעפּיעשטשעטע קינד. איינמאָל ווען ער איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון מושס גוטסקייט, האָט ער אים אָנגעכאַפּט בייביידע הענט און געזאָגט:

— ס׳אַראַ שאָד, וואָס איר זענט אַ ייד!

אַליוויער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און איז רויט געוואָרן, פּונקט ווי מען וואָלט אים באַליידיקט. ער האָט זיך געפילט זייער שלעכט און האָט געפּרווט אָפּמעקן דעם שלעכטן איינדרוק פון קרי-סטאָפס ווערטער.

מוש האָט מיט טרויעריקער איראָניע אַ שמייכל געטון און רויק געענטפערט:

— נאָך אַ גרעסערער שאָד איז צו זיין אַ מענטש.

קריסטאָף האָט געזען אין דעם אַ געשיקטן ענטפער. אָבער דער פּעסימיזם פון די דאָזיקע רייד איז געווען אַ סך טיפער, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט. אַליוויער האָט עס מיט זיין דינעם חוש דערפילט. הינטער דעם אויסערלעכן מוש האָט געלעבט נאָך איין מוש, אַן אַנ-

דערער, וואָס איז אין אַ סך פּרטים געווען דער קעגנזאַץ צו יענעם. זיין אויסערלעכער כאַראַקטער איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגן קאַמף מיט זיין אמתער נאַטור. אָט דער מענטש, וואָס האָט אין פלוג אויסגעזען זייער פּשוט, איז אין דער אמתן געווען זייער קאָמפּלי־צירט: ווען ער האָט זיך צערעדט, האָט ער שטענדיק געפילט אַ באַ־דערפעניש צו פאַרפלאָנטערן די פּשוטסטע זאַכן און צוצוגעבן זיינע אמתע געפילן דעם כאַראַקטער פון אמתער איראָניע. דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט אויסגעזען זייער באַשיידן און עניוותדיק איבער דער טבע, האָט אינערלעך פאַרמאָגט אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט און האָט אים געדריקט. זיין שמייכלדיקער אָפּטימיזם, זיין אייביקע אַקטיוויטעט, וואָס איר כּוונה איז געווען נאָר אַנדערע גוטס צו טון, האָבן פאַרדעקט דעם טיפן ניהיליזם, די פאַר־צווייפלונג, וואָס האָט מורא געהאַט זיך אַליין צו קוקן אין די אויגן. לפּנים האָט מוזש אויסגעדרוקט אַ שטאַרקן גלויבן אין אַ סך זאַכן: אין מענטשלעכן פּראָגרעס, אין אויסגערייניקטן יידישן גייסט פון דער צוקונפט, אין דער שליחות פון פראַנקרייך, וואָס קעמפט פאַר אַ נייעם אידעאַל (ער האָט גערן געזען אין אַלע דריי זאַכן איין ענין).

אָליוויער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרפירן און געזאָגט צו קריסטאָפן:

— אין האַרצן גלויבט ער נישט אין קיין זאַך.

נישט געקוקט אויף דעם געזונטן שכל און איראָנישער רויקייט, איז מוזש געווען אַ נייראַסטעניקער, וואָס האָט נישט געקאָנט צווען זיין אייגענע פּוסטקייט. אָט די נישטיקייט פלעגט אים טיילמאָל אַרומ־כאַפּן, ווי דער קריזיס בעת אַ קראַנקהייט. פּלוצלינג פלעגט ער זיך אויפכאַפּן ביינאַכט פון שלאָף און קרעכצן פון שרעק. ער האָט שטענ־דיק געזוכט עפּעס צו טון, ער האָט זיך געוואָלט אָנקלאַמערן אָן עפּעס אָן אַרבעט.

זייער טייער באַצאָלט דער מענטש פאַרן כּבוד צו געהערן צו אַן אַלטער ראַסע. ער מוז טראָגן די שווערע מאַסע פון דער פאַר־גאַנגנהייט, פון ביטערע דערפאַרונגען, פאַרמאַטערטע פּרווון, שכל און ליבע, וואָס זענען אַוועק לאיבוד,—דאָס גאַנצע לעבן פון די דורות, וואָס אין זייער באָדן איז פאַרזונקען געוואָרן אַנטוישונג, איראָניע, וויסטקייט... וויסטקייט, דער שרעקלעכער סעמיטישער חורבן, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט אונזערע אַרישע אַנטוישונגען. אונזערע אַנטוישונגען

טוען אונז אויך ווי, מיר ווייסן אָבער לפּחות קלאָר די סיבות דער־פון, און במילא איז דער ווייטיק קלענער: ער גַעמט זיך דערפון, וואָס מיר ליידן צוליב זאַכן, וואָס מיר פאַרמאָגן נישט און צו וועל־כע מיר בענקען. אָבער ביי זייער פּיל יידן איז דער קוואַל פון פרייד און לעבן פאַרסמט מיט גיפט. נישטאָ קיין שום באַגער, קיין שום אינטערעס צו עפּעס. קיין תאווה צו כבוד, קיין ליבע, קיין פאַרגעניגן. נאָר איין זאַך בלייבט, אויך נישט אינגאַנצן, ווייל זי ווערט אויף אַ קרענקלעכן אופן פאַרשאַרפט ביי די מענטשן, וואָס זע־נען אַרויסגעריסן פון זייער לאַנד, וואָס האָבן פאַרוועגדעט זייערע כוחות און זייער ענערגיע אין משך פון לאַנגע דורות און וואָס בענ־קען צו רו נישט קאָנענדיק זי דערגרייכן: דאָס איז דער געדאַנק, דער אייביקער אַנאַליז, וואָס שאַפט אָפּ לכתחילה יעדע מעגלעכקייט פון פרייד און פון מעשים. די מוטיקערע צווישן זיי נעמען אויף זיך באַשטימטע ראָלן און שפּילן זיי אייגנטלעך אָנשטאָט זיי איבערצולעבן. אינטערעסאַנט, וואָס פיל פון זיי — גראָד מענטשן פון שכל און פעיקייטן — פילן אַ פאַרלאַנג, דווקא צוליב זייער גלייכגילטיקייט צום רעאַלן לעבן, צו זיין אַקטיאָרן, צו שפּילן — ס'איז פאַר זיי דער איינציקער אופן פון לעבן.

מוש איז אויך געווען אַן אַקטיאָר אויף זיין אופן. ער איז געווען טעטיק, כדי זיך אַליין צו פאַרשיכּורן, אָבער בעת אַסאַך אַנ־דערע מענטשן זענען טעטיק צוליב זייער עגאָיזם, האָט ער געאַרבעט פאַרן גליק פון אַנדערע זיין איבערגעגעבנקייט צו קריסטאָפן האָט גערירט און געמאַטערט. קריסטאָף האָט זיך געבייזערט אויף אים און באַלד חרטה געהאַט. מוש האָט צוליב דעם קיינמאָל נישט געטראָגן קיין כעס. דאָס האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פון קיין שום זאַך. נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געפילט צו קריסטאָפן אַ באַזונדערע פריינטשאַפט. מער ווי ער האָט ליב געהאַט דעם מענטשן, פאַר וועלכן ער האָט זיך מוסר נפש געווען, האָט ער ליב געהאַט די מסירות נפש גופא. די מענטשן האָבן אים געדינט פאַר אַן אויסרייד בלויז צו טון גוטס, צו לעבן.

ער האָט זיך אַזוי פיל געמיט, אַז לסוף איז אים געלונגען צוצורעדן העכטן, ער זאָל פאַרעפנטלעכן „דוד" און קריסטאָפס נאָך עטלעכע קאָמפּאָזיציעס. העכט האָט אָנערקענט קריסטאָפס טאַלענט, נאָר ער האָט זיך נישט געאיילט אים אַרויסצופירן פאַר דער עפנט־

לעכקייט. נאָר ווען ער האָט געזען, אַז מוש איז גרייט אַרויסצוגעבן אויף זיין אייגענעם חשבון קריסטאָפס ווערק ביי אַן אַנדער פאַר־לעגער, — האָט ער צוליב אייגנליבע גענומען די איניציאַטיוו אויף זיך.

נאָך אַ געדאַנק איז איינגעפאַלן מושן אין אַ שלעכטער צייט, בעת אָליוויער איז קראַנק געוואָרן און ס׳איז זיי אויסגעגאַנגען דאָס געלט — צו ווענדן זיך צו פ ע ל י ק ס ו וי י ל, וואָס האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויז, וואָס די ביידע פריינט. מוש און וויל האָבן זיך געקענט, נאָר נישט איבעריק זיך ליב געהאַט. זיי זענען געווען צוויי פאַרשידענע מענטשן: מוש איז געווען אַ רירעוודיקער מענטש, אַ מיסטיקער, אַ רעוואָלוציאָנער, מיט פאָלקסטימלעכע מאַניערן, וואָס ער האָט בכיוון אונטערגעשטראָכן, כדי אַרויסצורופן איראָניע ביים רויקן חוזקדיקן וויל, וואָס איז געווען עלעגאַנט און קאָנסערוואַטיוו. אייגנטלעך האָבן זיי פאַרמאָגט אַ בשותפותדיקן שטריך: זיי האָבן ביידע נישט פאַרמאָגט קיין טיפן אינטערעס פאַר זייער טעטיקייט. און אויב זיי האָבן עפּעס געטון, איז נישט צוליב גלויבן, נאָר צו־ליב אַן עקשנותדיקן אינערלעכן באַפעל. אָבער עס זענען געווען זאַכן, וועגן וועלכע ביידע גלייך האָבן נישט געוואָלט טראַכטן: זיי האָבן געלעגט אַכט נאָר אויף די געשפּילטע ראָלן, און די דאָזיקע ראָלן האָבן נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמע שטריכן. דעריבער איז מוש אויפגענומען געוואָרן פון ווילן מיט אַ געוויסער קאַלטבלוטי־קייט, און ווען ער האָט אים געוואָלט פאַראינטערעסירן מיט אָלי־וויערס און קריסטאָפס קינסטלערישע שטרעבונגען, האָט ער זיך באַ־געגנט מיט חוזק און אומצוטרוי. מושס אייביקע באַגייסטערונג פאַר אוטאָפּיעס איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר אַ געפערלעכן פלאַטער־קאָפּ. נאָר, ווי זיין שטייגער, האָט ער זיך אויף דאָס מאָל נישט מיאש געווען. ער איז צוגעשטאַנען צו ווילן, דערציילט אים וועגן דער פריינטשאַפט פון קריסטאָפן מיט אָליויערן און ביסלעכווייז דערוועקט אין אים אַן אינטערעס. ער האָט עס געפילט און האָט ווייטער געטון זיין שליחות.

ער האָט אָנגערירט אין ווילן אַ דינע סטרונע. דער דאָזיקער זקן, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און נישט געהאַט קיין פריינט, האָט געהאַט אַ שטאַרקן יראת־הכבוד צו פריינטשאַפט.

אַלע זיינע געפילן האָט ער קאָנצענטרירט אין דער פריינטשאַפט, וואָס האָט אים געלאָזט שטיין אויפן מיטן וועג פון זיין לעבן: דאָס איז געווען זיין איינערלעכער אוצר. ווען ער האָט דערפון געטראַכט, האָט ער זיך געפילט בעסער. ער האָט אָרגאַניזירט פאַרשידענע אינסטיטוציעס אויפן נאָמען פון זיין פריינד, און געווידמעט אים זיינע ווערק. די שטריכן, וואָס מוש האָט אים איבערגעגעבן וועגן דער פריינטשאַפט צווישן קריסטאָפן און אָליוויערן, האָבן אים טיף געריהרט. ס'איז געווען אין דעם עפּעס אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן זיין פריינטשאַפט און זייערער. זיין פאַרשטאָרבענער פריינד איז געווען פאַר אים אַ מין עלטערער ברודער, אַ יוגנט-חבר, אַ וועג-ווייזער אין לעבן און ער האָט געפילט צו אים אַ שטאַרקע פּיעטעט. ער איז געווען איינער פון די יידישע יונגע-לייט, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר זייער לעבנס-ציל צו דערהויבן זייער פאָלק, און וואָס האָבן זיך אַליין מקריב געווען פאַרן פאָלק, פאַר דער וועלט. דאָס פייער האָט זיי אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטן און געברענט עטלעכע שעה. זייער פלאַם האָט דערוואַרעמט די גלייכגילטיקייט פון דעם קליינעם ווייל. דאָס האָט אים אויפגעהויבן פון דער ערד. כל זמן זיין פריינד האָט געלעבט, איז ער געגאַנגען ביי זיין זייט, באַלויכטן פון זיין שטראַלנדיקער סטאָאישער אמונה, פון זיין גלויבן אין דער וויסנשאַפט, אין דער הערשאַפט פון גייסט, אין דעם צוקונפטיקן גליק. עפּעס האָט געשטראַלט פון דעם דאָזיקן משיחישן גייסט. ווען ווייל איז געבליבן אַליין מיט זיין שוואַכער איראָנישער נשמה, האָט ער זיך אַראָפּגעקייקלט באַרג־אַראָפּ פון דעם דאָזיקן אידעאַליזם צום זאַנדיקן מדבר פון קהלת, וואָס יעדער אינטעליגענטער יידישער גייסט טראָגט אין זיך, און וואָס איז גרייט יעדע ווילע איינצושלינגען נייע קרבנות. נאָר ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ליכטיקע שעהן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט זיין פריינד; ער האָט מיט קנאה אָפּגעהיט דאָס שוואַכע ליכט און קיינמאָל וועגן אים מיט קיינעם נישט גערעדט, אַפילו נישט מיט זיין געליבטער פרוי: ס'איז געווען פאַר אים אַ הייליקע זאַך. און אָט דער אַלטער מאַן, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר אַן אמתן פאַריזער און פאַר אַ טרוקענעם מענטשן, האָט איבערגעחזרט אין דער שטיל ביים סוף פון זיין לעבן דעם ביטערן און רירנדיקן געדאַנק פון איינעם אַ בראַהמינער אין אַמאָליקן אינדיען:

„דער הייליקער בוים פון דער וועלט גיט אַרויס צוויי פּרוכטן, וואָס זענען זיסער, ווי דאָס וואַסער פון לעבנס-קוואַל: איינע איז די פּאָעזיע, די צווייטע — פריינטשאַפט.״

זינט דעמאָלט האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט קריסטאָפן און אָליוויערן. קענענדיק זייער שטאָלץ, האָט ער שטילערהייט געבעטן מושן אָליוויערס באַנד לידער, וואָס איז גאָר וואָס געהאַט דערשינען; און אָן דעם וויסן פון דיביידע פריינט, האָט ער געפועלט ביי דער אַקאַדעמיע צו געבן אָליוויערן פאַר זיין ווערק אַ געלט־פּרייז, וואָס איז זיי אין דער שווערער צייט שטאַרק צונוץ געקומען.

ווען קריסטאָף האָט זיך דערוווּסט, אַז די אומגעריכטע הילף, האָט ער צו פאַרדאַנקען אַ מענטשן, וועגן וועלכן ער האָט שלעכט געטראַכט, האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט באַהערשט זיין עקל צו וויזיטן און איז געגאַנגען אים דאַנקען. נאָר ער האָט זיך אַנטוישט. קריסטאָפס יוגנטלעכע באַגייסטערונג האָט אין דעם אַלטן ווייל דערוועקט איראָניע, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן. זיי האָבן זיך שלעכט פאַרשטאַנען, אָבער דאָך פריינטלעך זיך געזעגנט.

דעם זעלבן טאָג, ווען קריסטאָף האָט זיך אומגעקערט אין זיין צימער אַן אויפגערעגטער און גלייכצייטיק פול מיט דאַנקבאַרקייט צו ווייל, האָט ער צוזאַמען מיטן גוטן מוש, וואָס איז געקומען טון אָליוויערן אַ פרישע טובה, געפונען אין שטוב אַ צייטונגס-אַרטיקל, געשריבן פון לוסיען לעווי־קער, ווו קריסטאָפס מוזיק איז געוואָרן שטאַרק אָנגעגריפן; דאָס איז נישט געווען קיין אָפענע קריטיק, נאָר אַ ליבלעכער אַרטיקל, ווו דער מחבר האָט זיך מיט סובטילן וויץ באַמיט אַוועקצושטעלן קריסטאָפן מיט די דריט-אָדער פערט־ראַנגיקע מוזיקער.

— צי האָסטו באַמערקט, — האָט קריסטאָף געזאָגט צו אָליוויערן, ווען מוש איז אַוועקגעגאַנגען, — אַז מיר האָבן שטענדיק צו טון מיט יידן, נאָר מיט יידן? אָ! צי וועלן מיר אַליין אויך ווערן יידן? באַרויק מיך! מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז מיר ציען זיי צו זיך. שטענדיק שטייען זיי אונז אין וועג, סיי אַלס שונאים, סיי אַלס פריינט.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי זענען אינטעליגענטער פון אַנדערע, — האָט געזאָגט אָליוויער. — די יידן זענען כמעט די איינציקע

מענטשן, וואָס מיט זיי קאָן אַ פרייער מענטש שמועסן וועגן נייע ענינים, ענינים פון לעבן. די איבעריקע זענען פאַרגליווערט אין דער פאַרגאַנגנהייט צווישן טויטע זאַכן. צו אונזער אומגליק עקזיסטירט נישט אָט די פאַרגאַנגנהייט ביי יידן, אָדער לכל הפּחות איז זייער פאַרגאַנגנהייט אַנדערש ווי אונזערע. מיט זיי קאָנען מיר שמועסן נאָר וועגן היינט און מיט אונזערע — נאָר וועגן נעכטן. באַמערק נאָר די יידישע אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן: אין מסחר, אינדוסטריע, קולטור, וויסנשאַפט, פילאַנטראָפּיע, קונסט...

— לאַמיר נישט רעדן וועגן דער קונסט, — האָט אויסגערופן קריסטאָף.

— איך זאָג נישט אַז אַלץ וואָס זיי טוען, איז מיר שטענדיק ליב, — פאַרקערט, טיילמאָל איז עס מיר דערווידער, אָבער זיי לעבן לפּחות און פאַרשטייען דאָס לעבן. מיר קאָנען קריטיקירן די יידן, אויסלאַכן זיי, זידלען זיי, אָבער לעבן אָן זיי קאָנען מיר נישט

— טרייב נאָר נישט איבער, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — איך וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן זיי.

— לעבן? אפשר. אָבער צו וואָס טויג עס, אויב דיין לעבן און דיין שאַפונג וועלן קיינמאָל נישט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין; ווייל ווען נישט זיי, וואָלט עס זיכער געבליבן אין דער פינסטערניש. צי קומען אונז אונזערע אייגענע צו הילף? דער קאַטאָליציזם לאָזט זיינע בעסטע זין אונטערגיין און טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער זיי צו פאַרטיידיקן. אָט די אַלע טיף רעליגיעזע, די אַלע, וואָס זענען זיך מוסר-נפש פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייערע געטער — אויב זיי האָבן נאָר געהאַט מוט איבערצורייסן מיטן קאַטוילישן נוסח און צו באַפרייען זיך פון דעם רוימישן אַוטאָריטעט — אָט צו די אַלע באַציט מען זיך נישט נאָר גלייכגילטיק, נאָר זיי ווערן געהאַסט דורך דער דאָזיקער געהיימער כּנופיה וואָס רופט זיך אָן קאַטאָליציזם. ער וואַרפט אָן אויף זיי אַ שלייער פון שווייגן. ער גיט זיי איבער צו די שותּפותדיקע שונאים. אַ פרייער גייסט, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין — אויב ער איז נאָר טיף קריסטלעך נישט צוליב הכנעה — וואָס אַרט זיי די קאַטוילן, ווען ער פאַרווירקלעכט אין זיך אַלדאָס ריינע און געטלעכע פון זייער רעליגיע? ער געהערט נישט צו זיי. ער געהערט נישט צו דער בלינדער און טויבער כּנופיה וואָס טראַכט אַליין גאָרנישט, און אָט אַזוי שטויסט מען אים

אָפּ, מען קוקט זיך צו מיט פרייד ווי ער ליידט, ווי ער ווערט גערודפט פון דעם שונא, און רופט צו הילף די ברידער, וואָס פאַר זייער גלויבן גייט ער שטאַרבן. דער קאַטאָליציזם פון אונזער צייט פאַרמאָגט אין זיך אַ כוח פון מערדערישער אינערציע. ער וועט בעסער מוחל זיין די שונאים, איידער די, וואָס ווילן אַריינברענגען אין אים אַ ניי לעבן. וואָס וואָלט געוואָרן מיט אונז, טייערער קריסטאָף? וואָס וואָלטן מיר אויפגעטון, מיר, די ראַסן־קאַטוילן, וואָס האָבן זיך אַליין באַפרייט, ווען נישט דאָס הייפל פּראָטעסטאַנטן און יידן? די יידן פון דער היינטיקער אייראָפּע זענען די פלינקסטע מעקלער פון אַלדאָס גוטס און אַלדאָס שלעכטס. זיי צעטראָגן איבער דער וועלט יעדן קערן פון געדאַנק. צי האָסטו נישט געפונען צווישן זיי דיינע ערגסטע שונאים און דיינע ערשטע אָנהענגער?

— ס'איז אמת, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — זיי האָבן מיר צוגעגעבן מוט. געשטיצט מיך. געזאָגט צו מיר ווערטער, וואָס וועקן דיך צום קאַמף און ווייזן דיר, אַז דו ביסט פאַרשטאַנען געוואָרן. וואָס אַן אמת, נאָר אַ קליינע צאָל איז מיר געבליבן טריי. זייער פריינטשאַפט איז געווען ווי אַ שטרוי־פייער. נאָר ס'איז אַלצאיינס. אויך אָט דאָס פאַרשווינדנדיקע ליכט אין דער פינסטערניש פאַרמאָגט אַ גרויסן ווערט. ביסט גערעכט, לאָמיר זיי נישט בלייבן אומדאַנקבאַר.

— קודם כל, לאָמיר נישט זיין אומבאַרעכנט, — האָט אָליוויער געזאָגט. — לאָמיר נישט אומברענגען אונזער קראַנקע קולטור און נישט אָפּשניידן די לעבעדיקסטע צווייגן פון דעם בוים. ווען ס'טרעפט, חלילה, אַן אומגליק און די יידן ווערן, חלילה, אַרויסגעטריבן פון אייראָפּע, וואָלט זי שרעקלעך פאַראָרעמט געוואָרן גייסטיק און פּראַקטיש און ס'וואָלט איר געדראָט אַ פולשטענדיקער אונטערגאַנג. דער עיקר ביי אונז, אין דעם היינטיקן מצב פון דער פראַנצויזישער גייסטיקייט, וואָלט זייער גרוש געווען פאַר אונז אַ סך אַ געפערלעכערער פאַרלוסט, ווי דער גרוש פון די פּראָטעסטאַנטן אין XVII יאָרהונדערט. אמת, זיי פאַרנעמען היינט ביי אונז אַן אָרט, וואָס פּאַסט נישט פאַר זיי און אַנטשפּרעכט נישט זייער ממשותדיקן ווערט, זיי מיסברויכן מיט דער פּאָליטישער און מאָראַלישער אַנאַרכיע פון אונזער דור, זיי פאַרגרעסערן די אַנאַרכיע צוליב זייער נאַטירלעכער נייגונג און צוליב דעם, וואָס זיי פילן זיך גוט אין דעם. די בעסטע פון זיי, ווי מוש, אידענטיפיצירן אויפריכטיק די צוקונפט פון פראַנק־

דייך מיט זייערע יידישע חלומות, וואָס עס איז פאַר זיי מער געפערלעך, ווי נוצלעך. אָבער מען קאָן זיי נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס זיי ווילן בויען פראַנקרייך לויט זייער אייגענע געשטאַלט: זיי טוען עס, ווייל זיי האָבן עס ליב. אויב זייער ליבע איז געפערלעך, לויט אונזער מיינונג, דאַרפן מיר זיך פאַרטיידיקן און געבן זיי אַ פאַסיקן אָרט — אַ צווייטע מדרגה, נישט דערפאַר, ווייל איך טראַכט, אַז זייער ראַסע שטייט נידעריקער פאַר אונזערער (די אַלע וויכּוחים וועגן דער העכערקייט פון ראַסן זענען קליינלעך און עקלדיק), אָבער ס'האָט דאָך נישט קיין זין, אַז אַ פרעמדע ראַסע, וואָס האָט זיך נאָך נישט צונויפגעשמאָלצן מיט אונזערער, זאָל זיך פאַרמעסטן צו וויסן, וואָס פאַר אונז איז שענער און בעסער, — מער ווי מיר ווייסן עס אַליין. דער ייד פילט זיך גוט אין פראַנקרייך; כ'בין זייער צופרידן דערפון. אָבער זאָל ער נישט שטרעבן צו פאַרוואַנדלען פראַנקרייך אין ארץ ישראל! אַ קלוגע, שטאַרקע רעגירונג, וואָס זאָל קאָנען האַלטן די יידן אויף זייער געהעריקן אָרט, וואָלט זיי געמאַכט פאַר אויסערגעוויינלעך־נוצלעכע עלעמענטן פון פראַנקרייכס גרויסקייט; און זי וואָלט אַ טובה געטון אויך זיי. די דאָזיקע נערוועזע, אומרויקע, אומקלאָרע מענטשן נויטיקן זיך אין אַ געזעץ, וואָס זאָל זיי פעסט האַלטן, און אין אַ שטאַרקן, אָבער ערלעכן האַר, וואָס זאָל זיי האַלטן אין די ראַמען. די יידן זענען ווי פרויען: זיי זענען אויסגעצייכנט, ווען מען האַלט זיי אין לייצעס. אָבער זייער מאַכט איז שרעקלעך, און די וואָס גיבן זיך זיי אונטער ווערן פשוט לעכערלעך.

נישט געקוקט אויף זייער קעגנזייטיקער פריינטשאַפט און דער אינטואיטיווער פעיקייט אַריינצוקוקן אין דעם פריינדס נשמה, זענען אין קריסטאָפן און אין אָליוויערן געבליבן אַסאַך אומפאַרשטענדלעכע זאַכן, וואָס האָבן זיי טיילמאָל אַפילו אָפּגעשטויסן איינער פון דעם צווייטן. אין די ערשטע טעג פון זייער פריינטשאַפט האָט זיך יעדער איינער אינסטינקטיוו באַמיט אַרויסצוּווייזן נאָר די שטריכן, וואָס זענען ענלעך צו זיין פריינדס; דעמאָלט האָבן זיי עס לחלוטין נישט געפילט, נאָר ביסלעכווייז איז אַרויסגעשוווּמען דאָס בילד פון די

צווי פאַרשידענע ראַסן בולטער ווי פריער. זייערע קעגנזאַצן האָבן זיך קעגנזייטיק באַשולדיקט. ס׳האָבן זיך געשאַפן קליינע רייבונגען, וואָס זייער שטאַרקע פריינטשאַפט האָט בשום אופן נישט געקאָנט גובר זיין.

די סיכסוכים זענען געוואָרן אַלץ שאַרפער. אָליוויערס גייסט איז באַשטאַנען פון גלויבן, פרייהייט, התלהבות, איראָניע און צווייפל — אַ פאָרמול, וואָס קריסטאָף האָט נישט געקאָנט באַנעמען. אָליוויער איז טיילמאָל שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן. דער אַריסטאָ־קראַטיזם פון אַן אַלטן אינטעליגענטן ראַסן־צווייג האָט געחוזקט פון קריסטאָפס געזונטער, שווערער, ווי פון איין שטיק געקנעטענער און אומגעשיקטער נאַטור, וואָס האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אַנאַליזירן און וואָס האָט זיך טועה געווען סיי בנוגע אַנדערע און סיי בנוגע זיך אַליין. קריסטאָפס סענטימענטאַליטעט, זיין טומלענדיקע השתפכות־הנפש און זיין נייגונג זיך אויפצורעגן האָבן אָליווערן אויפגעבראַכט און אויסגעזעצן אין זיינע אויגן אַביסל לעכערלעך. און איבער אַלעם —דער קולט פאַרן כוח, די דאָזיקע דייטשע זיכערקייט אין דער מאָ־ראַלישער הויך פון דער פויסט־רעכט, וואָס אָליוויער און זיין פאָלק האָבן צוליב באַשטימטע סיבות אין דעם נישט געגלויבט.

און קריסטאָף האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן אָליוויערס איראָ־ניע, וואָס האָט אים אָפטמאָל אויפגערעגט און אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די נייגונג צו חקרענען זיך, דאָס שטענדיקע אַנאַליזירן, דעם מין גייסטיקע אַמאָראַלישקייט, וואָס איבערראַשט ביי אַזאַ צוגעבונדענעם צו מאָראַלישער ריינקייט, ווי אָליוויער, און וואָס האָט זיך גענומען פון זיין ברייטן אינטעלעקט, פון זיין האַס צו יעדער מין נעגאַציע — אַן אינטעלעקט, וואָס פרייט זיך צו זען סתירהדיקע מיינונגען. אָליוויער האָט געקוקט אויף יעדער זאַך פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפונקט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויס־דרוקן, פון אַ ביסל אַ פּאַנאָראַמישן שטאַנדפונקט. ער האָט אַזוי שטאַרק באַגערט צו באַגרייפן דאָס גאַנצע, אַז ער האָט אין יעדער זאַך גע־פונען אַלע אַרגומענטן פאַר און קעגן. ער אַליין האָט טיילמאָל גע־האַלטן פון איין צד, טיילמאָל פון צווייטן. לסוף פלעגט ער אין זיינע סתירות זיינע הענט און פיס נישט געפינען דעריבער האָט ער אַזוי צעטומלט קריסטאָפן. פונדעסטוועגן איז עס נישט געקומען ביי אים פון דער נייגונג צו סתירות און נישט פון ליבע צו פאַראַדאָקסן;

דאָס איז געווען אַ שטאַרקע פאָדערונג פון דער גערעכטיקייט און פון דעם געזונטן שכל, וואָס האָט זיך אַקעגנגעשטעלט יעדן מין שטות. די שאַרפקייט, מיט וועלכע קריסטאָף האָט געמשפט אוממאָראַלישע מעשים און מענטשן, איבערטרייבנדיק זייער גראָבקייט און מגושמדיקייט, האָט אָפּגעשטויסן אָליווערן, וואָס איז געווען נישט ווייניקער מאָראַליש פון אים. נאָר נישט געשמידט פון אַזאַ שטאָל ווי קריסטאָף, און דעריבער מער מסוגל באַאיינפלוסט צו ווערן פון אויסערלעכע השפעות, וואָס האָבן אים געבויגן, באַפאַרבט און מיטגעריסן. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן קריסטאָפס גוזמאות און זיי איבערגעטריבן אין אַ פאַרקערטן זין. צוליב אַ מין צו־להכעיס האָט ער טאָג־טעגלעך פאַרטיידיקט זיינע קעגנער און באַשולדיקט זיינע פריינט. קריסטאָף איז געווען בייז. ער האָט זיך געבייזערט אויף אָליווערן פאַר זיינע סאָפיזמען, פאַר זיין צו ווייכער באַציונג צו שונאים און געהאַסטע זאַכן. אָליווער האָט געשמייכלט. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז בטבע מוּתּר דערפאַר, וואָס ער קאָן זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס; ער האָט אויך געוווּסט, אַז קריסטאָף גלויבט אין אַ סך מער זאַכן ווי ער. אָבער קריסטאָף האָט זיך נישט אומגעקוקט נישט רעכטס און נישט לינקס און איז גלייך געגאַנגען פאָרויס. דער עיקר איז ער געווען אויפגעבראַכט אויף דער פאַריזער גוטהאַרציקייט.

די ערשטע סיבה פאַר וואָס זיי גרויסן זיך אַזוי מיט זייער פאַרשטענדעניש פאַר די דאָזיקע אויסוווּרפן איז, לויט זייער מיינונג, דאָס, וואָס די אויסוווּרפן זענען זייער אומגליקלעך אָדער אומפאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים און קראַנק... אָבער ראשית איז נישט אמת, אַז די וואָס טוען שלעכטס זענען אומגליקלעך. אַזאַ איינפאַל פאַסט פאַר בינע־מאָראַל, קליינע מעלאָדראַמען, פאַר אַ נאַרישן חניפהדיקן אָפּטימיזם, ווו ביי סקריב און קאַפּו. (סקריב און קאַפּו, אייערע פאַריזער גדולים, קינסטלער, וואָס פאַסן פאַר אַ געזעלשאַפט פון קליינבירגער, זענען צו גרויסע פחדנים זיי זאָלן האָבן דעם מוט צו קוקן אויף זייער אייגענע מיאוסקייט). אַן אויסוווּרף קאָן זיין זייער גליקלעך. ער האָט מער אויסזיכטן צו זיין גליקלעך, ווי אַן אַנדערער. און וואָס ס'שייך זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז עס אַ נאַרישקייט. האָט מוט און זייט מודה אַז די נאַטור איז גלייכגילטיק צו גוטס און שלעכטס און במילא איז זי שלעכט, ווייל דער

מענטש קאָן זיין אַ פאַרברעכער און גלייכצייטיק זיין געזונט. די גערעכטיקייט איז נישט קיין נאַטירלעכער פראָדוקט, דער מענטש האָט זי באַשאַפן און ער דאַרף זי פאַרטיידיקן. די מענטשלעכע געזעלשאַפט ווערט געבויט דורך אַ הייפל מענטשן שטאַרקערע און גרעסערע, ווי די איבעריקע. זייער פליכט איז, נישט צוצולאָזן, אַז די אויסוווּרפן זאָלן חרוב מאַכן זייערע אַלטע ווערק, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין שרעקלעכע קאַמפן.

דעם אמת זאָגנדיק האָט אויך אָליוויער געהאַט די זעלבע מיינונגען, נאָר צוליבן אינסטינקטיוון נויטיקן זיך אין דיאַלעקטיק, האָט ער געזאָגט פונקט דעם היפוך און געוואָרפן קאָמפסלאָזונגען אין אַן עסטעטישער פאָרם:

— ווער נישט אַזוי אָנגעצונדן, מיין טייערער — האָט ער געזאָגט צו קריסטאָפן. — לאָז דער וועלט זינדיקן, ווי דע קאַמעראַנס פריינט, לאָמיר איינזאַפן אין זיך די באַלזאַם־לופט פון די געדאַנקען־גערטנער, זיצנדיק אַרום דעם בערגל מיט די ווונדערבאַרע ציפרעסן־וועלדער, בעת אין פלאָרענץ בושעוועט די שוואַרצע מגפה.

גאַנצע טעג האָט ער זיך געוויילט מיט אַנאַליזירן די קונסט, די וויסנשאַפט, דאָס דענקען, כדי צו דערגיין זייערע פאַרבאָרגענע רעדעלעך. לסוף זענען זיי דערגאַנגען ביז פיראָניזם, ווו אַלץ איז געווען נאָר געדאַנקען־קאָנסטרוקציע, אַבסטראַקציע, וואָס האָבן אפילו נישט די עקזיסטענץ באַרעכטיקונג פון געאָמעטרישע פיגורן, וואָס זענען נויטיק פאַרן שכל. קריסטאָף איז געווען בייז, וואָס ער צענעמט אַזוי די מאַשין אויף שטיקלעך.

— זי האָט זיך פיין געדרייט. צוליב דיר וועט זי צעבראָכן ווערן. און וואָס האָסטו אויפגעטון? וואָס ווילסטו באַווייזן? אַז ס'איז גאָרנישט? צום טייוול. דאָס ווייס איך אַליין. דעריבער קעמפן מיר דאָך, ווייל דער גאָרנישט פאַרפלייצט אונז פון אַלע זייטן. ס'איז גאָרנישט פאַראַן? אָבער איך בין דאָך פאַראַן. ס'איז אַן אומזין עפעס צו טון? אָבער איך טו דאָך. די, וואָס האָבן ליב דעם טויט, מעגן זיך שטאַרבן געזונטערהייט! איך לעב, איך וועל לעבן! אויב איך וועל לעגן מיין לעבן אויף איין שאָל און מיין געדאַנק אויף דער צווייטער... זאָל דער געדאַנק גיין צו אַלדי רוחות!

זיין שטענדיקער טעמפעראַמענט האָט אים מיטגעריסן און אין ברען פון דער דיסקוסיע זענען געפאַלן באַליידיקונגס ווערטער. קוים

האָט ער זיי אַרויסגערעדט, האָט ער שוין חרטה געהאַט און געוואָלט זיי כאַפּן צוריק. אָבער ס'איז שוין געשען. אָליוויער איז געווען זייער עמפּינדלעך, יעדע באַרירונג האָט אים געקאָנט פאַרווונדן. איין שטאַרק וואָרט, דער עיקר פון אַ פריינט, האָט אים שטאַרק ווי געטון. מחמת שטאָלץ האָט ער גאָרנישט גערעדט נאָר פאַרשלאָסן זיך. יאָ, ער האָט געזען אין זיין פריינטס נשמה די פּלוצלינגדיקע בליצן פון אומקלאָרן עגאָיזם, וואָס טרעפן זיך ביי יעדן גרויסן קינסטלער. ער האָט געפילט, אַז אין באַשטימטע רגעס האָט זיין לעבן פאַר קריסטאָפן קיין שום ווערט נישט אַנטקעגן דער שיינער מוזיק (קריסטאָף האָט עס פאַר אים נישט באַהאַלטן) ער האָט עס גוט פאַרשטאַנען און געטראַכט, אַז קריסטאָף איז גערעכט; אָבער דאָס האָט דערוועקט אין אים טרויער.

אויסער דעם האָבן זיך אין קריסטאָפס נשמה געפונען פאַרשיידענע אומקלאָרע עלעמענטן, וואָס אָליוויער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין זיי און געהאַט צוליב דעם עגמת-נפש. עס פלעגן טרעפן אויסברוכן פון אַ מאָדנעם שרעקלעכן גייסטיקן צושטאַנד. עס זענען געווען טעג, ווען ער האָט נישט געוואָלט רעדן, אָדער ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ טייוולאָנישער כעס; ער האָט געוואָלט עמעצן באַליידיקן. אָדער ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און זיך נישט געוויזן אַ גאַנצן טאָג מיט אַ האַלבער נאַכט. איינמאָל איז ער נעלם געוואָרן אויף צוויי טעג, איין גאָט ווייס, וואָס ער האָט געטון! ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט... באמת, זיין שטאַרקער גייסט, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט אין דעם ענגן לעבן און אין דער ענגער דירה, ווי אין אַן היבער-שטייג, האָט געהאַלטן ביים פּלאַצן. זיין פריינטס רויקייט האָט אים אויפגעבראַכט. ער האָט אים געוואָלט אָנטון אַ ווייטיק, אים אָדער וועמען עס איז. ער האָט געמוזט אַנטלויפן, אויסמאַטערן זיך אַליין, ער איז אַרומגעלאָפן איבער פאַריזער גאַסן, בולוואַרן און געזוכט אַ באַגעגעניש, מעג עס זיין אַ שלעכטע, אַבי זי זאָל אים לאָזן פאַרשווענדן אַביסל כוחות אין קאַמף... אָליוויער, וואָס איז געווען שוואַך אין געזונט, האָט עס קוים געקאָנט פאַרשטיין. אויך קריסטאָף האָט עס נישט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער וואָגלעניש אַ ביסל פאַרשעמט און פאַרדאגהט. אָבער דער שטורם איז אַריבער — און ער האָט זיך אַליין געזען ווי אַ הימל, וואָס איז אויסגערייניקט געוואָרן אין דעם שטורם, ריין פון יעדן פלעק, לויי-

טער און באַהערשט, דעמאָלט האָט ער זיך אומגעקערט צו אָליוויערן און זיך באַצויגן צו אים צערטלעכער ווי ביז איצט, געפּייניקט זיך אַליין און נישט געקאָנט זיך דערקלערן די סיבה פון זייערע רייבונגען. ער איז דאָך נישט שטענדיק געווען שולדיק, אָבער געקוקט האָט ער שטענדיק אויף זיך, ווי אויף אַ שולדיקן און געהאַט צו זיך טענות, למאי ער באַמת זיך שטענדיק צו זיין דער זיגער אין די דיסקוסיעס. ער האָט געטראַכט, אַז ס׳איז בעסער זיך טועה צו זיין צוזאַמען מיטן פריינט, איידער צו געווינען דעם קריג אויף יענעמס חשבון.

דער עיקר זענען אים שווער געווען די סיכסוכים, וואָס פלעגן אויסברעכן אין אָוונט, ווען ביידע פריינט האָבן געמוזט פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט אין אַ ברוגז, וואָס האָט אויסגעזען ביי זיי ביידן ווי אַ מאָראַלישער אומגליק. קריסטאָף איז אויפגעשטאַנען, אָנגעשריבן אַ וואָרט און עס שטילערהייט אַוועקגעלעגט פאַר אָליוויערס טיר. אין דערפרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אים איבערגעבעטן, אָדער ער האָט אָנגעקלאַפּט ביינאַכט אין זיין טיר. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז אינדערפרי. אָליוויער האָט אויך נישט געקאָנט שלאָפן. ער האָט גוט געוווסט, אַז קריסטאָף האָט אים ליב און וויל אים נישט באַליידיקן, נאָר ער האָט עס געוואָלט הערן פון זיין מויל. קריסטאָף האָט אים געזאָגט זיינס. אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן. ס׳איז אראָפּ אויף זיי אַ שטילקייט, און זענען שפּעטער געשמאַק געשלאָפן.

— אָ, — האָט געקרעכצט אָליוויער. — ווי שווער אונז איז צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן! צי דאַרפן מיר זיך דווקא שטענדיק פאַרשטיין? רעזיגניר דערפון. ס׳איז נאָר נויטיק, מיר זאָלן זיך ליב האָבן.

נאָך די דאָזיקע סיכסוכים האָבן זיי זיך באַצויגן איינער צום אַנדערן מיט מער צערטלעכקייט און זאָרג און זענען דעריבער געוואָרן איינער דעם אַנדערן נאָך מער טייער. בעתן קריגן זיך האָט אָליוויער שטענדיק געזען פאַר זיך אַנטואַנעטס בילד. ביידע פריינד האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַ צאַרטע אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז ענלעך צו פרויען־ליבע. קריסטאָף האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין אָליוויערס געבורטסטאָג, ער זאָל אים נישט פייערן מיט עטלעכע בלומען, מיט אַ געווידמעט ווערק, מיט אַ מתנה, וואָס איין גאָט ווייס, ווי אַזוי ער האָט עס געקויפט (זיי האָבן אָפט קיין געלט נישט געהאַט).

אָליוויער האָט אויסגעמאַטערט די אויגן און איבערגעשריבן ביינאַכט שטילערהייט קריסטאָפס פּאַרטיטורעס. די סיכסוכים צווישן פריינד זענען נישט אַזוי שווער כּל זמן אַ דריטער מישט זיך נישט אַריין אין דעם. אָבער סוף כּל סוף געשעט עס: אויף דער וועלט אינטע־רעסירן זיך צופיל די מענטשן מיט פרעמדע ענינים, כּדי צו צעשטערן יענעמס רו.

אָליוויער האָט געקענט די סטעוואַנס, וועלכע קריסטאָף פלעגט אַמאָל באַזוכן; אים איז אויך געפעלן געוואָרן קאָלעט. אויב קריסטאָף האָט אים נישט באַגעגנט צווישן דער מחנה יונגעלייט, וואָס זענען באַך איר נאָכגעלאָפן, — איז עס געווען דערפאַר, וואָס אָליוויער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן נאָכן טויט פון זיין שוועסטער, פאַר־מאַכט אין זיין טרויער און אָפּגעזונדערט פון מענטשן. קאָלעט האָט זיך אויך נישט באַמיט אים צו זען. זי האָט ליב געהאַט אָליוויערן, אָבער קיין אומגליקלעכע מענטשן האָט זי נישט ליב געהאַט. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַזאַ עמפינדלעכן מענטשן, וואָס ס'איז אים שווער איבערצוטראָגן טרויער אָדער אַ בילד פון יענעמסליידן. זי האָט געוואַרט, ביז ס'וועלן אַריבער אָליוויערס אבלות־טעג און ערשט דע־מאָלט זיך אָן אים דערמאָנט. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז שוין אויסגעהיילט און ס'איז שוין נישטאָ קיין שום געפאַר, דער טרויער זאָל אים ווידער באַהערשן, האָט זי זיך באַשלאָסן אים איינ־צולאַדן. אָליוויערן האָט מען צוויי מאָל נישט געדאַרפט איבערחזרן. ער איז געווען שעמעוודיק, אָבער גלייכצייטיק אַ סאַלאָן־מענטש; ס'איז אים גרינג געווען איינצורעדן און צוצוציען, און ער האָט זיך געלאָזט פאַנגען אין קאָלעטס נעץ. ווען ער האָט דערציילט קריסטאָפן, אַז ער האָט בדעה ווידער צו נעמען באַזוכן די סטעוואַנס, האָט זיך קרי־סטאָף — ער האָט צופיל געשעצט זיין פריינטס פרייהייט, כּדי אים נישט צו באַליידיקן — צופרידנגעשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט אי־ראָניש אַ הויב געטון מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— גיי, מיין טייערער, אויב עס ווילט דיך.

אָבער גיין מיט אים האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט באַשלאָסן

נישט צו האָבן קיין שום מגע ומשא מיט דער קאָקאָטע און מיט אַ ר געזעלשאַפט. נישט דערפאַר, וואָס ער האָט פיינט געהאַט פרויען. אדרבא! ער האָט געפילט אַ באַזונדערע סימפּאַטיע צו יונגע אַרבעטנ־דיקע פרויען, אַרבעטאָרינס, באַאַמטע, וואָס איילן זיך אין דערפרי — שטענדיק מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג, אויסגעשלאָפן אָדער פאַר־שלאָפן — צו זייער וואַרשטאַט אָדער ביוראָ. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער ווערט פון דער פרוי איז ערשט פאָלקאָם, ווען זי אַרבעט, ווען זי באַמיט זיך צו עקזיסטירן מיט אירע אייגענע כוחות, צו פאַר־דינען איר ברויט און איר פרייהייט. ס'האָט זיך אים אויך געדאַכט, אַז ערשט דעמאָלט אַנטפּלעקט זיך איר חן, איר לעבנס־פולקייט און איר ווילן. ער האָט פיינט געהאַט די פרוי, וואָס גייט אַרום ליידיק און יאָגט זיך נאָך תענוגים. זי האָט ביי אים אויסגעזען, ווי אַן אויס־געפּיטערטע בהמה, וואָס איז מעלה־גרה און לאַנגווייליקט זיך מיט אומ־געזונטע חלומות. אָליוויער האָט, פאַרקערט, גראָד ליב געהאַט ביי־ פרויען זייער ליידיקגייעריי, זייער חן, דעם חן פון בלומען, וואָס לעבן נאָר לשם זייער שיינקייט און כדי אָנצופילן די אַרומיקע לופט מיט זייער ריח. ער איז געווען מער קינסטלער, בעת קריסטאָף איז געווען מער מענטשלעך. ווען קריסטאָף האָט באַגעגנט קאָלעט, איז נאָך שטאַר־קער געוואָרן זיין סימפּאַטיע צו די אַנדערע פרויען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט, פונקט ווי די מענער, אין די ליידן פון דער וועלט. אַזוי־אַרום האָט ער זיך געפילט געאייניקט מיט זיי אין ברידערלעכן מיט־לייד.

דער עיקר האָט קאָלעט געוואָלט זען אָליוויערן זינט זי האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין פריינטשאַפט מיט קריסטאָפן, ווייל זי איז פשוט אויסגעגאַנגען זיך צו דערוויסן וועגן דעם גענויערע פּרטים. זי האָט געטראָגן אויף קריסטאָפן אַ כּעס, ווייל ער האָט זי גרינגע־שעצט און משמעות פאַרגעסן; און הגם זי האָט נישט בדעה געהאַט זיך נוקם צו זיין (ס'איז נישט געווען כּדאַי זיך מטריח צו זיין, און די נקמה איז אויך אַ טירחה) האָט זי געוואָלט אים אָפּטון אַ שפּיצל — אַ שפּיצל פון אַ קאַץ, וואָס דראַפּעט, כּדי צו ציען אויף זיך די אויפ־מערקזאַמקייט. מיט חניפהדיקע ריידעלעך, אין וואָס זי איז געווען אַ קינסטלערין, האָט זי דערוועקט אָליווערן צו רעדן. קיינער האָט נישט געקוקט מיט אַזאַ קלאָרן בליק אויף מענטשן, ווי אָליוויער. און קיינער האָט זיך נישט אַזוי ווייניק טועה געווען, ווי ער, כאָטש ער איז גע־

שטאַנען ווייט פון מענטשן; קיינער פלעגט דאָך נישט ווערן אַזוי
נאַיוו גלויבנדיק, ווי אָליוויער, בעת ער האָט זיך געפונען פאַר אַ פּאָר
פריינטלעכע אויגן. קאָלעט האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אמתן אינטע-
רעס צו זיין פריינטשאַפט מיט קריסטאָפן, אַז ער האָט איר גענומען
דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון זייער פריינטשאַפט, און נישט דורכ-
געלאָזן אַפילו די פריינטלעכע סיכסוכים, וואָס האָבן אים איצט אויס-
געזען אינטערעסאַנט אָבער גלייכצייטיק לעכערלעך און קליינלעך. אָט
אַזוי האָט ער דערציילט קאָלעטן וועגן קריסטאָפס קינסטלערישע פלע-
נער און האָט איר אויך איבערגעגעבן עטלעכע שלעכטע מיינונגען
זיינע וועגן פראַנקרייך און פראַנצויזן. אָט די אַלע זאַכן האָבן אייגנט-
לעך נישט פאַרמאָגט קיין גרויסע באַדייטונג. אָבער קאָלעט האָט זיך
צוגעאיילט צו פאַרשפרייטן די דאָזיקע קלאַנגען און צוצוגעבן אַן
אייגענע באַפּאַרבונג, ווי איר שטייגער. זי האָט עס געטון צוליב אַ
פאַרבאָרגענער שנאה צו קריסטאָפן און כדי איר דערציילונג זאָל אויס-
קומען שאַרפער. דער ערשטער, פאַר וועלכן זי האָט זיך אַראָפּגערעדט
פון האַרצן, איז געווען, נאַטירלעך, לוסיען לעווי קער, וואָס האָט נישט
געהאַט קיין שום סיבה זיי צו באַהאַלטן. נאַטירלעך, האָבן זיך די
קלאַנגען פאַרשפרייט אומעטום און יעדערער האָט צוגעגעבן אַן אייגן
וואָרט. אויף אַזאַן אופן האָט מען גענומען קוקן אויף אָליוויערן ווי
אויף אַ קרבן און באַצויגן זיך צו אים מיט איראָנישן, אַ ביסל באַ-
ליידיקנדיקן מיטלייד. דאַכט זיך, אַז די גאַנצע מעשה האָט נישט גע-
דאַרפט אַרויסרופן קיין באַזונדערן אינטערעס, ווייל די דאָזיקע צוויי
מענטשן זענען געווען לחלוטין אומבאַקאַנט; אָבער אַ פּאַריזער אינטע-
רעסירט זיך אייביק מיט זאַכן, וואָס זענען אים נישט נוגע. אָט אַזוי
האָט קריסטאָף אַליין אַ געוויסן טאָג געהערט פון מאַדאַם רוסען די
דאָזיקע סודות. ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אויף אַ קאָנצערט, האָט זי
אים געפרעגט, צי איז אמת, אַז ער האָט זיך געקריגט מיטן אָרעמען
זשאַנען. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין אַרבעט און געגעבן אָנ-
צוהערן פאַרשיידענע פרטים, וואָס קריסטאָף האָט געמיינט, אַז נאָר ער
און אָליוויער ווייסן עס. און ווען ער האָט זי געפרעגט, פון וואַנעט
זי ווייס די דאָזיקע פרטים, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט זיי געהערט
פון לוסיען לעווי קער, וועלכער האָט זיי געהערט פון אָליויערן אַליין.
די דאָזיקע ידיעה האָט אים געטראָפן ווי אַ דונער. אין זיין איפּרע-
גונג, וואָס האָט נישט געוווסט פון קריטיק, האָט ער לחלוטין נישט

געצווייפלט אין דער דאָזיקער ידיעה. ער האָט געוווּסט נאָך איין זאַך: זיינע סודות, וואָס ער האָט פאַרטרויט אָליוויערן, זענען דורך אים אַרויסגעטראָגן געוואָרן און איבערגעגעבן אין די הענט פון לוסיען לעוווי קער. ער האָט נישט געקאָנט בלייבן אויפן קאָנצערט און תיכּף אַרויס פון זאַל. אַרום אים איז געווען אַ פּוסטער חלל, נאַכט. ער איז שיִר נישט צעטרעטן געוואָרן אין גאַס. ער האָט זיך אָן אויפהער איבערגעחזרט: „מיין פריינט האָט מיך פאַראַטן!"

אָליוויער איז געווען ביי קאָלעט. קריסטאָף האָט פאַרמאַכט די טיר אויפן שליסל, כּדי אָליוויער זאָל קומענדיק אַהיים נישט קאָנען מיט אים שמועסן, ווי שטענדיק. און באמת אין אַ צייט אַרום האָט ער געהערט זיינע טריט, ווי ער באַמיט זיך צו עפענען די טיר און פליסטערט אים דורכן שלאָס „אַ גוטע נאַכט". ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער איז געבליבן זיצן אין דער פינסטער אויפן בעט, מיטן קאָפּ צווישן די הענט און געוועדט צו זיך: „מיין פריינט האָט מיך פאַראַטן!" אָט אַזוי איז ער געבליבן זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ערשט דעמאָלט האָט ער דערפילט ווי שטאַרק ער האָט ליב אָליוויערן; ער איז נישט געווען בייז, וואָס ער האָט אים פאַראַטן, נאָר ער האָט געליטן דערפון. דער מענטש, וועלכן מען האָט ליב האָט אַלע רעכט בנוגע דיר, אַפילו דאָס רעכט דיך נישט ליב צו האָבן; דו קאָנסט נישט זיין בייז אויף אים, נאָר אויף זיך אַליין, וואָס דו ביסט נישט ראוי געליבט צו זיין און דו ווערסט פאַרלאָזן. און דאָס איז אַ שרעקלעכער צער, וואָס נעמט אָפּ דעם חשק צו לעבן.

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען ער האָט געזען אָליוויערן, האָט ער אים גאָרנישט געזאָגט. ס'איז אים אַזוי שווער געווען צו מאַכן אים פאָרווורפן, — צו באַשולדיקן אים, וואָס ער האָט מיסברויכט מיט זיין צוטרוי, וואָס ער האָט אויסגעגעבן זיינע סודות צו די שונאים, — אַז ער האָט גאָרנישט געזאָגט. אָבער זיין פּנים האָט עס אויסגעגעבן: עס האָט אויסגעדרוקט האַס און קאַלטקייט. אָליוויער איז געווען איבעראַשט. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. ער האָט אים שעמעוודיק געגומען אויספרעגן וואָס פאַראַ טענות קריסטאָף האָט צו אים. קריסטאָף האָט זיך גראָב אויסגעדרייט נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט. אָליוויער האָט זיך באַליידיקט. אַנטשוויגן געוואָרן און שטיל אַראָפּגעשלונגען זיין צער. זיי האָבן מער דעם טאָג נישט גערעדט.

ווען אָליוויער טוט אים אָן נאָך אַ שטאַרקערן ווייטיק, וואָלט קריסטאָף גאָרנישט געטון זיך אין אים נוקם צו זיין, אָדער אַפילו זיך פון אים צו פאַרטיידיקן. אָליוויער איז געווען ביי אים הייליק. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש אויסצולאָזן צו עמעצן זיין כעס, און אַזוי ווי ער האָט אים נישט געקאָנט אויסלאָזן צו אָליוויערן, האָט ער זיין גאַנץ שווער געמיט אויסגעלאָזט צו לוסיען לעווי.קער. אין זיין האַסטיקער נייגונג אַרויסצוטראָגן אַן אומגערעכטן אורטייל, האָט קריסטאָף אַרויפגעוואָרפן אויף לעווי קערן די גאַנצע אחריות פון אָליוויערס פאַרברעך. דערצו האָט ער געליטן פון אומדערטרעגלעכער קנאה, וואָס אַזאַ מענטש האָט ביי אים אַוועקגערויבט די ליבע פון זיין פריינט, פונקט ווי ער האָט אַמאָל צוגערויבט ביי אים די פריינטשאַפט פון קאָלעט סטעוואַן. און כדי זיין פאַרצווייפלונג זאָלן דערגיין ביז דער העכסטער מדרגה האָט ער פונקט דעם טאָג געזען לוסיען-לעווי קערס אַן אַרטיקל וועגן דער פאָרשטעלונג פון פידעליאָ. ער האָט מיט חוזק גערעדט וועגן בעטהאָווענען און אָפּגעלאַכט פון זיין העלדין, וואָס איז ווערט דעם פריז פאַר איר צניעות. קריסטאָף האָט בעסער ווי אַנדערע געזען דאָס לעכערלעכע פון דער פאָרשטעלונג און עטלעכע פעלערן פון דער מוזיק. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין איבעריקן יראת הכבוד צו באַרימטע קינסטלער, נאָר ער האָט זיך נישט פאַרמאָסטן אַראָפּצובויגן אַליין צו זיך און צו דער אייגענער לאָגיק, ווי עס טוען די פראַנצויזן. ער האָט געהערט צו די מענטשן, וואָס זענען מסוגל צו זען ביי די באַליבטע מענטשן פעלערן, נאָר אַנדערע ערלויבן זיי דאָס נישט צו טון. אמת, עפּעס אַנדערש איז, צו קריטיקירן אַ גרויסן קינסטלער, אַפילו אויף אַ שאַרפן אופן, ווי קריסטאָף האָט עס געטון צוליב זיין באַגייסטערטן גלויבן אין דער קונסט און (אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדרוקן) צוליב פאַנאַטישער ליבע צום כבוד פונם קינסטלער, אַ ליבע, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין פשרות; און עפּעס אַנדערש איז, ווי לוסיען לעווי קער האָט עס געטון, צו חנפענען די נידעריקע אינסטינקטן פון המון און אַרויסצורופן געלעכטער אויף דער גאַלעריע אויפן חשבון פון אַ גרויסן קינסטלער. און אויסער דעם, אויב קריסטאָף איז אַפילו געווען אַבסאָלוט פריי אין זיינע מיינונגען, איז דאָך שטענדיק געווען אַ באַשטימטע מוזיק, וואָס איז געווען פאַר אים הייליק און וואָס קיינער האָט זי נישט געטאָרט אָנרירן. דאָס איז געווען יענע מוזיק וואָס איז פיל מער ווי

פשוטע מוזיק, וואָס שטראָמט פון אַ ריינער, גרויסער, ווילטעטיקער נשמה — אַ קוואַל פון טרייסט, כּוח און האָפנונג. בעטהאָווענס שאַפונג האָט געהערט צו דעם דאָזיקן מין מוזיק. ווען ער האָט געזען, אַז עפּעס אַ מנוול באַליידיקט זי, איז ער אַרויס פון די כּלים. דאָס איז נישט געווען קיין קינסטלערישע פראַגע, נאָר אַ פראַגע פון ערע. פון אַלץ, וואָס גיט דעם לעבן אַ געוויסן ווערט — ליבע, העלדישקייט, באַגייסטערטע צדקה, גוטסקייט, אָפּפערווילִיקייט, — אַלץ איז דאָ באַליידיקט געוואָרן. אום גאָטעס ווילן! מען האָט זיך דאָ נישט געקאָנט וואַקלען. מען האָט נישט געקאָנט ערלויבן, אַז עמעצער זאָל דאָס אָנרירן, ווי מען וואַקלט זיך נישט דעמאָלט, בעת עמעץ באַליידיקט די פרוי, וואָס דו ליבסט: דאָ האָט מען געמוזט נאָר האַסן. און דערהרגענען... בפּ״ט ווען דער באַליידיקטער איז קריסטאָפן געווען מיאוס און נבזהדיק.

און צופעליק האָבן זיך אָט די ביידע מענטשן געטראָפן אויג אויף אויג. כּדי נישט צו בלייבן אַליין מיט אָליוויערן, איז קריסטאָף נישט לויט זיין שטייגער, אַוועק אין אָוונט צו די רוסענס, ווו מען האָט געבעטן ער זאָל שפּילן. ער האָט עס געטון אָן חשק און דאָך איז ער אין אַ ווײַלע אַרום פאַרזונקען געוואָרן אין דער מוזיק; און אָט, ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק, האָט ער עטלעכע טריט פון זיך, דערזען לוסיען-לעווי קערן, וואָס האָט אים איראָניש אָנגעקוקט. ער האָט איבערגעריסן אין מיטן שפּילן, איז אויפגעשטאַנען און אויסגעדרייט זיך צום פּיאַנינאָ מיטן רוקן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ שווערע שטילקייט. מאַדאַם רוסען איז געווען איבעראַשט. זי איז צוגעגאַנגען פאַרזיכטיק — זי איז נישט געווען זיכער, צי איז די מוזיק געענדיקט אָדער נישט — און מיט אַ געמאַכטן שמייכל געפרעגט קריסטאָפן:

— איר שפּילט נישט ווייטער, הער קראַפט?

— כ'האָב געענדיקט, — האָט ער טרוקן געענטפערט.

ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט ער באַלד דערפילט, אַז דאָס איז געווען זייער נישט טאַקטיש. נאָר אָנשטאָט זיך צו באַהערשן, האָט ער זיך נאָך מער אויפגערעגט. נישט לעגנדיק קיין אַכט אויף דער איראָנישער נייגעריקייט פון דעם עולם, האָט ער זיך געזעצט אין אַ ווינקל פון סאַלאָן, פון וואַנען ער האָט געקאָנט געגוי באַטראַכטן לוסיען-לעווי קערן. זיין שכן, אַן אַלטער גענעראַל,

מיט אַ ראָזן פאַרשלאָפענעם פּנים און העל בלויע אויגן מיט אַ קינ־דערשן אויסדרוק, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אים צו זאָגן אַ פּאָר קאָמפּלימענטן בנוגע דער אָריגינאַליטעט פון זיין ווערק. קריסטאָף האָט זיך לאַנגווייליק און קאַלט פאַרנויגט און אַרויסגעברומט אַ פּאָר אומקלאָרע ווערטער, יענער האָט ווייטער גערעדט זייער העפלעך מיט זיין מילד שמייכלען, וואָס האָט גאָרנישט אויסגעדרוקט. ער האָט גע־בעטן קריסטאָפן, ער זאָל אַזוי גוט זיין און אים געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער קאָן שפּילן אַזוי פיל מוזיק אויף אויסנווייניק. קריסטאָף האָט זיך אומגעדולדיק געדרייט אויף זיין שטול און געפרעגט ביי זיך, — צי וואָלט נישט כּדאַי געווען מיט איין זעץ אַראָפּצושליידערן דעם דאָזיקן אַלטן תּם פון דער קאַנאַפּע. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס לוסיען לעווי קער רעדט דאָרטן; ער האָט געזוכט אַן אויסרייד זיך אַ וואָרף צו טון אויף אים. זינט עטלעכע מינוט האָט ער געפילט, אַז אָט וועט ער באַלד אָפּטון עפּעס אַ נאַרישקייט, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט קאָן אים דערפון נישט אָפּהאַלטן. לוסיען לעווי קער האָט מיט זיין פאַלשער שטים געגעבן צו פאַרשטיין אַ קרייז דאַמען די פּלענער פון גרויסע קינסטלער און זייערע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען. אין אַ מינוט פון שטילקייט האָט קריסטאָף געהערט, אַז ער מאַכט מיאוסע אָנצוהערענישן וועגן דער פריינטשאַפט צווישן וואַגנערן און דעם קעניג לודוויג.

— גענוג! — האָט קריסטאָף אַ געשריי געטון און געגעבן אַ קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש.

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים פאַרוואונדערט. לוסיען לעווי־קער האָט באַגעגנט קריסטאָפס בליק. ער איז בלייך געוואָרן און געפרעגט:

— איר רעדט צו מיר?

— צו דיר, הונט! — האָט קריסטאָף געענטפערט און איז אויפ־געשפּרונגען פון אָרט. — דו ווילסט באַשמוצן דעם גרעסטן גאון פון דער וועלט? אַרויס פון דאַנען, אויסוואורף, אויב נישט — וואַרף איך דיך אַרויס דורכן פענסטער.

קריסטאָף האָט זיך אַ לאָז געטון צו אים. די פרויען זענען זיך מיט געשרייען צעלאָפן אויף אַלע זייטן. ס'איז געוואָרן אַ מהומה. מ'האָט באַלד אַרומגערינגלט קריסטאָפן. לוסיען לעווי קער האָט זיך אויפגעשטעלט, דערנאָך האָט ער זיך ווידער געזעצט אין זיין גרינג־

שעצנדיקער פּאָזע. ער האָט שטיל צוגערופן דעם דינער, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, געגעבן אים אַ וויזיט־קאַרטע און ווייטער גערעדט, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען; נאָר זיינע ברעמען האָבן נערוועיש געציטערט און זיינע אויגן האָבן געוואָרפן שאַרפע קרומע בליקן אויף די אַרומיקע מענטשן. רוסען האָט זיך געשטעלט פאַר קריסטאָפן, אָנ־געכאַפּט אים פאַר די לאַצן און געשטויסן אים צו דער טיר. קריס־טאָף איז געווען אויפגערעגט און פאַרשעמט. ער איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און געזען פאַר זיך דעםברייטן גאָרס פון דעם ווייסן העמד מיט די גלאַנציקע ברילִיאַנטענע קנעפּלעך. אויפן פּנים האָט ער געפילט דעם אָטעם פון דעם בייכיקן רוסען.

— אַזוי, מיין טייערער, אַזוי גאָר! — האָט דוסען געזאָגט. — וואָס איז מיט אייך געשען, וואָס זאָל עס באַדייטן? באַהערשט זיך, צום טייוול! איר פאַרגעסט, ווו איר געפינט זיך. איר זענט פון זי־נען אַראָפּ.

— זאָל מיך דער טייוול נעמען, אויב מיין פוס וועט נאָך אַמאָל אייער שוועל איבערטרעטן. — האָט קריסטאָף געזאָגט. ער האָט זיך באַפרייט פון זיינע הענט און איז געגאַנגען צו דער טיר.

מ׳האָט פאָרזיכטיק געמאַכט פאַר אים אַ וועג. אין פאָדערצימער האָט מען אים דערלאַנגט אַ טאַץ אויף וועלכער ס׳איז געלעגן די וויזיט-קאַרטע פון לוסיען לעווי קער. ער האָט זי גענומען אין האַנט און אַליין נישט ווימנדיק וואָס ער טוט, איבערגעלייענט די קאַרטע אויפן קול. דערנאָך האָט ער פּלוצלינג גענומען זוכן אין די קעשע-נעס, אָטעמדיק שווער פון כּעס. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פאַרשידענע זאַכן, ביז ס׳איז אים געלונגען לסוף צו געפינען עטלעכע צעקנייטש-טע, שמוציקע קאַרטן.

— אָט האָסט! — האָט ער אויסגעשריגן און אַ וואָרף געטון זיי אויף דער טאַץ אַזוי שטאַרק, אַז איינע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דערנאָך איז ער אַרויס.

•

אָליוויער האָט גאָרנישט געוווּסט פון דער גאַנצער געשעעניש. קריסטאָף האָט גענומען עטלעכע פרעמדע מענטשן אַלס סעקונדאַנטן:

דעם מוזיק־קריטיקער טעאָפיל גוזשאַר און איינעם אַ דייטש, דעם דאָקטאָר באַרט, אַ פּריוואַט־דאָצענט פון דער שווייצאַרישער אוניווער־זיטעט, מיט וועלכן ער האָט זיך איינמאָל באַקאַנט אין אַ רעסטאָראַן. קיין איבעריקע סימפּאַטיע האָט ער צו אים נישט געפילט, נאָר זיי האָבן ביידע גערן געשמועסט וועגן זייער פאָטערלאַנד. זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די עדות פון לוסיען לעווי קער און אויסגעקליבן רעוואָלווערן. קריסטאָף האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין שום געווער. גוזשאַר האָט אים געזאָגט, אַז ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט צו גיין מיט אים אין שיס־הויז, כּדי זיך אַ ביסל איינצוּאיבן. אָבער קריסטאָף האָט אָפּגעזאָגט, און וואַרטנדיק אויפן מאָרגנדיקן טאָג האָט ער זיך געזעצט אַרבעטן.

ער איז געווען צעררודערט. אין זיך האָט ער, ווי דורך אַ שרעק־חלום געהערט דעם גערויש פון אַן אומקלאָרן געדאַנק... „דאָס איז געווען נישט אָנגענעם. יאָ, נישט אָנגענעם... וואָס? — יאָ! דער דאָזיקער דועל. מאָרגן... אַ נאַרישקייט... די קויל טרעפט קיינמאָל נישט אין ציל... און דאָך איז עס מעגלעך... נו? און וועט זיין דערנאָך?... דערנאָך... איין דריק מיטן פינגער איז גענוג, די דאָזיקע בהמה זאָל מאַכן מיט מיר אַ סוף... צום טייוול! יאָ, מאָרגן, איבער־מאָרגן וועל איך שוין אפשר ליגן אין דער פאַריזער ערד... מילא, דאָ צי דאָרטן — וואָס איז די נפקא מינא? אָ! צי שרעק איך זיך?— ניין, נאָר ס׳איז אַ נאַרישקייט צו פטערן צוליב עפּעס אַ שטותעריי די גאַנצע געדאַנקען־וועלט, וואָס איך פיל אין זיך... צום טייוול מיט די היינטיקע פאָרמען פון קאַמף! מען זאָגט, אַז ביידע צדדים האָבן די זעלביקע שאַנסן. אַ שיינע גלייכקייט! וואָס גיט דעם לעבן פון אַ מנוול דעם זעלבן ווערט ווי מיר! פאַרוואָס לאָזט מען אונז נישט שלאָגן זיך מיט פויסטן און מיט שטעקנס? דאָס וואָלט געווען אַ מחיה! אָבער אַזאַ קאַלטער שאָס! נאַטירלעך, ער קאָן שיסן, און איך האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין רעוואָלווער אין האַנט! זיי זענען גע־רעכט... איך דאַרף זיך אויסלערנען... אויב נישט וועט ער מיך דער־הרגענען! ניין, איך מוז אים הרגענען!"

ער איז אַוועק אין שיס־הויז, וואָס איז געווען נישט ווייט פון זיין שטוב. ער האָט פאַרלאַנגט געווער און געבעטן מ׳זאָל אים ווייזן, ווי מען דאַרף עס האַלטן. ביים ערשטן שאָס האָט ער שיר נישט דערהרגעט דעם לערער. ער האָט געשאָסן נאָך אַמאָל און אַ דריט

מאָל און ס'איז נישט בעגאַנגען. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, נאָר ס'איז געגאַנגען נאָך ערגער. אַרום אים זענען געשטאַנען יונגעלייט און געלאַכט. ער האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט אַ דייטשער עקשנות און זיך באַצויגן גלייכ-גילטיק צו אַלע חכמות. ער האָט אַזוי פעסט באַשלאָסן צו טרעפן אין ציל, אַז דער עולם האָט ביסלעכווייז זיך גענומען פאַראינטערעסירן מיט זיין אומגעשיקטער געדולדיקייט. איינער פון די צוקוקער האָט אים גענומען וויזן. ער, וואָס איז בטבע געווען אַ היציקער, האָט אַלץ געפאָלגט מיט דער הכנעה פון אַ קינד. ער האָט זיך געראַנגלט מיט די נערוון וואָס האָבן געמאַכט ציטערן זיין האַנט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און איינגעזשמורעט די אויגן. איבער זיינע באַקן האָט געריננען דער שווייס, נאָר ער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. פון צייט צו צייט האָט אים אָנגעכאַפּט אַ כעס. דערנאָך האָט ער ווידער געשאָסן. אָט אַזוי האָט ער זיך געמאַטערט צוויי שעה. אין צוויי שעה אַרום האָט ער זיך אויסגעלערנט טרעפן אין ציל. נישטאָ קיין אינ-טערעסאַנטערע זאַך, ווי דער דאָזיקער ווילן, וואָס האָט באַהערשט דעם צעבונטעוועטן, שוועך-באַוועגלעכן גוף. ער האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן יראת הכבוד. די, וואָס האָבן אים פריער אויסגעלאַכט זענען טיילווייז אַוועקגעגאַנגען און טייל האָבן געשוויגן און נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַוועקצוגיין. ווען קריסטאָף איז אַוועק, האָבן זיי זיך מיט אים פריינטלעך געזעגנט.

אין שטוב האָט ער געטראָפן דעם גוטן מוש, וואָס האָט גע-וואַרט אויף אים שטאַרק פאַרזאָרגט. ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע און איז געקומען צולויפן. ער האָט געוואָלט וויסן די סיבה פון דעם סיכסוך. און הגם קריסטאָף האָט פאַרהוילן אַ סך פּרטים, כדי נישט צו באַשולדיקן אָליווירן, האָט מוש סוף כל סוף אַלץ פאַרשטאַנען. ווי אַ מענטש מיט אַ רויקער נאַטור, וואָס האָט גע-קענט ביידע פריינט, האָט ער נישט געצווייפלט, אַז אָליווירער איז אומשולדיק. ער האָט אויסגעפאָרשט די גאַנצע זאַך און איז לייכט דערגאַנגען, אַז די גאַנצע מעשה שטאַמט פון קאָלעטס און לעווי קערס פּלוידעריי. ער האָט באַלד געבראַכט די ידיעס קריסטאָפן. ער האָט געמיינט, אַז דערמיט וועט ער אים אָפּהאַלטן פון דעם דועל. נאָר פאַרקערט: קריסטאָף איז געוואָרן אויסער זיך פון כעס, ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז צוליב לעווי קערן האָט ער באַשולדיקט זיין

פֿריינט אין פּאַראַט. כּדי פּטור צו ווערן פֿון מושן, וואָס האָט אים פֿאַרשווּוירן נישט צו גיין צום דועל, האָט ער אים אַלץ צוגעזאָגט. אָבער זיין באַשלוס איז געווען אַ פֿעסטער. איצט איז ער פֿרייליך געוואָרן. איצט איז ער זיך געגאַנגען שלאָגן נישט פֿאַר זיך נאָר פֿאַר אַליוויערס וועגן.

בעת די קאַרעטע איז געפֿאָרן דורכן וואַלד, האָט פֿלוצלינג צוגעצויגן קריסטאָפֿס אויפֿמערקזאַמקייט אַ באַמערקונג פֿון איינעם פֿון זיינע עדות. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצולייענען פֿון זיינע געדאַנקען, און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זיי באַציען זיך צו אים מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט. דער פּראָפֿעסאָר באַרט האָט באַרעכנט, ווען דער דועל וועט פֿאָרקומען, ווייל ער האָט קיין צייט נישט געהאַט: ער האָט געדאַרפֿט דעם טאָג ענדיקן אַ געוויסע אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרום די כּתב-ידן פֿון דער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק. פֿון אַלע דריי סעקונדאַנטן האָט ער זיך צום שטאַרקסטן אינטערעסירט מיטן אויסגאַנג פֿון דועל, אָבער נאָר צוליב דייטשער אייגנליבע. גוזשאַר האָט זיך נישט אינטערעסירט נישט מיט קריסטאָפֿן, נישט מיטן צווייטן דייטש, און האָט גערעדט וועגן באַנאַלע ענינים פֿון דער געשלעכטס-פֿיזיאָלאָגיע מיטן דאָקטאָר זשוליען. דאָס איז געווען אַ יונגער דאָקטאָר פֿון טולוז, קריסטאָפֿס אַ שכן אין זיין אַלטער דירה, וואָס פֿלעגט קומען אַמאָל באָרגן ביי קריסטאָפֿן אַ ספּירט-מאַשינקע, אַ שירעם, אַ טעפּעלע, וואָס ער פֿלעגט אָפּטמאָל אומקערן צעבראָכענע. דערפֿאַר פֿלעגט ער אים געבן אומזיסטע עצות, געפּרוּווט אויף אים די ווירקונג פֿון זיינע רפֿואות און געלאַכט פֿון קריסטאָפֿס נאַיווקייט. אונטער דער מאַסקע פֿון גלייכגילטיקייט פֿונם דאָזיקן קאַסטיליאַנער הידאַלגאָ האָט געדרימלט אַן אייביקע איראָניע. ער האָט זיך זייער געפֿרייט מיטן פֿאַקט, וואָס איז אים אויסגעקומען אינגאַנצן פֿרעמד, און ער האָט זיך לכתּחילה געפֿרייט מיט קריסטאָפֿס אומגעשיקטקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז זייער פֿיין זיך דורכצופֿאָרן אין וואַלד אויפֿן חשבון פֿון הער קראַפֿט. דער דאָזיקער געדאַנק איז קלאָר געוואָרן ביי אַלע דריי סעקונדאַנטן: זיי האָבן אין דעם איינגעזען אַ

מין שפּאַציר פאַר הנאה וועגן וואָס קאָסט קיין געלט נישט. קיין איינער האָט קיין אַכט נישט געלעגט אויפן דועל. מיט אמתער רוי־קייט זענען זיי גרייט געווען אויף יעדן מין אויסגאַנג.

זיי זענען פרי אָנגעקומען צום באַשטימטן אָרט. יענע זענען נאָך נישט געווען. זיי זענען אַריין אין אַ קליינעם שענק אין וואַלד. דאָס איז געווען נישט קיין איבעריק ריינער "פּאַרוויילונגס-אָרט, וווּ די פּאַריזער זענען געקומען וואָשן זייער כּבוד, בעת די פלעקן זע־נען געוואָרן שטאַרק קענטיק. די פּלויטן זענען געווען באַדעקט מיט צעבליטע רויזן. אין שאָטן פון די גרויסע, בראָנז־פאַרביקע בוימער זענען געשטאַנען טישלעך. ביי איינעם זענען געזעסן דריי וועלאָסין פּעדיסטן, אַ געמאַלעוועטע דאַמע אין הויזן און שוואַרצע זאָקן און צוויי מענער אין פלאַנעל־העמדער, וואָס זענען געווען אָפּגעבליאַקע־וועט פון דער היץ. די מענטשן האָבן פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזן מאָדנע קלאַנגען, ווי זיי וואָלטן שוין פאַרגעסן צו רעדן אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך.

די נייע קאַרעטע האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל. גוזשאַר, וואָס האָט שוין פון לאַנג געקענט די שטוב און די מענטשן, האָט צו וויסן געגעבן, אַז ער וועט שוין אַלץ באַזאָרגן. באַרט האָט אַריינ־געשלעפּט קריסטאָפן אין דער אַלטאַנע און באַשטעלט ביר. די לופט איז געווען זייער וואַרעם און פול מיט דער זשומעריי פון די פליגן. קריסטאָף האָט פאַרגעסן, צו וואָס ער איז אַהער געקומען. באַרט האָט אויסגעליידיקט דאָס פלעשל און אין אַ ווײַלע אַרום, נאָך אַ קורצן שטיל־שווייגן, געזאָגט:

— איך ווייס שוין, וואָס צו טון.

ער האָט אויסגעטרונקען און צוגעגעבן:

— כ'האָב נאָך צייט: שפּעטער וועל איך צופאָרן צום ווערסאַל.

ס'האָט זיך געלאָזט הערן גוזשאַרס שטים, ווי ער אונטערהאַנדלט מיטן באַלעבאָס וועגן פּרייז פונם פלאַץ, ווו ס'האָט געדאַרפט פּאַרקו־מען דער דועל. זשוליען האָט נישט געבטלט. פאַרבייגייענדיק די וועלאָסיפּעדיסטן, האָט ער אויסגעדריקט זיין התפּעלות פאַר די באַר־וועסע פיס פון דער פרוי; נאָכדעם איז אַראָפּ אַ מבול פון מיאוסע זידלערייען, אויף וועלכע זשוליען האָט אָפּגעענטפערט. באַרט האָט אין דער שטיל געזאָגט:

— די פראַנצויזן זענען מנוולים. ברודער, איך טרינק פאַר דיין נצחון.

ער האָט אַ קלאַפּ געטון זיין גלעזל אָן קריסטאָפס גלאָז. קריסטאָף איז געווען ווי אין חלום. שטיקלעך מוזיק האָבן אים געשוועבט אין קאָפּ צוזאַמען מיט דער זשומעריי פון די פליגן. ער האָט געוואָלט שלאָפן.

די רעדער פון אַ צווייטער קאַרעטע האָבן זיך געקייקלט איבערן וואַלד-וועג. קריסטאָף האָט געזען דאָס בלייכע פּנים פון לוסיען לעווי-קער, וואָס האָט, ווי זיין שטייגער, געשמייכלט; ער איז ווידער געוואָרן אויפגעבראַכט. קריסטאָף איז אויפגעשטאַנען און באַרט נאָך אים.

לעווי-קער, אין אַ האַלזטוך, איז געווען אָנגעטון זייער עלעגאַנט, אין קעגנזאַץ צו דער אָפּגעלאָזנקייט פון זיין קעגנער. נאָך אים איז אַראָפּ דער גראַף בלאָך, באַרימט פון זיינע ליבעס, אַ געמיש פון אַלע פאַרזעעענישן, אולטראַ-ראָיאַליסטישע פּאָליטישע מיינונגען און ערפאָלג אין ספּאָרט; — נאָך אים לעאָן מואיי, אַ פראַנט פון דער לעצטער מאָדע, וואָס איז דורך דער ליטעראַטור געוואָרן אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט און אַ דאַנק זיין יאָגעניש נאָך פּאָליטישן כּבוד — אַ שרייבער; אַ יונגער, ראַזירטער, מיט אַ פּליך, מיט אַ מאָגער, טונקל פּנים, אַ לאַנגער נאָז, אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן און אַ קעפּל, ווי אַ פויגלשער שאַרבן; — לסוף איז אַראָפּ דער דאָקטאָר עמאַנועל, אַ טיפּ פון אַ זייער קלוגן, ליבנסווירדיקן און קאַלטן סעמיט, אַ מיטגליד פון דער מעדיצין-אַקאַדעמיע, אַ דירעקטאָר פון אַ שפּיטאָל, באַרימט מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק און פּראָפעסיאָנעלן סקעפּטיציזם; ער פלעגט מיט איראָנישן רחמנות אויסהערן די טענות פון די קראַנקע און נישט טון קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, זיי מיט עפּעס צו העלפן.

די ניי-אָנגעקומענע האָבן באַגריסט די אָנוועזנדע זייער העפלעך. קריסטאָף האָט קוים געענטפערט; ער איז געווען אַנטוישט אין זיינע סעקונדאַנטן, וואָס זענען אַרומגעלאָפן אַרום לוסיען לעווי-קערן, ווי פאַרסמטע מייז. זשוליען האָט געקענט עמאַנועלן און גוזשאַר מואיין. זיי האָבן זיך דערנענטערט, שמייכלענדיק און מיט חניפה. מואיי האָט זיי אויפגענומען מיט קאַלטער העפלעכקייט און עמאַנועל — מיט איראָנישער פריהייט. וואָס שייך דעם גראַף בלאָך, וואָס איז געבליבן ביי לעווי-קערן, — האָט ער מיט אַ פלינקן בליק באַטראַכט די בגדים

און וועש פון יענעם צד און האָט אויסגעטוישט מיט זיין קונד עטלעכע קורצע, שפּאַסיקע באַמערקונגען, נישט עפּענענדיק כמעט דאָס מויל, — ביידע זענען געווען רויק און העפלעך.

לוסיען לעווי-קער האָט געוואַרט גאַנץ ברייטלעך אויפן צייכן פון גראַף בלאָך, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן דועל. ער האָט באַהאַנדלט דעם דועל, ווי אַ פּשוטע פאָרמאַליטעט. הגם ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שיסער און גוט געקענט די אומגעשיקטקייט פון זיין קעגנער, פונדעסטוועגן האָט ער נישט געהאַט בדעה צו טרעפן אין קריסטאָפן. אפילו ווען די עדות זאָלן נישט אַכטונג געבן אויפן דועל: ער האָט געוווסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע נאַרישקייט, ווי הרגענען זיין קעגנער, בעת ער האָט אַ סך בעסערע, זיכערערע וועגן אים אָפּצורוקן אין אַ זייט. אָבער קריסטאָף, וואָס האָט אויסגעטון זיין וועסט און איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם העמד, ברייטן האַלז און שטאַרקע פויסטן, האָט געוואַרט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, קוקנדיק לעווי-קערן גלייך אין די אויגן אַריין און קאָנצענטרירנדיק זיין גאַנצע ענערגיע; אויף זיין פּנים איז געווען אָנגעצייכנט די תאווה צו מאָרד. און דער גראַף בלאָך, וואָס האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט, האָט זיך געקלערט: ווי גוט עס איז, וואָס די ציוויליזאַציע האָט פאַרקלענערט בעת די דועלן די מעגלעכקייט פון אַ געפאַר.

נאָכדעם ווי מ'האָט אויסגעטוישט די ערשטע קוילן, נאַטירלעך אָן שום רעזולטאַט, זענען די סעקונדאַנטן צוגעלאָפן רעגולירן ביידע צדדים. דאָס ערע-געפיל איז געווען באַפרידיקט. — אָבער קריסטאָף האָט זיך נישט געקאָנט קילן. ער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט מיטן רעוואָלווער אין האַנט און נישט געוואָלט גלויבן, אַז ס'איז שוין געענדיקט. ער האָט געוואָלט, אַז פונקט ווי נעכטן זאָלן די מענטשן שיסן אין זיך אַזוי לאַנג, ביז איינער וועט טרעפן אין ציל. ווען גוזשאַר האָט אים פאָרגעלעגט צו דערלאַנגען די האַנט זיין קעגנער, וואָס האָט שוין געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, ווי אַ העלד מיט זיין אייביקן שמייכל, — איז ער געוואָרן אש-להבה פון דער דאָזיקער קאָמעדיע. ער האָט אַ וואָרף געטון דאָס געווער אויף דר'ערד, אָפּגעשטופּט גוזשאַרן און אָנגעפאַלן אויף לוסיען לעווי קער. נאָר מיט גרויס מי איז געלונגען אים אָפּצוהאַלטן פונם געשלעג.

די סעקונדאַנטן האָבן זיך אַריינגעמישט, און לוסיען לעווי קער איז אַוועק. קריסטאָף האָט זיך אַרויסגעריסן; נישט לעגנדיק קיין אַכט

אויף זייער געלעכטער און רופן, איז ער אַוועק מיט גרויסע שפּרייזן אין וואַלד. ער האָט גערעדט צו זיך און אויפגערעגט געמאַכט מיט די הענט. ער האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז ער האָט געלאָזן אויף דער ערד זיין וועסט און זיין היטל. ער איז אַריין טיף אין וואַלד און געהערט, ווי די סעקונדאַנטן רופן אים מיט אַ געלעכטער; דער־נאָך זענען זיי מיד געוואָרן און אויפגעהערט אים צו רופן. ער האָט געהערט דעם רעש פון די רעדער, וואָס האָבן זיך דערווייטערט. ער איז געבליבן אַליין צווישן די שווייגנדיקע ביימער. זיין כעס האָט זיך איינגעשטילט. ער איז צוגעפאַלן צו דער ערד און זיך באַהאַלטן אין גראָז.

קורץ נאָכדעם איז אין שענק געקומען צולויפן מוש. פון אינ־דערפרי אָן האָט ער נאָכגעיאָגט קריסטאָפן. מ׳האָט אים געזאָגט, אַז זיין פריינט איז אין וואַלד. ער איז געגאַנגען אַהין אים זוכן, געלאָפן איבער אַלע וועגלעך, גערופן אויף אַלערליי קולות, געגאַנגען צוריק, נאָר אומזיסט. נאָך פלוצלינג האָט ער דערהערט זיין געזאַנג. ער איז באַלד געגאַנגען נאָכן קול און האָט אים לסוף געפונען אויף אַ קליינעם פּליין; קריסטאָף האָט זיך געקייקלט אויפן גראָז, ווי אַ יונג קאַלב. ווען ער האָט דערזען מושן, האָט ער פריילעך אויסגעשריגן, גערופן אים „מיין אַלטער מולך״, און דערציילט אים, אַז ער האָט געטראָגן אין זיין קעגנער און אים דורכגעלעכערט, ווי אַ זיפּ. ער האָט אים געצווונגען זיך צו וואַלגערן צוזאַמען מיט אים און געשטויסן אים אין זייט. דער נאַיווער, אומגעשיקטער מוש האָט זיך געשפּילט כמעט ווי ער. זיי האָבן זיך אַרומגענומען אומגעקערט אין שענק און אַריין אין אַ צוג קיין פּאַריז.

אָליוויער האָט גאָרנישט געוווסט. קריסטאָפס האַרציקייט האָט אים איבעראַשט: ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אָט די ענדערונ־גען אין קריסטאָפס געפילן. ערשט צומאָרגנס האָט ער זיך דערוווּסט פון די צייטונגען, אַז קריסטאָף האָט געהאַט אַ דועל. ער איז שיר נישט קראַנק געוואָרן דערפון, וואָס קריסטאָף איז געווען אין אַזאַ געפאַר. ער האָט געוואָלט וויסן די סיבה פונם דועל. קריסטאָף האָט נישט געוואָלט רעדן. נאָר ווען אָליוויער איז צוגעשטאַנען האָט ער אים געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— כ׳האָב זיך געשלאָגן פאַר דיינעטוועגן.

מער האָט ער קיין וואָרט נישט גערעדט. מוש האָט אים ערשט

דערציילט די גאַנצע געשיכטע. אָליוויער איז געווען אויסער זיך, ער האָט איבערגעריסן זיינע באַציונגען מיט קאָלעט און געבעטן קריסטאָפן, ער זאָל אים מוחל זיין פאַר זיין אומפּאָרזיכטיקייט. דער וווּיל יונגערישער קריסטאָף האָט אים ציטירט אַן אַלט פראַנצויזיש ליד, בייטנדיק בכיוון די ווערטער — צו דער ערגערונג פון דעם גוטן מוש, וואָס איז געשטאַנען און זיך מיט פרייד צוגעקוקט צום גליק פון ביידע פריינט:

— מיין טייערער, פון דאַנען דאַרף מען אַרויסדרינגען, אַז ניסט אין אַלץ דאַרף מען גלויבן...

פון אַ פּלוידערנדיק, לאַנגווייליק מיידל,
פון אַ חניפהדיקן לייכטזיניקן יידן,
פון אַ צעפּיעשטשעטן פריינט,
פון אַ צו היימישן שונא
און פון אויסגעוועפּטן ויין —
ראַטעווע אונז, גאָט!

זייער פריינטשאַפט האָט זיך ווידער באַנייט. נאָך דער געפאַר אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, איז זי זיי נאָך טייערער געוואָרן. די קליינע סיכסוכים צווישן זיי האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט. אַפילו זייערע כאַראַקטער-אונטערשידן האָבן איצט באַקומען אַ באַזונדערן חן. קריסטאָף האָט אַרומגענומען מיט זיין נשמה די גייסטער פון ביידע לענדער, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט. ער האָט געפילט די רייכקייט און די פולקייט פון זיין האַרצן, און די שפע פון גליק איז ווי שטענדיק אַריבער אין אַ שטראָם פון מוזיק.

אָליוויער האָט זיך צוגעקוקט פאַרחידושט, אין זיין איבערגעטריבענער נייגונג צו קריטיק, האָט ער געגלויבט, אַז די באַוואונדערטע מוזיק האָט שוין געזאָגט איר לעצט וואָרט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קרענקלעכער אידעע, אַז נאָך אַ באַשטימטער מאָס פון פולקייט מוז אומבאַדינגט קומען צו אַ ירידה. און ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט די שיינע קונסט, וואָס האָט אים ליב געמאַכט דאָס לעבן,

פֿלוצלינג אויסטריקענען, ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט פֿאַרפֿאַלן אין דער ערד. קריסטאָף האָט געלאַכט פֿון די דאָזיקע פֿאַרצווייפֿלטע געדאַנקען. ער האָט געטענעט אויף צו־להכעיס, אַז פֿאַר אים איז קיין שום זאַך נישט געטון געוואָרן, אַז ער מוז איצט אָנהויבן שאַפֿן פֿון אָנהויב. אָליוויער האָט געבראַכט ראיות פֿון דער פֿראַנצויזישער מוזיק, וואָס איז, משמעות, דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה פֿון גאַנצקייט און קולטור און גייט שוין איצט באַרג־אַראָפּ. קריסטאָף האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— די פֿראַנצויזישע מוזיק? זי איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן... און איר האָט דאָך נאָך אַזוי פֿיל שיינע זאַכן אויף דער וועלט! איר זענט זייער נישט מוזיקאַליש, אויב איר האָט עס ביז איצט נישט אויסגענוצט. אָ, ווען איך וואָלט געווען אַ פֿראַנצויז!

און ער האָט אויסגערעכנט וואָס אַ פֿראַנצויז וואָלט געקאָנט שאַפֿן.

— אייערע כּוחות ווערן איינגעשרומפּן אין מוזיק, וואָס אַנטשפּרעכט אייך נישט. און איר טוט נישט קיין זאַך, וואָס זאָל פּאַסן פֿאַר אייך. איר — אַ פֿאָלק פֿון עלעגאַנץ, פֿון סאַלאָן־פּאָעזיע, שיינע באַוועגונגען, טריט, גענג, מאָדע און קאָסטיומען — און איר שאַפֿט נישט קיין באַלעטן; איר, — וואָס וואָלט געקאָנט שאַפֿן דעם קינסטלערישן, פּאָעטישן טאַנץ, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אויף דער וועלט. איר — אַ פֿאָלק פֿון געלעכטער און קאָמעדיע, שאַפֿט נישט קיין קאָמישע אָפּערעס, אָדער לאָזט עס איבער פֿאַר געמיינע מוזיק־הענדלער. אָ, ווען איך וואָלט געווען אַ פֿראַנצויז, וואָלט איך איבערגעזעצט ראַבעלען אין מוזיק, כ'וואָלט געשאַפֿן קאָמישע עפּאָפּייען... איר זענט אַ פֿאָלק פֿון ראָמאַנען־שרייבער און איר שרייבט נישט קיין מוזיק־ראָמאַנען. (איך קאָן נישט נעמען אין באַטראַכט די פֿעליעטאָנען פֿון גוסטאַוו שאַרפּאַנטיע.) איר נוצט נישט אויס אייערע פֿעיקייטן צו פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, צו כאַראַקטער־אויפֿפּאַסונג. אָ, ווען איך וואָלט געווען אַ פֿראַנצויז, וואָלט איך געשאַפֿן מוזיק־פּאָרטרעטן (ווילסט, וועל איך דיר באַלד סקיצירן דאָס מיידל, וואָס זיצט אין גאָרטן אונטערן בעז־בוים)... איך וואָלט געשריבן דאָס, וואָס סטענדאַל, פֿאַר פֿידל־קוואַרטעטן... איר זענט די גרעסטע דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע און פֿאַרמאָגט נישט קיין פֿאָלקס־טעאַטער. איר האָט נישט קיין פֿאָלקס־מוזיק. אָ, ווען איך וואָלט געווען אַ פֿראַנצויז, וואָלט איך איבערגעזעצט אויף מוזיק אייער רעוואָלוציע, דעם פֿערצנטן יולי, דעם צענטן אַויגוסט, וואַלמי, די קאָמונע, איך וואָלט איבערגעזעצט דאָס גאַנצע

פאָלק אויף מוזיק! נישט אויפן פאַלשן אופן פון וואַגנערס מליצות. איך וויל בעסער סימפאָניעס, אָרקעסטער, טענץ! איך דאַרף נישט קיין ווערטער. זיי זענען מיר נמאס געוואָרן. זאָלן זיי נישט פּלוידערן אַזוי פיל אין דער מוזיקאַלישער דראַמע. אַוועק מיט די ווערטער! שילדערן אין ברייטע שטריכן, ברייטע סימפאָניעס מיט כאָר, מוזיקאַלישע פּייזאַזשן, העלדן-פּאָעמען פון האָמער אָדער תנ״ך. דאָס פייער, דאָס וואַסער, דעם הימל, די היץ, וואָס ברענט אין האַרצן, דעם כּוח פון די אינסטינקטן, דעם גורל פון דער ראַסע, דעם זיג פון דעם ריטם, — דעם קעניג פון דער וועלט, וואָס וואַרפט אונטער מיליאָנען מענטשן אונטער זיין ווילן און שיקט גאַנצע מחנות צום טויט! אומעטום מוזיק. אין אַלץ מוזיק. ווען איר וואָלט געווען מוזיקאַליש, וואָלט איר געהאַט מוזיק פאַר יעדן יום-טוב, פאַר אייערע וויכטיקסטע צערעמאָניעס, פאַר אייערע אַרבעטער, סטודענטן, פאַר פאַמיליען-פייערונגען... אָבער קודם-כּל, ווען איר וואָלט געווען מוזיקאַליש, וואָלט איר געשאַפן ריינע מוזיק, מוזיק, וואָס זאָל גאָרנישט זאָגן, מוזיק, וואָס טויג צו גאָרנישט, נאָר צו דערוואַרעמען דאָס האַרץ, צו אָטעמען, צו לעבן. גיט זון!.. שוין גענוג רעגן איז אָנגעפאַלן אויף אייך. מיך קילט אייער מוזיק. מען קאָן נישט זען קיין קלאָרע זאַך: צינדט אָן אייערע לאַמטערנס.... איר קלאָגט זיך אויף דעם איטאַליענישן טנופת, וואָס פילט אָן אייערע טעאַטערן, וואָס באַהערשט אייער עולם און וואַרפט אייך אַרויס פון אייער אייגענער שטוב? אָבער איר אַליין זענט אין דעם שולדיק. דער עולם איז מיד פון אייער בין-השמשות-קונסט, פון אייער האַרמאָנישער נעוראַסטעניע, פון אייער פּעדאַנטיזם בנוגע צום קאָנטראַפּונקט. דער עולם גייט אַהין, ווו ס׳איז פאַראַן לעבן. אַפילו אויב דאָס לעבן איז גראָב. פאַרוואָס דערווייטערט איר זיך פון לעבן? דעביסי איז אַ גרויסער קינסטלער, אָבער אַ שלעכטער מענטש. ער איז אויך שולדיק אין אייער טעמפּקייט. איר נויטיקט זיך אין עמעצן, וואָס זאָל אייך אויף אַ גראָבן אופן אויפוועקן.

— אַלזאָ שטרויס?

— חלילה. ער וועט אייך אינגאַנצן צעווייקן, נאָר דער, וואָס האָט אַזאַ מאָגן, ווי די דייטשן, קאָן פאַרטראָגן זיינע שיכּורע אָרגיעס. אָבער אויך די דייטשן קאָנען אים נישט פאַרטראָגן. „סאַלאָמע" פון שטרויס איז אַ מייסטער-ווערק... אָבער כ׳וואָלט זי נישט געוואָלט אָנשרייבן. כ׳דערמאָן זיך אָן מיין אָרעמען זיידן און אָן מיין פעטער

גאָטפּריד, בעת זיי האָבן מיט באַגייסטערונג און הייסער ליבע גע־רעדט מיט מיר וועגן דער שיינער קונסט פון קלאַנגען! אַ מענטש פאַרמאָגט אַזאַ עשירות און מיסבּרויכט מיט איר! דאָס איז אַ מעטעאָר, וואָס צינדט זיך אָן און פאַלט אַראָפּ! דאָס איז די יידישע איזאָלדע, וואָס איז געוואָרן אַ זונה. אַ ווייטיקלעכער, בהמישער פאַרגעניגן. די תאווה צו מאָרד, פאַרגוואַלטיקונג, ווילדע אינסטינקטן, וואָס רוישן אין דער דייטשער אויסגעלאַסנקייט. און ביי אייך — זעלבסטמאָרד, טרוי־עריקער, ליידנשאַפטלעכער זעלבסטמאָרד, וואָס צאַפּלט אין אייער פראַנצויזישער אויסגעלאַסנקייט. דאָרט איז די רויב־חיה, — דאָ דער רויב. און ווו איז דער מענטש? אייער דעבּיסי איז אַ גאון פון אויס־געצייכנטן געשמאַק. שטרויס פון מיאוסן געשמאַק. דער ערשטער איז תּפל. דער צווייטער — אויך נישט רייצנד. דער ערשטער איז אַ שטיי־ענדיק, ברודנע וואַסער, וואָס ווערט פאַרטרונקען אין זומפּ און האָט אַ דומפּן ריח. דער צווייטער איז אַ שטאַרקער שטינקענדיקער שטראָם... אָ, דער געמיינער איטאַליענישער שמוץ, דער מייערבעריזם, דאָס פּסולת פון געפיל, וואָס ווערט מיטגעשלעפּט פון דעם דאָזיקן ריב־שטאָק. אַ מוסטערהאַפטע נבזהדיקע שאַפונג! סאַלאָמע, די טאָכטער פון איזאָלדע... און ווער איז די מוטער פון סאַלאָמע?

— יאָ, — האָט אָליוויער געזאָגט, — כ'וואָלט וועלן לעבן נאָך אַ פופציק יאָר. אוודאי וועט דאָס לויפעניש צוביידע זייטן אָפּגרונט אויפהערן אויף וועלכן ס'איז אופן: דאָס פערד וועט בלייבן שטיין אָדער וועט פאַלן. דעמאָלט וועלן מיר פרייער אָפּאָטעמען. גאָט צו דאַנקען, די ערד וועט נישט אויפהערן צו בליען, און דער הימל וועט לייכטן מיט דער מוזיק, ווי אָן איר. וואָס פאַרא שייכות האָבן מיר מיט דער אוממענטשלעכער קונסט? דער מערב פאַרברענט זיך אַליין... נאָך אַ ווײַלע... נאָך אַ ווייקע... אַנדערע פלאַמען גייען שוין אויף פון מזרח.

— לאָז מיך צורו מיט דיין מזרח, — האָט קריסטאָף געזאָגט,— דער מערב האָט נאָך נישט געזאָגט זיין לעצט וואָרט. צי מיינסטו, אַז איך גיב זיך שוין אונטער? כ'האָב נאָך אַזוי פיל דורות מיט זיך... זאָל לעבן דאָס לעבן! זאָל לעבן די פרייד! זאָל לעבן דער מוט, וואָס וועקט אונז צום קאַמף מיט אונזער גורל! זאָל לעבן די ליבע, וואָס פילט אָן אונזערע הערצער! זאָל לעבן די פריינטשאַפט, וואָס באַגייסטערט אונזער לעבן, די פריינטשאַפט, וואָס איז זיסער פון דער

ליבע! זאָל לעבן דער טאָג! זאָל לעבן די נאַכט! אַ לויב דער זון! לאָמיר לויבן גאָט, דעם גאָט פון פרייד, דעם גאָט פון טרוים און מעשים. דעם גאָט, וואָס האָט געשאַפן די מוזיק! הושענאַ...!

ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָט ער זיך געזעצט בײַם טיש און אָנגעשריבן אַלץ, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, און האָט אַפילו נישט געדענקט, וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געזאָגט.

●

קריסטאָף האָט דעמאָלט געלעבט אין אויסגעצייכנטער גלײַכגע-וויכט פון אַלע זײַנע כּוחות. ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין עסטעטישע פראַגן וועגן ווערט פון דער אָדער יענער מוזיקאַלישער פאָרם, און האָט קיין נײַע פאָרמען נישט געזוכט. ער האָט נישט גע-פילט קיין באַדערפעניש זיך צו מאַטערן און צו זוכן טעמען פאַר ווערק. אַלץ האָט פאַר אים געטויגט. דער מוזיק-שטראָם איז ווייטער געפלאָסן, אָן קריסטאָפס וויסן, צי דריקט ער אויס אַזאַ אָדער אַן אַנדער געפיל. ער איז געווען גליקלעך — דאָס איז אַלץ. גליקלעך, וואָס ער קאָן זיך אַליין פאַרשווענדן, גליקלעך, וואָס ער פילט דעם דופק פונם וועלט-לעבן, וואָס פולסירט אין אים.

די דאָזיקע פרייד און שפע האָבן אויך געווירקט אויף זײַן סביבה.

די שטוב מיטן פאַרמאַכטן גאָרטן איז געווען פאַר אים צו ענג: מ׳האָט געקאָנט, אמת, זען פון דאַנען דעם נאָענטן קלויסטער-פאַרק, זײַנע ברייטע, איינזאַמע וועגלעך און די אַלטע בוימער; אָבער דאָס איז געווען צו שיין, עס זאָל לאַנג קאָנען דויערן. מ׳איז שוין גרייט געווען צו בויען, קעגנאיבער קריסטאָפס פענסטער, אַ זעקס-שטאָקיק הויז, וואָס האָט געזאָלט פאַרשטעלן דאָס שיינע בילד. אויסער-דעם האָט ער איצט געהאַט דעם טייערן פאַרגעניגן צו הערן, ווי עס סקריפּען די רעדער, ווי מ׳קלאַפּט ברעטער און טשוועקעס גאַנ-צענע טעג, פון אין דער פרי ביזן אָוונט. דאָרט האָט ער צווישן די בעלי-מלאכות געפונען זײַן פריינט דעם בלעכער, מיט וועלכן ער האָט זיך אַמאָל באַקאַנט אויפן דאַך, ווען זיי האָבן זיך איינמאָל געטראָפן

אין גאַס, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין אַ ווײַן-געשעפט און צוזאַמען געמאַכט אַ כּוסה צו דער פאַרווונדערונג פון אָליוויערן, וואָס איז געווען דערויף אַ ביסל בייז. ער האָט זיך געווילט מיט דער לעכערלעכער פּלוידעריי און אייביקער פרייִלעכקייט פונם דאָזיקן מענטשן. און דאָך האָט ער אים פאַרשאָלטן, אים מיט אַלע איבעריקע אַרבעטזאַמע, נאַרישע בהמות, וואָס האָבן פאַר זיין הויז אויפגעשטעלט אַ מחיצה און אַוועקגערויבט ביי אים זיין לופט און ליכט. אָליוויער האָט זיך נישט באַקלאָגט אַזוי שטאַרק. ער האָט זיך צוגעווינט צו אַן ענגן האָריזאָנט: ער איז געווען פונקט ווי דעקאַרטס אויוון, וואָס דער באַהאַלטענער געדאַנק רייסט זיך פון דאָרט אַרויס און פליט אַוועק צום פרייען הימל. אָבער קריסטאָף האָט זיך גענויטיקט אין לופט. פאַרשפּאַרט אין אַן ענגן שטח, האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען שכר אין דעם צוזאַמענשמעלצן זיך מיט די אַרומיקע נשמות. ער האָט זיי איינגעזאַפּט אין זיך. ער האָט זיי איבערגעזעצט אויף מוזיק. אָליוויער האָט אים געזאָגט, אַז ער זעט אויס, ווי אַ פאַרליבטער.

— ווען איך וואָלט געווען פאַרליבט, וואָלט איך גאָרנישט געזען, כ׳וואָלט קיין זאַך נישט ליב געהאַט, כ׳וואָלט זיך נישט אינטערעסירט מיט קיין זאַך, אויסער מיין ליבע.

— נאָר וואָס־זשע דען איז דיר?

— כ׳בין געזונט, כ׳בין הונגעריק.

— גליקלעכער קריסטאָף! — האָט אָליוויער געקרעכצט. — ס׳וואָלט גוט געווען, ווען דו גיסט אונז איבער אַ טייל פון דיין אַפּעטיט.

געזונט איז פונקט אַזוי אָנשטעקנדיק, ווי קראַנקהייט. דער ערשטער׳ וואָס האָט געפילט די דאָזיקע געבענטשטע ווירקונג, איז געווען, נאַטירלעך, אָליוויער. קודם־כּל האָט אים געפעלט כּוח. ער האָט זיך דערווייטערט פון מענטשן, ווייל זייער המונישקייט האָט דערוועקט אין אים עקל. הגם ער איז באַשאָנקען געווען מיט אַ גרויסן שכל און זעלטענע קינסטלערישע פעיקייטן, איז ער אָבער געווען צו איידל, צו קאָנען ווערן אַ גרויסער קינסטלער. די גרויסע קינסטלער דערווייטערן זיך קיינמאָל נישט פון לעבן. דאָס העכסטע געזעץ, וואָס פאַרפליכט יעדן געזונטן מענטשן, איז — צו לעבן. און אָט דאָס געזעץ פאַרפליכט נאָך שטאַרקער דעם גאון, ווייל ער לעבט מער פון אַנדערע. אָליוויער איז אַנטלאָפן פון לעבן. ער האָט אַרומגעשוועבט

אין אַ וועלט פון פּאָעטישע, קערפּערלאָזע דמיונות, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות מיט דערווירקלעכקייט. ער האָט געהערט צו יענע אויסדערוויילטע אין דער ליטעראַטור, וואָס כדי צו געפינען שיינקייט, פילן זיי אַ באַדערפעניש צו זוכן זי אויסער זייער דור, אין תקופות אַזעלכע, וואָס זענען קיינמאָל נישט געווען. גלייך ווי דער בעכער פונם היינטיקן לעבן וואָלט נישט פאַרשיכורט אַזוי, ווי אַמאָל, און דער היינטיקער שניט וואָלט נישט געווען אַזוי געבענטשט! אָבער די מידע נשמות פילן אַן עקל צו יעדער באַרירונג מיטן לעבן; זיי קאָנען עס נישט פאַרטראָגן, סיידן דורכן שלייער פון חלומות, וואָס זיי וועבן זיך אויס פון דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט, און דורכן עכאָ, וואָס ברענגט צו זייער געהער אין אַ נייער געשטאַלט די טויטע ווערטער, וואָס זענען אַרויס פון לאַנג פאַרשטאָרבענע מענטשן. קרי־סטאָפס פריינטשאַפט האָט ביסלעכווייז געראַטעוועט אָליוויערן פונם דאָזיקן כף־הקלע פון דער קונסט. אָפטמאָל האָט שוין אַריינגעדרונגען אַ ליכט־שטראַל אין די באַהאַלטענישן פון זיין גייסט, ווו ס'האָט ביז איצט געהערשט אומעט און פאַרגליווערונג.

דער אינזשיניער עלסבערגער האָט אויך געפילט, אַז ער ווערט אָנגעשטעקט פון קריסטאָפס אָפּטימיזם. פונדעסטוועגן האָט עס נישט אַרויסגערופן קיין שום ענדערונגען אין זיין לעבן: זיין לעבן איז שוין געווען איינגעשלעפערט, און ס'איז נישט געווען קיין סיבה צו האָפן, אַז איצט וועט זיך עס אויפכאַפּן צום לעבן, אַז ער וועט פאַרלאָזן פראַנקרייך און גיין זוכן גליק אין אַן אַנדער לאַנד. דאָס איז געווען אַ צו שטאַרקע פאָדערונג. אָבער ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טעמפּן שלאָף; ער האָט זיך ווידער גענומען אינטערעסירן מיט וויסנשאַפט־ביכער, פאָרשונגען, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געטון, ווען עמעצער זאָגט אים, אַז קריסטאָף האָט עס גורם געווען, ער זאָל זיך נעמען אינטערעסירן מיט זיין פּראָפעסיע, וואָלט ער געווען שטאַרק פאַרחידושט; און מער פון אַלעמען וואָלט זיך גע־חידושט קריסטאָף גופא.

פון אַלע שכנים האָט זיך קריסטאָף צום גיכסטן באַפריינדעט מיטן פּאָרפּאָלק, וואָס האָט געוווינט אויפן צווייטן שטאָק. נישט איינמאָל, בעת ער פלעגט פאַרבייגיין זייער טיר האָט ער צוגעהערט זיך צו די קלאַנגען פונם פּאָרטעפּיאַן, וואָס די יונגע מאַדאַם אַרנאָ האָט אויף אים, איינע אַליין בלייבנדיק אין שטוב, געשפּילט זייער

שיין. ער האָט איר באַלד צוגעשיקט בילעטן אויף זיין קאָנצערט. זי' האָבן אים שטאַרק גערירט אָפּגעדאַנקט. זינט דעמאָלט פלעגט ער זי' אָוונט-צייט אָפּטמאָל באַזוכן. אָבער בשום-אופן איז אים נישט געלונגען צו הערן ווידער דאָס שפּילן פון דער יונגער פרוי: זי איז געווען זייער שעמעוודיק און האָט נישט געקאָנט שפּילן אין עמעצנס געגנ-וואַרט; אַפילו ווען זי איז געווען אַליין און געוווּסט, אַז איר שפּילן הערט מען אויף די טרעפּ, פלעגט זי באַנוצן דעם קנאָפּ, וואָס מאַכט שטילער דעם קלאַנג. אָבער קריסטאָף האָט ביי זיי געשפּילט, און זיי האָבן אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן מוזיק. די אַרנאָס האָבן גערעדט וועגן מוזיק מיט התלהבות און מיט יוגנטלעכן ברען, וואָס איז אים שטאַרק געווען צום האַרצן. ס'איז אים גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז פראַנצויזן זענען פעיק אַזוי שטאַרק ליב צו האָבן מוזיק

— דאָס איז דערפאַר, וואָס ביז איצט האָסטו געזען בלויז די מוזיקער,—האָט אָליוויער געזאָגט.

— איך ווייס גאַנץ גוט,—האָט קריסטאָף געענטפערט, — אַז די מוזיקער האָבן ליב די מוזיק ווייניקער פון אַלץ, אָבער דו וועסט דאָך מיר נישט איינרעדן, אַז אַזעלכע מענטשן, ווי איר, זענען דאָ אַסאַך אין פראַנקרייך.

— עטלעכע טויזנט לכל-הפחות.

— אויב אַזוי, איז עס אַן עפּידעמיע, אַ נייע מאָדע...?

— ס'איז נישט קיין מאָדע-זאַך,—האָט געזאָגט אַרנאָ.

„ווער ס'האָט געהערט אַ זיסן אַקאָרד פון אַן אינסטרומענט אָדער אַן אָנגענעמע שטים און האָט דערפון קיין הנאה נישט און ווערט נישט גערירט פון קאָפּ ביז די פיס, און ווערט נישט אויפ-געוועקט, און פילט נישט, ווי ער ווערט אויסגעטון פון דער גשמיות,—איז אַ סימן, אַז זיין נשמה איז פאַרטעמפּט, זינדיק און געמיין, און מיר דאַרפן זיך היטן פאַר אים, ווי פאַר אַ מענטשן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ בייזער שעה"...

— איך קען עס,—האָט קריסטאָף געזאָגט,—דאָס איז, דאַכט זיך, מיין פריינט שעקספּירס.

— ניין, — האָט פריינטלעך געענטפערט אַרנאָ, — דאָס זענען ווערטער פון אַ פראַנצויז, וואָס האָט געלעבט נאָך פריער, אונזער ראָנסאַר. אָט זעט איר, אַז אויב די ליבע צו מוזיק איז אין פראַנקרייך

אַ מאָדע-זאַך, איז די דאָזיקע מאָדע געשאַפן געוואָרן נישט איצטער, נאָר מיט דורות צוריק.

קריסטאָפן האָט נישט געוווּנדערט אַזוי דער פאַקט גופא, וואָס מ׳האָט ליב אין פראַנקרייך מוזיק, ווי ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס מ׳האָט ליב די זעלבע מוזיק, וואָס אין דייטשלאַנד. אין דער וועלט פון די פּאַריזער קינסטלער און סנאָבן, מיט וועלכער ער האָט זיך פריער געטראָפן, האָט מען געהאַלטן פאַר אַן אָנגענומענער מידה צו באַציִען זיך צו די דייטשע קינסטלער, ווי צו אָנגעזעענע אויסלענדער, וועלכע מ׳דאַרף באַווונדערן, אָבער פון אַ באַשטימטער ווייטקייט. זיי האָבן גערן חוזק געמאַכט פון גלוקס שווערקייט, און וואַגנערס ווילדקייט, און האָבן אַנטקעגנגעשטעלט זיי די פראַנצויזישע איידלקייט. און באמת האָט קריסטאָף סוף־כּל־סוף גענומען צווייפלען, צי קאָן אַ פראַנצויז פאַרשטיין דייטשע ווערק, בעת ער זעט, ווי מ׳שפּילט זיי אין פראַנקרייך. מיט אַ צייט צוריק האָט ער זיך געפילט באַליידיקט, זעענדיק גלוקס אַ פאָרשטעלונג: די געשיקטע פראַנצויזן האָבן באַשלאָסן צו באַפּוצן דעם דאָזיקן שרעקלעכן זקן און צו מאַכן אים יונג: זיי האָבן אים אָנגעשמינקט, באַהאָנגען זיין ריטם מיט סטענגעס און אימפּרעסיאָניסטישע דעקאָראַציעס, ווו ס׳זענען געווען פאָרגעשטעלט אויסגעלאַסענע, צעפוילטע, מיאוסע טענצערינס. אָרעמער גלוק! וואָס איז געבליבן פון זיין השתפכות-הנפש, פון זיינע דערהויבענע געפילן, פון זיין מאָראַלישער ריינקייט, פון זיין אַנטפּלעקטן ווייטיק! צי קאָן אַ פראַנצויז נישט פילן? איצט האָט קריסטאָף דערזען די טיפע צאַרטע ליבע פון זיינע נייע פריינט צו אַלץ, וואָס איז אין דער דייטשער נשמה אינטים, צו אַלטע דייטשע לידער, צו די דייטשע מוזיק־קלאַסיקער, און ער האָט זיי געפרעגט, צי איז אמת, אַז די דאָזיקע דייטשן זעען ביי זיי אויס, ווי אויסלענדער, און צי איז דער פראַנצויז נישט מסוגל ליב צו האָבן פון גאַנצן האַרצן קיין אַנדערע קינסטלער, אויסער די פראַנצויזישע.

— ס׳הויבט זיך נישט אָן! — האָט מען קעגן דעם פּראָטעסטירט. — נאָר אונזערע קריטיקער דערלויבן זיך צו רעדן אין אונזער נאָמען. אַזוי-ווי זיי שלעפּן זיך שטענדיק נאָך דער מאָדע, טענהן זיי, אַז מיר שלעפּן זיך אויך נאָך. אָבער מיר אינטערעסירן זיך גאָר נישט מיט זיי, פּונקט ווי זיי אינטערעסירן זיך נישט מיט אונז. די דאָזיקע ברואים ווילן אונז לערנען, וואָס עס איז יאָ פראַנ-

צוויזיש! אונז, די פראַנצויזן פונם אַלטן פראַנקרייך!... זיי קומען אונז זאָגן, אַז אונזער פראַנקרייך איז: ראַמאָ אָדער ראַסין, און אין קיין אַנדער אָרט זאָלן מיר עס נישט זוכן; גלייך ווי מיר וואָלטן נישט געוווסט (טויזנטער מענטשן אונזערע אין פּאַריז, אין די פּראָווינץ־שטעט), וויפיל מאָל בעטהאָווען, מאָצאַרט און גלוק זענען ביי אונז געזעסן פאַרן פייער, האָבן צוזאַמען מיט אונז אַכטונג געגעבן אויף די וויגעלעך פון אונזערע טייערסטע, באַטיילט זיך אין אונזער צער, באַלעבט אונזערע האָפנונגען, זענען געוואָרן אונזערע פאַמיליען־מענטשן. ווען מיר האָבן דעם מוט אויסצודריקן אונזער מיינונג, וואָלט ביי אונז אויסגעקומען פרעמד דווקא יענער פראַנצויזישער קינסטלער, וואָס די פראַנצויזישע קריטיקער רעקלאַמירן אים אַזוי.

— אין דער אמתן, — האָט אָליוויער געזאָגט, — אויב ס'איז פאַראַן אַ תּחום אין דער קונסט, איז עס נישט קיין ראַסן־מחיצה, נאָר אַ שטאַנדן־מחיצה. איך ווייס נישט, צי ס'איז דאָ אַ פראַנצויזישע קונסט און אַ דייטשע קונסט; אָבער ס'איז דאָ אַ קונסט פאַר די רייכע און אַ קונסט פאַר די, וואָס זענען נישט רייך. גלוק איז אַן אמתער קליינבירגער, פון אונזער שטאַנד. יענער פראַנצויזישער קינסטלער, וואָס איך וויל אים נישט פורש בשמו זיין, איז לחלוטין נישט קיין קליינבירגער. און אויב ער איז אַפילו געבוירן געוואָרן אין אַ בירגערלעכער סביבה — שעמט ער זיך מיט אונז, איז אונז מבטל און מיר זענען אים אויך מבטל.

אָליוויער האָט ריכטיק געזאָגט. וואָס־מער קריסטאָף האָט זיך באַקאַנט מיט די פראַנצויזן, אַלץ מער האָט ער זיך געוווּנדערט אויף דער ענלעכקייט צווישן די גוטע מענטשן אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד. די אַרנאָס האָבן אים דערמאָנט דעם אַלטן טייערן שולץ מיט זיין ריינער ליבע צו דער קונסט, פאַר וועלכער ער איז געווען בכוח זיך מוסר נפש צו זיין, זיך מקריב צו זיין פאַר דער שיינקייט. און ער האָט זייער ליב געקראָגן די אַרנאָס.

אין דער זעלבער צייט, ווען קריסטאָף האָט אויפגעדעקט דעם אומזין פון די מאָראַלישע מחיצות צווישן די אָרנטלעכע מענטשן פון

די פאַרשידענע פעלקער, האָט ער אויך דערפילט דעם אומזין פון די מחיצות צווישן די פאַרשידענע געדאַנקען פון מענטשן פון איין פאָלק. אַ דאַנק קריסטאָפן און אָן אַ באַזונדערער אָנשטרענגונג פון זיין זייט, האָבן זיך באַקענט צוויי מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזען זייער ווייט איינער פונם אַנדערן: דער גלח קאָרנעל און ה׳ וואַטעלע.

קריסטאָף האָט ביי ביידן געבאָרגט ביכער און מיט זיין פריי־הייט, וואָס האָט אָליוויערן פאַרדראָסן, האָט ער איינעמס ביכער גע־באָרגט דעם אַנדערן. דעם גלח האָט עס נישט געאַרט; ער איז גע־ווען באַשאָנקען מיט דער פעיקייט אַריינצוקוקן אין דער מענטשלע־כער נשמה און נישט אַרויסווייזנדיק עס, געלייענט אין דער נשמה פון זיין יונגן שכן אַליך, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך איידלס און אַפילו — אָן קריסטאָפס וויסן — רעליגיעזעס. איין באַנד קראָ־פּאָטקינס, וואָס ער האָט געבאָרגט דעם ה׳ וואַטעלע און וואָס אַלע דריי האָבן אים צוליב פאַרשידענע טעמים ליב געהאַט, האָט גורם געווען זייער דערנענטערונג. צופעליק האָבן זיי זיך אַלע דריי באַ־געגנט ביי קריסטאָפן. אין אָנהויב האָט קריסטאָף מורא געהאַט, טאָ־מער פאַלט צווישן זיינע געסט אַ שאַרף וואָרט. אָבער פאַרקערט, זיי האָבן זיך באַצויגן צו זיך זייער העפלעך. זיי האָבן געשמועסט וועגן פאַרשידענע טעמען: וועגן זייערע רייזעס און דערפאַרונג מיט פאַר־שידענע מענטשן. און ביידע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער מיל־דע מענטשן, פול מיטן גייסט פון עוואַנגעליום, פאַנטאַסטישע האָפע־נונגען, הגם עס זענען געווען גענוג סיבות צו זיין פאַרצווייפלט בנוגע דעם לעבן. יעדערער האָט אָנגעהויבן פילן צום צווייטן אַ גע־וויסע סימפּאַטיע, געמישט מיט אַ ביסל איראָניע, זייער אַ באַשיידענע סימפּאַטיע. זיי האָבן קיינמאָל צוזאַמען זייענדיק נישט באַרירט די ענינים פון זייערע רעליגיעס. זיי האָבן זיך זעלטן געזען און נישט באַמיט זיך צו זען. אָבער ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, איז זיי בעווען זייער אָנגענעם.

דער פרייערער פון זיי איז דווקא געווען דער גלח קאָרנעל. קריסטאָף האָט זיך דערויף נישט געריכט. ביסלעכווייז האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די גרויסקייט פונם מיסטיציזם, דעם רעליגיעזן און פרייען מיסטיציזם, וואָס איז אַזוי שטאַרק און לויטער, אָן היציקער התלהבות, וואָס האָט אָנגעפילט דעם גלחס געדאַנקען, זיינע טאָג־טעג־

לעבּן מעשים, זיין דאָזיקע וועלט-אָנשויונג, וואָס האָט גורם געווען ער זאָל לעבן מיט קריסטוסן, פּונקט ווי קריסטוס האָט אַמאָל געלעבט מיט גאָט.

ער האָט קיין זאַך נישט אָפּגעלייקנט, קיין שום כּוח, וואָס ווירקט אין לעבן. פאַר אים זענען געווען קלאָר און געטלעך, פּונקט ווי געטלעכע אַנטפּלעקונגען, אַלע אַלטע און מאָדערנע, רעליגיעזע און וועלטלעכע כתבים, פון משה רבנו ביז בערטעלאָ. פאַרשטייט זיך, דער תּנ״ך איז געווען דער רייכסטער אוצר פון דער געטלעכער אַנט-פּלעקונג, פּונקט ווי די קירכע איז געווען פאַר אים די גרופּע אויס-דערווײלטע, וואָס לעבן מיט גאָט. אָבער סיי די ביבל, סיי די קירכע האָבן נישט פאַרשפּאַרט זיין גייסט אין אַ פאַרגליווערטן אמת. די קריסטלעכקייט איז געווען פאַר אים דער לעבעדיקער קריסטוס, די וועלט-געשיכטע איז די געשיכטע פון דער אייביקער אַנטוויקלונג פונם געטלעכן געדאַנק. דער חורבן פון דער יידישער וועלט, דער חורבן פון דער געצנדינעריי, די מפּלה פון די קרייץ-צוגן, באָניפאַ-ציוס דעם אַכטנס פּאַטש, גאַליליי, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן די ערד אין אַן אומענדלעכן שטח, דער נצחון פון די קלענסטע ברואים אויף דער וועלט, דער סוף פון דער קעניגלעכער מאַכט און דער סוף פון די קאָנקאָרדאַטן — דאָס אַלץ האָט אויף אַ געוויסער צייט צעטומלט די מוחות. אַנדערע האָבן זיך אָנגעקלאַמערט אָן זאַכן, וואָס האָבן זיך געטרונקען, אַנדערע האָבן זיך צופעליק אָנגעכאַפּט אָן אַ ברעט און זענען מיטגעריסן געוואָרן פונם שטראָם. דער גלח קאָרנעל האָט גע-פרעגט ביי זיך איין פראַגע: „ווו זענען די מענטשן? ווער דער-נערט זיי?"

ווייל ער האָט געגלויבט, אַז „ווו ס'איז פאַראַן לעבן, — דאָרט איז פאַראַן גאָט."

אויך קריסטאָף האָט זיך מיט פרייד צוגעהערט צו דער שיי-נער מוזיק פון אַ גרויסער רעליגיעזער נשמה. זי האָט דערוועקט אין אים אַ סך ווייטע, טיפע עכאָס. צוליב אייביקער קעגנזעצלעכקייט, וואָס איז דער לעבנס-אינסטינקט ביי געזונטע נשמות, דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, דער דאָזיקער הויב מיטן ביטש, וואָס ברענגט ווידער אַריין אין גלייכגעוויכט און גיט דער שיף אַ נייעם שטויס — דאָס איבערגעטריבענע צווייפלען און דער עקל צו דער פראַנצויזי-שער זינלעכקייט — האָבן ביסלעכווייז, אין משך פון צוויי יאָר, דער-

וועקט אין קריסטאָפס האַרצן גאָט. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געגומען אין אים גלויבן. ער האָט אים פאַרלייקנט, אָבער זיין נשמה איז פול געווען מיט גאָט. דער גלח קאָרנעל האָט עס אים געזאָגט אין אַ שפּאַס, אַז ער טראָגט נישט־וויסנדיק זיין גאָט, ווי דער ריז זיין פּאַטראָן (קריסטאָפאָר).

— טאָ פאַרוואָס־זשע זע איך אים נישט? — האָט קריסטאָף געפרעגט.

— איר זעגט, ווי טויזנטער אַנדערע מענטשן. איר זעט אים יעדן טאָג, און ס׳פעלט אייך גאָר נישט איין, אַז דאָס איז ער. גאָט אַנטפּלעקט זיך אין פאַרשידענע פאָרמען: פאַר אַנדערע אין זייער טאָג־טעגלעך לעבן, ווי דעם הייליקן פּעטער אין גליל; אַנדערע (ווי אייער פריינט, ה׳ וואַטעלע) — ווי דעם הייליקן טאָמאַס — אין ווונדן און צרות, וואָס לאָזן זיך אויסהיילן; אייך — אין אייער דערהויבענעם אידעאַל. נאָר געדולד... Noli me tangere (רירט מיך נישט אָן)... אַ געוויסן טאָג וועט איר אים דערקענען.

— כ׳וועל קיינמאָל נישט טראַכטן אַנדערש. — האָט קריסטאָף געזאָגט. — כ׳בין אַ פרייער מענטש און אַ פרייער וועל איך בלייבן.

— מיט גאָט וועט איר זיין נאָך פרייער, — האָט דער גלח רויק געענטפערט.

אָבער קריסטאָף האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מ׳וועט אים מאַכן פאַר אַ קריסט קעגן זיין ווילן. ער האָט זיך מיט נאַיווער התלהבות פאַרטיידיקט, גלייך ווי ס׳וואָלט געהאַט אַ באַדייטונג, וואָסער צעטעלע דער מענטש קלעפּט-צו צו זיינע מיינונגען. דער גלח קאָרנעל האָט אים אויסגעהערט מיט דער לייכטער איראָניע פון אַ קירך־מענטש, מיט דער איראָניע, וואָס לאָזט זיך נישט אויפכאַפּן און פאַרמאָגט אַ סך גוטסקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן געדולד, וואָס האָט זיך גענומען פון זיין גלויבן. די צרות, וואָס די קירך איז די לעצטע יאָרן אויסגעשטאַנען, האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ שטאַרקן אומעט און אַפילו צעבראָכנקייט, און דאָך האָבן זיי אים טיף נישט אָנגערירט. פאַרשטייט זיך, ס׳איז שווער געווען זיך צו זען אונטערדריקט פון די אויפזעער, פון די ביסקופן, וואָס קוקן נאָך אויף טריט און אויף שריט, פון די פריידענקער, וואָס לויערן אויף יעדן געדאַנק, צו באַנוצן אים פאַר אַ כלי-זין קעגן דער רעליגיע. סיי זיינע פריינט, סיי

זיינע שונאים אין דער רעליגיע האָבן זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן אים דעם טויט, און ס'איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט פטור צו ווערן דערפון: ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. אָבער זיין גייסט האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, ווייל ער האָט געוווסט, אַז די אָנפירער האָבן אַ טעות. ער האָט נישט געוואָלט שווייגן. אָבער ער האָט אויך נישט געוואָלט רעדן, טאָמער פאַרשטייט מען אים שלעכט. און די אַלע אַנדערע נשמות, וואָס דו ביסט פאַר זיי פאַראַנטוואָרט־לעך, די אַלע, וואָס וואַרטן אויף דיין עצה, אויף דיין הילף, די, וואָס ליידן פאַר דיינע אויגן... דער גלח קאָרנעל האָט געליטן סיי פאַר זיי, סיי פאַר זיך — אָבער ער האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט געוווסט, אַז אין דער לאַנגער געשיכטע פון דער קירך האָבן די דאָזיקע שלעכטע צייטן קיין באַדייטונג נישט. נאָר ער האָט זיך פאַר־שלאָסן אין זיך מיט שווייגנדיקער הכנעה, ביסלעכווייז זענען אויסגע־גאַנגען זיינע גייסטיקע כוחות און אַפילו דער מגע־ומשא מיט מענטשן איז אים שווער געוואָרן; מיט דער צייט איז ער געוואָרן שעמעוודיק, מורא געהאַט צו רעדן אַ וואָרט און איז געוואָרן שווייגנדיק-פאַרגלי־ווערט. ער האָט געפילט, אַז ער גייט באַרג-אַראָפּ און נישט געהאַט קיין כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן. די באַגעגעניש מיט קריסטאָפן האָט אים גוט געמאַכט. די יוגנטלעכע התלהבות, דער וואַרעמער, נאַיווער אינטערעס, וואָס דער שכן האָט אים אַרויסגעוויזן, זיינע טיילמאָל אומדיסקרעטע פראַגן, האָבן אויף אים געווירקט צום גוטן. קריסטאָף האָט אים געצוווּנגען זיך אומצוקערן צום לעבן.

דער מעכאַניקער אָ ב ע ר האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט אים ביי קריסטאָפן. ער האָט זיך גענומען צוריקציען, דערזעענדיק דעם גלח. מיט גרויס מי האָט ער באַהאַלטן זיין עקל. אַפילו ווען ער האָט באַהערשט דאָס ערשטע געפיל, איז נאָך פאַרבליבן אין אים עפּעס אַ שווער־דריקנדיק, פרעמד געפיל, ווען ער האָט זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פונם דאָזיקן מענטשן, אין דעם לאַנגן קלייד, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויפכאַפּן זיין מהות. אָבער זיין גע־זעלשאַפטלעכער חוש און דער פאַרגעניגן צו שמועסן מיט דערצויגע־נע מענטשן האָבן אים געצוווּנגען איינצוהאַלטן זיין אַנטיקלעריקאַליזם. ער האָט זיך געחידושט, וואָס ה' וואַטעלע און דער גלח קאָרנעל שמועסן צווישן זיך אַזוי פריינטלעך. ער האָט זיך געוווּנדערט צו זען אַ גלח אַ דעמאָקראַט און אַ רעוואָלוציאָנער — אַן אַריסטאָקראַט;

דאָס אַלץ האָט לחלוטין געביטן זיינע אַלטע מיינונגען. אומזיסט האָט ער זיך באַמיט אויפצוקלערן, צו וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער קאַ-טעגאָריע ער זאָל זיי פאַררעכענען, ווייל ער האָט געמוזט קלאַסיפיצירן די מענטשן, כדי זיי צו פאַרשטיין. ס׳איז נישט געווען אַזוי לייכט צו געפינען אַ קאַמער פאַרן גלח, וואָס האָט געלייענט אַנאַטאָל פראַנסן און רעגאַנען און גערעדט וועגן זיי רויק און ריכטיק. אין וויסנ-שאַפטלעכע ענינים האָט דער גלח קאָרנעל געהאַלטן פאַר ריכטיק צו גיין נאָך די זאַך-קענער און נישט נאָך די דעה-זאָגער, וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט דרך-ארץ פאַר דער מאַכט, אָבער זי איז געשטאַנען אין זיינע אויגן נידעריקער פון דער וויסנ-שאַפט. גוף, גייסט, חסד — דאָס זענען די דריי עטאַפּן, די דריי טרעפּ פונם געטלעכן לייטער — פון יעקבס לייטער. — נאַטירלעך, דער גוטער אָבער האָט עס ווייט נישט פאַרשטאַנען, ער האָט קיין שום באַגריף דערפון נישט געהאַט. דער גלח קאָרנעל האָט געזאָגט אין דער שטיל צו קריסטאָפן, אַז אָבער דערמאָנט אים די פראַנ-צויזישע פויערן, וועלכע ער האָט איינמאָל געזען. איינמאָל האָט זיי אַ יונגע ענגלענדערין געבעטן צו ווייזן איר דעם וועג. זי האָט גע-רעדט מיט זיי ענגליש. זיי האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט און נישט פאַרשטאַנען. דערנאָך האָבן זיי צו איר גערעדט אויף פראַנצויזיש, האָט זי ווידער נישט פאַרשטאַנען. די מענטשן האָבן זיך מיט רחמנות איבערגעקוקט, געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט, אומקערנדיק זיך צו דער אַרבעט:

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד... אַזאַ שיין מיידל...

ווי זי וואָלט געווען אַ שטומע, אַ טויבע אָדער אַ אידיאָטקע...

אָבער, וואָס די קלוגשאַפט און איידעלע באַנעמונג פונם גלח און ה׳ וואַטעלע האָבן אים צעטומלט, האָט אין אָנהויב געשוויגן און ממש געשלונגען זייערע ווערטער. דערנאָך האָט ער זיך ביסלעכווייז אויך גענומען באַטייליקן אין שמועס, ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם שטאַרקן פאַרגעניגן צו הערן זיינע אייגענע רייד. ער האָט זיי פאָרגעלייענט זיין אידעאָלאָגיע, וואָס איז געווען זייער איידל און פאַרנעפּלט.ביידע מענטשן האָבן אויסגעהערט העפלעך, נאָר אין האַרצן האָבן זיי געלאַכט. אָבער האָט זיך זייער געפרייט און האָט זיך דערמיט נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט אויסגענוצט און אפילו מיסברויכט דעם גלח קאָרנעלס גרויסע געדולד. ער האָט איבערגע-

געבן אַלע זיינע אָנשווינגען. דער גלח האָט אַלץ אויסגעהערט באַשיידן און האָט זיך אַפילו נישט געלאַנגווייליקט אַזוי שטאַרק, ווייל מער, ווי ער האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער פֿונם מענטשן, האָט ער זיך צוגעהערט צום מענטשן גופא. ווען קריסטאָף האָט אים באַדויערט, האָט ער געזאָגט:

— מילא! כ'מוז נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן אויסהערן!

אָבער איז געווען דאַנקבאַר ה' וואַטעלע און דעם גלח קאָרנעל, און אַלע דריי, נישט באַמיענדיק זיך צו פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערנס געדאַנקען און אַפילו נישט וויסנדיק דערפֿון, האָבן זיך גענומען ליב האָבן איינער דעם צווייטן אָן אַ קלאָרער סיבה. זיי האָבן זיך זייער געחידושט, וואָס זיי זענען אַזוי נאָענט געוואָרן. זיי האָבן זיך דערויף נישט געריכט — דאָס האָט זיי קריסטאָף פֿאַרייניקט.

אמתע פֿריינט האָט קריסטאָף אויך געהאַט אין די דריי מיידעלעך, די צוויי טעכטערלעך פֿון די עלסבערגערס און די קליינע, וואָס האָט זיך דערצויגן ביי וואַטעלען. ער איז זיי געווען זייער איבערגעגעבן, און זיי האָבן אים פֿון גאַנצן האַרצן ליב געהאַט. ער האָט געהאַט צער, וואָס זיי לעבן אַזוי איינזאַם. יעדערער פֿון זיי האָט ער באַזונדער דערציילט וועגן איר פֿאַרבאָרגענער שכנטע; אָט אַזוי האָט ער דערוועקט אין זיי אַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג זיך צו זען. זיי האָבן זיך איבערגעווינקען דורכן פֿענסטער און אויסגעטוישט אויף די טרעפּ אָפּגעהאַקטע ווערטער. זיי זענען צוגעשטאַנען צו די עלטערן און מיט קריסטאָפֿס הילף געפּועלט, אַז מ'האָט זיי דערלויבט זיך צו טרעפֿן אַמאָל אינם לוקסעמבורגער פּאַרק. קריסטאָף, אַ גליקלעכער, וואָס זיין שפּיצל איז אים געלונגען, איז זיי געגאַנגען זען, בעת זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפֿן. ער האָט זיי געטראָפֿן אַלע צעטומלט און אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע; זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זייער ביי גליק. אין איין רגע איז צעגאַנגען דער אייז צווישן זיי. קריסטאָף האָט געפֿונען פֿאַר זיי נייע שפּילן, יאָגעניש, פֿאַנגעניש. ער האָט זיך אַליין באַטייליקט הייס אין די שפּילערייען, ווי ער וואָלט געווען אַ צען־יעריק קינד. די פֿאַרבייגייער האָבן נייגעריק אָנגעקוקט דעם גרויסן בחור, וואָס איז אַרומגעלאָפֿן און געמאַכט געוואַלדן, אַרומגעדרייט זיך אַרום די ביימער, בעת די דריי מיידעלעך האָבן אים נאָכגעיאָגט. און אַזוי ווי די עלטערן האָבן זיך מיט אומצוטרוי באַצויגן איינע צו די אַנדערע און האָבן מער קיין חשק

נישט געהאַט צו דערלויבן די קינדער עפּעטער זיך צו טרעפן אין גאָרטן (ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט איבער די קינדער אַכטונג געבן), האָט קריסטאָף געפונען אַן אויסוועג, אַז די קינדער זאָלן ווערן איינגעלאַדן אין גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען אינם זעלבן הויז, דורך דעם מאַיאָרן שאַבראַן, וואָס האָט געוווינט אין פּאַרטער.

צופעליק האָט ער זיך צו אים דערנענטערט: — דער צופאַל באַגעגנט שטענדיק די מענטשן, וואָס קאָנען זיך מיט אים באַנוצן. — קריסטאָפס אַרבעטס־טיש איז געשטאַנען נאָענט צום פענסטער. איינמאָל האָט דער ווינט אַראָפּגעבלאָזן עטלעכע בלעטלעך אונטן, אין גאָרטן. קריסטאָף האָט זיי גענומען נאָכיאָגן. ער איז אַראָפּגעלאָפן אָן אַ היטל, אָפּגעקנעפּלט, ווי זיין שטייגער איז געווען, נישט צוצולייגן קיין בערשטל צום בגד. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט דאָרט טרעפן אַ משרת. אַ יונג מיידל האָט אים געעפנט די טיר. ער איז געוואָרן צעטומלט און איבערגעגעבן איר די סיבה פון זיין באַזוך. זי האָט אַ שמייכל געטון און האָט אים געבעטן אַריינגיין; זיי זענען אַריין אין גאָרטן. ער האָט צונויפגעקליבן זיינע פּאַפּירן, געאיילט זיך אַוועקצוגיין און די דינסט האָט אים אַרויסבאַגלייט; נאָר אָט האָבן זיי באַגעגנט דעם אָפיציר. דער מאַיאָר האָט פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט דעם מאָדנעם גאַסט. דאָס מיידל האָט אים מיט אַ שמייכל פאָרגעשטעלט.

— אַך, איר זענט עס דער מוזיקער? — האָט דער אָפיציר געזאָגט. — איך פריי מיך זייער. זענען מיר דאָך חברים.

ער האָט אים געדריקט די האַנט. זיי האָבן זיך פריינטלעך און שפּאַסיק פונאַנדערגעשמועסט וועגן קאָנצערטן, וואָס זיי האָבן איינער דעם אַנדערן געגעבן, קריסטאָף אויף זיין פאָרטעפּיאַן און דער מאַיאָר אויף זיין פייפל. קריסטאָף האָט געוואָלט אַרויסגיין, נאָר יענער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט; ער האָט גענומען חקרענען זיך וועגן דעם מהות פון דער מוזיק. פּלוצלינג איז ער שטיל געוואָרן און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— קומט מיט מיר, וועט איר זען מיינע „קאַנאָנען".

קריסטאָף איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים און געפרעגט בײַ זיך, ווי אַזוי קאָן דעם מאַיאָר אינטערעסירן זיין, קריסטאָפס, מיינונג וועגן דער פראַנצויזישער אַרטילעריע. יענער האָט אים מיט אַ זיגערישן פּנים געוויזן זיינע „קאַנאָנען", פאַרשידענע קונץ־שטיק, זאַכן, וואָס מ'דאַרף לייענען פון סוף ביזן אָנהויב אָדער שפּילן אויף פיר

הענט אויף אַזאַן אופן, אַז איינער זאָל שפּילן איין זייט און דער צווייטער אַן אַנדערע. דער מאַיאָר, וואָס איז אַמאָל געווען אַ סטודענט פון פּאָליטעכניקום, האָט ליב געהאַט מוזיק; אָבער מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט דעם פּראָבלעם פון קלאַנגען־קאָמבינאַציעס: ס׳האָט אים אויסגעוויזן (און אַזוי איז טיילווייז באמת געווען), ווי אַן אויסגעצייכנטע איבונג פאַרן גייסט. און ער האָט געמאַכט רעטענישן און געטראָפן זיי, געמאַכט מוזיקאַלישע קאָמבינאַציעס, מאָדנע און משונהדיקע. בעת ער האָט געדינט אין מיליטער, האָט ער נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט זיין משוגעת; אָבער זינט ער איז אַרויס פון מיליטער, האָט ער זיך איבערגעגעבן זיין אַרבעט מיט התלהבות; ער האָט פאַרשווענדעט זיין גאַנצע ענערגיע און חריפות, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט, בעת ער האָט אין די אַפריקאַנער מקומות נאָכגעיאָגט די נעגערשע מלכימלעך אָדער זיך אויסבאַהאַלטן פאַר זיי. קריסטאָפן האָבן געווילט די דאָזיקע וואָרטשפּילן און רעטענישן, און ער האָט אַליין אויך אויסגעטראַכט זייער אַ קאָמפּליצירטע רעטעניש. דער אָפיציר האָט זיך זייער געפרייט דערמיט. זיי האָבן געוואָלט איינער דעם צווייטן איבעריאָגן און געשאַפן מוזיקאַלישע לאָגאָגריפן. ווען זיי האָבן זיך גענוג אָנגעשפּילט, איז קריסטאָף אַרויף צו זיך אין צימער. נאָר צומאָרגנס אין דער פרי האָט קריסטאָף באַקומען פון זיין שכן אַ פרישן רעטעניש, וואָס מ׳קאָן דערביי צעברעכן ממש דעם קאָפּ. דער מאַיאָר האָט דערויף געאַרבעט אַ האַלבע נאַכט; קריסטאָף האָט געענטפערט צו תשובה, און דער קאַמף האָט זיך ווייטער געצויגן, ביז קריסטאָף האָט מודיע געווען, אַז דאָס שפּיל איז אים געוואָרן לאַנגווייליק און אַז ער האַלט זיך פאַר באַזיגט. דער אָפיציר איז געווען זייער צופרידן. ער האָט אין דעם געזען אַ געוויסע נקמה אָן דעם דייטש און אָן דייטשלאַנד. ער האָט איינגעלאַדן קריסטאָפן צו מיטאָג. קריסטאָפס אָפנהאַרציקייט האָט אים געצוימען: קריסטאָף האָט געפילט אַן עקל צום מאַיאָרס נאַרישע ווערק, און ער האָט געמאַכט געוואַלדן, בעת ער האָט אים אויף דער האַרמאָניע געצוימען אויסשפּילן עפּעס אַן אַנדאַנטע פון היידען. זינט דעמאָלט האָבן זיי זיך אָפט געטראָפן און זייער אָפט געשמועסט. אָבער נישט וועגן מוזיק. קריסטאָף האָט געפונען אַ קנאַפּן אינטערעס אין זיין שכנס פּלפּולים און ער וואָלט גערן אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף אַ מיליטערישע טעמע. אויך

דער מאַיאָר איז מסכּים געווען דערויף. די מוזיק איז פאַרן דאָזיקן אומגליקלעכן מענטשן געווען אַ געצוווּנגענע פאַרוויילונג בלית־ברירה: אין האַרצן האָט ער זיך אַליין אויפגעפרעסן.

און ער האָט לסוף נאָכגעגעבן קריסטאָפּס שטאַרקע בקשות און גענומען דערציילן וועגן די מלחמות אין אַפריקע, געוואַלדיקע געשעענישן, וואָס שטייען נישט נידעריקער פון פּיזאַראָס און קאָרטעס באַגעגענישן! צו קריסטאָפּס באַוווּנדערונג, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ ווונדערלעכע, ווילדע עפּאָפּעע, וועגן וועלכער ער האָט לחלוטין נישט געוווּסט. אַפילו די פראַנצויזן ווייסן נישט וועגן איר; זינט צוואַנציק יאָר פאַרשווענדעט מען אויף איר גבורה, ווונדערבאַרן מוט, אוממענטשלעכן מוט פון אַ הייפל פראַנצויזישע קעמפער, וואָס וואָגלען זיך און ווערן פאַרלוירן אויפן שוואַרצן קאָנטינגענט, אַרומגערינגלט פון שוואַרצע היילות, אָן שום עלעמענטאַרן כּלי-זין, וואָס אַרבעטן אָן אויפהער אויף צו להכעיס דער עפנטלעכער מיינונג און דער דערשראָקענער מלוכה און וואָס נעמען איין פאַר פראַנקרייכס וועגן, אָן פראַנקרייכס וויסן, אַ גרעסערע מלוכה, ווי פראַנקרייך אַליין. אַ שטאַרקע פרייד, געמישט מיט בלוט, האָט געאָטעמט פון די דאָזיקע מעשים; פאַר קריסטאָפּס אויגן זענען אויפגעשטאַנען די „קאָנדיטיערישע" בילדער פון אונזער דור, די העלדן־מעשים פון די גבורים, וואָס איז אוממעגלעך געווען זיך משער צו זיין, אַז זיי עקזיסטירן אין פראַנקרייך פון אונזער צייט; די היינטיקע פראַנקרייך האָט זיך עס געשעמט מודה צו זיין און האָט עס פאַרדעקט מיט אַ שלייער פון צניעות. דעם מאַיאָרס שטים האָט פריילעך געקלונגען, בעת ער האָט דערציילט זיינע זכרונות; און ער האָט מיט פריילעכער תמימות דערציילט זיין געשיכטע (ער פלעגט איבעררייסן אויף אַ מאָדנעם אופן מיט וויסנשאַפטלעכע שילדערונגען פון די געאָלאָגישע שיכטן — אין אַ קלאָרער, קאַלטער שפּראַך), ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען רויבן, ווי זיי זענען באַפאַלן בליץ־שנעל די שונאים, ווי זיי האָבן געפאַנגען מענטשן — און אָט דער פאַנגעניש איז געווען אי אַ מין חיות־פאַנג, אי רויב, אי מלחמה אָן רחמים. קריסטאָף האָט זיך איינגעהערט, אָנגעקוקט אים און האָט רחמנות געהאַט אויף דער דאָזיקער שיינער מענטשן־חיה, וואָס איז געצווונגען צו לעבן אָן אַרבעט און אויפצופרעסן זיך אַליין מיט לעכערלעכע שפּילערייען. ער האָט בײַ זיך געפרעגט, ווי אַזוי קאָן אַזאַ מענטש שלום מאַכן מיט זיין גורל.

ער האָט עס אים געפרעגט. אין אָנהויב האָט דער מאַיאָר, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין חשק צו עפענען זיין האַרץ פאַר אַ פרעמדן מענטשן מחמת חשד, אָבער די פראַנצויזן זענען פלוידערזעק, דער עיקר ווען זיי גייען באַשולדיקן איינער דעם צווייטן.

— וואָס וואָלט איך געטון אין זייער הייניטיקן מיליטער? די מאַטראָזן שאַפן ליטעראַטור, די פוס-גייער פאַרנעמען זיך מיט סאָציאָלאָגיע. זיי באַשעפטיקן זיך מיט אַלץ, אויסער מיט מלחמה. זיי גרייטן זיך אַפילו נישט צו איר — זיי גרייטן זיך, כּדי נישט מלחמה צו האַלטן. זיי שאַפן מלחמה-פילאָזאָפיע. מלחמה-פילאָזאָפיע! אַ שפּיל פון געשלאָגענע עזלען, וואָס אונטערהאַנדלען וועגן קלעפּ, וועלכע זיי וועלן אַ געוויסן טאָג באַקומען. דיספּוטירן, זיך חקרענען — ניין, ס'איז נישט פאַר מיר קיין ענין. בעסער וועל איך זיך אומקערן אין מיין צימער און שאַפן מיינע „קאַנאָנען".

צוליב בושה האָט ער אים נישט דערציילט זיין גרעסטן צער: וועגן חשד, וואָס ווערט איינגעפלאַנצט צווישן די אָפיצירן; וועגן דעם בזיון פון די אָפיצירן, וואָס מוזן פאָלגן חוצפּהדיקע באַפעלן פון בייזע, נאַרישע פּאָליטיקער; דעם צער פון מיליטער, מיט וועלכן מען באַנוצט זיך צו נידעריקער דיסציפּלין-אַרבעט: חרוב צו מאַכן די קירכעס. צו אונטערדריקן די אַרבעטער-שטרייקן, צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן און נקמה-פאַרלאַנגען פון דער הערשנדיקער פאַרטיי— די קליינע, ראַדיקאַלע בירגער, וואָס האָבן פיינט די קירך — קעגן די איבעריקע איינוווינער פון לאַנד. אויסערדעם האָט דער דאָזיקער אַלטער אַפריקאַנער געפילט אַן עקל צום נייען קאָלאָניעס-מיליטער, וואָס איז ס'רוב צונויפגעשטעלט פון די ערגסטע עלעמענטן אין פאָלק, כּדי צו פאַרדעקן דעם עגאָיזם און פּחדנות פון די איבעריקע, וואָס ווילן זיך נישט באַטייליקן אינם כּבוד פון פאָלק און אין דער געפאַר פון דער פאַרטיידיקונגס-אַרבעט ביים בויען „דאָס גרויסע פראַנקרייך".

קריסטאָף האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין די דאָזיקע פראַנצויזישע סכסוכים; די זאַך איז אים נישט אָנגעגאַנגען; אָבער ער האָט געפילט אַ סימפּאַטיע צום אַלטן אָפיציר; כאָטש ער האָט זיך געהאַט זיין מיינונג וועגן מלחמה, — איז אים געווען קלאָר, אַז די אַרמיי איז באַשאַפן, כּדי אַרויסצוגעבן זעלנער, פּונקט ווי אַן עפּלבוים גיט אַרויס עפּל, אָבער נישט קיין פּאָליטיקער, עסטעטן און סאָציאָ-

לאָגן. און דאָך האָט ער נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דער דאָזיקער שטאַרקער מענטש טרעט אָפּ זיין אָרט פאַר אַנדערע. אויב אַ מענטש קעמפט נישט מיט זיינע שונאים, איז ער זיך אַליין אַ שונא. אָט די אַלע פראַנצויזן האָבן פאַרמאָגט אין זיך הכנעה, אַ באַזונדערן מין וותרנות.—אָט דעם שטריך, אָבער נאָך טיפער און האַרציקער, האָט קריסטאָף געפונען ביים אָפּיצירס טאָכטער.

זי האָט געהייסן סעלינע. זי האָט געהאַט איידעלע, פאַרקעמטע האָר, ווי ביי אַ כינעזער, אַ ברייטן, קיילעכדיקן שטערן, שפּיציקע אויערן, איינגעפאַלענע באַקן, אַ באַחנטן, דאָרפישן קין, אויגן שיינע, שוואַרצע, קלוגע, צאַרטע, אַביסל קורצזיכטיקע, אַ דיקלעכע נאָז און אַ שווייגנדיקן שמייכל, וואָס האָט אַביסל אַרויסגערוקט איר אונטערשטע, עטוואָס געשוואָלענע ליפּ. זי איז געווען גוט, אַקטיוו, קלוג אָבער לחלוטין נישט נייגעריק. זי האָט זייער ווייניק געלייענט. נישט געקאָנט קיין איין ניי בוך. קיינמאָל נישט געגאַנגען אין טעאַטער, קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן (די נסיעה האָט זייער געלאַנגווייליקט דעם פאָטער, וואָס האָט זייער פיל אַרומגערייזט) נישט באַטייליקט זיך אין פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי אַלע סאַלאָן מיידלעך, (דער פאָטער האָט זיי פיינט געהאַט) קיינמאָל נישט געפרווט עפּעס לערנען. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון געלערנטע פרויען) נישט גערירט זיך פון אָרט און קיינמאָל נישט אַרויס פון גאָרטן, וואָס איז געווען איינגעשפּאַרט צווישן פיר הויכע ווענט, ווי אין אַ גרויסן ברונעם. און דאָך איז איר נישט געווען לאַנגווייליק. זי האָט זיך פאַרנומען מיט וואָס זי האָט געקאָנט און שלום געמאַכט מיט איר גורל. פון איר און פון דעם קליינעם קרייז, וואָס יעדע פרוי שאַפט אייביק אַרום זיך, האָט געווייעט אַן אַטמאָספערע, וואָס האָט דערמאָנט אָן שאַרדען: שטילקייט, שלווה, רויקע באַוועגונגען, אַביסל שווערלעכע אויפמערקזאַמקייט צו דער טאָגטעגלעכער אַרבעט, דאָס געזאַנג פון אַ גאַנץ יאָר, אַ געוויינלעך לעבן, פאָרויסגעזעענע געדאַנקען און באַוועגונגען, פול מיט צאַרטער רירנדיקער רו. דאָס איז געווען די לויטערע מיטלמעסיקייט פון שיינע, קליינבירגערלעכע נשמות: ערלעכקייט, געוויסן, אמת, רו, שטילע אַרבעט, געלאַסענע פאָטישע פאַרוויילונגען, געזונטער לוקסוס, גייסטיקע און קערפּערלעכע ריינקייט, — פון דעם אַלעמען האָט זיך געטראָגן דער ריח פון געשמאַקן ברויט, ערלעכקייט און גוטסקייט. פרידן האָט געהערשט צווישן די מענטשן, פרידן צווישן די אַלטע

שטיבער און שמייכלענדיקע נשמות....

קריסטאָף, וואָס זיין צוטרוי און סימפּאַטיע צו מענטשן האָבן געוועקט אויך אַ צוטריט צו אים, האָט זיך ביסלעכווייז מיט איר באַפריינדעט. זיי האָבן גאַנץ אָפנהאַרציק געשמועסט. טיילמאָל האָט ער איר געשטעלט פראַגן, אויף וועלכע זי האָט אים, צו איר אייגענער פאַרוווּנדערונג געענטפערט. זי האָט אים דערציילט זאַכן, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, אַפילו אירע נאָענטסטע.

— דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס איר האָט נישט קיין מורא פאַר מיר—האָט איר קריסטאָף געזאָגט.—נישטאָ קיין שום געפאַר מיר זאָלן זיך פאַרליבן איינער אין דעם צווייטן: דערצו זענען מיר צו גוטע פריינט.

— ווי אָפנהאַרציק איר זענט, — האָט זי מיט אַ געלעכטער געענטפערט.

אַזאַ געזונטע נאַטור ווי קריסטאָפס, האָט געפילט אַן עקל צו ליבע-אינטריגעס, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער כלומרשטער פריינטשאַפט, צו די געפילן פון מענטשן, וואָס קלויבן זיך שטענדיק אויס קרומע וועגן. זייביידע האָבן פאַרבראַכט, ווי אמתע פריינט.

איינמאָל האָט ער זי געפרעגט, וואָס זי טוט נאָכמיטאָג, בעת זי זיצט אויף אַ באַנק מיט עפּעס אַ האַנט-אַרבעט אויף די קני, וואָס זי רירט עס נישט אָן. זי איז רויט געוואָרן און געענטפערט, אַז זי זיצט גאָרנישט אַזוי לאַנג, נאָר פון צייט צו צייט זעצט זי זיך אויף עטלעכע מינוט, אפשר אויף אַ פערטל שעה „כדי זיך צו דערציילן דעם המשך פון איר מעשה״.

— וואָס פאַראַ מעשה?

— די מעשה, וואָס איך דערצייל מיר אַליין.

— איר דערציילט זיך מעשות? אָ, דערציילט מיר עפּעס!

זי האָט אים געענטפערט, אַז ער איז צו נייגעריק, נאָר אגב האָט זי אים פאַרטרויעט, אַז נישט זי איז די העלדין פון די דאָזיקע מעשות.

ער האָט זיך געוווּנדערט:

— אויב איר דערציילט זיך שוין אַליין אַ מעשה, איז שוין נאַטירלעכער, מיין איך, צו דערציילן זיך די אייגענע לעבנס-געשיכטע און צו טרוימען וועגן אַ גליקלעכער לעבן.

— איך קאָן עס נישט טון, — האָט זי געזאָגט. — ווען איך טו עס, וואָלט איך געווען אייביק פאַרצווייפלט. זי איז ווידער רויט געוואָרן, וואָס זי האָט אויסגעגעבן אירע סודות. זי האָט צוגעגעבן:

— און אויסערדעם, בעת איך געפין זיך אין גאָרטן און פלוצלינג טוט אַ בלאָז דער ווינט, פיל איך מיך גליקלעך. דער גאָרטן זעט מיר דעמאָלט אויס, ווי לעבעדיק. און ווען דער ווינט בלאָזט ווילדער, ווען ער קומט פון דער ווייטן, — דערציילט ער מיר זייער פיל!

הגם זי איז בטבע געווען אַ פאַרשלאָסענע, האָט קריסטאָף געזען דעם טיפן טרויער, וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטער איר גוטער שטימונג און אַקטיוויטעט. פאַרוואָס באַמיט זי זיך נישט אַרויסצוגיין פון דעם צושטאַנד, צו באַפרייען זיך? זי איז דאָך באַשאַפן געוואָרן צו אַן אַקטיוו נוצלעך לעבן. זי האָט דערציילט, וועגן איר ליבע צום פאָטער, מיט וועלכן זי וויל זיך נישט שיידן. אומזיסט האָט קריסטאָף פראָטעסטירט, אַז דער שטאַרקער, ענערגישער אָפיציר נויטיקט זיך נישט אָן איר; אַז אַזאַ פאַרשוין, ווי ער, מעג בלייבן אַליין, אַז זי האָט נישט קיין רעכט זיך מקריב צו זיין, זי האָט פאַרטיידיקט דעם פאָטער, געזאָגט אַ ליגן, אַז ער צווינגט זי נישט צו בלייבן, אַז זי אַליין קאָן נישט פועלן ביי זיך צו שיידן זיך מיט אים. אין אַ באַשטימטער מאָס איז דאָס אמת געווען. סיי זי און סיי איר פאָטער, סיי די מענטשן אַרום זענען געווען זיכער, אַז אַזוי מוז עס זיין, און מען קאָן עס נישט ענדערן. זי האָט געהאַט אַ באַווייבטן ברודער און ער האָט געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, וואָס זי איז זיך מקריב פאַרן פאָטער. ער אַליין איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע קינדער. ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט און נישט געלאָזט זיי קיין זאַך טון אַליין. די דאָזיקע ליבע איז געווען פאַר אים און דער עיקר פאַר זיין פרוי קייטן, וואָס האָבן מיטן אייגענעם ווילן געפּענטעט יעדע באַוועגונג זייערע. ס'האָט אויסגעזען, אַז בעת זיי האָבן געבוירן קינדער, האָט זיך במילא געענדיקט זייער פערזענלעך לעבן און זיי האָבן געמוזט מוותּר זיין אויף זייער אייגענער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַט דער ענערגישער קלוגער יונגערמאַן האָט געציילט די יאָרן, ווען ער וועט שוין קאָנען פּטור ווערן פון זיין אַרבעט און זיך אינגאַנצן קאָנען איבערגעבן דער דערציונג פון זיינע קינדער. קריסטאָף האָט געפילט, אַז די דאָזיקע מענטשן דריקט די ליבע צו דער פאַמיליע, וואָס איז אין פראַנקרייך אַזוי טיף; אַז זי

שטיקט און מאַטערט אויס, דער עיקר דערפאַר, וואָס די פּראַנצויזישע משפחות זענען זייער קליין אין דער צאָל: אַ פאָטער, אַ מוטער, איין קינד, העכסטנס צוויי און ערגעץ עפּעס אַ פעטער, אַ מומע. אַ ציטע־ ריקע ליבע פון אַ קאַרגן, וואָס פאַרמאַכט אין זיין הויפן די גאָלדענע מטבעות.

איין צופאַל האָט נאָך מער דערנענטערט קריסטאָפן צום מיידל און דערוועקט צו איר אַ גרעסערן אינטערעס. ער האָט זיך איבער־ צייגט, ווי ענג עס זענען די פּראַנצויזישע ליבע־געפילן, די מורא צו לעבן, זיך איבערצוגעבן דעם גורל און צו נעמען אַלדאָס גוטס, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן.

דער אינזשעניער עלסבערגער האָט געהאַט אַ ברודער, יינגער פון אים מיט אַ יאָר צען, אויך אַן אינזשעניער. ער איז געווען אַ וווילער בחור און האָט ליב געהאַט קונסט. אַזעלכע יונגעלייט טרעפן זיך אָפּט אין די פיינערע בירגערלעכע פאַמיליעס. זיי וואָלטן זיך זייער גערן פאַרנומען מיט קונסט, נאָר זיי ווילן נישט ברענגען קיין שאָדן זייער געזעלשאַפטלעכן מצב. באמת איז דער פּראָבלעם גאָרנישט אַזוי שווער, און ס'רוב קינסטלער פון אונזער צייט האָבן אים געלעזן אָן שום מניעות. מען דאַרף נאָר וועלן. אָבער צו דער דאָזיקער אָנשטרענגונג איז אויך נישט יעדערער פעיק. זיי זענען נישט אינגאַנצן זיכער, צי זיי ווילן באמת דאָס, וואָס זיי געפעלט. און וואָס מער זייער בירגער־ לעכער מצב פאַרבעסערט זיך, אַלץ מער לאָזן זיי זיך מיטרייסן פונם שטראָם און גייען אונטער אָן פּראָטעסט און אָן טומל. און מען קאָן צו זיי גאָרנישט האָבן דערפאַר, ווייל ס'איז בעסער צו זיין אַ כשרער קליינבירגער, איידער אַ שלעכטער קינסטלער. נאָר אַזוי־ווי זיי אַנטוישן זיך, בלייבט ביי זיי אָפט אַ געפיל פון אומצופרידנקייט פון „Qualis artifex pereo" (אַ שאָד, וואָס אַזאַ קינסטלער איז פאַרלוירן געגאַנגען), וואָס פאַרשלייערט זיך מיט דער פילאָזאָפיע; דאָס פאַרביטערט זיי דאָס לעבן, ביז דער שטראָם פון די טעג און די נייע דאגות מעקן אָפּ די אַלטע פאַרביטערונג. דאָס זעלבע איז געשען מיט אַנדרע עלסבערגער. ער האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט ליטעראַטור, נאָר זיין ברודער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדער פעסטקייט און עקשנות, האָט געוואָלט, ער זאָל אויסקלייבן אַ וויסנשאַפטלעכן וועג. אַנדרע איז געווען אינטעליגענט און באַשאַפן אין אַ גלייכער מאָס מיט פעיקייטן סיי צו וויסנשאַפט, סיי צו ליטעראַטור. ער איז נישט געווען זיכער.

צי איז ער טאַקע אַ קינסטלער. אָבער ער איז געווען זיכער, אַז ער איז אַ קליינבירגער. לכתחילה האָט ער זיך אונטערגעגעבן נאָר אויף דער ווייל. (מיר קענען דעם באַטייט פון דעם דאָזיקן וואָרט.) ער איז אַריינגעטראַטן אין אַ העכערער אינדוסטריעלער שולע, געענדיקט די שולע גאַנץ מיטלמעסיק און פאַרנומען זיך מיט זיין אינזשיניער־פראָפעסיע טריי און אָן אינטערעס. נאַטירלעך, האָט ער אויף אַזאַ אופן פאַרלוירן אויך דאָס ביסל קינסטלערישע פעיקייטן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און האָט גערעדט וועגן דעם איראָניש.

— און אויסער דעם, — פלעגט ער זאָגן (קריסטאָף האָט דערקענט אין זיין געדאַנק אָליוויערס פעסימיזם), — איז נישט כּדאַי צו פטרן דאָס לעבן צוליב אַ פאַרלוירענער קאַריערע. איין שלעכטער פּאָעט מער אָדער ווייניקער, איז דאָס נישט אַלץ איינס?

ביידע ברידער האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט. זיי האָבן פאַרמאָגט ענלעכע נייגונגען, נאָר זיי האָבן זיך שלעכט פאַרשטאַנען. זיי זענען ביידע געווען דרייפוסיאַנער. נאָר אַנדרע איז מיטגעגאַנגען מיטן סינדיקאַליזם און אַנטימיליטעריזם און אליהו איז געווען אַ פּאַטריאָט.

טיילמאָל פלעגט אַנדרע באַזוכן קריסטאָפן, נישט אָפּטרעטנדיק צו זיין ברודער. קריסטאָף האָט זיך זייער געוווּנדערט. צווישן אים מיט אַנדרען איז קיין באַזונדערע פריינטשאַפט נישט געווען. יענער פלעגט קומען, נאָר כּדי זיך אויף עמעצן צו באַקלאָגן. ער פלעגט קריסטאָפן זייער אויסמאַטערן, נאָר צו קריסטאָפס רייד האָט ער זיך קיינמאָל נישט צוגעהערט. דעריבער האָט זיך קריסטאָף נישט באַמיט צו באַהאַלטן, אַז זיינע באַזוכן זענען גאַנץ איבעריק. אָבער יענער האָט זיך דערמיט נישט גערעכנט און דערויף קיין אַכט נישט געלעגט. לסוף איז די זאַך קלאָר געוואָרן. איינמאָל איז אַנדרע געשטאַנען ביים פענסטער און אַראָפּגעקוקט אונטן צום גאָרטן. ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרטון, אַז ער האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט גערעדט. אַז קריסטאָף האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט ער אָפן מודה געווען, אַז ער קען דאָס פריילין שאַבראַן, און אַז צוליב איר קומט ער עס אַזוי אָפט צו קריסטאָפן. די צונג האָט זיך אים אויפגעבונדן, און ער האָט מודה געווען. אַז ער פילט שוין לאַנג צום מיידל אַ וואַרעם געפיל. נאָר ס'איז פאַראַן אין דעם אַ גרויסע מניעה: די עלסבערגערס זענען אַ לאַנגע צייט געווען אין פריינטלעכע באַציונגען

מיטן מאַיאָרס משפּחה. נאָר שפּעטער האָט זיי די פּאָליטיק צעשיידט, און זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו טרעפן. קריסטאָף האָט נישט באַהאַלטן, אַז ער האַלט דאָס פאַר אַ גרויסע נאַרישקייט. צי איז נישט מעגלעך צו האָבן פאַרשידענע מיינונגען און דאָך שעצן איינער דעם צווייטן, ווי אַמאָל? אַנדרע האָט געענטפערט, אַז יאָ, און פּראָטעסטירט קעגן דעם אין נאָמען פון זיין פרייהייט. ער האָט אָבער געמאַכט אַ פּאָר אויסנאַמען; אין עטלעכע פראַגן — האָט ער געהאַלטן, — טאָר קיינער נישט האָבן קיין אַנדער מיינונג, ווי ער. און ער האָט דערמאָנט די מעשה-דרייפוס, אָנהויבנדיק צו האַלטן אַ גאַנצע דרשה, פול מיט אומזין. קריסטאָף האָט נישט געפרוווט דיספּוטירן. ער האָט בײַ זיך געפרעגט, צי דער ענין וועט זיך אַ געוויסן טאָג ענדיקן, אָדער די דאָזיקע קללה וועט שוין בלייבן אויף אייביק, ביז קינדער און קינדס-קינדער. אַנדרע האָט זיך צעלאַכט. נישט ענטפערנדיק קריסטאָפן, האָט ער גענומען לויבן ביזן הימל סעלינע שאַבראַן און אויסגערעדט אָסור-לדבר אויף איר פאָטער, וואָס האַלט איר קרבן פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך.

— פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה מיט איר, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — אויב איר האָט זיך בײדע ליב?

אַנדרע האָט זיך באַקלאָגט, אַז סעלינע איז קלעריקאַל. קריסטאָף האָט געפרעגט, וואָס דאָס באַדײט. יענער האָט געענטפערט, אַז דאָס הייסט: איבערגעגעבן זיך דער רעליגיע, גאָט און די גלחים.

— און וואָס גייט דאָס אייך אָן?

— דאָס גייט מיך אָן, ווייל איך וויל, אַז מיין ווייב זאָל געהערן צו מיר און נישט צו קיין אַנדערן.

— דאָס הייסט, איר זענט אייפערזיכטיק אויף אייער ווייבס מיינונגען? אויב אַזוי זענט איר מער עגאָיסט פון דעם מאַיאָר.

— בײַ אייך איז דאָס אַ קלייניקייט, און איר אַליין וואָלט גענומען אַ פרוי, וואָס זאָל נישט ליב האָבן קיין מוזיק?

— כ'האָב עס שוין געטון אַמאָל.

— ווי אַזוי קאָנט איר לעבן צוזאַמען, אויב איר האָט פאַרשידענע מיינונגען?

— לאָזט צורו מיט אייערע מיינונגען! אָ, אָרעמער פריינט, די אַלע מיינונגען האָבן קיין שום באַדײטונג נישט. ווען אַ מענטש ליבט... וואָס גייט עס מיך אָן, צי די געליבטע פרוי האָט ליב מוזיק

אַזוי ווי איך? זי אַליין איז פאַר מיר מוזיק! אויב איר האָט געהאַט מזל און געטראָפן אַ געליבט מיידל, וואָס האָט אייך אויך ליב, לאָז זי זיך גלויבן אין וואָס זי וויל, און איר גלויבט אויך, אין וואָס איר ווילט! סוף-כל-סוף האָבן אייערע מיינונגען קיין שום ווערט נישט. נאָר איין אמת איז פאַראַן אויף דער וועלט, נאָר איין גאָט: די ליבע.

— איר רעדט ווי אַ דיכטער, איר קענט נישט דאָס לעבן. איך קען אַסאַך פּאָרפּאָלקן, וואָס ליידן זייער פיל צוליב מיינונגס־פאַרשידנהייט.

— דאָס איז אַ סימן, אַז זיי האָבן זיך נישט גענוג ליב געהאַט. מען דאַרף וויסן, וואָס מען וויל.

— דער ווילן אַליין איז נאָך נישט אַלץ אין לעבן. ווען איך זאָל וועלן חתונה האָבן מיט פריילין שאַבראַן, וואָלט איך עס נישט געקאָנט טון.

— אינטערעסאַנט פאַרוואָס?

אַנדרע האָט אים דערציילט די סיבה פון זיין וואַקלען זיך. זיין מצב אין דער געזעלשאַפט איז נאָך נישט גענוג באַפעסטיקט. קיין פאַרמעגן האָט ער נישט. ער פילט זיך שלעכט אין געזונט און פרעגט דעריבער ביי זיך, צי האָט ער בכלל רעכט חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי אין אַזעלכע באַדינגונגען. ס'איז אַ גרויס אחריות. טאָמער ברענגט ער דערמיט אַן אומגליק פאַר זיין געליבטע, זיך אַליין און — אויך די צוקונפטיקע קינדער? בעסער איז צו וואַרטן, אָדער — לאָזן צורו.

קריסטאָף האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— אַ שיינע ליבע, כ'לעבן. אויב זי האָט אייך ליב, וועט זי זיין גליקלעך צו טון פאַר אייך אַלץ אין דער וועלט. און וואָס שייך קינדער — זענט איר, פראַנצויזן, פשוט לעכערלעך. איר ווילט האָבן קינדער ערשט דעמאָלט, ווען זיי וועלן זיין אייגנטימער פון גיטער און זיי וועלן נישט האָבן אויסצושטיין קיין שום יסורים און שרעק. צו אַלדי רוחות! וואָס גייט עס אייך אָן: איר דאַרפט זיי געבן לעבן, די ליבע צום לעבן און מוט, זיי זאָלן זיך אַליין פאַרטיידיקן. און דאָס איבעריקע... צי זיי וועלן לעבן אָדער שטאַרבן — דאָס ווענדעט זיך אָן דעם מענטשנס גורל. צי איז בעסער פאַר אַ מענטשן צו רעזיגנירן פון לעבן, איידער אויסצושטיין זיינע צרות?

דער שטאַרקער בטחון, וואָס האָט געשטראָמט פון קריסטאָפס רייד, האָט דורכגענומען אַנדרעען. אָבער זיין מיינונג האָט ער נישט

געענדערט. ער האָט געזאָגט:

— יאָ, אפשר איז דאָס אמת.

אָבער ער איז געבליבן ביי זיינס. ס'האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק, אַז פונקט ווי אַ סך אַנדערע מענטשן, פאַרמאָגט אויך ער נישט די פעיקייט צו פאַרלאַנגען און צו טון.

קריסטאָף האָט זיך געראַנגלט מיט זיין פוילקייט, וואָס איז געווען די אייגנשאַפט פון כמעט אַלע זיינע פראַנצויזישע פריינט און איז אויף אַ מאָדנעם אופן געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ פלייסיקער, טיילמאָל פיבערדיקער אַקטיוויטעט. כמעט אַלע מענטשן, וואָס ער האָט געזען אין די פאַרשידענע בירגערלעכע קרייזן, זענען געווען אומצופרידן. כמעט אַלע האָבן געפילט אַן עקל צו די הערשער איבער דער עפנטלעכער מיינונג און צו זייער דעמאָראַליזירטן אַרט דענקען. כמעט אַלע האָבן געהאַט דעם טרויעריקן באַוווסטזיין, אַז די נשמה פון זייער פאָלק איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון פאַרעטער. אין דעם אַלעם איז נישט געווען קיין סימן פון פערזענלעכער פאַרביטערונג. — די פאַרביטערונג פון באַזיגטע מענטשן און שטאַנדן, וואָס זענען געוואָרן אַוועקגעשטויסן אָן אַ זייט פון דער מאַכט און אויסגעשלאָסן פונם אַקטיוון לעבן: באַאַמטע, וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט פון די שטעלעס, כוחות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־אָרט, די אַלטע אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געזעסן באַהאַלטן אין אירע גיטער, כדי צו שטאַרבן, ווי אַ פאַרוווּנדעטער לייב. ס'האָט געשטעקט אין דעם אַ געפיל פון מאָראַלישן בונט, אַן איינגעהאַלטן, טיף, אַלגעמיין געפיל, וואָס האָט זיך אין אַ פאַרשידענער מאָס אויסגעדריקט אומעטום: אין מיליטער, צווישן באַאַמטע, אין אוניווערזיטעט, אין די ביוראָס, אין אַלע לעבעדיקע שרייפלעך פון דער רעגירונגס־מאַשין. אָבער די מענטשן האָבן גאָרנישט געטון. יעדערער האָט זיך באַצויגן מיט פאַרצווייפלונג און געזאָגט:

— מען קאָן גאָרנישט מאַכן.

אָדער:

— לאָמיר דערפון בעסער נישט רעדן

מיט פּחדנות האָבן זיי אָפּגעווענדעט זייערע געדאַנקען און שטרעבונגען פון די טרויעריקע זאַכן און געזוכט אַ שוץ אין דעם פאַמיליען-לעבן.

ווען זיי וואָלטן זיך אָפּגעהאַלטן נאָר פון פּאָליטישער טעטיקייט, וואָלט אין דעם קיין בייז נישט געווען... אָבער אַפילו אין זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט האָבן די דאָזיקע אָרנטלעכע מענטשן גאָרנישט געטון. זיי האָבן זיך מיט געדולד באַצויגן צום גאַנצן ערב־רב פון די אויסווורפן, וואָס זיי האָבן פאַראַכטעט, נאָר מורא געהאַט מלחמה צו האַלטן מיט זיי, ווייל זיי האָבן לכתחילה געהאַלטן, אַז דער קאַמף איז אַן אומזיסטער. פאַרוואָס האָבן די דאָזיקע קינסטלער און דער עיקר מוזיקער, וואָס קריסטאָף האָט זיי געזען פון דער נאָענט, סובל געווען, למשל, די חוצפּה פון די זשורנאַליסטן, וואָס האָבן געשאַפן עסטעטישע געזעצן? פאַרוואָס האָבן זיי נישט פּראָטעסטירט? צווישן די דאָזיקע שרייבערלעך זענען געווען באַרימטע אייזלען, וואָס זייער וויסנשאַפטלעכע עם־הארצות איז געווען אַ שם־דבר. און דאָך זענען זיי געווען די העכסטע דעה־זאָגער אין יעדן וויסנשאַפטלעכן ענין. זיי האָבן זיך אַפילו נישט מטריח געווען אָנצושרייבן אַן אַרטיקל אָדער בוך. זיי האָבן געהאַט סעקרעטאַרן, אויסגעהונגערטע קבצנים, נעבעך, וואָס זענען געווען גרייט אַפילו די נשמה צו פאַרקויפן, — אויב זיי האָבן זי פאַרמאָגט — פאַר אַ שטיקל ברויט און פאַר אַ גאַסן־פרוי. דאָס איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. און דאָך האָבן די דאָזיקע פאַרשוינען געהערשט איבער דער עפנטלעכער מיינונג און זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צו די קינסטלער. קריסטאָף האָט גערעוועט פון כעס, ווען ער האָט געלייענט זייערע צייטונגען:

— זיי פאַרמאָגן דאָך קיין שטיקל נשמה נישט! אָ, געמיינע פּחדנים!

— אויף וועמען ביסטו בייז? — האָט אָליוויער געפרעגט. — נאָך אַלץ אויף עטלעכע גאַסן-לצים?

— ניין, אויף די ערלעכע מענטשן. די רויבער טוען זייערס: זיי נאַרן אָפּ, זיי גזלענען, זיי גנבענען, זיי הרגענען; אָבער די אַנדערע, — די, וואָס לאָזן זיי טוען אַלץ אין דער וועלט און פילן צו זיי אַ פאַראַכטונג, — זיי קאָן איך נישט פאַרטראָגן. ווען זייערע חברים, די זשורנאַליסטן, — די אָרנטלעכע, קלוגע קריטיקער, די קינסטלער, וואָס די לצים קריכן זיי נישט אויפן קאָפּ, — ווען זיי וואָלטן

נישט פחדנותדיק געשוויגן, ווען זיי וואָלטן נישט קיין מורא געהאַט און נישט געהאַט קיין עקלדיקע חשבונות פון דעם מין „לאָז מיך צורו, לאָז מיך געמאַך, וועל איך דיך אויך לאָזן צורו"; — אַ מין שטילער אָפּמאַך, וואָס זיי שרייבן אונטער מיט זייערע שונאים, כּדי צו זיין זיכער פון זייערע קלעפּ; — ווען זיי לאָזן נישט די דאָזיקע לצים פאַרשטעלן זיך אונטער אַ שלייער פון אפּוטרופּסות און פּריינט־שאַפט, — וואָלט זייער חוצפּהדיקע מאַכט, ביי אַן אַלגעמיינעם געלעכ־טער, געפאַלן אין איין טאָג. די זעלבע שוואַכקייט ווייזן זיי אַרויס אומעטום. כ'האָב געטראָפן צוואַנציק ערלעכע לייט, וואָס האָבן מיר געזאָגט וועגן אַ באַשטימטן פאַרשוין: „ער איז אַ לץ", און ס'איז נישט געווען קיין איינער צווישן זיי, וואָס זאָל אים נישט דריקן די האַנט און אים נישט רופן „טייערער פריינט". „זיי זענען צופיל", זאָגט מען. יאָ, צו גרויס איז די צאָל פון די פּחדנים, צופיל זענען פאַראַנען מענטשן אָרנטלעכע, וואָס האָבן מורא פאַר דעם מינדסטן שאָרך.

— אָ! וואָס זשע זאָלן מיר, לויט דיין מיינונג, טון?

— מאַכט אָרדנונג! אויף וואָס וואַרט איר? צי מיינט איר, אַז דער אויבערשטער וועט אייך העלפן? גיב אַ קוק. שוין דריי טעג, ווי ס'פאַלט אַ שניי, וואָס האָט אָנגעפילט אַלע גאַסן און געמאַכט פון פּאַריז אַ זומפּ, — וואָס טוט איר דערצו? איר שרייט צו דער מאַכט, למאַי זי לאָזט אייך זיצן אין דער בלאָטע, אָבער וואָס טוט איר אַליין, כּדי פּטור צו ווערן דערפון? איר זיצט מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרט, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין, און קיין איינער פון אייך פּרוווט נישט פאַרקערן דעם טראָטואַר פאַרן הויז. קיינער דערפילט נישט זיין חוב, נישט די מלוכה, נישט די פּריוואַטע מענטשן. אַלע טראַכטן, אַז זיי זענען פּטור בלויז דערמיט, וואָס זיי וואַרפן אַרויף די שולד אויף אַנדערע. אין משך פון אַזוי פיל דורות מאָנאַרכיסטישע דערציונג, האָט איר זיך אַזוי שטאַרק צוגעוווינט גאָרנישט צו טון מיטן אייגענעם ווילן, אַז שטענדיק דאַכט זיך אייך, אַז עס וועט געשען אַ נס. דער איינציקער מעגלעכער נס וועט געשען דעמאָלט, ווען איר וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט. הער אויס, טייערער אַליוויער, איר פאַרמאָגט אַ סך שכל און גוטע מידות. נאָר בלוט פעלט אייך. און קודם־כּל פעלט עס דיר. נישט אייער האַרץ איז קראַנק און נישט אייער נשמה. אייער לעבן איז קראַנק, עס צעפאַלט זיך.

— וואָס זאָל מען טון? מען מוז וואַרטן, ביז דאָס לעבן וועט געזונט ווערן.

— איר דאַרפט אָבער וועלן, עס זאָל געזונט ווערן. איר דאַרפט וועלן זיך אויסהיילן פון אייער קרענק, איר דאַרפט וועלן! און דע־ריבער מוזט איר קודם־כל אַריינלאָזן אַ ביסל פרישע לופט אין אייער שטוב. אויב אַ מענטש וויל נישט אַרויסגיין פון אייער שטוב, מוז ער, לפּחות, מאַכן אַ דעזינפעקציע אין זיין דירה. איר זענט פאַרסמט מיט די ריחות פון דעם יריד. צוויי דריטל פון אייער קונסט און אייערע געדאַנקען זענען פאַלש, און אייער פאַרצווייפלונג איז אַזוי גרויס. אַז איר טראַכט גאָרנישט אין כּעס צו ווערן, צו בייזערן זיך, אַפילו זיך נישט צו וואונדערן. טייל פון די דאָזיקע אָרנטלעכע מענטשן, — ווי לעכערלעך עס איז! — מאַכן זיך אילוזיעס און רעדן זיך סוף־כּל־סוף איין, אַז נישט זיי זענען גערעכט, נאָר יענע אויסוואורפן. כ׳האָב באַגעגנט, אַפילו אין דער צייטונג „עזאָפּ", וואָס איז לויט אייער מיינונג נישט מוותּר אויף קיין שום זאַך, — די אומגליקלעכע יונגעלייט, וואָס רעדן זיך איין, אַז זיי האָבן ליב קונסט אין גע־דאַנק, בעת ס׳איז נישט אמת! זיי סמען זיך אַליין אָפּ דערמיט. נישט קיין פאַרגעניגן איז עס פאַר זיי. זיי טוען עס מיט הכנעה, און לאַנגווייליקן זיך שרעקלעך מיט די דאָזיקע ליגנס!

קריסטאָף איז דורכגעגאַנגען צווישן די צווייפלענדיקע און פאַר־צווייפלטע, ווי אַ וויכער, וואָס צעשאָקלט די דרימלענדיקע בוימער. ער האָט זיי נישט געפּרוווט אָנוואַרפן זיין אַרט דענקען, נאָר גע־וועקט אין זיי מוט, זיי זאָלן דענקען אַליין. ער האָט געזאָגט:

— איר זענט צו באַשיידן. אייער גרעסטער שונא איז די נע־ראַסטעניע, דער צווייפל. דער מענטש מעג, דער מענטש מוז זיין געדולדיק און מענטשלעך, אָבער מען טאָר נישט צווייפלען אין אַלץ, וואָס מען האַלט אַליין פאַר גוט און ריכטיק. אויב דער מענטש טראַכט עפּעס, דאַרף ער גלויבן אין דעם. און אויב ער גלויבט אין עפּעס, איז ער מחויב צו פאַרטיידיקן זיין גלויבן. ווי גרויס אונזער כּוח זאָל נישט זיין, — אונטערגעבן טאָר מען זיך נישט! דער קלענס־

טער, צי דער גרעסטער — אַלע האָבן, איין חוב, און (דאָס, וואָס איז אים נישט גענוג קלאָר) ער האָט דערצו גענוג כּוח. מיינט נישט, אַז אייער בונט האָט נישט קיין שום ווערט! אַ שטאַרקער באַוווסטזיין, וואָס האָט דעם מוט זיך אַליין צו פאַרטיידיקן, איז שוין במילא אַ שטאַרקע קראַפט. וויפיל מאָל האָט איר געזען אין די לעצטע יאָרן, ווי די מאַכט און די עפנטלעכע מיינונג מוזן זיך רעכענען מיט דער דעה פון איין ערלעכן מענטשן, וואָס פאַרמאָגט נאָר איין כּלי-זין — זיין מאָראַלישן כּוח, וואָס ער טראָגט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט מיט מוט און עקשנות...

און אויב איר וועט פרעגן, צו וואָס דאַרף מען זיך אַזוי אָנ-שטרענגען, צו וואָס קעמפן, צו וועלכן צוועק? זייט-זשע וויסן: — ווייל פראַנקרייך שטאַרבט, ווייל איראָפּע שטאַרבט, ווייל אונזער קול-טור, די וווּנדערלעכע שאַפונג, וואָס איז געבויט געוואָרן פאַרן פרייז פון אַזוי פיל דורות מי און אָנשטרענגונגען מיט אונזער מענטשלעכן כּוח, — וועט פאַלן און חרוב ווערן, אויב מיר וועלן זיך פאַר איר נישט שטעלן אין קאַמף! ס'איז נישט קיין פראַזע. אַ געפאַר דראָט אונזער פאָטערלאַנד, אונזער איראָפּעיש פאָטערלאַנד, און נאָך מער אונזער קליין פאָטערלאַנד — פראַנקרייך. אייער אַפּאַטיע ממיתט זי. אייער שווייגן ממיתט זי. זי גייט אויס צוזאַמען מיט אייער גוססדיקן מוט, צוזאַמען מיט יעדן געדאַנק אייערן, וואָס גיט זיך אונטער און איז זיך אַליין מבטל, צוזאַמען מיט אייערע גוטע אומפּרוכטבאַרע כּוונות, מיט יעדן טראָפּן פון אייער בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן אומ-זיסט... שטייט אויף! איר מוזט לעבן! און אויב ס'איז אַפילו באַשערט אייך צו שטאַרבן, דאַרפט איר שטאַרבן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

אָבער צום שווערסטן איז געווען, נישט דאָס דערוועקן זיי צו מעשים בכלל, נאָר צו מעשים שותּפותדיקע, מיט שותּפותדיקע כּוחות. וועגן דעם האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, זיי האָבן איינער אויפן אַנדערן געמורמלט. די בעסטע פון זיי זענען געווען געפערלע-כע עקשנים. דעם בעסטן ביישפּיל האָט קריסטאָף געפונען אין זיין

סביבה. פעליקס ווייל, דער אינזשיניער עלסבערגער און דער מאַיאָר שאַבראַן האָבן זיך באַצויגן איינער צום אַנדערן מיט שטילער העפלעכער שנאה. און הגם קריסטאָף האָט זיי גיט נישט געקענט, האָט ער דאָך לייכט באַמערקט, אַז אונטער די פאַרשידענע עטיקעטן פון פאַרטייען און ראַסן, האָבן זיי אַלע געשטרעבט צו איין זאַך.

דער עיקר האָבן ווייל און דער מאַיאָר געהאַט אַסאַך שותפותדיקע שטרעבונגען, צוליב עפּעס אַ סתירה, וואָס טרעפט זיך אָפט ביי דענקענדיקע מענטשן, האָט הער ווייל, וואָס האָט שטענדיק געלעבט מיט זיינע ביכער און זיין גייסטיק לעבן, באַגייסטערט ליב געהאַט מיליטערישע ענינים.

— מיר זענען אַלע רויבער, — האָט געזאָגט מאָנטיין, וואָס איז געווען אַ האַלבער ייד. ער האָט געזען אין אַלע מענטשן דעם שטריך, וואָס טרעפט זיך באמת נאָר ביי באַשטימטע מענטשן. ווי למשל ביי ווײלן.

אָט דער אַלטער אינטעלעקטועליסט האָט געהאַט אַ קולט פאַר נאַפּאָלעאָנען. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט כתבים און זכרונות, וווּ ס'האָט געאָטעמט דער פּראַכטפולער חלום פון די צעזאַרישע מלחמות. ווי אַסאַך פראַנצויזן פון דעם דאָזיקן בין השמשות פעריאָד, האָבן אים אויך פאַרבלענדט די ווייטע שטראַלן פון דער נצחון-זון. ער האָט ווידער אויפגעלעבט די אַמאָליקע מלחמות, דורכגעפירט שלאַכטן, באַהאַנדלט מלחמה-אָפּעראַציעס; ער האָט געהערט צו די קאַבינעט-סטראַטעגן, וואָס ווימלען אין די אַקאַדעמיעס און אין די אוניווערזיטעטן, וואָס קאָמענטירן דעם נצחון אונטער אויסטערליץ און קאָריגירן די פעלערן פון וואַטערלאָ. ער איז אַליין גרייט געווען אויסצולאַכן דעם דאָזיקן „נאַפּאָלעאָניזם”; זיין איראָניע האָט זיך געווילט דערמיט; און דאָך האָט ער זיך אַליין פאַרשיכורט, ווי אַ קינד, מיט די דאָזיקע מעשהלעך, און ביי באַשטימטע געשעענישן האָבן זיך אים טרערן געשטעלט אין די אויגן, ווען ער האָט געפילט אָט די שוואַכקייט, האָט ער זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער און גערופן זיך אַליין „אַלטער שוטה”. דעם אמת זאָגנדיק, האָט דאָ נישט געווירקט די ליבע צום פאָטערלאַנד; ער איז געוואָרן נאַפּאָלעאָנס אַ חסיד, אַ דאַנק דער ראָמאַנטישער באַגייסטערונג און פּלאַטאָנישער ליבע צו מעשים. און דאָך איז ער געווען אַ הייסער פּאַטריאָט, וואָס איז מער געווען צוגעבונדן צו פראַנקרייך, ווי אַסאַך אמתע פראַנצויזן. ס'איז בייזוויליק

און נאַריש מצד די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן, וואָס שטויסן אָפּ מיט זייער חשד די נאַציאָנאַלע באַגייסטערונג פון די יידן, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אין פראַנקרייך. אויסער די סיבות, וואָס זענען גורם אין יעדער משפחה זיך צוצובינדן אין צווייטן אָדער דריטן דור צו דער ערד, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט און איינגעוואָרצלט, — פאַרמאָגן נאָך די יידן אַ באַזונדערע סיבה ליב צו האָבן דאָס פאָלק, וואָס פאַר־טיידיקט אין די מערב־לענדער, די פּראָגרעסיוויסטע אידעען פון גייס־טיקער און מאָראַלישער פרייהייט, און זיי האָבן זי נאָך מער ליב דערפאַר, ווייל אויך זיי העלפן שוין הונדערט יאָר די זעלבע זאַך, און ווייל די דאָזיקע פרייהייט איז אין אַ באַשטימטער מאָס זייער אייגן ווערק. ווי זשע זאָלן זיי נישט פאַרטיידיקן פראַנקרייך קעגן יעדער סכנה, וואָס דראָט איר מצד דער פעאָדאַלער רעאַקציע? ווער עס פּרווט — ווי עס וויל האָבן אַ הייפל פּאָליטישע פאַרברעכער און אַ סטאַדע נאַרישע פאַרבלענדטע מענטשן — איבערצורייסן די פעדים, וואָס בינדן די דאָזיקע פראַנצויזישע גרים צו פראַנקרייך, די אַרבעטן אויך לטובת דער רעאַקציע.

דער מאַיאָר שאַבראַן האָט געהערט צו אָט די פאַרבלענדטע פראַנצויזן, וואָס די צייטונגען מאַכן זיי נאַריש, פאַרשטעלנדיק זיי יעדן פרעמדן, וואָס קומט קיין פראַנקרייך פאַר אַ לויערנדיקן שונא; און אויב די נאַטור האָט זיי באַשאָנקען מיט אַן איידעלער מענטשלעכער נשמה, צווינגען זיי זיך אַליין חושד צו זיין, צו האַסן, צו פאַרמאַכן זיך, צו לייקענען אין אַלע דערהויבענע מעשים פון דער נאַציע, וואָס איז צונויפגעשמאָלצן פון אַ סך פאַרשידענע ראַסן. אָט אַזוי האָט שאַבראַן געהאַלטן פאַר זיין חוב נישט אומצוקוקן זיך אויפן שכן פון צווייטן שטאָק, הגם ס'איז געווען זייער לייכט מיט אים זיך צו באַקענען. אויך הער ווייל וואָלט גערן אַריינגעכאַפּט אַ שמועס מיטן אָפיציר, נאָר ער האָט געקענט זיין שאָוויניזם און האָט אים אין האַרצן גרינג־געשעצט.

קריסטאָף האָט נישט געהאַט אַזוי פיל סיבות ווי דער מאַיאָר צו אינטערעסירן זיך אַזוי מיטן הער ווייל. נאָר ער האָט נישט גע־קאָנט הערן, ווי אַ מענטש רעדט אומזיסט און אומנישט אויפן צווייטן, און דעריבער איז ער גרייט געווען אָנצונעמען זיך פאַרן הער ווייל.

איינמאָל, ווען דער מאַיאָר האָט, ווי זיין שטייגער, פאַרביטערט גערעדט וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע, האָט קריסטאָף צו אים געזאָגט:

— איר זענט אַליין שולדיק. יעדערער פון אייך ציט זיך צו־ריק, אויב די געשעענישן אין פראַנקרייך אַנטוויקלען זיך נישט אַזוי ווי ער וויל. באַלד זאָגט ער זיך אָפּ מיט אַ טומל פון זיין שטעלע. מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז איר האַלט עס פאַר אַ כבוד מודיע צו זיין דער וועלט, אַז איר זענט באַזיגט. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין מענטשן, וואָס זאָל באַזיגט ווערן אין קריג און אַוועק־גיין אַזוי גרויסמוטיק. זאָגט אַליין, הער מאַיאָר, איר האָט דאָך אַליין מלחמה געהאַלטן. — צי אַזוי דאַרף אויסזען אַ מלחמה?

— דאָ קאָן מען נישט מלוחמה האַלטן, — האָט געענטפערט דער מאַיאָר — מיר פירן נישט קיין קאַמף אין פראַנקרייך, אין אַזעלכע מלחמות מוז מען אַ סך רעדן, האָבן וויכּוחים, אָפּשטימען, קומען אין באַרירונג מיט אַ הייפל אויסוורפן. איך האָב עס פיינט.

— ס'איז טרויעריק! אין אַפריקע האָט איר דאָך שוין געזען אַ סך מיאוסערע זאַכן.

— איך שוועך אייך, אַז דאָרטן האָב איך נישט געפילט אַזאַ עקל. און אויסער דעם, האָב איך דאָרטן געקאָנט שפּאַלטן די קעפּ! און בכלל, כדי מלחמה צו האַלטן מוז מען האָבן זעלנער. דאָרט האָב איך געהאַט שיסער, דאָ בין איך אַליין.

— אָבער דאָ פעלן דאָך אייך נישט קיין אָרנטלעכע מענטשן.

— ווו זענען זיי?

— אומעטום, אַרום אונז.

— וואָסזשע טוען זיי?

— זיי טוען דאָס, וואָס איר. זיי טוען גאָרנישט. זיי טענהן, אַז מען קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן.

— רוף מיר אָן כאָטש איין נאָמען.

— אַפילו דריי, אויב איר ווילט, און דווקא פון דעם זעלבן הויז.

קריסטאָף האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון הער ווייל (דער מאַ־יאָר האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי), און פוןביידע עלסבערגערס (דער מאַיאָר איז אויפגעשפרונגען פון אָרט).

— אָט דער ייד? די דאָזיקע דרייפוסיאַנער?

— דרייפוסיאַנער — האָט קריסטאָף געזאָגט. — וואָס איז דאָס פאַר אַ בייז?

— זיי האָבן חרוב געמאַכט פראַנקרייך.

— זיי האָבן זי ליב פּונקט ווי איר.

— אויב אַזוי זענען זיי משוגעים, שעדלעכע משוגעים.

— מיר מוזן אָבער געבן גערעכט אויף אונזערע קעגנער.

— איך רעד זייער גערן מיט ערלעכע קעגנער, וואָס קעמפן מיט מיר מיטן זעלביקן געווער, וואָס איך. אָט האָט איר אַ ראיה: אָט רעד איך מיט אייך, הער דייטש, איך שעץ די דייטשן, הגם, איך האָב שטאַרק חשק זיי אָפּצוגעבן, ווען עס איז, די קלעפּ, וואָס איך האָב פון זיי געקריגן — דעם קרן מיט פּראָצענט. אָבער זיי, די אינערלעכע שונאים — דאָס איז אַן אַנדער ענין. זיי באַנוצן זיך מיט אַ מיאוס געווער: מיט נאַרישע פּילפּולים, מיט אומגעזונטע אידעאָלאָגיעס, מיט פאַרסמטן הומאַניזם...

— יאָ, איר געפינט זיך אין דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די מיטלאַלטערלעכע ריטער, וואָס האָבן זיך דעם ערשטן מאָל געטראָפן מיט פייער און האַרמאַטן. וואָס ווילט איר? די מלחמה האָט געענדערט איר פאָרם.

— זאָל זיין. נאָר אויב אַזוי זאָל מען זיין אָפנהאַרציק. לאָמיר מודה זיין, אַז דאָס איז אַ מלחמה.

— לאָמיר אָננעמען, אַז אַ שותּפותדיקער שונא וואַפּ‌ו אָן אַן אימה אויף דער אייראָפּעישער קולטור. צי וואָלט איר זיך דעמאָלט נישט פאַראייניקט מיט די דייטשן?

— מיר וואָלטן געפּרוווט.

— אויב אַזוי, קוקט זיך אַרום. אָט איז אייער לאַנד, אָט זענען אַלע אייראָפּעישע לענדער, צי דראָט נישט קיין ממשותדיקע געפאַר דעם העראָישן אידעאַליזם פון זייערע ראַסן? צי זענען זיי נישט אַלע, מער אָדער ווייניקער, אַ רויב פאַר די אויסווורפן פון אַלע שטאַנדן, קעגן דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם שונא — צי דאַרפט איר נישט אויסשטרעקן אַ האַנט אַלע אייערע קעגנער, וואָס פאַרמאָגן אַ געוויסן ווערט און מאָראַלישע שטאַרקייט? ווי קאָן, אַזאַ מענטש ווי מיר, זיך אויף אַזוי ווייט נישט רעכענען מיט דער ווירקלעכקייט? אָט זענען פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרטיידיקן אַן אַנדער אידעאַל ווי אייערן. אַן אידעאַל איז אַ כּוח. איר קאָנט עס נישט אָפּלייקענען. אין דער מלחמה, וואָס איר האָט נישט לאַנג אָפּגעהאַלטן האָט דאָך געזיגט דער אידעאַל פון דעם שונא. אָנשטאָט אָפּצושוואַכן אייערע כּוחות אין קאַמף מיט אים, פאַרוואָס נוצט איר אים נישט אויס, צוזאַמען מיט אייער

אידעאַל, קעגן די שונאים פון יעדן אידעאַל, קעגן די אַלע, וואָס מיסברויכן מיט זייער פּאַטערלאַנד, מיטן אידעאַל, קעגן דעם וואָרעם וואָס פרעסט אויף די אייראָפּעישע קולטור?

— פאַרוואָס? מיר דאַרפן פריער קומען צו אַ הסכם. צי זאָלן מיר עס טון פאַרן נצחון פון אונזערע שונאים?

— ווען איר זענט געווען אין אַפריקע האָט איר נישט געוואָלט וויסן צי איר שלאָגט זיך פאַרן קעניג אָדער פאַר דער רעפּובליק. איך מיין, אַז פיל פון אייך האָבן אפילו נישט געטראַכט וועגן דער רעפּובליק.

— זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט פון איר.

— אויסגעצייכנט. און פראַנקרייך האָט דערויף געוואונען. איר האָט געקעמפט פאַר איר און אויך פאַר זיך, פאַר אייער כבוד, פאַר אייער פאַרגעניגן. אויב אַזוי פאַרוואָס זאָלט איר אויך דאָ נישט טון דאָס אייגענע? מאַכט ברייטער דעם קאַמף, פאַרמאַטערט נישט איינער דעם אַנדערן מיט די נאַרישקייטן פון דער פּאָליטיק, אָדער דער רעליגיע. דאָס אַלץ איז דאָך שטות. אויב אייער נאַציע איז די עלטסטע טאָכטער פון דער קירך אָדער פון דעם שכל — טאָ וואָס איז דער מער? דער עיקר — זי זאָל לעבן. אַלץ, וואָס שטאַרקט דאָס לעבן איז כשר און גוט. ס'איז פאַראַן נאָר איין שונא: דער טאָגטעגלעכער עגאָיזם, וואָס טרוקנט אויס און פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון לעבן, די פרייד פון דעם קרבן, פון מעשים. און לעגט נישט אַרויף אויף אַנדערע די פליכט צו טון פאַר אייך. טוט, טוט! פאַרייניקט זיך! פאָרויס!

ער האָט זיך געזעצט און לאַכנדיק אַ קלאַפּ געטון אויפן פאָרטעפּיאַן די ערשטע טאַקטן פון דער „סימפאָניע מיט כאָר" דעם מאַרש B-mol.

— איר ווייסט, — האָט קריסטאָף צוגעגעבן איבעררייסנדיק דאָס שפּילן, — וואָלט איך געווען איינער פון אייערע מוזיקער, שאַרפּאַנטיע, אָדער ברונאָ (זאָל זיי דער טייוול נעמען), וואָלט איך זייער „בירגער צום וואָפן" דעם אינטערנאַציאָנאַל, „זאָל לעבן אַנרי דער פערטער", „גאָט באַשיץ פראַנקרייך" — געמאַכט בקיצור: פון אַלע ירקות פון דער הייליקער יאָהאַן־נאַכט וואָלט איך געמאַכט איין כאָראַלע סימפאָניע, אַ מאכל, וואָס וואָלט אייך אָפּגעבריט די צינגער. זי וואָלט אַרויסגעקומען נישט ערגער (לכל הדעות נישט ער־

גער פון אַנדערע זייערע ווערק), — נאָר איך שווער אייך, אַז זי וואָלט אייך געשמיסן איבער די רוקנס און איר וואָלט גזמווזט גיין פּאָרויס.

ער האָט זיך צעלאַכט פונם גאַנצן האַרצן.

דער מאַיאָר האָט אויך געלאַכט.

— איר זענט אַ ווילער בחור, הער קראַפט, אַ שאָד, וואָס איר זענט נישט קיין אונזעריקער.

— אָבער איך בין דאָך אייערער! אומעטום קומט פאַר דער זעלבער קאַמף, לאָמיר זיך פאַרייניקן!

דער מאַיאָר האָט אים געגעבן געדעכט, נאָר אַלץ איז געבליבן, ווי געווען. קריסטאָף האָט זיך דעמאָלט איינגעעקשנט און צוריק אַרויפגעפירט דעם שמועס אויפן הער ווייל און די עלסבערגערס. דער אָפיציר איז געווען נישט קיין קלענערער עקשן פון אים או האָט ווידער איבערגעחזרט זיינע אייביקע טענות קעגן די יידן און דרייפוסיאַנער, און אַלץ, וואָס קריסטאָף האָט געזאָגט האָט, משמעו, אויף אים קיין איינדרוק נישט געמאַכט.

קריסטאָף האָט זיך גענומען צום האַרצן. אָליוויער האָט אים געזאָגט:

— האָב נישט קיין עגמת־נפש! איין מענטש קאָן נישט פּלוצלינג ענדערן דעם גייסטיקן מצב פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. ס'וואָלט געווען צו שיין. אָבער זיין אַרבעט גייט נישט פאַרלוירן. דו ריכסט זיך אַליין נישט דערויף.

— וואָס טו איך אויף אַזוינס? — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— ביסט קריסטאָף.

— וואָס טויג עס עמעצן?

— זייער פיל. נאָר בלייב דאָס, וואָס דו ביסט, טייערער קריסטאָף, און מיט אונז פאַרנעם זיך נישט.

אָבער קריסטאָף האָט נישט געוואָלט מסכּים זיין. ער האָט ווייטער געפירט וויכּוחים מיטן מאַיאָר שאַבראַן, טיילמאָל זייער היציקע. סעלינען האָט עס געווויילט. זי פלעגט אויסהערן די שמועסן און שטיל געאַרבעט, נישט באַטייליקנדיק זיך אין געשפּרעך. זי האָט אויסגעזען פריילעכער. איר בליק האָט באַקומען אַ נייעם גלאַנץ, ווי ער וואָלט אַרומגענומען נייע ווייטקייטן און ווי זי וואָלט פרייער געאָטעמט. זי האָט מער געלייענט, אָפטער אַרויסגעגאַנגען און אינטע-

רעסירט זיך מיט אַסאַך זאַכן. און איינמאָל, ווען קריסטאָף האָט זיך געקריגט מיטן פּאָטער וועגן די עלסבערגערס, האָט דער מאַיאָר באַמערקט, ווי זי שמייכלט. ער האָט זי געפרעגט, וואָס זי טראַכט. זי האָט רויק געענטפערט:

— איך מיין, אַז גערעכט איז הער קראַפט.

דער מאַיאָר איז צעטומלט געוואָרן:

— ס׳איז שוין איבער דער טבע — האָט ער אַ ברום געטון. — סוף כל סוף, צי מיר זענען גערעכט אָדער נישט, בלייבן מיר סיי ווי סיי אַזוי ווי מיר זענען. מיר פילן גאָרנישט קיין באַדערפעניש זיך צו טרעפן מיט די דאָזיקע מענטשן, נישט אמת, טאָכטער?

— יאָ, טאַטע, נאָר ס׳וואָלט מיר געווען זייער אָנגענעם.

דער מאַיאָר האָט געשוויגן און געמאַכט זיך נישט הערנדיק. ער האָט געפילט קריסטאָפס השפּעה, נאָר געוואָלט עס באַהאַלטן. זיינע באַגרענעצטע מיינונגען און זיין היציקייט האָבן אים נישט געשטערט צו זיין ערלעך און אויפריכטיק. ער האָט ליב געהאַט קריסטאָפן פאַר זיין אָפנהאַרציקייט און מאָראַלישער געזונטקייט נאָר ס׳האָט אים ווי געטון, וואָס קריסטאָף איז אַ דייטש. אמת, ער האָט זיך בעת די וויכּוחים אויפגערעגט. ער האָט זיי אָבער שטאַרק ליב געהאַט, און קריסטאָפס מיינונגען האָבן אים אָן אויפהער אינטערעסירט, הגם ער האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט מודה זיין. נאָר איינמאָל האָט אים קריסטאָף געטראָפן אַריינגעטון אין עפּעס אַ בוך, וואָס ער האָט אים בשום אופן נישט געוואָלט ווייזן. ווען סעלינע האָט אַרויסבאַגלייט קריסטאָפן, האָט זי אים געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס ער לייענט? ווילס בוך.

קריסטאָף איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד.

— און וואָס האָט ער געזאָגט דערויף?

— ער האָט געזאָגט: „אַ בהמה קאָן!" אָבער ער קאָן זיך מיטן בוך נישט שיידן.

קריסטאָף האָט נישט אַרויסגעוויזן דעם מאַיאָר, אַז ער ווייס דערפון. אָבער יענער האָט אים אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס האָט איר מיך אויפגעהערט צו מאַטערן, איך זאָל זיך באַקענען מיט אייער יידן?

— ווייל ס׳איז שוין איבעריק, — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט דער מאַיאָר מיט אַ מאָנענדיק קול גע־פרעגט.

קריסטאָף האָט זיך צעלאַכט. ער האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אַוועק.

אָליוויער איז געווען גערעכט. נישט מיט קיין ווערטער אַליין ווירקט מען אויף דער סביבה. דער מענטש ווירקט מיט זיין גאַנצן וועזן. עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרשפרייטן אַרום זיך אַן אַט־מאָספער פון רו מיט זייער בליק, מיט זייערע באַוועגונגען. פון קרי־סטאָפן האָט אַרויסגעשטראַלט לעבן. עס איז אַדורכגעדרונגען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, ווי די וואַרעמקייט פון פרילינג דורך די אַלטע ווענט און פאַרמאַכטע פענסטער פון דעם אין שלאָף פאַרזונקענעם הויז. עס האָט אָפּגעפרישט די הערצער, וואָס דער טרויער, שוואַכקייט און איינזאַמ־קייט האָבן זיי לאַנגע יאָרן געפרעסן, חרוב געמאַכט און איבערגעגעבן צום טויט. די מאַכט פון דער נשמה איבער אַנדערע נשמות! סיי די, וואָס זענען משפיע, סיי די, וואָס ווערן באַאיינפלוסט, זיי פילן עס ביידע נישט. און דאָך באַשטייט דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט פון אַזעלכע אויפגאַנגען און פאַרגאַנגען, צופלוסן און אָפּפלוסן, וואָס איבער זיי הערשט אַ שטאַרקער געהיימניספולער כוח.

צוויי שטאָק אונטער קריסטאָפס דירה האָט געוווינט, ווי מיר ווייסן, אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, מאַדאַם זשערמען, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק געבליבן אַן אַלמנה, און מיט אַ יאָר צוריק איז איר געשטאָרבן איר איינציק טעכטערל, אַ מיידעלע פון זיבן, אַכט יאָר. זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט איר שוויגער. זיי האָבן זיך נישט געטראָפן מיט קיינעם פון די שכנים. קיינער איז נישט גע־קומען אַזוי ווייניק אין באַרירונג מיט קריסטאָפן, ווי די צוויי שכנים. זיי האָבן זיך כמעט קיינמאָל נישט געטראָפן און קיינמאָל נישט גע־רעדט צווישן זיך.

זי איז געווען אַ הויכע פרוי, מאָגער, פיין געבויט, מיט מ...טע, שיינע אויגן, כמעט אָן אויסדרוק, אין וועלכע ס׳האָט צייטנווייז גע־גלאַנצט אַ מוטנער, פינסטערער פלאַם; איר פנים איז געווען געל ווי

וואַקס, די באַקן איינגעפאַלן און דאָס מויל צוזאַמענגעפרעסט. די אַלטע מאַדאַם זשערמען איז געווען פרום און אירע גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין קירך. די יונגע פרוי איז געווען פאַרמאַכט אין זיך און איבער־געגעבן איר טרויער. זי האָט זיך מיט קיין שום זאַך און מיט קיינעם נישט אינטערעסירט. זי האָט זיך אַרומגערינגלט מיט זכרונות און ביל־דער פון איר מיידעלע, אָן אויפהער אין זיי געקוקט, ביז זי האָט לסוף אויפגעהערט צו זען דאָס מיידעלע גופא. די פאָטאָגראַפיעס, די טויטע בילדער האָבן דערהרגעט דאָס לעבעדיקע בילד. זי האָט אויפ־געהערט צו זען דאָס קינד. אָבער אָפּגעלאָזט האָט זי נישט; זי האָט געוואָלט טראַכטן בלויז וועגן איר. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט נישט געקאָנט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען אַפילו אַרום דער פאַרשטאָר־בענער: זי האָט דערגענצט דאָס ווערק פון טויט. דעמאָלט איז זי גע־בליבן זיצן פאַרגליווערט אויפן אָרט. איר האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן. די טרערן האָבן איר אויסגעטרוקנט, דער קוואַל פון איר לעבן איז אַנטרונען געוואָרן און די אמונה האָט איר אויך גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט מקיים געווען די רעליגיעזע מצוות אָבער אָן ליבע און במילא אָן לעבעדיקן גלויבן. זי האָט געגעבן געלט אויף הזכרות־נשמות, אָבער קיין צדקה האָט זי נישט געטיילט און גוטע מעשים נישט געטון. איר גאַנצן גלויבן האָט זי געשטיצט אויפן איינציקן געדאַנק: ווידער צו זען איר קינד און דאָס איבעריקע — וואָס גייט עס איר אָן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי מיט גאָט? ווידער צו זען איר קינד. נאָר עס ווידער צו זען. זי האָט געבענקט דערצו מיט פאַרביטערונג און יאוש. נאָר זי האָט געצווייפלט... קיין אַנדערע קינדער האָט זי נישט געקאָנט אָנקוקן. זי האָט געטראַכט:

— פאַרוואָס זענען זיי נישט געשטאָרבן?

אין דער זעלבער געגנט האָט געוווינט אַ מיידעלע, וואָס איז מיט איר פיגור און באַוועגונגען געווען ענלעך צו איר קינד. ווען זי האָט געזען דאָס מיידעלע מיט אירע דינע צעפּעלעך, האָט זי אינגאַנצן געציטערט. זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר. און ווען די קליינע האָט זיך אויסגעדרייט און זי האָט געזען, אַז עס איז נישט איר טאָכטער האָט מאַדאַם זשערמען געוואָלט זי דערשטיקן. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף עלסבערגערס מיידעלעך, הגם זיי זענען געווען רויק און זייער דער־ציונג האָט דערשטיקט אין זיי די פרייהייט, אַז זיי מאַכן אָן אַ טומל אויפן אויבערשטן שטאָק; און ווען די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען

איבערן צימער, האָט זי געשיקט איר דינסט זאָגן, אַז זיי זאָלן זיצן שטיל. קריסטאָף, וואָס האָט זי באַגעגנט איינמאָל, ווען ער איז צוזאַמען מיט די קינדער, געגאַנגען אַהיים, האָט מיט פאַרווונדערונג געזען, אַז זי וואַרפט אויף זיי אַ בייזן בליק.

איינמאָל אין אַ זומער־אָוונט, ווען די דאָזיקע לעבעדיק־געשטאָרבענע איז איינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן אין דעם גאָרנישט, ווי שטענדיק, אָוונט צייט ביים פענסטער, האָט זי געהערט ווי קריסטאָף שפּילט. קריסטאָף האָט ליב געהאַט אין דער שעה צו זיצן און חלומען ביים פּיאַנינאָ. די דאָזיקע מוזיק האָט זי אויפגערעגט. די מוזיק האָט פון איר אַראָפּגעטרייסלט דעם פוסטן צושטאַנד, אין וועלכן זי איז פאַרגליווערט געוואָרן. זי האָט מיט כעס פאַרמאַכט דאָס פענסטער. אָבער די מוזיק האָט זי נאָכגעיאָגט ביז טיף אין צימער אַריין. מאַדאַם זשערמען האָט דערפילט אַ שנאה צו דער מוזיק. זי האָט געוואָלט פאַרווערן קריסטאָפן צו שפּילן. זי האָט אָבער דערצו קיין רעכט נישט געהאַט. זינט דעמאָלט פלעגט זי וואַרטן אין דער זעלבער שעה, אַז דער פאָרטעפּיאַן זאָל נעמען שפּילן. און ווען ער האָט זיך פאַרזאַמט, איז זי געווען נאָך מער אויפגערעגט. זי איז געווען איבערגעוואָלט געצווונגען צו הערן דאָס שפּילן ביזן סוף. און ווען די מוזיק האָט זיך געענדיקט, האָט זי זיך שוין מער נישט געקאָנט אומקער'ן צו איר פריערדיקן פאַרגליווערטן צושטאַנד. און איינמאָל אין אָוונט, ווען זי האָט זיך געזעצט אין ווינקל פון איר פינסטערן צימער און דורך די ווענט און פאַרמאַכטן פענסטער האָט דורכגעדרונגען די ווייטע מוזיק, די ליכטיקע מוזיק, האָט זי געפילט אַ ציטער, איבערן קערפּער און דער קוואַל פון אירע טרערן האָט זיך ווידער געעפנט. זי האָט געעפנט דאָס פענסטער און איז געשטאַנען און זיך איינגעהערט וויינענדיק. די מוזיק איז געווען ווי אַ וואַרעמער רעגן, וואָס איז אַריינגעדרונגען, ווי אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן אין איר פאַרטרוקנט האַרץ און עס ווידער באַלעבט. זי האָט ווידער דערזען דעם הימל, די שטערן, די זומער־נאַכט... זי האָט דערפילט, אַז אין איר דערוועקט זיך — ווי אַ שטראַל, וואָס איז ביז איצט פאַרטונקלט געווען — דער אינטערעס צום לעבן, אַן אומקלאָרער, ווייטיקלעכער מיטגעפיל צו אַנדערע. און ביינאַכט איז, צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע חדשים, ווידער אַרויפגעשוווּמען אין חלום דאָס בילד פון איר קינד. ווייל דער זיכערסטער וועג, וואָס דערנענטערט אונז צו אונזערע פאַרשטאָרבענע, דער איינ־

ציקער וועג, וואָס דערלויבט זיי אונז צו זען, איז נישט צו שטאַרבן, ווי זיי, נאָר צו לעבן. זיי לעבן, כּל זמן מיר לעבן, און שטאַרבן מיט אונזער טויט.

זי האָט זיך נישט באַמיט צו טרעפן מיט קריסטאָפן. פאַרקערט — זי האָט אים אויסגעמיטן. נאָר זי האָט געהערט זיינע טריט, בעת ער איז געגאַנגען איבער די טרעפ מיט די קינדער. און זי האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער טיר, כּדי צו הערן זייער פּלוידעריי, וואָס האָט זי טיף גערירט.

איינמאָל, ווען זי האָט געוואָלט אַרויסגיין, האָט זי דערהערט טריט אויף די טרעפ, וואָס האָבן דאָס מאָל אָנגעמאַכט מער טומל, ווי שטענדיק. איין קינד האָט זיך אָנגערופן צום צווייטן:

— מאַך נישט קיין טומל, לוסעט. דו ווייסט דאָך: קריסטאָף האָט געזאָגט, אַז מאַדאַם זשאַרמען האָט שטאַרק עגמת-נפש דערפון.

און יענץ קינד האָט איינגעהאַלטן די טריט און גערעדט אין דער שטיל. דעמאָלט האָט זיך מאַדאַם זשאַרמען נישט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט געעפנט די טיר, אָנגעכאַפּט די קינדער און שטאַרק גענומען קושן. זיי האָבן זיך דערשראָקן, איין מיידעלע האָט גענומען שרייען. דעמאָלט האָט זי זיי אָפּגעלאָזט און אַריין צו זיך אין שטוב.

זינט דעמאָלט, וויפיל מאָל זי האָט געטראָפן די קינדער, האָט זי געפּרוווט צו זיי שמייכלען מיט אַ פאַרקרימטן שמייכל (זי האָט פאַרגעסן, ווי מען שמייכלט) און גערעדט צו זיי וואַרעמע, האַרציקע ווערטער. די קינדער זענען צעטומלט געוואָרן און געענטפערט שטיל און דערשלאָגן. זיי האָבן איצט מורא געהאַט פאַר מאַדאַם זשאַרמען מער ווי פריער. און ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען איר טיר, זענען זיי שנעל געלאָפן, כּדי זי זאָל נישט באַוויזן אַרויסצוגיין. זי האָט זיך אויך באַהאַלטן, כּדי צו זען די קינדער. זי האָט זיך געשעמט, טאָמער זען די מענטשן, אַז זי רעדט צו זיי, זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גנבעט אַוועק אַ ביסל ליבע פון איר פאַרשטאָרבענער טאָכטער, די ליבע, וואָס געהערט אינגאַנצן צו איר. זי איז געפאַלן אויף די קני און געבעטן ביי איר פאַרגעבונג. אָבער איצט, ווען ס'האָט דערוואַכט אין איר דער אינסטינקט פון לעבן און ליבע, האָט זי זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן, ווייל ער איז געווען שטאַרקער פון איר, און זי האָט מבטל געמאַכט איר ווילן.

איינמאָל, ווען קריסטאָף איז אין אָוונט געקומען אַהיים, האָט

צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט די אומאָרדנונג אין הויז. עפּעס אַ צוישטעלער פון שפּייז, וועלכן ער האָט געטראָפן אויפן וועג, האָט אים דערציילט, אַז דער איינוווינער פון דריטן שטאָק, הער וואַטעלע איז פּלוצלינג געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אַטאַק אָדער פון אַ בלוט-שטורץ. קריסטאָף איז געווען דורכגענומען מיט מיטלייד נישט אַזוי צו זיין אָרעמען שכן, ווי צום איינזאַמען מיידעלע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. הער וואַטעלע האָט נישט געהאַט קיין פריינט און נישט קיין קרוב. מען האָט זיך געקאָנט לייכט אָנשטויסן, אַז ער לאָזט זי איבער אָן געלט-מיטלען. קריסטאָף איז גיך אַרויף און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אויפן דריטן שטאָק, ווו די טיר איז געווען אָפן. ער האָט דאָרט געטראָפן דעם גלח קאָרנעל זיצן ביים טויטן און דאָס מיידעלע, וואָס האָט געקלאָגט און גערופן דעם פאָטער. די וועכטערין האָט זי אויף אַן אומגעשיקטן אופן געפּרוווט באַרויקן. קריסטאָף האָט גענומען דאָס מיידעלע אויף די הענט און אָנגעהויבן זי טרייסטן. די קליינע האָט זיך פאַרצווייפלט אָנגעהאָנגען אָן אים. ער האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן. ער האָט זי געוואָלט אַוועקנעמען פון דער שטוב, נאָר זי האָט נישט געוואָלט. ער איז געבליבן מיט איר. ער האָט זיך געזעצט ביים פענסטער אין שיין פון דעם גוססדיקן טאָג, זי איינגעשלעפערט אין זיינע אָרעמס און גערעדט צו איר צערטלעכקייטן. דאָס מיידעלע האָט זיך ביסלעכווייז באַרויקט און איז איינגעשלאָפן אין מיטן וויינען. קריסטאָף האָט זי געלעגט אויפן בעט און אומגעשיקט זי געפּרוווט אויסטון, אָפּצובינדן די בענדלעך פון איר שיך. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. די טיר איז געבליבן אָפן, מיט אַ שאָרך פון קליידער האָט זיך אַריינגעשלייכט עפּעס אַ שאָטן. ביים שיין פון אויסגייענדיקן בין-השמשות האָט קריסטאָף דערקענט די פייערדיקע אויגן פון דער פרוי אין טרויער. ער איז געווען איבעראַשט. זי האָט זיך געשטעלט אויף דער שוועל פון צימער און געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים:

— כ׳בין געקומען... איר ווילט... איר ווילט זי מיר געבן?

קריסטאָף האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. מאַדאַם זשאַרמען האָט געוויינט. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט צוקאָפּנס פון בעט און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— לאָזט מיך, איך וועל אַכטונג געבן אויף איר.

קריסטאָף איז אַראָפּ אונטן צוזאַמען מיטן גלח קאָרנעל. דער

גלח האָט זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט און זיך פֿאַרענטפֿערט, וואָס ער איז דאָ געקומען. ער האָט באַשיידן אויסגעדרוקט די האָפֿענונג, אַז דער פֿאַרשטאָרבענער וועט פֿאַר דעם אויף אים קיין פֿאַריבל נישט האָבן. ער איז געקומען נישט ווי אַ גלח, נאָר ווי אַ פֿרייַנט. קריסטאָף איז געווען צו שטאַרק גערירט, ער זאָל קאָנען עפּעס רעדן, און ער האָט דעם גלח בלויז געדריקט די האַנט.

צומאָרגנס אין דער פֿרי, ווען קריסטאָף איז ווידער אַרויפֿגעגאַנגען, האָט ער געטראָפֿן דאָס מיידעלע אָנגעהאָנגען אויפֿן האַלז פֿון מאַדאַם זשאַרמען. זי איז געווען פֿול מיט תּמימותדיקן צוטרוי. די קינדער ווייסן שוין צו וועמען זיי מעגן האָבן צוטרוי. זי האָט מסכּים געווען מיטצוגיין מיט מאַדאַם זשאַרמען. אָ, זי האָט אינגיכן פֿאַרגעסן איר דערציִער. איצט האָט זי געפֿילט די זעלבע ליבע צו איר נייַער מוטער. דאָס האָט נישט גוט עדות געזאָגט וועגן איר נשמהלע. צי האָט עס דער עגאָיזם פֿון דער מאַדאַם זשאַרמענס ליבע באַמערקט? אפֿשר. אָבער וואָס מאַכט עס אויס? די ליבע איז אַ געזעץ. ליבע איז גליק.

אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך דער קבֿורה, האָט מאַדאַם זשאַרמען מיטגענומען דאָס מיידעלע אין אַ דאָרף, ווייט פֿון פּאַריז. קריסטאָף און אָליוויער זענען געווען ביי איר אָפּפֿאָרן. דאָס פּנים פֿון דער יונגער פֿרוי האָט אויסגעדריקט רו און באַהאַלטענע פֿרייד, וואָס מען האָט ביי איר ביז דעמאָלט נישט געזען. זי האָט זיי נישט באַמערקט. נאָר אַ מינוט פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט זי דערזען קריסטאָפֿן. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

— איר האָט מיך געראַטעוועט.

— וואָס האָט זי געזאָגט די משוגענע? — האָט קריסטאָף פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט, ווען זיי זענען געגאַנגען צוריק אַהיים.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט קריסטאָף באַקומען דורך דער פּאָסט אַ פֿאָטאָגראַפֿיש בילד פֿון אַ קליין אומבאַקאַנט מיידעלע, וואָס איז געזעסן אויף אַ פֿוס-בענקעלע, מיט די הענטלעך פֿאַרלעגט אויף די קני און געקוקט אויף אים מיט קלאָרע אומעטיקע אויגן. אונטן זענען געווען אָנגעשריבן די ווערטער:

— מיין קליין פֿאַרשטאָרבן מיידעלע דאַנקט אייך.

אָט אַזוי האָט דער אָטעם פון אַ ניי לעבן געשוועבט אַרום די אַלע מענטשן, דאָרט אין דעם בוידים־שטיבל אויפן פינפטן שטאָק האָט געברענט אַ פייער פון ברייטער, פרייער מענטשלעכער ליבע, וואָס אירע ליכטשטראַלן האָבן דורכגעדרונגען דאָס גאַנצע הויז.

אָבער קריסטאָף האָט עס לחלוטין נישט געפילט. ס'איז געווען פאַר אים צו ווייניק.

— אָ, — האָט ער געקרעכצט, — ווען מען קאָן מאַכן פאַרברידער אָט די אַלע גוטע מענטשן פון פאַרשידענע אומות און פאַרשידענע שיכטן, וואָס ווילן איינער דעם אַנדערן נישט קענען! צי איז דערצו קיין מיטלען נישטאָ?

— וואָס ווילסטו? — האָט אָליוויער געזאָגט, — ס'איז נויטיק קעגנזייטיקע טאָלעראַנץ, פרייַנטלעכקייט, וואָס קאָן געבוירן ווערן נאָר פון אינערלעכער פרייד — די פרייד פון אַ געזונט, נאָרמאַל, האַרמאָנישן לעבן, — די פרייד, וואָס נעמט זיך פון דער פרוכטבאַרער פאַרשווענדערישקייט פון מענטשלעכער ענערגיע, פון דעם מענטשלעכן געפיל, אַז זייַנע כוחות זענען נישט אַוועק לאיבוד, אַז זיי דינען אַ גרויסער זאַך. דערצו איז נויטיק אַ געזונט לאַנד, אַ פאָטערלאַנד, וואָס געפינט זיך אונטערן צייכן פון גרויסקייט, אָדער (וואָס עס איז נאָך וויכטיקער), אַ פאָטערלאַנד, וואָס שפרייזט אַנטקעגן איר גרויסקייט. און אויסער דעם איז נויטיק (אָט די צוויי זאַכן גייען שטענדיק צוזאַמען) אַ מאַכט, וואָס זאָל קאָנען אויסנוצן אַלע כוחות פון דעם פאָלק, אַ קלוגע געזונטע מאַכט, וואָס שטייט איבער די פאַרטייען. אָבער, אייגנטלעך, איז נישטאָ אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל שטיין איבער די פאַרטייען און נישט שעפן קיין כוח פון זיך אַליין, און נישט פונם המון. דאָס דאַרף זיין אַ מאַכט, וואָס זאָל זיך נישט באַמיען צו שטיצן אויף דער אַנאַרכיסטישער מערהייט, פונקט ווי היינט; נאָר אַ מאַכט, וואָס זאָל אַרויפצווינגען איר ווילן אויף דער געזעלשאַפט דורך גרויסע מעשים. אַן אָנפירנדיקער גענעראַל, אַ מין דיקטאַטאָר פון דעם אַלגעמיינעם ווילשטאַנד, אַ מין ממשלה פון דער אינטעליגענץ... אָבער וואָס ווייס איך? דאָס אַלץ איז נישט אָפּהענגיק פון אונז. עס מוז

קומען אַ געלעגנהייט און ס׳מוזן קומען מענטשן, וואָס זאָלן זי אויס־נוצן. מען דאַרף האָבן דערצו גליק און זשעני. לאָמיר וואַרטן און האָפן! כּוחות זענען דאָ גענוג. כּוחות פון גלויבן, פון דער וויסנשאַפט, פון דער אַרבעט, די כּוחות פון דער אַלטער און נייער פראַנקרייך, דער גרעסערער פראַנקרייך. ווי שטאַרק וואָלט זי זיך צעוואַקסן, ווען ס׳וואָלט געפאַלן איין וואָרט, דאָס מאַגישע וואָרט, וואָס באַפרייט אַלע פאַרייניקטע כּוחות! דאָס דאָזיקע וואָרט וועל איך נישט זאָגן און דו אויך נישט. ווער וועט עס זאָגן? דער נצחון? דער רום? געדולד! דער עיקר איז, אַז דער גאַנצער כּוח פון פאָלק זאָל זיך אין דעם צוניפגיסן, זאָל זיך אַליין נישט חרוב מאַכן, זאָל נישט פאַרלירן דעם מוט פאַר דער צייט. גליק און זשעני קומען צו פעלקער, וואָס זענען געוואָרן ראוי דערצו נאָך דורות פון סטאָישן געדולד, פון אַרבעט און אמונה.

— ווער ווייס, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — וויפיל מאָל קומען זיי פריער ווי מען האָט זיך גערעכנט, אין אַ מאָמענט, ווען קיינער האָט זיי נישט דערוואַרט. איר שטיצט זיך שוין צופיל אויף די פאַרגאַנגענע דורות. מאַכט זיך גרייט! גורט אָן אייערע לענדן! טוט נישט אויס די סאַנדאַלן פון די פיס, און לאָזט נישט אַרויס דעם וואַנדערשטאָק פון אייער האַנט... ווארום איר ווייסט נישט, צי וועט אַמאָל גאָט נישט פאַרבייגיין און אָנקלאַפּן אין אייערע טירן נאָך די היינטיקע נאַכט...

און באמת, ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען די דאָזיקע נאַכט זייער נאָענט, און זיין שאָטן איז געפאַלן אויף זייערע שוועלן.

צוליב, אין־פלוג, מינדערוועטיקע געשעענישן, זענען פלוצלינג פאַרשאַרפט געוואָרן די באַציונגען צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד, און אין משך פון צוויי אָדער דריי טעג זענען די דאָזיקע באַציונגען אַריבער פון באַנאַלער העפלעכקייט און פריינטלעכער שכנות אין אַ שאַרפן מלחמהדיקן טאָן. נאָר די, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז דער שכל הערשט איבער דער וועלט, האָבן זיך געקאָנט וווּנדערן; אָבער זייער צאָל איז אין פראַנקרייך געווען זייער גרויס און פיל מענטשן

זענען געווען איבעראַשט זעענדיק, ווי אין משך פון איין טאָג האָט זיך פון אונטער דער געוויינלעכער רויקייט אַרויסגעריסן די גאַלאָפּאַבישע היציקייט פון די צייטונגען, וואָס אויף יענער זייט רהיין. אַנדערע צייטונגען, וואָס האָבן איןביידע לענדער איבערגענומען דעם מאָנאָפּאָל איבער דעם נאַציאָנאַליזם, גערעדט אין נאָמען פון פאָלק און געגעבן פאָרשריפטן דער רעגירונג, מחמת שטילן מיטלייד צו איר, ביי וואָס פאַראַ פּאָליטיק זי זאָל זיך האַלטן, — האָבן אַרויסגעשיקט קיין פראַנקרייך באַליידיקנדיקע אולטימאַטומס. צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד איז אַנטשטאַנען אַ סיכסוך. און דייטשלאַנד האָט אַפילו נישט מסכים געווען, אַז פראַנקרייך זאָל אַרויסזאָגן איר מיינונג וועגן דעם ענין; אירע פאַרשייטע צייטונגען האָבן געפאָדערט פון פראַנקרייך, זי זאָל זיך שטעלן אויף דייטשלאַנדס צד, אין קעגנפאַל, האָבן זיי געדראָט אָפּצונעמען ביי פראַנקרייך אַלע מלחמה הוצאות. זיי האָבן געטענהט, אַז מיטן כוח פון פויסט, וועלן זיי זי צווינגען צו שטעלן זיך אויף דייטשלאַנדס צד, און האָבן זיך לכתחילה באַצויגן צו איר, ווי צו אַן אונטערגעוואָרפענער באַזיגטער, צופרידענער מדינה. פשוט געזאָגט — ווי צו עסטרייך. אין דעם האָט מען געקאָנט דערקענען די גרויסקייט-מאַניע פון דעם דייטשן אימפּעריאַליזם, וואָס איז געווען פאַרשיכורט פון זיג, און אויף ווי ווייט די דייטשע פּאָליטיקער האָבן נישט געהאַט קיין פאַרשטאַנד פאַרן גייסט פון אַנדערע ראַסן, וועלכע זיי האָבן געמאָסטן מיט דער אייגענער מאָס: מיטן כוח פון פויסט. באַטירלעך, האָט אַזאַ גראָבע דראָונג צו אַן אַלט פאָלק, וואָס האָט הינטער זיך דורות פון רום און מאַכט איבער אייראָפּע, געווירקט פונקט פאַרקערט, ווי דייטשלאַנד האָט זיך געריכט. דער דרימלענדיקער שטאָלץ פון פראַנקרייך האָט דערוואַכט, ער האָט זיך אַ טרייסל געטון, און אַפילו די גלייכגילטיקסטע פראַנצויזן האָבן שרעקלעך געשריגן פון כעס.

די מערהייט פון דעם דייטשן פאָלק איז לחלוטין נישט געווען שולדיק אין די דאָזיקע אַרויספאָדערונגען. די אָרנטלעכע מענטשן פון אַלע לענדער האָבן נאָר איין פאַרלאַנג: צו לעבן בשלום; דער עיקר זענען די דייטשן רודף-שלומניקעס, פריינטלעכע מענטשן, וואָס ווילן גוט לעבן מיט אַלעמען און זענען גיכער גענויגט אונזערע נאָכצוטון און זיי צו באַוווּנדערן איידער מיט זיי מלחמה צו האַלטן. אָבער קיינער פרעגט נישט ביי קיין אָרנטלעכע מענטשן קיין דעה, און זיי

אַלײן האָבן נישט קײן העצה זיך אַרײנצומישן. די אַלע, װאָס זענען נישט געװוינט געװען צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַקטיװער, מוטיקער, פּאָליטישער אַרבעט, זענען במילא פֿאַרמשפּט געװאָרן צו װערן איר שפּילצײג. זײ װערן אַן אױסגעצײכנטער טעמפּער עכאָ, װאָס ענט־פֿערט אָפּ די געשרײען פֿון די צײטונגען, גיט־איבער די לאָזונגען פֿון די אָנפֿירער און זינגט נאָך די „מאַרסעליעזע" אָדער דעם „װאַכט אַם רהײן".

דאָס איז געװען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿאַר קריסטאָפֿן און אָלי־װיערן, זײ זענען אַזױ שטאַרק געװוינט געװען אײנער דעם אַנדערן ליב צו האָבן, אַז זײ האָבן פּשוט נישט געקאָנט פֿאַרשטײן, פֿאַרװאָס זאָל זיך אױך פֿראַנקרײך און דײטשלאַנד נישט ליב האָבן. זײ האָבן בײדע נישט געװוּסט די סיבות פֿון דער פּלוצלינג דערװאַכטער עקשנותדיקער שנאה, דער עיקר קריסטאָף, װאָס האָט אַלס דײטש נישט געקאָנט זיך באַקלאָגן אױפֿן פֿאָלק, װאָס איז באַזיגט געװאָרן פֿון זײן פֿאָלק. אים האָט אױך באַלײדיקט די חוצפּהדיקע האַלטונג פֿון דער דײטשער פּרעסע און אין אַ באַשטימטער מאָס האָט ער געהאַלטן מיט די פֿראַנצױזן און איז צוזאַמען מיט זײ בײז געװען אױף דער פֿאָדערונג, װאָס האָט דערמאָנט אָן ברױנשװײג. פֿון דעסט־װעגן האָט ער נישט געקאָנט פֿאַרשטײן, פֿאַרװאָס איז פֿראַנקרײך באמת נישט מסכּים צו שטעלן זיך אױף דײטשלאַנדס זײט. ער האָט געמײנט, אַז בײדע לענדער האָבן אַזױ פֿיל טיפֿע סיבות זיך צו פֿאַרײניקן, אַזױ פֿיל שותּפֿותדיקע געדאַנקען, אַזױ פֿיל גרױסע זאַכן דורכצופֿירן, אַז ער האָט מיט כּעס געקוקט אױף זײער עקשנותדיקער שנאה. װי אַלע דײטשן, האָט ער אױך געהאַלטן, אַז פֿראַנקרײך איז שולדיק אין דעם סיכסוך: װײל אױב ער האָט אפֿילו פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז איר שװער צו בלײבן פֿאַרזונקען אין די זכרונות פֿון דער מפּלה, האָט ער דאָך אין דעם געזען בלױז אַ פֿראַגע פֿון אײגנליבע, װאָס מוז זיך אונטערגעבן די ערנסטע אינטערעסן פֿון דער אַלגעמײ־נער ציװיליזאַציע און פֿון פֿראַנקרײך גופֿא. ער האָט זיך קײנמאָל נישט געגעבן קײן מי צו פֿאַרטראַכטן זיך איבער דער פֿראַגע פֿון עלזאַס־לאָטרינגען. אין דער שולע האָט מען אים געלערנט צו קוקן אױף די דאָזיקע לענדער, װאָס דײטשלאַנד האָט פֿאַרנומען, װי אױף אַ גערעכטער געשעעניש: אַ דײטש לאַנד איז נאָך לאַנגע דורות פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג װידער אַריבער צום דײטשן פֿאָטערלאַנד. דעריבער איז

ער געווען אויסערגעוויינלעך איבעראַשט צו הערן פון אָליוויערן, אַז ער האַלט דעם דאָזיקן פאַקט פאַר אַ פאַרגוואַלטיקונג. ער האָט מיט אים נישט גערעדט וועגן דעם, ווייל ביז איצט איז ער געווען זיכער, אַז זיי האָבן ביידע איין מיינונג; און אָט האָט אָליוויער, וואָס איז בטבע געווען ערלעך און פריי, געזאָגט אָן שום כעס, נאָר מיט טיפן אומעט, אַז אַ גרויס פאָלק מעג זיך אָפּזאָגן פון דער נקמה פאַר אַן עוולה, וואָס מען איז בנוגע אים באַגאַנגען, אָבער עס קאָן נישט מודה זיין אין איר גערעכטיקייט, סיידן עס באַשמוצט דערמיט זיין כבוד.

זינט דעמאָלט איז זיי שווער געווען צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. די היסטאָרישע ראיות, וואָס אָליוויער האָט געבראַכט, כדי אויפצווייזן פראַנקרייכס רעכט צו פאָדערן עלזאַס אַלס אַ לאַטייניש לאַנד, האָבן אויף קריסטאָפן נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק; מען האָט געקאָנט ברענגען אַסאַך אַנדערע ראיות, כדי אויפצווייזן דעם היפוך: די געשיכטע שטעלט-צו דער פּאָליטיק געניג ראיות, אין וועלכע עס נויטיקן זיך אירע אינטערעסן. פיל מער האָט קריסטאָפן גערירט נישט דאָס נאַציאָנאַלע, נאָר דאָס מענטשלעכע אין דער דאָזיקער פראַגע. צי די עלזאַסער זענען דייטשן, אָדער נישט — נישט אין דעם האַנדלט זיך עס. זיי ווילן נישט זיין קיין דייטשן און אַ סוף! קיינער האָט נישט דאָס רעכט צו זאָגן: „דאָס פאָלק איז מיינס, דאָס איז מיין ברודער", בעת זיין ברודער פאַרלייקנט עס. אַפילו אויב ער איז נישט גערעכט, איז דאָך שולדיק בלויז דער ברודער, וואָס האָט נישט געקאָנט דערוועקן אין אים קיין ליבע־געפיל און ער האָט נישט דעריבער קיין רעכט צו פאָדערן דאָס, וואָס יענער וויל נישט. נאָך פערציק יאָר שטאַרקע צוזאַמענשטויסן און אַפילו נאָך אמתע טובות, וואָס די דייטשע פינקטלעכע, קלוגע רעגירונג אין עלזאַס האָט געטון די דאָרטיקע איינוווינער, האָבן זיך די עלזאַסער פונדעסטוועגן צעבונטעוועט און נישט געוואָלט ווערן קיין דייטשן. און הגם זייער ווילן איז געווען מיד און הכנעהדיק, האָט דאָך קיין זאַך אויף דער וועלט נישט געקאָנט אָפּמעקן די יסורים פון די פאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן געמוזט אָפּריכטן גלות אין אַ פרעמד לאַנד, אָדער — דאָס טוט נאָך מער וויי — נישט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד און געמוזט סובל זיין דעם עקלדיקן עול און צוזען, ווי דאָס פאָלק איז פאַרשקלאַפט.

קריסטאָף האָט אָפנהאַרציק מודה געווען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט באַטראַכט די עלזאַס-פראַגע פון אַזאַ שטאַנדפונקט. ער איז צעטומלט געוואָרן. יעדער אָרנטלעכער דייטש פירט אַריין אין זיין וויכּוח אַ נאַיוון גלויבן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין סימן פון דער באַגייסטערטער אייגנליבע פון דער לאַטיינישער ראַסע, הגם די לאַטיינער זענען זייער האַרציקע מענטשן. קריסטאָף האָט נישט בדעה געהאַט זיך צו פאַררופן אויף אַנדערע עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין פאַרשידענע געשיכטלעכע תקופות דורך אַנדערע פעלקער; ער איז געווען צו שטאָלץ צו זוכן אַזאַ פאַרענטפערונג. ער האָט געוווסט, אַז וואָס מער די מענטשהייט דערהויבט זיך, זעען אויס די דאָזיקע עוולות אַלץ עקלדיקער, ווייל דאָס ליכט אַרום זיי ווערט שטאַרקער. ער האָט אָבער אויך געוווסט, אַז ווען פראַנקרייך וואָלט געזיגט, וואָלט זי אויך נישט געווען צוריקגעהאַלטענער, ווי דייטשלאַנד, און זי וואָלט אויך צוגעגעבן פרישע רינגען צו דער קייט פון עוולות. אָט אַזוי איז די טראַגישע סתירה פאַרבליבן אויף אייביק, דראָענדיק מיט אַ טויט־געפאַר די בעסטע פרוכטן פון דער אייראָפעאישער קולטור.

אויב די פראַגע האָט פאַרשאַפט אַסאַך עגמת־נפש קריסטאָפן, האָט זי נאָך מער ווייַ געטון אָליוויערן. דאָס איז געווען נישט נאָר דער צער צוליב דעם ברודער־קריג צווישן די צוויי פעלקער, וואָס זענען ווי באַשאַפן געוואָרן צו זיין פאַרייניקט. אין פראַנקרייך גופא האָבן זיך געשאַפן צוויי טיילן פון פאָלק, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט. זינט לאַנגע יאָרן האָבן זיך אין לאַנד פאַרשפרייט פרידלעכע און אַנטימיליטאַריסטישע לאָזונגען. די דאָזיקע לאָזונגען האָבן געפונען אַן אָפקלאַנג סיי אין די איידלסטע און סיי אין די נידעריקסטע שיכטן פון פאָלק. די רעגירונג האָט זיי אַ לאַנגע צייט דערלויבט צו פירן אַן אַרבעט; זי האָט עס געטון מיט נערוועישן דילעטאַנטיזם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלע אַלגעמיינע ענינים, וווּ ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט אין די פריוואַטע אינטערעסן פון די פאָליטיקער; עס איז איר אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ס'איז נישט אַזוי געפערלעך צו שטיצן אַפילו די געפערלעכסטע וויסנשאַפט, ווי שעדלעך עס איז צו לאָזן פאַרשפרייטן זיך אין די אָדערן פון פאָלק פרידלעכע לאָזונגען, וואָס ווילן צעשטערן די מלחמה דווקא דעמאָלט, ווען מען גרייט זיך צו איר. די דאָזיקע לערע האָט זיך געווענדעט

צו אַלע פֿרייע נשמות, וואָס האָבן געשטרעבט צו שאַפֿן אַ ברודער־לעכע איירָאָפּע, אַ גערעכטערע און מענטשלעכערע וועלט; זי האָט אויך גערעדט צום פּחדנותדיקן עגאָיזם פֿון פֿאַרשידענע אויסוואורפֿן, וואָס האָבן מורא געהאַט צו שטעלן זייער גוף אין סכנה פֿאַר וועלכן עס איז צד. די דאָזיקע אידעען האָבן אָנגעשטעקט אויך אָליוויערן, און פֿיל פֿון זיינע חברים. אַ פּאָר מאָל האָט קריסטאָף געהערט אין שטוב שמועסן, וואָס האָבן אים איבעראַשט. דער גוטער מוש, וואָס איז געווען אָנגעשטעקט מיט הומאַנישע אילוזיעס, האָט גערעדט מיט גלאַנצנדיקע אויגן און מיט פֿרייד, אַז מען דאַרף צעשטערן די מלחמה און אַז די בעסטע עצה דערצו איז אַרויסצורופֿן אַן אויפֿשטאַנד אין מיליטער און אַפֿילו, אויב ס׳וועט זיין נויטיק, שיסן אין די אָנפֿירער. ער האָט געהאַלטן, אַז עס וועט געלונגען. דער אינזשיניער אליהו עלסבערגער האָט אים דערויף קאַלט געענטפֿערט, אַז ווען עס זאָל אויסברעכן די מלחמה, וואָלט ער און זיינע פֿריינד נישט געגאַנגען צו דער גרענעץ, איידער זיי וואָלטן נישט פֿאַרענדיקט די חשבונות מיט די אינערלעכע שונאים. אַנדרע עלסבערגער איז געשטאַנען אויף מושס זייט. איינמאָל איז אין קריסטאָפֿס ביייזיין פֿאָרגעקומען אַ שרעק־לעכע סצענע צווישן ביידע ברידער, וואָס האָבן זיך שטאַרק געקריגט און צוגעזאָגט איינער דעם אַנדערן צו דערשיסן, און הגם די היציקע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן כּלומרשט אין שפּאַס, האָט מען דאָך געפֿילט, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן איינער דעם צווייטן געזאָגט זענען זיי גרייט מקיים צו זיין. קריסטאָף האָט פֿאַרחידושט זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן משונהדיקן פֿאָלק, וואָס איז גרייט שטענדיק זיך אַליין צו ממיתן צוליב משוגענע געדאַנקען. דאָס זענען שוין די בעַ־סערע פֿון זיי. יעדער איינציקער זעט נאָר זיין אייגענעם געדאַנק, און ער וויל נישט אָפּטרעטן פֿון זיין וועג אויף אַ האַלבן טריט — און דאָס אַלץ צוזאַמען טויג אויף כּפּרות, ווייל זיי זענען איינער דעם אַנדערן מבטל. די הומאַניטאַריסטן פֿירן אַ קאַמף קעגן די נאַ־ציאָנאַליסטן, די נאַציאָנאַליסטן ווידער קעגן די הומאַניטאַריסטן און דערוויל קומט דער שונא און צעטרעט מיט די פֿיס, סיי דאָס פֿאָ־טערלאַנד, סיי דאָס מענטשלעכקייט.

— אָבער סוף־כּל־סוף, — האָט קריסטאָף געפֿרעגט ביי אַנדרע עלסבערגער. — צי זענט איר געקומען צו אַ הסכם מיט די פּראָלע־טאַריער פֿון אַנדערע פֿעלקער?

— אָבער עמעצער מוז דאָך אָנהויבן דער ערשטער. אַלזאָ, מיר הויבן אָן. מיר זענען שטענדיק געווען די ערשטע, מיר דאַרפן געבן אַנדערע אַ ביישפּיל.

— און אויב די אַנדערע וועלן נישט גיין נאָך אייך?

— זיי וועלן גיין.

— צי האָט איר עפּעס אַן אָפּמאַך, אַ פאָרויס-באַשטימטן פּלאַן?

— צו וואָס דאַרפן מיר אָפּמאַכן? אונזער כוח איז שטאַרקער פון אַלע דיפּלאָמאַטן.

— דאָס איז נישט קיין פראַגע פון אידעאָלאָגיע, נאָר פון סטראַטעגיע. אויב איר ווילט אונטערברענגען די מלחמה, דאַרפט איר עס טוען מיט אירע מעטאָדן. מאַכט זיך אַן אַרבעטס־פּלאַן גלייכצייטיק איןביידע לענדער. קומט צו אַ הסכם, אַז אין דעם און אין דעם טאָג וועט אייער מיליטער דורכפירן אַ שותפותדיקע אַקציע סיי אין פראַנקרייך, סיי אין דייטשלאַנד. אָבער אויב איר שטיצט זיך אויף אַ צופאַל, ווי־זשע פאַרלאַנגט איר, עס זאָל אייך געלינגען? פון איין זייט דער צופאַל, פון דער צווייטער — ריזיקע אָרגאַניזירטע כוחות, — און דער רעזולטאַט איז קלאָר: מען וועט אייך צעטרעטן.

אַנדרע עלסבערגער האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און אויף אַן אומקלאָרן אופן געדראָט: גענוג, — האָט ער געטענהט, — אַריינצולעגן אַ הויפן זאַמד אין אַ פּאַסיקן אָרט צווישן די מאַשין־רעדער, כדי צו צוברעכן די גאַנצע מאַשין.

אָבער עפּעס אַנדערש איז צו פירן אַ טעאָרעטישן וויכוח און עפּעס אַנדערש אויסצופירן אַ זאַך; בפרט, ווען מען מוז זיך אַנטשליסן תיכף־ומיד... ס'איז אַ שרעקלעכער מאָמענט, ווען אַ ווילדער שטורם דערהויבט זיך אין די מענטשלעכע הערצער. האָסט גערעכנט, אַז דו ביסט פריי, אַז דו ביסט דער האַר איבער דיין געדאַנק — און אָט ווערסטו מיטגעשלעפּט קעגן דיין ווילן. עפּעס אַ טונקעלער ווילן צווינגט דיך. און סוף־כל־סוף ווערסטו געוויר, אַז באמת עקזיסטירסטו נישט דו, נאָר די דאָזיקע פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס אירע געזעצן הערשן איבער דעם מענטשלעכן אָקעאַן...

די שטאַרקסטע מענטשן, וואָס זענען געווען אַבסאָלוט זיכער אין זייערע מיינונגען, האָבן איצט געזען, ווי זייער גלויבן צעגייט קעגן די ווירקלעכקייט; זיי האָבן געציטערט, געוואַקלט זיך און טיילמאָל, צו זייער אייגענער פאַרוווּנדערונג, אָנגענומען לחלוטין אַן אַנ־

דערן באַשלוס, ווי זיי האָבן פאַרויסגעזען. די, וואָס האָבן צום פאַר־ביטערסטן געקעמפט קעגן דער מלחמה, האָבן אַליין געפילט, אַז אין זיי דערוועקט זיך שטאַרק און אומגעריכט דער שטאָלץ און די ליבע צום פאָטערלאַנד. קריסטאָף האָט געזען סאָציאַליסטן און אַפילו רעוואָ־לוציאָנערע סינדיקאַליסטן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט צווישן זייערע געפילן און זייערע פליכטן. אין די ערשטע מאָמענטן פונם קאָנפליקט, בעת קיינער האָט נאָך נישט געגלויבט אין דער ערנסטקייט פון דעם ענין, האָט קריסטאָף מיט זיין דייטשער אומגעשיקטקייט געזאָגט צו אַנדרע עלסבערגער, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט צו רעאַליזירן זיין אַנטי־מיליטאַריסטישע טעאָריע, אויב ער וויל נישט, אַז דייטש־לאַנד זאָל איינעמען פראַנקרייך.

יענער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און האָט בייז אויסגע־שריגן :

—פרווט נאָר! לאַ־קוּצלחס! איר, וואָס האָט אַפילו נישט גע־קאָנט פאַרטרייבן אייער קייזער און אַראָפּוואַרפן דעם עול, כאָטש איר פאַרמאָגט אַ סאָציאַליסטישע פאַרטיי מיט פיר הונדערט טויזנט חברים און דריי מיליאָן וועלער... מיר וועלן זיך אַן עצה געבן אַליין. מיר וועלן זען, ווער וועמען ס׳וועט איינעמען.

וואָס לענגער ס׳האָט געדויערט דאָס וואַרטן, אַלץ מער האָט אַלעמען באַהערשט דער פיבער. אַנדרע האָט שרעקלעך געליטן: דו ווייסט, אַז דיין מיינונג איז אַ ריכטיקע, און דו קאָנסט זי נישט פאַרטיידיקן! און אויסער דעם פילסטו, אַז דיך האָט אויך אָנגע־שטעקט די גייסטיקע מגפה, וואָס פאַרזייט צווישן פעלקער דעם שטאַרקן שגעון פון קאָלעקטיווער מלחמה. זי האָט זיך פאַרשפרייט צווישן אַלע מענטשן אַרום קריסטאָפן. זי האָט באַהערשט אויך קרי־סטאָפן. זיי האָבן מער נישט געשמועסט, און זיך דערווייטערט איי־נער פון אַנדערן.

אָבער ס׳איז געווען אומעגלעך לאַנג צו בלייבן אין אַזאַ אומ־זיכערן מצב. דער שטורם פון מעשים האָט געטריבן אַפילו די צוויפ־לענדיקע צו דעם אָדער צו יענעם לאַגער. און אין יענעם טאָג, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר ערב דעם אולטימאַטום, — איןביידע לענדער האָט מען אָנגעצויגן אַלע כוחות, גרייט צו דער שחיטה, — האָט קריסטאָף געזען, אַז אַלע האָבן זיך אַנטשלאָסן און אויסגעוועלט זייער לאַגער. אַלע פיינטלעכע פאַרטייען האָבן זיך צוליב אַן אינסטינק־

טיון חוש אָרגאַניזירט אַרום דער עקלדיקער רעגירונג, וואָס האָט רעפּרעזענטירט פראַנקרייך. און נישט נאָר די פשוטע מענטשן, נאָר אויך די עסטעטן, די פאָרשטייער פון דער געפאַלענער קונסט, האָבן אַריינגעפירט אין זייערע נבזהדיקע נאָוועלן פאַטריאָטישע מיינונגען. די יידן האָבן צוגעזאָגט צו פאַרטיידיקן דאָס הייליקע לאַנד פון זייערע אבות. ביים וואָרט „פאָן" האָבן זיך ביי האַמילטאָנען געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַלע האָבן גערעדט אָפּנהאַרציק, אַלעמען האָט אָנגעשטעקט די מגפה. אַנדרע עלסבערגער און זיינע סינדיקאַליסטישע חברים זענען געווען אָנגעשטעקט, ווי די אַנדערע און אפילו מער: דער מצב האָט זיי געצוווּנגען אָנצונעמען אַ באַשלוס, וואָס איז זיי געווען דערווידער, און זיי האָבן זיך אָנטשלאָסן מיט ווילדן כעס און פעסימיסטישער פאַרביטערונג, וואָס האָט געמאַכט פון זיי שרעקלעכע מכשירים פון די בלוטיקע מעשים. דער אַרבעטער אָבער, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן געלערנטן הומאַניזם און אינסטינקטיוון פאַטריאָטיזם, האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. נאָך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט האָט ער לסוף געפונען אַ פאָרמול, וואָס האָט געלעזן אַלע פראַגן: אַז פראַנקרייך און די מענטשהייט — דאָס איז איין זאַך. פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו רעדן מיט קריסטאָפן. כמעט אַלע איינוווינער פון הויז האָבן פאַרמאַכט פאַר אים די טירן. אַפילו די פיינע משפחה אַרנאָ האָט אים אויפגעהערט איינצולאַדן. זיי האָבן זיך ווייטער פאַרנומען מיט מוזיק, אַרומגערינגלט זיך מיט קונסט און באַמיט זיך נישט צו טראַכטן וועגן דער פראַגע, וואָס האָט אַלעמען אינטערעסירט. און דאָך האָבן זיי אָן אויפהער דערפון געטראַכט. ווען עמעצער פון זיי האָט אַליין באַגעגנט קריסטאָפן, האָט ער אים שטאַרק, אָבער אין איילעניש, געדריקט די האַנט. אין דעם זעלבן טאָג, ווען קריסטאָף האָט זיי געטראָפן ביידן צוזאַמען, זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען און אַפילו זיך נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אין פאַרלעגנהייט זיך פאַרנויגט. דערפאַר אָבער האָבן זיך דערנענטערט צווישן זיך אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן מיט זיך לאַנגע יאָרן קיין מגע-ומשא נישט געהאַט. איינמאָל אין אָוונט האָט אָליוויער צוגערופן קריסטאָפן צום פענסטער און אָנגעוויזן אים אונטן אין גאָרטן אויף דיביידע עלסבערגערס, וואָס האָבן געשמועסט מיטן מאַיאָר שאַבראַן.

קריסטאָפן איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן זיך צו ווונדערן אויף

דער גרויסער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין די נשמות. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיין אייגענעם גייסט. דאָרט איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש, וואָס ער האָט זי נישט געקאָנט באַהערשן. אָליוויער, וואָס האָט צוליב אַ סך סיבות געדאַרפט זיין מער אויפגערעגט, איז גראָד געווען רויקער פון אים. פון אַלע מענטשן, וואָס קריסטאָף האָט געזען, איז נאָר ער איינער, משמעות, אַרויס פון דער מגפה, וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט. הגם ער איז געווען זייער צערודערט, וואַרטנדיק אויף דער נאָענטער מלחמה און אויף דער איינערלעכער פאַניק, וואָס מען האָט געקאָנט פאָרויסזען, — האָט ער דאָך געקענט די גרויסקייט פון די גלויבנס, וואָס זענען זיך געווען שונאים און האָבן זיך סוף־כל־סוף געדאַרפט צוזאַמענשטויסן אין קאַמף; ער האָט אויך געוווּסט, אַז פראַנקרייכס גורל איז צו זיין דאָס פעלד פון דערפאַרונג פון דעם מענטשלעכן פראָגרעס, און אַז אַלע נייע געדאַנקען נויטיקן זיך אין איר בלוט, כדי אויפצובליען. ער אַליין האָט נישט געוואָלט צושטיין צו וועלכער־עס־איז גרופּע. בעת די ציוויליזאַציע האָט זיך אַליין געפּטרט, איז ער גערן גרייט געווען נאָכצוזאָגן אַנטיגאָנעס לאָזונג: „איך בין געבוירן געוואָרן פאַר דער ליבע און נישט פאַר דער שנאה”; פאַר דער ליבע, פאַר דער חכמה, וואָס איז נאָר אַן אַנדער פאָרם פון ליבע. זיין ליבע־געפיל צו קריסטאָפן איז גענוג געווען אים אויפצוקלערן זיין פליכט. אין יענער צייט, ווען מיליאָנען מענטשן האָבן זיך געגרייט אויסצולאָדן זייער שנאה איינער צום צווייטן, האָט ער געפילט, אַז די פליכט פון אַזעלכע צוויי נשמות, ווי ער און קריסטאָף, איז ליב צו האָבן איינער דעם צווייטן און צו בלייבן גאַנץ פון יעדער פגימה אין דעם אַלגעמיינעם כאַאָס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן געטהען, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין דער האַספּולער פרייהייטס־באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעבראַכט דייטשלאַנד קעגן פראַנקרייך אין יאָר 1813.

קריסטאָף האָט עס אַלץ געפילט, און דאָך איז ער נישט געווען אַזוי שטאַרק רויק. ער, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד און זיך נישט געקאָנט צוריקקערן אַהין און האָט זיך געשפּייזט מיטן געדאַנק פון די גרויסע דייטשן פון דעם 18־טן יאָר־הונדערט, די באַוווּנדערטע מייסטער פון זיין אַלטן פריינט שולץ, וואָס האָט פיינט געהאַט דעם גייסט פון דער נייער מיליטערישער און

קרינערישער דייטשלאַנד, — ער האָט זיך איצט צוגעהערט צום שטורם פון די געפילן, וואָס האָט זיך דערהויבן אין זיין נשמה. ער האָט נישט געוווּסט, וווּהין ס'וועט אים אַוועקטראָגן. ער האָט גאָרנישט דערציילט אָליוויערן. אָבער די טעג האָט ער פאַרבראַכט ציטערנדיק. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געוואַרט אויף נייעס. אין דער שטיל האָט ער באַזאָרגט אַלע זיינע ענינים און צוגעגרייט זיין רייזע-זאַק. ער האָט לאַנג נישט געטראַכט. די געפילן האָבן גובר געווען דעם שכל. אָליוויער האָט אים פאַרזאָרגט אָנגעקוקט. ער האָט פאָרגעפילט דעם אינערלעכן קאַמף, וואָס קומט פאָר אין זיין פריינט, נאָר קיין מוט נישט געהאַט זיך אויסצופרעגן. זיי האָבן געפילט אַ באַדערפעניש זיך צו דערנענטערן איינער צום אַנדערן מער, ווי שטענדיק. זיי האָבן זיך איצט מער ליב געהאַט ווי פריער, נאָר מורא געהאַט צו רעדן. זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט בולט אַרויס די מיינונג-פאַר־שידנהייט, וואָס וועט זיי ווידער צעשיידן, ווי אַמאָל על-פּי-טעות. וויפיל מאָל האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט מיט בליקן פון פאַר־זאָרגטער צערטלעכקייט, ווי זיי וואָלטן זיך געדאַרפט שיידן אויף אייביק. און זיי האָבן נידערגעשלאָגן געשוויגן.

און דערווייל האָבן אויפן דאַך, וואָס האָט זיך געבויט אויף יענער זייט הויף, די פאַרפינסטערטע אַרבעטער ווידער געלאָזט הערן זייערע לעצטע קלעפּ מיטן האַמער, אונטערן שטאַרקן רעגן; און קריסטאָפס פריינט, דער פריילעכער בלעכער, האָט אים פון וויטן גערופן מיט געלעכטער:

— וואָס עס זאָל נישט זיין, אַבי מיין הויז איז געענדיקט.

צו זייער גליק איז דער שטורם אַריבער אַזוי גיך, ווי ער איז געקומען. די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן האָבן, ווי אַ באַראָמעטער, צו־וויסן געטון, אַז ס'האָט זיך ווידער אויסגעלייטערט, די בייזע הינט פון די צייטונגען האָט מען ווידער אָנגעבונדן אויף דער קייט. אין עטלעכע קורצע שעהן האָבן אַלע פריי אָפּגעאָטעמט. ס'איז געווען אַ זומער-אָוונט. קריסטאָף איז אומגעדולדיק געלאָפן ברענגען אָליוויערן די בשורה. ער האָט פריי געאָטעמט, און זיין האַרץ איז פול געווען

מיט גליק. אָליוויער האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אומעטיקן שמייכל. ער האָט קיין מוט נישט געהאַט צו פרעגן דאָס, וואָס ס'האָט אים געדריקט אויפן האַרצן.

ער האָט געזאָגט:

— האָסטו געזען, הייסט עס, אָט די אַלע מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט דורכקומען, פאַרייניקט?

— כ'האָב זיי געזען, — האָט קריסטאָף געענטפערט. — איר זענט לצים! איר קריגט זיך אַרום איינער מיטן צווייטן. אָבער באמת האָט איר אַלע איין מיינונג.

— דאַכט זיך, אַז דו ביסט זייער צופרידן דערפון? — האָט געזאָגט אָליוויער.

— און פאַרוואָס נישט? ווייל די דאָזיקע פאַראייניקונג ווערט געמאַכט אויף מיין חשבון? מילא, איך בין גענוג שטאַרק... און אויסערדעם איז אַ מחיה צו פילן ווי ס'שלעפּט זיך מיט איין שטראָם, ווי ס'דערוואַכן די דעמאָנען אין דיר...

— זיי דערוועקן אין מיר אַן אימה, — האָט געזאָגט אָליוויער.

— ס'איז מיר בעסער מיין אייביקע איינזאַמקייט, ווי די איינקייט פון מיין פאָלק, וואָס איז געקויפט געוואָרן פאַר אַזאַ פרייז.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. ביידע האָבן נישט געקענט באַרירן די טעמע, וואָס האָט זיי געבראַכט אין אַ־לעגנהייט. לסוף האָט זיך אָליוויער געשטאַרקט און געזאָגט מיט אַ געשטיקטער שטים:

— זאָג מיר אָפנהאַרציק, קריסטאָף, האָסט געוואָלט פאָרן?

קריסטאָף האָט געענטפערט:

— יאָ.

אָליוויער האָט פאַרויסגעזען זיין תשובה, און דאָך האָט עס אים אַ ריס געטון אין האַרצן. ער האָט געזאָגט:

— קריסטאָף, דו וואָלסט געווען פעיק דערצו?

קריסטאָף האָט אַ רייב געטון דעם שטערן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— לאָמיר דערפון נישט רעדן, איך וויל וועגן דעם נישט טראַכטן.

אָליוויער האָט איבערגעחזרט מיט אַ צעוויטיקטער שטים:

— וואָלסט געקעמפט קעגן אונדז?

— איך ווייס נישט. כ'האָב זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון.

— אָבער אין האַרצן ביסטו שוין געווען אַנטשלאָסן?
קריסטאָף האָט געענטפערט:
— יאָ.
— קעגן מיר?
— נישט קעגן דיר. דו ביסט מיינער. ווו איך בין, ביסטו אויך.
— קעגן מיין פאָטערלאַנד?
— פאַר מיין פאָטערלאַנד.

— דאָס איז שרעקלעך, — האָט אָליוויער געזאָגט. — כ'האָב ליב מיין לאַנד, פונקט ווי דו האָסט ליב דיין לאַנד. כ'האָב ליב מיין טייערע פראַנקרייך; אָבער צי קאָן איך זיך אַליין דערהרגענען פאַר אירעטוועגן? צי מעג איך פאַר אירעטוועגן פאַרראַטן מיין אייגענעם געוויסן? דאָס וואָלט געהייסן, אַז איך פאַרראַט. ווי אַזוי קאָן מען האַסן אָן האַס? ווי קאָן מען שפּילן אַ קאָמעדיע פון שנאה — אָן ליגן? די מאָדערנע מלוכה איז באַגאַנגען אַ מיאוסע עוולה, וואָס וועט זיך אַמאָל אין איר נוקם זיין, אין דעם טאָג, ווען זי האָט געשמידט אין אייזן די פרייע קירך פון די גייסטער, וואָס דער עיקר פון זייער מהות איז אייַנער דעם אַנדערן צו פאַרשטיין און ליב צו האָבן. זאָל דער קייזער זיין קייזער, אָבער זאָל ער זיך נישט האַלטן פאַר אַ גאָט! זאָל זיך די מלוכה צונעמען אונזער געלט, אונזער לעבן, אָבער זי האָט נישט קיין שום רעכט אויף אונזערע נשמות, זי האָט נישט קיין רעכט צו באַפלעקן זיי מיט בלוט. מיר זענען געקומען אויף דער וועלט, כדי צו פאַרגרעסערן דאָס ליכט און נישט כדי עס אויס-צולעשן. יעדערער האָט זיין פליכט. אויב דער קייזער וויל מלחמה האַלטן, זאָל ער זיך שאַפן ספּעציעלע מחנות, ווי אין אַמאָליקע אַר-מייען, וואָס די מלחמה איז געווען זייער פראָפעסיע. איך בין נישט אַזוי נאַריש, צו פטרן מיין צייט אויף באַקלאָגן זיך אויף דער מאַכט פון כוח. אָבער איך געהער נישט צו דער אַרמיי פון כוח. איך גע-הער צו דער אַרמיי פון גייסט. צוזאַמען מיט מיליאָנען מיינע ברי-דער רעפּרעזענטיר איך פראַנקרייך. זאָל דער קייזער איינעמען דאָס לאַנד, אויב ער וויל! מיר וועלן איינעמען דעם אמת.

— כדי איינצונעמען דעם אמת, — האָט קריסטאָף געזאָגט, — מוז מען זיגן, מוז מען לעבן. דער אמת איז אַ שווערע דאָגמע, וואָס ווערט קריסטאַליזירט אין דעם מוח, ווי די אונטערערדישע הייל קריס-טאַליזירט אויס דעם סטאַלאַקטיט. אמת איז לעבן. דאַרפסט עס נישט

זוכן אין דיין האַרץ, אין דיין מוח, נאָר אין פרעמדע הערצער. פאַריי־
ניקט זיך. טראַכט, וואָס איר ווילט, נאָר טובלט זיך איינמאָל אין
טאָג אין דעם קוואַל פון דער מענטשהייט. דער מענטש מוז ליב
האָבן די פרעמדע לעבנס, זיך אונטערגעבן זיין גורל און אים ליב
קריגן.

— אונזער גורל איז צו בלייבן אַזוי, ווי מיר זענען. עס איז
נישט אָפּהענגיק פון אונז. מיר טראַכטן אונזערע געדאַנקען, כאָטש זיי
זענען געפערלעך. מיר זענען דערגאַנגען צו אַ באַשטימטער מדרגה
פון קולטור און מיר קאָנען זיך נישט ציען אויף צוריק.

— יאָ, איר זענט דערגאַנגען צום אָפּגרונט־ראַנד פון דער קול־
טור, צו יענעם איבערברוך, וואָס דער מענטש קאָן אים נישט דער־
גרייכן אָן קאָפּ־שווינדל. דער גלויבן און דער אינסטינקט זענען אין
אייך שוואַך געוואָרן. איר זענט געבליבן נאָר מענטשן פון שכל. אַ
מאַשין פון שכלדיקע אַרגומענטן. דער טויט לויערט אויף אייך.

— ער לויערט אויף אַלע פעלקער. ס'איז אַן ענין פון דורות.

— דו ווילסט זיך אויסלאַכן פון די דורות? דאָס גאַנצע לעבן
איז נאָר אַן ענין פון טעג און פון שעהן, נאָר אַזעלכע שוטים פון
אַבסטראַקציע, ווי איר, קאָנען פאַרזונקען ווערן אינם אַבסאָלוט, אָנ־
שטאָט אויפצוכאַפּן די פאַרביי־לויפנדיקע רגע.

—וואָס ווילסטו? דער פלאַם פאַרברענט דעם קנויט. דער מענטש
קאָן נישט זיין, אי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אי אין דער קעגנוואַרט,
מיין אָרעמער קריסטאָף.

— מען מוז זיין!

— ס'איז אַ גרויסע זאַך פאַר אַ פאָלק צו האָבן אַ גרויסע פאַר־
גאַנגענהייט.

— ס'איז אַ גרויסע זאַך נאָר דעמאָלט, ווען עס לעבן נאָך איצט
גרויסע מענטשן, וואָס קאָנען אָפּשאַצן די פאַרגאַנגענהייט.

— צי וואָלסטו בעסער נישט געוואָלט געהערן צו די גריכן,
וואָס זענען שוין לאַנג פאַרגאַנגען, אָנשטאָט צו איינעם פון די גוסס־
דיקע פעלקער?

— איך וויל בעסער זיין דער לעבעדיקער קריסטאָף.

אָליוויער איז אַנטשוויגן געוואָרן, נישט דערפאַר, וואָס ער האָט
נישט געהאַט, וואָס צו זאָגן. נאָר דער גאַנצער ענין האָט אים אויפ־
געהערט צו אינטערעסירן. איצט האָט ער געטראַכט נאָר וועגן קרי־

סטאָפּן. ער האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— דו האָסט מיך נישט ליב אַזוי שטאַרק, ווי איך דיך.

קריסטאָף האָט אים פריינטלעך אָנגענומען פאַרן האַנט.

— טייערער אָליוויער, כ'האָב דיך ליב מער, ווי מיין לעבן. אָבער זיי מיר מוחל. כ'האָב דיך נישט ליב מער, ווי איך האָב ליב דאָס לעבן אַליין, די זון פון אונזערע ראַסן. איך האָב מורא פאַר דער נאַכט, און וועלכער עס ציט מיך אַריין דער פאַלשער פּראָגרעס. אייער גאַנצע רעזיגנאַציע פאַרדעקט אייער בודיסטישע נירוואנא. נאָר די טאַט איז לעבעדיק, אַפילו בעת זי דערהרגעט. מיר מעגן אויסקלייבן אויף דער וועלט נאָר צווישן ברענענדיקן פלאַם און דער פינסטערער נאַכט. די בין-השמשות-חלומות זענען טרויעריק און אָנגענעם, אָבער איך וויל נישט די דאָזיקע רו, וואָס זאָגט אָן דעם טויט. כ'האָב מורא פאַר שטילקייט פון דער ברייטער אומענדלעכקייט. לעגט-צו האָלץ אויפן פייער. נאָך! נאָך! און מיך לעגט אויך אַרויף אויפן פייער, אויב ס'איז נויטיק. איך וויל נישט דאָס פייער זאָל אויסגיין. אויב עס וועט אויסגיין, איז דאָך אַ סוף צו אַלץ, צו אונז, און צו אַלץ, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט.

— איך דערקען זיין שטים, — האָט געזאָגט אָליוויער. — ער קומט פון די טיפעניש̇ן פון דער ווילדער פאַרגאַנגענהייט.

ער האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אַ בוך פון אינדישע דיכטער און ער האָט איבערגעלייענט די דערהויבענע ווערטער פון קרישנא דעם גאָט:

„שטיי אויף און קעמף מוטיק. זיי גלייכגילטיק צו פאַרגעניגן און צו ווייטיק, צו פאַרדינסט און צו שאָדן, צו זיג, ווי צו מפּלה. קעמף מיט אַלע דיינע כּוחות."

קריסטאָף האָט אים אַרויסגעריסן דאָס ביכל פון האַנט און געלייענט:

„נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל מיך צווינגען צו מעשים. נישטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט זיין מיינע, און דאָך אַנטלויף איך נישט פאַר דער טאַט. ווען איך וואָלט נישט אָן אויפהער געטון און נישט געגעבן די מענטשן אַ ביישפּיל נאָכצוטון דאָס זעלבע, — וואָלטן אַלע מענטשן אונטערגעגאַנגען. ווען איך זאָל אויפהערן אויף איין ווילע צו טון, וואָלט זיך די גאַנצע וועלט פאַרוואַנדלט אין אַ תּוהו־ובוהו, און איך וואָלט חרוב געמאַכט דאָס לעבן."

— דאָס לעבן, — האָט נאכגעזאָגט אָליוויער, — וואָס הייסט עס: לעבן?

— אַ טראַגעדיע, — האָט אויסגעשריגן קריסטאָף, — הוראַ!

דער שטורם האָט זיך איינגעשטילט. אַלע האָבן געוואָלט וואָס גיכער פאַרגעסן דאָס געשעענע. קיינער האָט, דאַכט זיך, נישט געדענקט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דאָך האָט מען לויט דער פרייד פון די מענטשן געקאָנט זען, אַז זיי האָבן נאָך דערפון געטראַכט: זיי האָבן זיך געפרייט מיט זייער גוט טאָג־טעגלעך לעבן, וואָס זיין ווערט דערקענט מען ערשט בעת אַ סכנה. אַזוי ווי נאָך יעדער געפאַר, האָבן זיך די מענטשן נאָך שטאַרקער געפרייט.

קריסטאָף האָט זיך מיט טאָפּעלער התלהבות גענומען צום שאַפן און מיטגעריסן מיט זיך אָליוויערן. דורך אַ מין סתירה צו די פינסטערע מחשבות האָבן זיי זיך איצט געגרייט צו שאַפן אַ העלדן־פּאָעמע לויט ראַבּעלע. די פּאָעמע איז געווען פאַרטרונקען אין ברייטער חומריות, וואָס קומט נאָך אַ תקופה פון גייסטיקער פאַרשקלאַפונג. נאָך די מעשהדיקע העלדן, גאַרגאַנטואַ, זשאַן און פּאַנורג, האָט אָליוויער, לויט קריסטאָפס עצה, צוגעגעבן אַ נייע געשטאַלט זשאַן פּאַסיאַנס, אַ נאַיוון כיטרען פויער מיט ווייַנפּערלעך אויפן פּנים, אַ צופרידענעם מיט זיין גורל; ער איז געווען אַ שפּילצייג אין די הענט פון פרעמדע מענטשן, געלאָזט זיך שלאָגן, באַגזלענען און נישט פּראָטעסטירט; — ער האָט געזען זיין פרוי געפּייניקט, זיינע פעלדער חרוב געמאַכט און נישט פּראָטעסטירט; — ער האָט ווידער אומדערמידלעך אויפגעבויט זיין הויז און געאַקערט זיינע פעלדער, געמוזט גיין אין דער מלחמה, גענומען אויף זיך יעדע שווערע אַרבעט, געכאַפּט פעטש און נישט פּראָטעסטירט; — שטענדיק געוואַרט, געלאַכט פון די קלעפּ און געטראַכט אין האַרצן: „זייער מאַכט וועט דאָך אַמאָל פאַרשווינדן." ער האָט פאָרויסגעזען זייער מפּלה און געלאַכט פון זיינע באַפעלער מיט אַ פולן מויל. איינמאָל זענען גאַרגאַנטואַ און זשאַן דערטרונקען געוואָרן אין אַ טייך בעת די קרייצצוגן, פּאַסיאַנס האָט זיי האַרציק באַקלאָגט, געטרייסט זיך און

געראַטעוועט דעם דערטרונקענעם פּאַנורג טראַכטנדיק: „איך ווייס, אַז ער וועט מיר נאָך דערגיין די יאָרן, נאָר קיין נאַר בין איך נישט; איך קאָן אָבער אָן דיר נישט לעבן, דו ביסט מיר נויטיק, ווייל דו רופסט אַרויס אין מיר אַ געלעכטער".

צו דעם ליברעטאָ האָט קריסטאָף געשאַפן גרויסע סימפאָנישע בילדער מיט סאָלאָ און כאָר געזאַנג, קאָמישע העלדן-קאַמפן, פריי־לעכע סעודות, וויציקע קופּלעטן, מאַדריגאַלן, אַלאַ זשאַנגען, פול מיט שטאַרקער, קינדערשער פרייד, שטורם אויפן ים, דעם אינזל מיט קלינגענדיקע גלאָקן און לסוף אַ פּאַסטאָראַלע פול מיטן אָטעם פון די פעלדער, קלאָרע פרייד פון פייפלעך און אָבאָיען, מיט אַלטע פראַנצויזישע פאָלקסלידער. ביידע פריינט האָבן מיט באַגייסטערונג געאַרבעט, דער מאָגערער בלייכער אָליוויער האָט זיך ממש געבאָדן אין דעם קוואַל פון קריסטאָפס געזונטקייט. אין זייער בוידים-שטיבל האָבן איצט געבלאָזן שטאַרקע ווינטן; אַ שיכּרות, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט!... צו שאַפן צוזאַמען מיט זיין פריינט, די אומ־אָרמונג פון צוויי געליבטע איז נישט אַזוי זיס און ברענענדיק, ווי דער זיווג פון צוויי פריינטלעכע נשמות. לסוף האָבן זיי זיך אַזוי צוזאַמענגעשמאָלצן, אַז איין געדאַנק האָט טיילמאָל אַ בליץ געטון גלייכצייטיק ביי ביידן, אָדער קריסטאָף האָט אָנגעשריבן מוזיק פאַר סצענע און אָליוויער האָט דערנאָך צוגעגעבן ווערטער. קריסטאָף האָט אים מיטגעריסן מיט זיין שטאַרקן וויר. זיין גייסט האָט געפּאַכעט איבער דעם גייסט פון זיין פריינט און אים באַפרוכפּערט.

צום גליק פון שאַפן איז צוגעקומען דער תּענוג פון נצחון. העכט האָט סוף־כּל־סוף באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן „דוד", און די פּאַרטיטור, וואָס איז זיך גוט צעגאַנגען, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין אויסלאַנד. אַ גרויסער וואַגנערישער קאַפּעלמייסטער, העכטס אַ פריינט, וואָס האָט זיך איינגעאָרדנט אין ענגלאַנד, איז געווען נתפּעל פון דעם דאָזיקן ווערק. ער האָט עס געשפּילט אויף אַ סך קאָנצערטן מיט גרויס ערפאָלג, וואָס זיין אָפּקלאַנג איז צוזאַמען מיט זיין קאַפּעלמייסטערס התפּעלות, דערגאַנגען קיין דייטשלאַנד. מ'האָט דאָרט אויך גענומען שפּילן „דוד". דער קאַפּעל־מייסטער האָט זיך פאַרבונדן מיט קריסטאָפן, געפאָדערט פון אים פרישע ווערק, פאָרגע־לעגט אים זיין הילף און געפירט פאַר אים אַ באַגייסטערטע פּראָ־פּאַגאַנדע. אין דייטשלאַנד האָט מען ווידער אויסגעגראָבן „איפיגעניע",

וואָס מ׳האָט אַמאָל אויסגעפייפט. מ׳האָט געשריגן, אַז קריסטאָף איז אַ גאון. עטלעכע ראָמאַנטישע געשעענישן פון קריסטאָפס לעבן האָבן נאָך מער געצויגן דעם עולמס אויפמערקזאַמקייט. די „פראַנקפורטער צייטונג" האָט די ערשטע פאַרעפנטלעכט אַ טומלדיקן אַרטיקל, דער־נאָך זענען געקומען פרישע. דעמאָלט האָט מען זיך דערמאָנט אין פראַנקרייך, אַז עס וווינט דאָרט אַ גרויסער מוזיקער. איינער פון די פאַריזער קאַפּעלמייסטערס האָט באַשטעלט ביי אים די ראַבעלעישע העלדן־פּאָעמע, איידער זי איז נאָך געענדיקט געוואָרן, און גוזשאַר, וואָס האָט פאַרויסגעזאָגט די אַנטפּלעקונג פון אַ גרויסן מענטשן, האָט גענומען רעדן געהיימניספול וועגן אַ גאון צווישן זיינע חברים, וואָס ער האָט אַנטדעקט. ער האָט געריטט אין אַן אַרטיקל דעם פראַכט־פולן „דוד" און האָט פאַרגעסן בשעת מעשה, אַז ער אַליין האָט אים פאַריקן יאָר געשריבן אַ פּאָר בייזע שורות. קיינער אַרום אים האָט עס נישט געדענקט און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן זיך צו וווּנ־דערן. וויפיל מענטשן זענען דאָ אין פאַריז, וואָס האָבן אויסגעלאַכט וואַגנערן און פראַנקן בשעתם, און איצט רימט מען זיי ביזן הימל און מען באַנוצט זיך מיט זייערע נעמען, כדי צו באַפּלעקן די נייע קינסטלער, וועלכע זיי וועלן רימען מאָרגן!

קריסטאָף האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ ערפאָלג. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט וועןעס־איז זיגן, נאָר ס׳איז אים נישט איינגע־פאַלן, אַז אַזוי גיך. און ער האָט מורא געהאַט אַביסל פאַר דעם פרי־צייטיקן ערפאָלג. ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געבעטן, מען זאָל אים לאָזן צורו. ווען מען אַפּלאָדירט זיין „דוד" דעם פאָ־ריקן יאָר, בעת ער האָט אים געשריבן, וואָלט עס אים באמת גע־פרייט. אָבער איצט, בעת ער איז שוין אַרויף מיט עטלעכע מדרגות העכער, וואָלט ער געגרן געזאָגט די מענטשן וועגן זיין אַמאָליקער שאַפונג:

— לאָזט מיך צורו מיט דער דאָזיקער שטותעריי. זי דער־וועקט אין מיר אַן עקל פונקט ווי איר.

און ער האָט זיך איבערגעגעבן דער פרישער אַרבעט אַביסל אומצופרידן, וואָס מען האָט אים געשטערט. און דאָך האָט ער גע־פילט אַ פאַרבאָרגענע הנאה. די ערשטע שטראַלן פון רום זענען אָנ־גענעם און שטאַרקן דעם ווייטערדיקן נצחון, עס עפנט זיך אַ פענס־טער און די פרילינג־לופט רייסט זיך אַריין אין שטוב. אומזיסט

האָט קריסטאָף געפּילט אַ פֿאַראַכטונג צו זיינע אַמאָליקע ווערק, און דער עיקר צו „איפיגעניע” ס'איז געווען פֿאַר אים אַ מין סאַטיס־פֿאַקציע צו זען אָט דאָס באַליידיקטע ווערק, וואָס איז אַמאָל אויס־געשטאַנען אַזוי פיל בזיונות, גערימט פון די קריטיקער, און געפֿאָ־דערט פון די טעאַטערן, ווי מען האָט אים למשל מודיע געווען פון דרעזדען אין אַ בריוו די בשורה, אַז מען וועט מיט גרויס פֿאַרגעניגן שפּילן דעם נייעם סעזאָן זיינע ווערק.

דעם זעלבן טאָג, ווען קריסטאָף האָט דערהאַלטן די ידיעה, וואָס האָט פֿאַר אים, נאָך לאַנגע יאָרן מאַטערניש, געעפֿנט רויקע האָריזאָנטן און ס'האָט צו אים אַ שמייכל געטון דער נצחון, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון דייטשלאַנד.

דאָס איז געווען נאָכמיטאָג. ער האָט זיך דעמאָלט געוואַשן און פֿריילעך געשמועסט מיט אָליוויערן, וואָס איז געווען אין צווייטן צימער, ווען די וועכטערן האָט אַריינגעשטעקט אַ בריוו דורכן טיר דער מאַמעס כּתב... ער האָט טאַקע פּונקט געוואָלט איר שרייבן אַ בריוו. דערציילן איר וועגן זיין ערפֿאָלג. ער האָט געעפֿנט דעם בריוו, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון עטלעכע שורות. איר האַנט האָט מסתמא געציטערט בעתן שרייבן.

„מיין טייער ייִנגל, איך פיל זיך שלעכט. אויב ס'איז מעגלעך, ווייל איך דיך זען. איך קוש דיך

דיין מאַמע”

קריסטאָף האָט הויך אַ קרעכץ געטון. אָליוויער, וואָס האָט געאַרבעט אין צווייטן צימער, איז געקומען צולויפן אַ דערשראָקע־נער. קריסטאָף האָט נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט און האָט אים געוויזן דעם בריוו אויפן טיש. ער האָט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן און נישט געהערט, וואָס אָליוויער רעדט צו אים. אָליוויער איז דורכגעלאָפן דעם בריוו מיט די אויגן און געפּרוּווט אים באַ־רויקן. קריסטאָף איז צוגעלאָפן צום בעט, וווּ ס'איז געלעגן זיין ראָק, שנעל אָנגעטון זיך און איז אַרויס, נישט אָנטוענדיק זיך פריער דעם קאָלנער, ווייל די פינגער האָבן אים שטאַרק געציטערט. אָליוויער

האָט אים דעריאָגט אויף די טרעפּ, וואָס האָט ער געוואָלט טון? אָפּפּאָרן מיטן ערשטן צוג? אין אָוונט איז קיין צוג נישט געווען. שוין בעסער, ער זאָל צו וואַרטן אין שטוב, איידער אויפן וואָקזאַל. צי האָט ער כאָטש געגנוג געלט? זיי האָבן געגישטערט אין די קעשענעס און צוזאַמענגעקליבן זייער גאַנץ געלט, נאָר געפונען האָבן זיי נישט מער, ווי דרייסיק פראַנק. דאָס איז געווען אין חודש סעפּטעמבער. העלכט, אַרנאָ און אַלע זיינע פריינט זענען גראָד נישט געווען אין פּאַריז. נישט געווען צו ווענדן זיך צו ווענדן. קריסטאָף איז געווען צעררודערט און געזאָגט, אַז אַ טייל וועג וועט ער דורכמאַכן צו פוס. אָליוויער האָט אים געבעטן, ער זאָל צוואַרטן אַ שעה און אים צוגעזאָגט צו ברענגען די נויטיקע סומע. קריסטאָף האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז נישט געווען מסוגל צו טראַכטן. אָליוויער איז אַוועקגעלאָפן אין אַ לאָמבאַרד. ער איז געגאַנגען אַהין דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. ווען די זאַך איז נוגע אים אַליין, וואָלט ער בעסער געלעבט אין נויט איידער צו פאַרמשכנען זאַכן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די טייערסטע זכרונות. אָבער די זאַך איז נוגע געווען קריסטאָפן און מען האָט נישט געטאָרט פאַרלירן קיין צייט, ער האָט פאַרמשכנט זיין זייגער און באַקומען דערפאַר אַ סך, אַ סך אַ קלענערע סומע, ווי ער האָט זיך גערעכנט. ער האָט געמוזט גיין צוריק אַהיים נעמען עטלעכע ביכער און אַוועקגעטראָגן צו אַ בוכהענדלער. דאָס איז געווען פאַרדריסלעך, נאָר אין דעם מאָמענט האָט ער אויף דעם קיין אַכט נישט געלעגט, אַלע זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט קריסטאָפס צער. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן קריסטאָפן אויפן זעלבן אָרט, ביים טיש, אין אַ צושטאַנד פון שטאַרקער דערשלאָגנקייט. די סומע, וואָס אָליוויער האָט צונויפגעשלאָגן האָט צוזאַמען מיט די דרייסיק פראַנק געקלעקט אויף הוצאות. קריסטאָף איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן. ער האָט אפילו נישט געפרעגט, ווי אַזוי זיין פריינט האָט באַקומען דאָס געלט און צי האָט ער זיך איבערגעלאָזן פאַר זיך אויף הוצאות. אויך אָליוויער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט. ער האָט איבערגעגעבן קריסטאָפן דאָס גאַנצע געלט. ביז דער רייזע האָט ער זיך געמוזט פאַרנעמען מיט קריסטאָפן, ווי מיט אַ קליין קינד. ער האָט אים באַגלייט צום באַן און איז אַוועק ערשט דעמאָלט, ווען דער צוג האָט גערירט פון אָרט.

קריסטאָף איז געזעסן און געקוקט פאַר זיך מיט ברייט-צעעפנטע אויגן אין דער נאַכט אַריין און אָן אויפהער געטראַכט:

— צי וועל איך נאָך קומען צו דער צייט?

ער האָט געוווסט, אַז אויב די מאַמע האָט אים געבעטן ער זאָל קומען, מסתמא קאָן זי שוין נישט וואַרטן. ער האָט זיך געהויבן פון אָרט, פיבערדיק אַרומגעלאָפן איבערן קופּע, כדי צוצואיילן דעם צוג. ער האָט געהאַט צו זיך שווערע טענות, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזן לואיזען. און צוזאַמען דערמיט האָט ער געפילט, ווי זינלאָז עס זענען אָט די טענות: ער האָט דאָך קיין שום מעגלעכקייט נישט געהאַט צו ענדערן די לאַגע.

דערווייל האָט דער איינטאָניקער רעש פון די רעדער און דאָס ריטמישע שאָקלען זיך פון צוג באַרויקט זיין גייסט, ווי מוזיק-כוואַליעס, וואָס דערהויבן זיך און באַפרוכפערן די נשמה. ער האָט ווידער דערזען פאַר זיך זיין פאַרגאַנגנהייט, די פאַרנעפלטע חלומות פון זיין קינדהייט: ליבע-האָפענונגען, אַנטוישונג, צער און דעם שטראָמענדיקן פולן כוח, די שכרות פון ווייטיק, פון תענוג, פון שאַפן, — די פרייד אַרומצונעמען דאָס ליכטיקע לעבן אין זיינע פּראַכטפולע קלאַנגען, וואָס איז געווען פאַר אים דער גייסט פון זיין פאַרבאָרגענעם גאָט. אַלץ איז ליכטיק געוואָרן פון די ווייטע שטראַלן. דער שטורעם פון זיינע פאַרלאַנגען, זיינע צעטומלטע געדאַנקען, פאַרצווייפלטע קאַמפן האָבן איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי טייכן אין שטורעמס, וואָס ציען זיך מיטן גרויסן שטראָם פון לעבן צו זייער ציל, צו דער אייביקייט. ס'איז אים קלאָר געוואָרן דער טיפער זין פון זיינע נסיונות. יעדער נסיון איז געווען ווי אַ מחיצה, וואָס דער שטראָמענדיקער שטאָלצער טייך, דורכגייענדיק פון ענגע טאָלן צו ברייטע און פאַרפלייצנדיק זיי מיט וואַסער, האָט האַסטיק אַדורכגעבראָכן; און יעדעס מאָל איז דער האָריזאָנט געוואָרן ברייטער און די לופט פרייער. דער טייך האָט זיך קאַמפלוסטיק געשניטן אַ וועג, צווישן די פראַנצויזישע בערגלעך און דעם דייטשן פלאַכלאַנד. ער האָט פאַרפלייצט די לענדער, אָפגעוואַשן די בערג, צונויפגעקליבן און איינגעזאַפּט אין זיך אַלע וואַסערן פון ביידע לענדער. אַזוי האָט ער געשטראָמט צווישן זיי נישט כדי זיי צו שיידן נאָר כדי זיי צו פאַראייניקן. זיי האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין אים, און קריסטאָף האָט זיך צום ערשטן מאָל קלאָר געמאַכט זיין ראָל אין לעבן: צו

פירן די צוויי צעשיידטע פעלקער. צוזאַמענצובריענגען אַלע לעבנס־כּוחות פוןביידע ברעגן. — אַ מאָדנע רויקייט און ליכטיקייט האָבן זיך פלוצלינג דערהויבן אין זיין נשמה, דווקא אין דער דאָזיקער פינ־סטערער שעה... דערנאָך איז די זעונג פאַרשוואונדן און ס'האָט זיך באַוויזן דאָס אָנגעווייטיקט צאַרטע פּנים פון זיין מאַמען.

ס'איז געווען באַגינען, ווען ער איז אָנגעקומען אין דייטשן שטעטל. ער האָט זיך געמוזט היטן מען זאָל אים נישט דערקענען. ווייל מען האָט אים איצט אויך געקאָנט אַרעסטירן. אָבער אויפן וואָק־זאַל האָט קיינער אויף אים קיין אַכט נישט געלעגט. די שטאָט האָט געדרימלט, די שטובער זענען געווען פאַרמאַכט און די גאַסן וויסט. דאָס איז געווען די דעמערונג־שעה פון פרימאָרגן, בעת עס גייען־אויס די ליכטער פון דער נאַכט און דאָס טאָג־ליכט איז נאָך נישט אויפ־געגאַנגען, — די שעה ווען דער שלאָף איז צום געשמאַקסטן און די חלומות ווערן באַלויכטן מיט דער בלאַסקייט פון דעם מזרח. אַ דינסט האָט ערגעץ געפּפנט די לאָדנס פון אַ געוועלב און געזונגען אַן אַלט פאָלקס־ליד. קריסטאָף איז שיר נישט אויסגעגאַנגען. אָ, זיין פאָטערלאַנד! זיין געליבטע!... ער האָט געוואָלט קושן די ערד. ער האָט זיך צו־געהערט צום באַשיידענעם ליד, וואָס האָט אים צעווייקט דאָס האַרץ. און ער האָט געפילט ווי אומגליקלעך ער איז, וואָס ער איז אַזוי ווייט פון איר, און ווי שטאַרק ער האָט זי ליב... ער איז געגאַנגען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, דערזעענדיק דאָס הויז, האָט ער געמוזט בלייבן שטיין און פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט דער האַנט, כּדי נישט אויסצו־שרייען. אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד וועט ער איצט געפינען זיין פאַר־לאָזענע מאַמע? ער האָט אָפּגעאָטעמט און גענומען לויפן צו דער טיר. די טיר איז געווען אָפן. ער האָט זי אַ שטויס געטון. קיינער איז דאָרט נישט געווען. די אַלטע הילצערנע טרעפּ האָבן געקרעכצט אונטער זיינע טריט. ער איז אַרויף אויפן אויבערשטן שטאָק. די שטוב האָט אויסגעזען פּוסט. די טיר פון דער מאַמעס צימער איז געווען פאַרמאַכט.

קריסטאָף האָט אַרויפגעלעגט די האַנט אויף דער קליאַמקע. ס'האַרץ האָט אים געקלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן. ער האָט נישט געהאַט קיין כּוח צו עפענען...

לואיזע איז געווען אַליין. זי איז געלעגן אין בעט און גע־פילט, אַז עס קומט אָן איר סוף. פון אירע ביידע זין האָט זיך דער סוחר רודאָלף איינגעאָרדנט אין האַמבורג און דער צווייטער, ער־נעסט איז אַוועק קיין אַמעריקע, און קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס מיט אים איז געוואָרן.

קיינער האָט זיך מיט לואיזען נישט פאַרנומען, אויסער איין שכנטע, וואָס איז געקומען אַ פּאָר מאָל אין טאָג, געזאַמט זיך עט־לעכע מינוט און אַוועקגעגאַנגען; דערצו איז זי געווען זייער אומ־פּינקטלעך און טיילמאָל פאַרשפּעטיקט. ביי לואיזען איז עס אויסגע־קומען נאַטירלעך, וואָס מען פאַרגעסט אָן איר. פּונקט ווי זי האָט זיך נישט געהידושט, וואָס זי איז קראַנק. זי איז געווען געדולדיק, ווי אַ מלאך: זי איז געוווינט געווען צו ליידן. זי האָט געליטן אויפן האַרצן און אָפט מאָל געהאַט האַרץ־אַטאַקן. דעמאָלט פלעגט זי מיינען, אַז זי שטאַרבט. די אויגן האָבן זיך איר ברייט צעעפנט. די הענט האָבן זיך געקאָרטשעט אויף דער קאָלדרע און אַ שווייס האָט באַ־דעקט איר פנים. זי האָט זיך נישט באַקלאָגט, זי האָט געוווסט, אַז אַזוי דאַרף זיין און איז געווען צוגעגרייט. זי האָט אָנגענומען די סאַקראַמענטן. נאָר איין דאגה האָט זי געהאַט: טאָמער איז זי נישט ווערט אַריינצוקומען אין גן־עדן. דאָס איבעריקע האָט זי מיט הכנעה מקבל געווען.

אין אַ טונקלען ווינקל פון צימער אַרום איר קישן, אויף דער וואַנט, האָט זי זיך איינגעאָרדנט אַ מין קדשי־הקדשים פון אירע זכרונות. דאָרט האָט זי צונויפגעזאַמלט די בילדער פון אירע טייער־סטע מענטשן. די דריי קינדער, דעם מאַן, וועלכן זי האָט נאָך ליב געהאַט מיט דער יוגנטלעכער ליבע, דעם אַלטן זיידן און דעם ברו־דער גאָטפריד. איר צוגעבונדנקייט צו די אַלע, וואָס זענען צו איר כאָטש אַביסעלע גוט געווען, איז געווען אויסערגעוויינלעך רירנדיק. אויפן קישן, נאָענט צו איר פנים, איז געלעגן קריסטאָפס לעצטע פאָטאָגראַפיע. און אונטערן קישן,—זיינע לעצטע בריוו. זי האָט ליב געהאַט אָרדענונג און ריינקייט און נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס

אין איר צימער איז אַן אומאָרדענונג. זי האָט זיך צוגעהערט צו די קולות פון דרויסן און לויט זיי, אָריענטירט זיך אין די טיילן פון טאָג. שוין אַזוי לאַנג ווי זי הערט זיי! איר גאַנץ לעבן איז פאַרביי אין דעם דאָזיקן ענגן שטיבל... זי האָט געטראַכט וועגן איר טייערן קריי־סטאָפן. ווי שטאַרק זי האָט געבענקט אים צו זען די רגע און דאָך האָט זי שלום נעמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ער איז נישטאָ. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט זיך זען מיט אים אין הימל. ס'איז גענוג געווען צו פאַרמאַכן די אויגן, כדי אים צו זען. דעם גאַנצן טאָג האָט זי דרימלענדיק פאַרבראַכט אין איר פארגאנגענהייט.

זי האָט זיך דערזען אין דעם אַלטן הויז ביים רהיין־ברעג... אַ יום־טוב... אַ פראַכטפולער זומערטאָג... דאָס פענסטער איז אָפן... אויפן ווייסן וועג בלאַנקט די זון. מ'הערט די פויגל זינגען, מעלכיאָר און דער זיידע זיצן פאַרן טיר, זיי רויכערן, פלוידערן און לאַכן אויפן קול. לואיזע האָט זיי נישט געזען. נאָר זי האָט זיך געפרייט, וואָס איר מאַן איז אין שטוב, און וואָס דער זיידע איז גוט געשטימט. זי געפינט זיך אין דעם אונטערשטן צימער און גרייט צו דאָס מיטאָג, אויסגעצייכנטע מאַכלים און גיט אַכטונג אויף זיי ווי אויף אַן אוצר. זי מאַכט זיי היינט אַ סורפריז: אַ קאַשטאַנען־טאָרט. זי פרייט זיך שוין לכתחילה מיט די אנטציקטע אויסגעשרייען פון איר ייִנגעלע... דער קליינינקער,—ווו איז ער? דאָרטן, אויבן. זי הערט זיין שטים, ער לערנט זיך אויפן פאָרטעפּיאַן. זי פאַרשטייט נישט וואָס ער שפילט, נאָר פאר איר איז עס אַ גליק צו הערן די טענער, צו וויסן, אַז ער איז דאָ און אַז ער זיצט, ווי אַן אָרנטלעך קינד... ס'אַראַ שיינער טאָג... לוסטיקע גלעקלעך צעקלינגען זיך אויפן וועג ביים כאָמאָנט פון אַ פערד... אָ, גאָט מיינער! דאָס געבראָטנס! אפשר האָט זיך עס צוגעברענט, ווען זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. זי האָט געציטערט, טאָמער וועט דער זיידע נישט זיין צופרידן, דער זיידע, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און מורא געהאַט פאַר אים... אַ דאַנק גאָט, נישט געשען קיין בייז. אַלץ איז פאַרטיק, גרייט דער טיש. זי רופט אַריין מעלכיאָרן און דעם זיידן, זיי ענטפערן אָפּ באַגייסטערט. און דער קליינער? ער האָט אויפגעהערט שפילן. נאָר־וואָס איז דער פאָרטעפּיאַן שטיל געוואָרן און זי האָט עס גאָרנישט באַמערקט... — „קריסטאָף!"... וואָס טוט ער דאָרט? מען ענטפערט נישט. שטענדיק פאַרגעסט ער צו גיין עסן: דער טאַטע וועט זיך

היינט ווידער בייזערן אויף אים. זי גייט שנעל אַרויף אויף די טרעפּ... — „קריסטאָף!“ — ער שווייגט. זי עפנט אויף די טיר פון זיין אַרבעטס-צימער. קיינער איז נישטאָ: דאָס צימער איז ליידיק. דער פּאָרטעפּיאַן פאַרמאַכט. דאָס האַרץ ווערט איר אַנטפאַלן. וואָס איז מיט אים געשען? דאָס פענסטער איז אָפן. גאָט מיינער! אפשר איז ער אַרויסגעפאַלן? זי דערשרעקט זיך. זי בויגט זיך אַרויס אויף דרויסן און קוקט אַראָפּ... — „קריסטאָף!“... אין ערגעץ נישטאָ. זי לויפט איבער אַלע צימערן. פון אונטן רופט זי דער זיידע. „קום אַראָפּ, זאָרג נישט, ער וועט קומען“. זי וויל נישט אַראָפּגיין. זי ווייס, אַז ער איז דאָ. ער באַהאַלט זיך, כדי זי צו פייניקן. אוי ס'אַראַ שלעכט יינגל! יאָ, איצט איז זי זיכער, דער דיל האָט אַ סקריפּ געטון. ער געפינט זיך הינטער דער טיר. זי וויל עפענען די טיר, נאָר נישטאָ דער שליסל. געוואַלד דער שליסל! זי זוכט אים אין טיש-קעסטל צווישן אַנדערע שליסלען. דער, אפשר דער... ניין, ער איז נישטאָ. אוי, אָט איז ער! נאָר מען קאָן אים נישט אַריינשטעקן אין טיר. לויזען ציטערט די האַנט. זי יאָגט זיך. מען דאַרף זיך צואיילן. פאַרוואָס? דאָס ווייס זי נישט. זי ווייס נאָר, אַז מען דאַרף, אויב זי וועט זיך נישט צואיילן וועט זי נישט באַוויזן. זי הערט קריסטאָפס אָטעם הינטער דער טיר... אוי דער שליסל! נו, ענדלעך! די טיר עפנט זיך. אַ פריילעכער געשריי. אָט איז ער! ער פאַלט איר אויפן האַלז... אָ, שלעכט, טייער יינגל!.. זי האָט געעפנט די אויגן. אָט שטייט ער פאַר איר.

ער איז שוין אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען און זי אָנגעקוקט. זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געענדערט. איר פּנים איז געוואָרן מאָגערער און גלייכצייטיק געשוואָלן, אַ סימבאָל פון שטומען ווייטיק, וואָס האָט איר שמייכל געמאַכט, נאָך הכנעהדיקער. און די דאָזיקע שטילקייט, די איינזאַמקייט... ס'האָט אים געשטאָכן אין האַרץ...

זי האָט אים דערזען. זי איז נישט געוועזן פאַרחידושט. זי האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ שמייכל אָן אַ שום אויסדרוק. זי האָט אים נישט געקאָנט אויסשטרעקן די אָרעמס און אים זאָגן אַ וואָרט. ער איז איר געפאַלן אויפן האַרץ און זי געקושט. זי האָט אים אויך געקושט און גרויסע טרערן האָבן זיך איר געקייקלט אויף די באַקן. זי האָט אים שטיל געזאָגט:

— וואַרט..

ער האָט געזען, אַז עס פֿאַרפֿעלט איר אָטעם. זיי האָבן זיך ביידע קיין ריר נישט געטון. זי האָט אים געגלעט מיט די הענט דעם קאָפּ. און די טרערן זענען אָן אויפֿהער געפֿלאָסן. ער האָט איר געקושט די הענט. געכליפּעט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין דער קאָלדרע.

ווען דער אַטאַק איז אַריבער האָט זי געפּרוווט רעדן. נאָר זי האָט קיין ווערטער נישט געקאָנט געפֿינען. זי האָט געמאַכט טעותים און ס'איז זי שווער געווען צו פֿאַרשטיין. נאָר וואָס מאַכט עס אויס? זיי האָבן ביידע איינער דעם אַנדערן ליב געהאַט, איינער דעם אַנדערן געזען. איינער דעם אַנדערן אָנגערירט. דאָס איז דער עיקר. ער האָט געפֿרעגט אויפֿגעבראַכט, פֿאַרוואָס מען לאָזט זי אַליין? לואיזע האָט פֿאַרענטפֿערט די וועכטערן:

— זי קאָן דאָ שטענדיק נישט זיין; זי האָט איר אייגענע אַרבעט ...

מיט אַ שוואַכער אָפּגעהאַקטער שטים, נישט קאָנענדיק אַרויסרעדן קלאָר אַלע זילבן, האָט זי אים אָנגעזאָגט, ווי זי וויל קומען צו קבורה. זי האָט איבערגעגעבן קריסטאָפֿן איר גאַנצע ליבע, וואָס זי האָט געפֿילט צו אירע איבעריקע צוויי זין, וועלכע האָבן אָן איר פֿאַרגעסן. זי האָט אויך איבערגעגעבן אַ וואָרט פֿאַר אָליוויערן. ווייל זי האָט געוווּסט, אַז ער איז קריסטאָפֿס אַ פֿריינט. זי האָט געבעטן קריסטאָפֿן, ער זאָל אים איבערגעבן, אַז זי שיקט אים איר ברכה (באַלד האָט זי זיך פֿאַרשעמט, וואָס זי רעדט אַזוי אומבאַשיידן און האָט פֿאַריכטן) — „איר באַוווּנדערונג און ליבע"...

ס'האָט איר ווידער פֿאַרפֿעלט אָטעם. קריסטאָף האָט זי אונטערגעהאַלטן מיטן אָרעם. שווייס האָט זיך איר געגאָסן איבערן פּנים. זי האָט געפּרוווט אַ שמייכל טון. זי האָט זיך געטראַכט, אַז איצט פֿעלט איר שוין גאָרנישט.... איצט, בעת דער זון האַלט זי פֿאַר דער האַנט...

און קריסטאָף האָט פּלוצלינג דערפֿילט, אַז איר האַנט קאָרטשעט זיך איין אין זיינער. לואיזע האָט געעפֿנט דאָס מויל. זי האָט אַרומגענומען איר זון מיט אַ בליק פֿון אומענדלעכער ליבע...

און איז אויסגעגאַנגען

דעם זעלבן אָוונט איז געקומען אָליוויער. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז ער האָט געלאָזט קריסטאָפֿן אַליין אין אַזאַ טראַגישער לאַגע, וואָס ער אַליין איז שוין געפּרוווט געוואָרן דערמיט. ער האָט אויך מורא געהאַט פֿאַר דער סכּנה, וואָס דראָט זיין פֿריינט אין דייטשלאַנד. ער האָט געוואָלט דאָרטן זיין, כּדי אַכטונג צו געבן אויף אים. נאָר ער האָט קיין געלט נישט געהאַט. ווען ער איז געקומען צוריק פֿון וואָקזאַל נאָכן באַגלייטן קריסטאָפֿן, האָט ער באַשלאָסן צו פֿאַרקויפֿן אַ ביסל צירונג, וואָס איז אים געבליבן נאָך דער פֿאַמיליע. און אַזוי ווי דער לאָמבאַרד איז אין דער שעה געווען פֿאַרמאַכט און ער האָט געוואָלט פֿאָרן מיטן נאָענטסטן צוג, איז ער געגאַנגען זוכן אַ סוחר פֿון עדלשטיינער. נאָר אָט האָט ער מושן געטראָפֿן אויף די טרעפּ. ווען ער האָט דערציילט מושן די גאַנצע געשיכטע, איז יענער געווען זייער פֿאַרזאָרגט און אויסגעדריקט זיין פֿאַרדרוס, וואָס אָליוויער האָט זיך נישט געווענדעט צו אים. ער האָט בשום אופֿן נישט געלאָזט אָליוויערן גיין צום סוחר און געצוווּנגען צו נעמען ביי אים די נויטיקע סומע. ער האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט קילן, וואָס אָליוויער האָט פֿאַרמשכּנט זיין זייגער און פֿאַרקויפֿט זיינע ביכער צו דעקן קריסטאָפֿס רייזע, בעת ער וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן געגעבן אים אַ גמילות-חסד. ער איז געוואָרן אַזוי גערירט, אַז ער האָט געוואָלט מיטפֿאָרן מיט אָליוויערן. און מיט גרויס מי האָט אים אָליוויער אָפּגעהאַלטן דערפֿון.

אָליוויערס קומען האָט קריסטאָפֿן פֿאַרלייכטערט זיין ווייטיק. ער האָט דעם גאַנצן טאָג פֿאַרבראַכט אָן באַוווּסטזיין ביים בעט פֿון דער טויטער. די וועכטערין איז געקומען, אַרומגעדרייט זיך אַ ביסל און איז אַוועק, כּדי מער נישט צו קומען. די שעהן זענען פֿאַרביי אין אַ שרעקלעכער שטילקייט. קריסטאָף איז געזעסן אומבאַוועגלעך ביי דער טויטער. ער האָט פֿון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ער האָט גאָרנישט געטראַכט, — ער האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ מת. דער וווּנדער פֿון פֿריינטשאַפֿט, וואָס אָליוויער האָט באַוויזן, האָט אים דערוועקט צום לעבן און צו טרערן.

„Getrost! es ist der Schmerzen wert, dies Leben,
So lang...
...mit uns ein treues Auge weint"

(„זיי געטרייסט! כּל זמן אַ טריי אויג ווײנט מיט מיט אונז איז דאָס לעבן ווערט די יסורים”.)

זיי זענען געזעסן אַרומגענומען אַ לאַנגע צייט, דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט נעבן לואיזען און גערעדט אין דער שטיל. ס'איז געוואָרן נאַכט. קריסטאָף האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין בעט און דערציילט זכרונות פון די קינדער-יאָרן, ווו ס'איז כּסדר אויפגעשווומען דאָס בילד פון דער מאַמען. ער האָט עטלעכע מינוט געשוויגן און שפּעטער ווייטער גערעדט. ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן, אויסגעמאַטערט, מיטן פּנים אין די הענט. און ווען אָליוויער איז צו אים צוגעגאַנגען האָט ער געזען, אַז ער שלאָפט. ער האָט איצט אַליין געוואַכט. ער איז אויך געוואָרן שלעפעריק. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן אָנלען פון בעט און איז איינגעשלאָפן. לואיזע האָט מילד געשמייכלט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז גליקלעך אַכטונג צו געבן אויףביידע קינדער.

אינדערפרי האָט זיי אויפגעוועקט אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. קריסטאָף איז געגאַנגען עפענען. דאָס איז געווען זיין שכן, אַ סטאָליאַר, ער איז געקומען זאָגן קריסטאָפן, אַז מען האָט אים שוין געמסרט, אַז ער זאָל זיך תּיכּף אָפּטראָגן אויב ער וויל נישט גיין אין תּפיסה. קריסטאָף האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין מאַמען פאַר דער לויה. אָליוויער האָט אים געבעטן, ער זאָל תּיכּף אַוועקפאָרן און אים צוגעזאָגט טריי צו פאַרטרעטן. ער האָט אים פּשוט אַרויסגעשטויסן פון שטוב און כּדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט נישט קיין חרטה האָבן, האָט ער אים אַליין באַגלייט צום וואָקזאַל. קריסטאָף האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט פאָרן, אייִדער ער זעט לפּחות דעם גרויסן טייך, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדעריאָרן און וואָס זיין מעכטיקע מוזיק האָט אים נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערן. נישט געקוקט אויף דער סכּנה צו ווייזן זיך אין שטאָט, האָט מען אים געמוזט נאָכגעבן. זיי זענען געגאַנגען לענגאויס דעם רהיין, וואָס האָט שנעל געשטראָמט צווישן די נידעריקע ברעגעס, כּדי ערגעץ אויסצוגיין אין די צפונדיקע זאַמדן. אַ ריזיקער אייזערנער בריק, האָט אין נעפּל אויסגעצויגן זיינע בויגנס איבערן גרויען וואַסער, ווי האַלבע רעדער. אין דער ווייטן זענען אין נעפּל אויסגעגאַנגען די דאַמפּערס. קריסטאָף איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַט דעם חלום. אָליוויער האָט אים אויפגעוועקט, אָנגענומען אים פאַרן

האַנט און אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל. קריסטאָף האָט זיך נישט געווערט. ער איז געווען ווי אַ לונאַטיקער. אָליוויער האָט אים אַריינגעזעצט אין צוג און ביידע האָבן באַשלאָסן צו טרעפן זיך צומאָרגנס אויף דער ערשטער פראַנצויזישער סטאַציע, כדי קריסטאָף זאָל נישט מוזן אַליין פאָרן אין פּאַריז.

דער צוג האָט גערירט פון אָרט און אָליוויער איז געגאַנגען אַהיים. דאָרט האָט ער געטראָפן צוויי זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן געוואַרט אויף קריסטאָפן. אָנשטאָט אים, האָבן זיי אַרעסטירט אָליוויערן. ער האָט זיך נישט געאײַלט אויפצוקלערן דעם טעות, וואָס האָט פאַרדעקט קריסטאָפס אַנטלויפן. די פּאָליציי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אַנטוישונג, ווען דער טעות האָט זיך אויפגעקלערט, און האָט נאָכגעיאָגט דעם אַנטלאָפענעם אָן איבעריקער התלהבות. אָליוויערן האָט זיך געדאַכט, אַז אייגנטלעך אַרט גאָרנישט די פּאָליציי, וואָס קריסטאָף איז אַוועק.

אָליוויער איז געבליבן ביזן צווייטן פרימאָרגן, ביז נאָך דער לויה. קריסטאָפס ברודער, דער סוחר רודאָלף, איז געקומען צופאָרן אויף אַ ווײַלע. ער איז זייער קאָרעקט נאָכגעגאַנגען נאָכן אָרון, און איז תיכף אַוועקגעפאָרן. ער האָט מיט אָליוויערן קיין וואָרט נישט גערעדט, נישט נאָכגעפרעגט אויף זיין ברודער, און נישט געדאַנקט אים פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געטון פאַר זיין מוטערס וועגן. אָליוויער האָט נאָך פאַרבראַכט עטלעכע שעה אין דעם שטעטל, ווו ער האָט קיינעם נישט געקענט, ווו ס'האָבן זיך אָבער געשלייכט זיינע געליבטע שאָטנס: דער קליינער קריסטאָף, זיינע יוגנט-פריינט, די וואָס האָבן אים אָנגעטון אַזוי פיל יסורים, — און זיין טייערע אַנטואַנעט... וואָס איז פאַרבליבן נאָך די אַלע מענטשן, וואָס האָבן דאָ געלעבט? וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער אויסגעשטאָרבענער משפחה קראַפט? די ליבע, וואָס איז פאַרבליבן אין האַרצן פון אַן אויסלענדער.

נאָך מיטאָג האָט אָליוויער באַגעגנט קריסטאָפן אויף דער גרענעץ-סטאַציע, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן. אַ דאָרף

צווישן באַוועלדערטע בערגלעך. אַנשטאָט צו וואַרטן אויף דעם נאָענטן צוג קיין פּאַריז, האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין צו פוס ביז דער נאָענטער שטאָט. זיי האָבן זיך געגוויטיקט איצט אין איינזאַמקייט. זיי זענען געגאַנגען דורך די שטילע וועלדער, ווו מען האָט פון ווייטן געהערט דאָס קלאַפּן פון העק. זיי זענען דערגאַנגען ביז אַ פליין אויף אַ שפּיץ פון אַ בערגל. אונטן, אין אַן ענגן טאָל, וואָס איז נאָך געלעגן אויף דער ברייטער טעריטאָריע, האָט מען געזען אַ רויטן דאַך פון אַ וועכטער-שטיבל אין מיטן אַ קליינער לאָנקע, ווי אַ גרינע אָזערע צווישן די וועלדער. אַרום זיי — אַן אָקעאַן פון שאַפּיר-טונקעלע וועלדער, איינגעהילט אין נעפּל. דער נעפּל האָט זיך איינגעגעסן אין די צווייגן פון די יאָדלעס. אַ דורכזיכטיקער שלייער האָט פאַרדעקט די קאָנטורן, אויסגעלאָשן די פאַרבן. אַלץ איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, נישט קיין עכאָ פון אַ טריט. נישט קיין אָפּקלאַנג פון אַ קול. עטלעכע טראָפּנס רעגן זענען צייטנווייז אַראָפּגעפאַלן אויף דער קופּערנער קאָרע פון די סאָסנעס, וואָס איז רויט געוואָרן אינם האַרבסט. צווישן די שטיינער האָט געריזלט אַ קליין וואַסערל. קריסטאָף און אָליוויער זענען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך. יעדערער פון זיי האָט געטראַכט פון זיינע טויטע

אָליוויער האָט געטראַכט:

— אַנטואַנעט, ווו ביסטו?

און קריסטאָף:

— וואָס טויג מיר מיין ערפאָלג איצט, ווען זי איז נישטאָ?

נאָר יעדער איינער האָט געהערט די טרייסטנדיקע שטים פון זיינע טויטע:

— ליבסטער! באַוויין אונז נישט, טראַכט נישט וועגן אונז, טראַכט וועגן אים...

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און יעדערער האָט דערפילט דעם חברס צער. זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. אַ לויטערער אומעט האָט זיי ביידן אַרומגענומען. שטיל, אָן דעם מינדסטן ווינטל, איז זיך דער נעפּל צעגאַנגען, דער הימל האָט זיך ווידער צעבליט. די ערד האָט נאָכן רעגן אָפּגעדעקט איר פּנים. אין אַזאַ מינוט איז זי דאָך אונז אַזוי נאָענט, אַזוי טייער... זי נעמט דיך אין די אָרעמס, אין איר שויס מיט אַ וואַרעמען שמייכל און זי פליסטערט:

— באַרויק זיך, אַלץ איז ווידער גוט...

קריסטאָפן האָט זיך ווידער געעפנט דאָס האַרץ. ער איז געוואָרן ווי אַ קליין קינד. זינט צוויי טעג האָט ער אינגאַנצן געלעבט מיט זכרונות וועגן זיין טייערער מאַמען. ער האָט איבערגעלעבט איר באַשיידן לעבן. אירע איינטאָניקע, איינזאַמע טעג, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין דער שטילער שטוב, אָן קינדער, מיטן געדאַנק וועגן די זין, וואָס האָבן זי פאַרלאָזן, אָן אַלטע, שוואַכע, מוטיקע פרוי, מיט איר רויקן גלויבן, גוטסקייט שמייכלענדיקער הכנעה, מסירות נפש נאָר פאַר אַנדערע... און קריסטאָף האָט זיך דערמאָנט אָן אַלע באַשיידענע מענטשן, וואָס ער האָט געקענט. ווי נאָענט ער האָט זיך אין דעם מאָמענט צו זיי געפילט! אין די יאָרן פון קאַמף, וואָס נעמען צו די כוחות, אין דעם פיבערדיקן פאַריז, ווו געדאַנקען און מענטשן ראַנגלען זיך פאַרביסן. אין יענער טראַגישער צייט, ווען ס'האָט געבלאָזן דער ווינט פון רציחה און ווילדקייט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך געהאַלטן ביים צעבונטעווען, געפּענטעט פון שגעון, — האָט קריסטאָפן באַהערשט אַ מידקייט צוצוזען די פיבערדיק-אומפּרוכטבאַרע וועלט מיט אירע עגאָיסטישע מלחמות און אַריסטאָקראַטישע אידעען, מיט די כבוד-מאַניאַקן, דענקער און קינסטלער, וואָס האַלטן זיך אַליין פאַרן שכל פון דער וועלט און זענען באמת נאָר איר וויסטער חלום. זיין גאַנצע ליבע האָט זיך געווענדעט צו די מיליאָנען פשוטע נשמות פון יעדער ראַסע, וואָס ברענען אין דער שטיל מיטן ריינעם פלאַם פון גוטסקייט, גלויבן און מסירת נפש — צו די וואָס זענען דאָס האַרץ פון דער וועלט.

— יאָ, איך דערקען אייך ווידער, איך געפין אייך ווידער. איר זענט בלוט פון מיין בלוט, איר זענט מיינע. ווי אַ שלעכטער זון האָב איך אייך פאַרלאָזן און נאָכגעלאָפן נאָך די שאָטנס, וואָס שלייכן זיך איבער די וועגן, איצט קער איך זיך אום צו אייך. נעמט מיך אויף. איר זענט אַלע איין נשמה, די לעבעדיקע, ווי די טויטע, און ווו איך בין זענט איר מיט מיר. איצט טראָג איך דיך אין זיך מאַמע, פונקט ווי דו האָסט מיך געטראָגן. אַלע — גאָטפריד, שולץ, סאַבינע, אַנטואַנעט — אַלע זענט איר אין מיר! איר זענט מיין רייכטום און פרייד. מיר וועלן גיין צוזאַמען. איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, איך וועל זיין אייער אָפּקלאַנג, מיט פאַראייניקטע כוחות וועלן מיר דערגרייכן אונזער ציל.

אַ זונשטראַל האָט זיך דורכֿגעגליטשט דורך די פייכטע צווייגן פֿון די בוימער, וואָס פֿון זיי האָבֿן פּאַמעלעך געטרונען טראָפּנס וואַסער. פֿון דער קלײנער לאָנקע אונטן זענען דערגאַנגען קינדערישע שטימען — אַן אַלט, האַרציק און רירנדיק דייטש לידל, וואָס דריי מיידעלעך האָבֿן געזונגען, טאַנצנדיק אין אַ רינג אַרום הויז; און פֿון ווייטן האָט דער ים ווינט געבֿרענגט צו טראָגן, ווי אַ ריח פֿון רויזן, די טענער פֿון די גלעקלעך אין פֿראַנקרייך.

— אוי, רו, געטלעכֿע האַרמאָניע, לויטערע מוזיק פֿון אַ באַפרייטער נשמה, ווו עס שמעלצט זיך צונויף ווייטיק מיט פֿרייד, טויט מיט לעבֿן, פֿײנטלעכֿע און ברידערלעכֿע ראַסן... איך ליב דיך, איך באַגער דיך, וועסט זיין מיינע!

די נאַכֿט האָט מיט איר מאַנטל באַדעקט די ערד. קריסטאָף האָט זיך אויפֿגעכֿאַפּט פֿון זיין חלום און דערזען נעבן זיך דאָס טרייע פּנים פֿון זיין פֿריינט. ער האָט אַ שמייכל געטון צו אָליוויערן און אים געקושט. דערנאָך זענען זיי ווייטער געגאַנגען שווייגנדיק צווישן די בוימער פֿון וואַלד, און קריסטאָף האָט געמאַכֿט פֿאַר אָליוויערן אַ וועג.

Taciti, soli e senza compagnia,
n'andavan l'un dinnanzi, e l'altro dopo
come i frati minor vanno per via...